STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04093

# UNTER DER ZUN

Moishe Nadir

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה נאַדיר * אונטער דער זון

דאָס בוך דערשיינט מיט דער הילף פון
פריינד ווילי שאָר (לאָס אַנדזשעלעס)
אין אָנדענק פון זיין פרוי ליזאַ
די פאַרערערין פון דער יידישער ליטעראַטור

משה נאדיר

# אונטער דער זון

פארלאג י.ל. פרץ
ישראל
1966

**MOISHE NADIR**
**Unter der Zun**

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

משה נאַדיר / אונטער דער זון
י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, אלנבי 31

©
נדפס בישראל תשכ״ו
Printed in Israel 1966

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב

משה נאדיר

# נאַדירס לירישער גראָטעסק

עטלעכע און צוואַנציק יאָר נאָך משה נאַדירס טויט דער־שיינט אין י. ל. פרץ־פאַרלאַג אין תל־אביב אָט־דער־אָ באַנד פון זיינע געקליבענע שריפטן.

דאָס יידישע וואָרט צעשמייכלט זיך ווידעראַמאָל מיט דער הנאה פון נאַדירס לירישן גראָטעסק, מיט דער פאַנטאַסטישער עלעגאַנץ פון זיין וואָרט־שפיל. אין זיין מאַגישן חדר־לאַמטערן ציטערן ווידעראַמאָל אויף די שאָטנס פון נאַראַיעוו, די לאַך־געשטאַלט פון זיין אַמעריקאַניש־יידישן מאַסקאַראַד.

משה נאַדיר (פען־נאָמען פאַר יצחק רייז) איז געבוירן געוואָרן דעם 23סטן מערץ 1885, אין נאַראַיעוו, מזרח־גאַליציע, און איז געשטאָרבן אין וואודסטאָק, ניו־יאָרק, דעם 8טן יוני 1943.

משה נאַדיר איז געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון 14 יאָר (נאָך אַ יינגל כמעט). אָבער אין זיין זכרון האָט ער מיטגע־נומען און איינגעהיט דעם שענסטן אוצר וואָס אַ יידישער שריי־בער האָט געקענט מיטנעמען און איינהיטן — די יידישע שפּראַך.

די יידישע שפּראַך איז געוואָרן זיין סטראַדיוואַריוס. אויף אָט־דעם וואונדערלעכן אינסטרומענט האָט ער אויסגעשפּילט אַלע זיינע פריילעכע און עלעגישע מאָטיוון; אַפילו דעם פּאָלעמישן קידער־ווידער מיט זיין דור און זיינע רעפּרעזענטאַנטן. ער האָט אָבער טראַגיש פאַרשפּילט זיינע אילוזיעס און איז געשטאָרבן פון אַ צעבראָכן האַרץ.

פאַר איין זאַך האָט ער זיך געשראָקן און זי אויסגעמיטן אַ לעבן־לאַנג: דאָס באַגעגענען נאָך אַ מאָל דאָס שטעטל פון זיינע קינדער־יאָרן אויף דער וואָר — נאַראַיעוו. די אילוזיע האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט אָנווערן. און די אילוזיע האָט ער טאַקע אָנגעהאַלטן ביז צום סוף פון זיין לעבן.

דאָס מזרח־גאַליציִשע יידישע שטעטל מיטן מוזיקאַלישן נאָמען נ אַ ר אַ י ע ו ו בלישטשעט אין זיין ווערק ווי אַ נישט פאַרלוירענער גן־עדן; אַ נאָענט־ווייטער שטערן. די שיינע אילוזיע פון זיינע און אונדזערע אַלעמענס קינדער־יאָרן.

אידיליע און גראָטעסק — צוויי פּאָליוסן אין נאַדירס ווערק. זיי באַגעגענען זיך אָפט אין נאַדירס ווערק, אָבער דערלאַנגען זיך קיין מאָל נישט די הענט. זיי זאָגן זיך קיין מאָל נישט איינער דעם אַנדערן „שלום עליכם”.

פאַראַן אַ מחיצה צווישן זיי. ער שפּרינגט זי קיין מאָל נישט אַריבער. ער גרופּירט זיי נאָר איינס נעבן אַנדערן, עלעהיי אַ מעשה וועגן צוויי וועלטן, צוויי זשאַנערן, צוויי סטילן. אָבער ביידע אין איינעם זענען די וועלט פון משה נאַדיר.

דאָס בוך ווערט אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון ווילי שאָר. ער טוט עס מיט ליבשאַפט צו דער יידישער ליטעראַטור און צום אָנדענק פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי ליזאַ, ע״ה.

איציק מאַנגער

# אונטער דער זון

# אַ פּאָר ערשטע טענער אויף אויסצופּרוּוון די סטרונעס

„For none of us liveth to himself
And no man dieth to himself".

ווי דורך אַן אָפּן זומער־טירל וועלן מענטשן קומען און גיין אָן אַ פּאַרוואָס, וועלן זיך געשעענישן צינדן און לעשן ווי מיר וועט געפעלן. ווי אַזוי וועל איך דערציילן? איך וועל דערציילן וואָס ס׳וועט זיך לאָזן, אַ מאָל דאָס פריערדיקע שפּעטער, אַ מאָל דאָס שפּעטערדיקע פריער, אָפּט צונויפמישן און פאַרקרומלעכן. וואָס מאַכט עס דען אויס? די וואָגשאָל איז סיי ווי סיי פון די קייטלעך אַראָפּ, נאָר דאָס ציגל צאַפּלט זיך, מיינט, אַז עס וועגט עפּעס אָפּ.

לערנט זיך אויס זאָגן צו זיך אַליין: דאָס נעכטיקע ט־עפּט ערשט מאָרגן. דאָס מאָרגנדיקע האָט שוין געטראָפן. נישטאָ קיין פּלאַן אין דער אָוועקגערונענקייט פונעם וואַסער — אַ חוץ די שיינקייט פון וואַסערשוים. די שווים־ליניע פון אַ געל קאַטשקעלע, דער קרישטאָלענער פונאַנדערנעם, דאָרט, ווו אַ שטרויכלונג ברעכט ס׳וואַסער, דער פלוס־געזאַנג, דער טייך־טומאַן...

*

ווו זיץ איך? ווו שרייב איך?

אונטער אַ בוים זיץ איך. אונטער אַ בוים שרייב איך.

די בליונג איז נאָך נאַרישוואַטע־רויט, ווי דאָס ברוין און בלוי פון אַ מיידל־קינדס ברוסט־ניפּל.

פאַרבלימלט איז מיין פעלד מיט געלס — מיט ווייס, מיט „טייפל־פינזלעך" געשמאַקע.

און אָט דאָס זאָל די מאָס זיין פּאָר פאַרבן — פּאָר זייער ווערט אויף לייוונט, אויף פּאַפּיר, אויף האָלץ, אויף שטיין. נישט מיטן אויג זאָלט איר שאַצן די ווערט פון אַ בילד און פאַרבן — נאָר מיטן גומען.

אויב די פאַרבן זענען אַזוי צונויפגעפּאַרט, אַז איר וואָלט זיי געקענט עסן, אויב זיי וואָלטן געווען שפּייז, — איז אַ סימן, אַז דאָס בילד איז גרויס פאַרווערקט. אלא נישט — קויפט עס נישט!

און דעסגלייכן מיט פרויען. אויב די פרוי אויפן בילד איז אַזאַ, וואָס איר וואָלט געוואָלט מיט איר שלאָפן, — איז עס אַ גוט בילד. ווייל מער ווי אין לעבן איז אין דער קונסט די פרוי בלויז די אויפוועקערין — צום פּראָדוצירן, די פאַרשלעפּערין פון דער מידער ניכטערקייט וואָס פוילט זיך צו טאָן דאָס געמוזטע.

פאַרקנעכטיק אונדז, אָ, דו לעבן! מיט דיין אָטעם און אונדזערן, מיט דעם ביסל פרישן ווינט אין די לונגען, ס׳ברעקל זון־שטויב אין אויג — ־ודערט די פרייד אין אונדז און די זאָרג ווישט די ליפּן אָפּ, און שטעלט אויס די הענט צו דיכענען איבער דער גרויסער ליידיקייט.

אַט האָט זיך אַ לעש געטאָן די זון. אַ גרויסקייט האָט אַ שלאָג געטאָן מיט די שפּיץ פליגל, און שוין האָט דער עלעגאַנטער עלנט מיר אָנגעבאָטן זיין אָרעם צום שפּאַציר.

די גראָז־פעלדער זענען אָן לעבן. ווי אַ טויטער לאָמפּ, אַזוי איבעריק. און ווי איבער די טעלעגראַף־סטרונעס אַ שלעכטע בשורה, אַזוי קומט עפּעס אָן — נאָענט צו מיין טישל אונטערן עפּלבוים, וווּ איך זיץ און שרייב.

די ערד — די שווערע.

אומענדלעך גרויס און שטאַרק, ליגט זי אַ געבונדענע און האַלט חשבון: זומער, האַרבסט, ווינטער, פרילינג.

דאָ דאַרף מען ארויפשטופּן אַן עפּעלע — אַקוראַט דעם 9־טן אויגוסט. אין אונגאַרן פעלט אַ פלוים — דאָרטן און דאָרטן. דאַרף מען זיך איילן. אין גאַליציע — דאַרף מען אין יענעם און יענעם דאָרף, לעבן אַ גלחס־גערטנדל, אַקוראַט לעבן פּלויט, אַרויפשטופּן אַזויפיל און אַזויפיל רויטע מאָרעלן, זאַפטיקע אַגרעסן...

שטעקן מענטשן אַריין אין דר׳ערד עפּל־ביימלעך — מיינען אַז דאָס האָט עפּעס צו טאָן מיט עפּל! אָבער דער אמת איז דאָך, אַז דער עפּלבוים איז בלויז אַ סימן פאַר דער גוטער מאַמעשי־ערד, אַז דאָרטן

און דאָרטן ווילן מענטשן, אַז זי זאָל אַרויפשטופן עפּל! און זי טוט זיי צוליב, די קינדער די ערדענע, די ווייסע, געבלאָסטע ליאַלקעס פון ערד, וואָס רעדן און טוען און זינגען און שפּילן און גייען און זיצן און קענען אַפילו וויינען, אַז מען גיט זיי נאָר אַ צייכן ווען.

*

איר מעגט מיר גלייבן: דאָס, וואָס איך האָב גרויע האָר אויפן קאָפּ, אַרט מיך נישט. אָבער די גרויע האָר אויף מיינע פּיס? ווי פּריקרע! ווען די עלטער — אַפילו דער טויט — קומט־אָן אויפן קאָפּ, ווי אַ קרוין, בייגט מען זיך אָן און מ׳זאָגט מיט אַ געלעכטערל: „ס׳איז גוט" און „אַ דאַנק דאָרטן ווערמען עס איז!", אָבער ווען דער טויט קומט אָן אויף אַזוינע ערטער, — נו, לאָמיר נישט רעדן דערפון!

ס׳איז נאָך דער זעלבער טאָג. די זון בליט שוין ווידער גרין, כ׳לעבן, פון אונדזערע פעלדער אַרויף. אַפילו די פליגן טראָגן זון אויף די פּיסלעך. ס׳ליגט אַ גרויס, גרין שטיק סאַמעט און ס׳ברענט כלומרשט, אָבער ס׳איז קיל — נאָר צום שטערן צוצולייגן.

הינטער דער שטאָל פון הויז ברענט מיסט — דער רויך איז נישט גוט, וואָרגט אין דער נאָז, אָבער דאָס פייער וואָס גייט פון דאָרטן — איז ווי אַלע פייערס: וווּנדערלעך!

נישטאָ קיין ריין און אומריין פייער. אין פייער ווערט יעדער מעטאַל ווייך, נאָכגעבנדיק: מאַך פון מיר וואָס דו ווילסט! מנורהלעך, פערד־ציימלעך, הענט־קייטעלעך, שרויפן צו תליות. אָבער אין דער אויסגע־לאָשנקייט ווערט אַלצדינג ווידער האַרט, שווער, פאַרעקשנט.

ווען די פייערן פון ליבשאַפט שלאָגן הויך — וואָס איז דען דערנסמאָל אומריין? און אַפילו אַז מיסט ברענט — איז דאָס פייער פונקט אַזוי שיין ווי דאָס פייער פון קאָרנשטרוי, אָדער פון צעדער־צווייגן!

## איך ווער סענטימענטאַל

מיין שטעטל איז מיר, ווי אַ געטריי הינטל, נאָכגעלאָפן ביז אַהער־אָ.

נאָך אַ מאָל: ווי מיין ווייס הינטל, וואָס איז תמיד פאַרשמירט און פאַרבלאָטיקט, נאָר די בורשטינענע אויגן האָווקען דאָפּון אַרויס מיט געטריישאַפט, אַזוי איז אויך מיין שטעטל דאָס וויסטע, אין גאַליציע דעם וויסטן, אין מיין יוגנט דער וויסטער.

וויינען? ווער וועט וויינען, ווער? אַפילו מיט טרוקענע אויגן נישט! מיר זענען שוין אַלע גרויסשטעטישע. שניפּסן האָבן מיר זיידענע, אַ שפּראַך האָבן מיר ווי אַ סטענגע, און געגלאַנצט און פּאַטעטיש איז זי ווי אַ שטיוול, וואָס שטייט לעבן דער טיר אָן אַ פוס.

און וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז ביי מיר איז נעכטן געווען אַ קליינע שוועגערין, איז זי בלויז 1 מינוט אַלט געווען. בלויז 1 מינוט!

ווי מאָדנע — ווי נישט צום גלויבן: אַ מענטש, און בלויז 1 מינוט אַלט!

און איך בין שוין גרוי, נישט נאָר אויפן קאָפּ...

*

צום ערשטן האָב איך דערוואַכט צום אויסגעצויגענעם כמעט הענערדיקן „עם־קודש, שטייט אויף, איר הייליקע ידעלעך, און גייט לעבודת הבורא" — וואָס אַ שמש האָט אין איינעם מיטן חשוון־ווינט אַריינגעוווינט אין דער נאַכט אַריין. געקומען איז דער רוף, ווי דורכן קוימען. איך מאַך אויף די יונגע אויגן. פראָסט־פאַרקעסטלטע פענצטער שטייען נישט דאָרטן וווּ זיי דאַרפן שטיין. עמעצער האָט איבערגעשטעלט די ווענט — פון דאָרטן אַהער, אָדער מיין בעט, אָדער אַפילו מיך איבערגעטראָגן אַ שלאָפנדיקן. „עם־קודש!" — דאָס מיינט מען מ י ך,

ווייל איך דאַוון שוין צעביסלעך, און שטילערהייט, אַז קיינער זאָל נישט זען, לייג איך שוין אַפילו תפילין.

פרעגט זשע מיך, ווי אַזוי קען איך לייגן תפילין, אַז איך בין בלויז אַכט יאָר אַלט?

איך קען! איך האָב אַ שקאַלע־זעקל, אין וועלכן איך טראָג מיינע ביכער אין שול אַריין. נעם איך — אַז קיינער זעט נישט — פון דאָרטן אַרויס ס׳פּוילישע ווערטער־ביכל, וואָס איז די גרעב, להבדיל, פון אַ של־יד, און לייג עס צו צום פּאַרקאַטשעטן אָרעם — דעם דינעם, וואָס וועט, מיט גאָטס הילף, אַ מאָל לייגן אמתע תפילין. און מיטן רימענדל פון שול־טאַש וויקל איך אַרום דעם אָרעם, אַזוי ווי מיט רצועות, האַלט עס אַזוי אַ פּאָר מינוט — זיך אָנצוזעטיקן מיטן טעם פון יידישקייט, און דערנאָכדעם, אַז איך וויקל צוריק אָפּ דאָס רימענדל, איז מיין דינער אָרעם ווי אַ שטעקן, וואָס מ׳האָט פון אים אָפּגעשיילט אַ פּאַס און איבערגעלאָזט אַ רויטלעכע קאָרע...

דאָס יידישקייט גייט אויף אין מיר, ווי אַ טייך אין אָנהייב פרילינג, ווען ס׳אייז ברעכט. עפּעס רוישט און ברעכט אין מיר, זינגט אין מיר, זאָגט אָן, שרעקט.

ס׳איז פרילינג. דערוואַכונג־צייט!

די נעכט זענען קאַלט און הייס. די איבערבעטן זענען גוט און ווייך צו מיר, ווי די ווינטיכע, וואָס קריכט צו מיין בעט. שפּעטער, שפּעטער, ווען ס׳קומען קליינע חלומותלעך אין שטילע שיכלעך, און ראַמען מיר עפּעס איין אין אויער — דעמאָלט ווערן די נעכט, ווי וווּנדער — וואָס זענען גרעסער ווי די ווונדער פון ששת ימי בראשית, און זיי צעגייען זיך אין מיין בלוט, מיט צוקערדיקע זונען, מיט האָניקדיקע לבנות, מיט פּערלמוטערנע שטערן...

„עם־קודש!" — שטיי אויף, דו הייליק פאָלק און גיי... מעלק די אָפּגעקאַלכטע נאַרישע טעג אין פּרנסה־מעלקשעפל אַריין, שפּאַן איין, דו הייליק פאָלק, דיינע פייער־פערד אין די רייטוועגן פון... ברויט מיט פוטער. זאַמל אָן די שטיקלעך קאַלט־גאָלד, דאָס ביסל כוח, ווער ריזיק־

שווער און — פאַל אַראָפּ... טיפער דורך דיין שווערקייט, עלנדער דורך דיין לעבן, וואָס איז ווי אַ פאַלשע וואַזאַנקע אין אַ פענצטער...

אַלצדינג איז גוט וואָס ענדיקט זיך. אַלצדינג ענדיקט זיך. אַלצדינג איז גוט.

*

דאָס שטעטל האָט אַ ברונען. — דער וועג צום ברונען איז דער וועג צום שבת־קודש. דער וועג צום זיסן זומער, דער וועג צו מיין... צענטן יאָר.

גערטנער און גערטנער.

די פעלדער זענען פעט. שוואַרץ. די מאַמעשי־ערד האָט אַ פאַרשמירט פנים, אָבער זי איז אַ זאַ גוטע!

איר זאָגט: „ווייניפערלעך", גלייך ווי איר וואָלט געזאָגט — איך ווייס? — „פרייהייט פאַר אַלע", אָבער ווייניפערלעך! גאָט מיינער — ווייניפערלעך! און באַרן און קאַרשן און ווייכשל און מאַרעלן.

און עפּל טערנעסליפּקעס און קאַלינעס און האָפּן!

עך־עה! איר מעגט מיר יאָ גלייבן צי נישט גלייבן, אָבער אַז איך זאָג אַרויס דאָס וואָרט — האָפּן" — בין איך נישט קיין היגער, קיין אַמעריקאַנעץ, מיט אַ שטענדער אין דער גרויסער שול פון באַוווסטקייט, מיט געפּוצטע נעגל, פיינער קולטור, איידעלע „טיש און בעט־מאַנירן", — נאָר איך בין דאָרטן... דאָרטן!... טוט אַ קוק און... און זעט, ווי אַלצדינג ברענט בלוי — ווי אַ פייער פון ספּירט. ווי די גאַנצע וועלט וואָלט געווען אַ טיש, ביי וועלכן דער טאַטע מאַכט הבדלה... און דער טיש וואָלט געווען אָנגעגאָסן מיט הבדלה־בראָנפן, און דער טאַטע „נעצט" זיך די אויגן מיט אָט דעם פייער און נעמט־אָן דאָפּון פולע קעשענעס... און מיר, קינדער, שטייען אַרום און פרייען זיך — מיטן בלויען, שטילן פייער, מיטן גוטן טאַטן, מיט דער טייערער מאַמען, מיט דעם געהייליקטן אָנקומען פון דעם אינדערוואָכן... מיט דעם שיינעם געזאַנג פונעם לעבן, וואָס איז, ווי אַ פידל, און מ'קען דאַרויף שפּילן וואָס מ'וויל.

היינט איז דער פידל — ס'האַרץ. די צייט — דער מוזיקאַנט. און דעם מוזיקאַנטס פינגער ציטערן ווען זיי דערנענטערן זיך צום סוף ליד.

## אונטער דער זון

וויַיסט עמעצער: ווי אַזוי וועט זיין דאָס געזאַנג? „געשטאָרבן הינטער אַ פּלויט״? „געשטאָרבן, מיט הויכע, וואַקסענע ליכט צוקאָפּנס, און דער אָרגל האָט געשפּילט״?

„געשטאָרבן ווי אַ קעניג״? „געשטאָרבן ווי אַ בעטלער״? (כאַ־כאַ. וויפיל קעניגן שטאַרבן נישט ווי אַ בעטלער?)

אויף אַ צווייג פון דעם עפּלבוים, אונטער וועלכן איך שרייב, זינגט אַ פויגל:

— „טיהי, עפּי, פּירלפּלין״.

דאָס איז וואָר!

*

אַז עמעצער זאָגט מיר „דאָס לעבן״ — וויל איך נישט הערן דאָס איבעריקע.

אַז עמעצער זאָגט מיר „דער טויט״ — וויל איך נישט הערן דאָס איבעריקע.

אָבער אַז עמעצער זאָגט מיר „אַ שיינער טאָג היינט״, וויל איך אים פרעגן: „מיט וועמען האָט איר נעכטן ביי נאַכט פאַרבראַכט?״

אַז איך וויל פרעגן ביי מיין חבר עקס, וואָס ער און זיין ליבע פרוי מאַכן עפּעס, דערמאָן איך מיר אָן מיר אַליין, און — שעם זיך.

און אויך, אַז איך באַגעגן אַ פלאַקאַט וואָס פאַרט אַקעגנאיבער מיר, אין דער אונטערבאַן, און ער זאָגט מיר: „קויף אַקוואַלאַדע!״, בלייב איך אַ געפּלעפּטער. וואָס קען איך אים ענטפערן אויף אַזוינע ווערטער, ווי „קויף אַקוואלאדע?״.

*

די מאַנטיקדיקע זון גייט שוין אונטער — פאַרשטייט זיך: אין מערב־זייט. — אַדיע!

אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט אין באָדן זיך, שפּיגלען זיך און טראָגן די פיס אַהער און אַהין.

אַ זייגער עלף געווען אין פּאָסט. אויפגעלייגט אַ בריוו צו איר. אינעווייניק איז געווען אַ ווייס בלימל — אַ קאַרש.

זי וועט קוקן אויף מיין בלימל, ווי זי האָט געקוקט אויף זיין בלימל, דאָרט אין האָטעלכען, וועט האַלטן דעם טעלעפאָן מיט די שיינע נאַקעטע קניען און זאָגן צו מיר, וואָס זי האָט געזאָגט צו אים:

— איך בין דאָ אַליין, זיסער! און איך האָב קיינעם נישט מיט זיך, אַחוץ די ביבל.

איך קען זי, די שיינע, אָפּנאַרערישע (גאָט זאָל זי בענטשן!)

*

די טעג זענען זייער גרויס און — ענג.

ווי עפּעס אַן אַלט־פּיאָלעטענער מאַנטל, וואָס ליגט זייער לעפּיש, נאָר איז ענג פאַרשנירט ביים האַלדז מיט אַ שטריקל.

ס׳איז שוין נאַכט.

אַנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך אַ רוק געטאָן — אויף אַ יאָר צוריק.

ווי גוט דאָס איז.

ס׳איז ווידער פּאַראַיאָרן זומער. עס פּוצן זיך די כלה־ביימער, מיט די זעלבע קרענצלעך. די זעלבע שוואַרצע פעדים־ווערעמלעך (בליונג־פאַרדאַרבער) האָבן זיך אין זייערע האַרטע שפּינוועב־נעצן פאַרבויעט. די זעלבע מענטשלעכע האַנט מיט אַ שמאַטע איינגעטונקען אין נאַפט — ברענט זיי אויס.

די פיס גייען צוריק אין די זעלבע טריט, גייען דורכן הייַנטיקן זומער — צום פאַריאָריקן.

די נייע נאַכט איז דאָ אַ סאָלידע, נישט ווי אין שטאָט. די פינצטערניש איז אַ גאַנצע, נישט צעריסן פון קינסטלערישע ליכט.

הענער זענען נישטאָ — קרייען זיי נישט.

נאָר אַ קעלבל בלעקערצט ערגעץ אין אַ שטאַל. אַ לאַמטערן מוסטרעוועט מוסטערס אויפן מיסט. איך זע: מ׳הענגט אים אויף אַ באַנטע. עס רעשט די מילך פון הייסע ציצן אין דעם בלעכן מעלק־שעפל אַריין. די קו קייעט זיך אירס, גיט די ציצן אָפּ דעם מענטש.

וואָס פאַר אַ מיאוסע חיה די קו איז!

און דער הונט און די קאַץ!

אַלע דאַמעסטיצירט, פון וואַלד אַרויסגענאַרט, פון זייער ווילדקייט אויסגעטאָן, ווײַנען זיי מיט דעם מענטש, לעבן פאַר זיין נוצן.

גיי דו, פאַרשאַלטענע קו, אין וואַלד אַריין! זוך זיך דיר אַליין דיין עסן, דיין רויב! הרגע! פאַרטיליק! זיי — וואָס דו ביסט!

און דו, פונעם וואָלפישן שטאַם — דו הונט! וואָס שמייכלסטו דיין האַר אַנטקעגן? דיין פרעמדן, דייך שונא? וואָס גיסטו דייך געטריישאַפט דעם, וואָס האַלט זיך מיט דיר ווי מיט אַ לעבעדיק שפּילעכל, נוצט דיך ווי אַ שקלאַף, וואַרעמט זיך אין דיין פעל, וואַרפט אַן אומנוציק שפּענדל אין ים אַריין און לאָזט דיך איינשטעלן דיין לעבן אַ שפּרונג צו טאָן נאָך דעם אין די שלאַגנדיקע כוואַליעס. דו הונט, דו דעגענערירטער נאַר, וואָס גייסטו נישט אין וואַלד אַריין — מאָרדן און טיליקן און פריי־זיין?!

אפשר וועט דער מענטש מיט דער צייט אויך אַזוי אַראָפּקומען, דעגענערירן. אפשר וועט דער מענטש פון זיין מין אַנטלויפן זיינס־גלייכן אויסמיידן, און נאָכגיין אַ סטאַדע וועלף אָדער עלעפאַנטן — ליגן ביי זייערע פיס, זיי שמייכלען פאַר דעם ביסן ברויט, פאַר דעם בייזן, וואָס מען וועט אים צוּוואַרפן, פאַר דער מענטשיכע, וואָס מ׳וועט אים אויסזוכן און אים אָנרייצן אויף איר?

*

די נאַכט איז שוין אָנגעקומען.

מיין לאָמפּ מוטשעט זיך און ברענט. דער נאָפּט איז נידריק. דער קנויט דערלאַנגט קוים. קוק איך לאַנג אויפן לאָמפּ־גלעזל, פאַרטאַיע מיך און טראַכט צו מיר אַליין:

— יענע פרוי, וועמען איך גיב מיין ליבשאַפט ווי אַ מתנה (גאָט ווייסט דעם אמת: עס איז אַ נ ד ב ה!) פלאָגט מיך שטענדיק אין די האַרטע נעכט, גייט מיר אויף די נערוון מיט איר באַרכענער וועש און געריד וועגן שיינקייט.

זי זאָגט צו מיר:

— — — — ?

ענטפער איך איר:

— קינד מיינס! פרעגסטו דען דיק לאַבן ברויט צי ער האָט דיך ליב? געגנוג איז: דו האָסט ליב דאָס ברויט און דו עסט אויף און ביסט זאַט.

*

די נאַכט איז שוין דאָ.

די קראַנקע קאַץ מיט די צעפלאַקערטע אויגן קומט אַריין. רייבט זיך ביי מיין פוס:

— באַלעבאָס!

— וואָס איז, קאַץ?

— איך וויל אַ מייזעלע!

— נו, גיי, כאַפּ.

— איך האָב נישט קיין כוח. כ'בין שוואַך.

— וואָ־זשע ווילסטו?

— כאַפּ דו פאַר מיר, באַלעבאָס!

— אידיאָטקע!

איך טרייב אַרויס מיין קראַנקלעכע קאַץ. זי ציט אָפּ מיט אַ געפּיעשטשעטן מיאַ. קוקט אויף איר שאָטנדל, אויף דער וואַנט. וויל אים אַ ביס טאָן... שליאַנדערט זיך צום סוף אַוועק — אַ קראַנקלעך־צעבאַלעוועטע, ווי די טבע איז פון ווייבער און פון קעץ.

מיט אַ שעה שפּעטער קומט זי צוריק. טראָגט אַ מייזעלע ביים האַלדז. ס'לעבט נאָך.

— נו, קאַץ מיינע?

— באַלעבאָס־לעבן, מיאַ!

— וואָס איז שוין ווידער?

— נעם, דערהרגע דו עס פאַר מיר. איך בין צו אידל.

— אַרויס, דו פאַסקודנע קאַץ! דו פירסט זיך שוין באַלד אויף ווי אַ מענטש... אקאַטאַ!

*

דאָס ערשטע דערוואַכן. דער ערשטער בליץ פון אַ נאַס שוועבעלע, וואָס פאַרלעשט זיך און לאָזט צוריק אין דער פינצטער:

זי!

די ליבשאַפט־צו־זיך־אַליין איז גרויס געווען — צו גרויס פאַר דעם קליינעם יינגל־מאַנסביל. די גלוסטונג האָט די פיס אויסגעצויגן. די נאָזלע־כער האָבן געטרונקען קאַלטן וויין.

די צופילקייט איז געוואָרן — זי. זיך ליב האָבן דורך איר — אויך. זיך ווייטער ליב האָבן, זיך מערער ליב האָבן!

און הענט האָט זי ווייסע. און פיס האָט זי — נישט ווי איך. און פרעמד־פרעמד־פרעמד איז זי מיר, און אַזוי נאָענט, ווי די אייגענע אויגן, ווי דאָס אייגענע האַרץ, וואָס מ׳קען נישט פאַרשטיין.

סורטשע!

טויבן וואָרקען אָט דעם נאָמען פון די נעסטן אַרויס, שוואַלבן סוויסטשען עס אַראָפּ פונעם קלויז־דאַך. אַפילו די רויט-גרינע גראָז־שלענגלעך שיפּען עס אַרויס מיט די שיינע צינגלעך, און אַפילו די זשאַבעלעך אין טייך קוואַקען איר נאָמען מיט גרויס ליבשאַפט, ביז דער מאָרגנשטערן גייט אויף.

איז מיין נשמה אַ טירקל־טויב? אַ שלאַנג? אַ שוואַלב? אַ זשאַבעלע?

אַלצדינג איז דער מענטש: דער באַהעפטער פון כנגד׳ס, דער פאַר־בינדער פון פאַרבן, פאַרקניפּער פון ווינטן, פון שאָטנס...

אַרום און אַרום שטייען די בערג מיט ווייס־ליים — אונטן ווייס, אויבן שוואַרץ, ווי אַ חיה מיט דער פעל האַלב אָפּגעלופּעט און פאַרקאַטשעט אויף אַרויף. פון דער „פעל״ גייט אַ טומאַן־פּאַרע. — דער אינדערפרי קומט אָן אויף אַ גלי־גאָלדענעם רייטוואַגן, אין וועלכן עס זיצט סורטשע מיט אַ צעעפנטן גאָלדענעם פאַראַסאָל, איר קלייד איז פון פורפורוואָל און איר געצעלט פון באַקסערן... — וואָס פאַראַ באַקסערן גאָר! וואָס רעד איך מיר איין? טפו!

סורטשע גייט אויף מיר מיט דער זון, און ס׳שטעטל לעבט אויף, ווערט רויט, באַקומט פאַרבן אין די באַקן. דער אָפּגעלופּעטער קאַלך פון

די וועגט ווערט פאַרהיילט מיט זון־פלאַסטערלעך. די דעכער קרייען מיט רויטע העלדזלעך — ווי הענער... די הענער קוקן אַרויף צו די דעכער און פאַרשטייען נישט און בייזערן זיך. די זייפּבלומען שמעקן ווי ס׳געהער צו זיין. די האָפּן — פאַרשיכורן. יידן שמייכלען קעגן דער זון, פאַרשטעלן זיך די אויגן פון דער ליכטיקייט און קוקן פון דעסטוועגן אַרויף און שאָקלען מיט די קעפּ „ס׳איז גוט!״.

די בערג און בערגלעך, טאָלן און טאָלעלעך ווייזן זייערע פאַרבן און זייערע ריחות. עס איז אַ געוועט צווישן ריח און פאַרב.ביידע געווינען.

און אַז דער הימל אַרבעט אַזוי, און די טאָלן מיט די בערג אויך — איז דער מענטש שטיל: וואָס זאָל ע ר שוין זאָגן?

ביינאַכט לעשט די לבנה דעם טאָג מיט שעפּלען קאַלטע מילך. ווערט בלאָנד־מילכיק און קינדיש די וועלט, דאָס שטעטל!

אַ קליינער רירעווודיקער אומעט דרייט זיך אַרום, ווי אַ שדכנדל, און רעדט שידוכים. ער איז בלאַס און שטיל און באַגלייבט.

— איך וויל, פאַר וואָס נישט?

און מ׳קען זיך נישט דערמאָנען אַקוראַט, וו אָ ס מען וויל. וויל מ׳וועט עס ערשט מאָרגן פאַרגעסן...

# אַמאָל איז געווען

דער זיידע קומט פון דער מיל. די מיל מאָלט מעל — האָט אויסגעמאָלן דעם זיידנס באָרד אפילו אויף ווייס.

אַ ווייסער זיידע מיט ברייטע פּלייצעס, גייט, ווייזט זיך אַרויס, אין דער ברייט, און קומט אין דער לענג. ער איז הויך — ביז צו די באַנטעס פון שטוב. דאָס פוטערנע היטל אויפן קאָפּ האָט געלאָזט אַ צייכן — דאָרט ווו ס׳ענדיקט זיך. דאָ זענען די האָר נאָך ווייסער, סאַמעטענער.

זיידע־באָבע לעבן זיך צונויף ווי זיי קענען. דער זיידע איז אַ גוטער, אַ וואַרעמער, די באָבע איז „אַלט און קאַלט", פונעם קינבאַק וואַקסט איר אַזאַ דין־שוואַרצלעך הערעלע, און זי רעדט מיט די יאַסלעס — שיטערע, ווייכע רייד, אַזוי ווי לעמעשקע. קיין סך פון די רייד קען מען נישט הערן: ס׳ווערט נישט גוט, ס׳הייבט זיך אָן דרייען דער קאָפּ און ס׳דאַכט זיך, אַז אַרום דער באָבען ברענט סמאַלענע — מ׳ווייסט נישט, צי פון איר פייערטאָפּ, צי פון אירע אויגן.

דער זיידע איז אַ מזג־טוב. ברענגט אַהיים די אייניקלעך אַלערליי שפּילעכלעך. אויך קרייטיכער אַזוינע וואָס האָבן אין־זיך אַזוינע פלאַנץ־פּעדעמלעך וואָס גרייזלען זיך און וואָס אַז מען שטעלט זיי אַריין אין אַ ברעטל מיט די אויפשריפטן „שיין", „מיאוס", „וואַרעם", „קאַלט" — זענען זיי ווי אַ ווייזערל וואָס ווייזט אָן וואָסער וועטער מאָרגן וועט זיין.

ווינטער ברענגט ער אַריין אין שטוב ס׳וואַרעמקייט פון זיין גוייִשן פּעלץ — ס׳וואַרעמקייט פון זיין שטאַמלדיקער נשמה, וואָס איז אַזוי אויך שווער באַפּעלצט. אַ מאָל קומט ער אַריין מיט גרויסע הענט צונויפגעלייגט הינטערן לייב־פוטער — נעמט אַרויס און ווייזט אַ קיילעכיק שטייגעלע, געמאַכט פון הענט מיט פינגער. פון „שטייגעלע" פּישטשעט אַרויס אַ פייגעלע. די באָבע מאַכט אַ גוואַלד, מ׳זאָל עס אַרויסוואַרפן — „זי האָט גענוג פּיסקעס צום פרעסן אָן דעם „פויגל"! אָבער דער זיידע שמייכלט,

קויכעט זיך אַן מיטן פייגעלע אין די הענט, און ווי אַ פאַרברענטער קאַרטן־שפּילער צעעפנט די „האַנט" ביסלעכווייז, אַ קוק צו טאָן אויף די קאַרטן, אַזוי עפנט דער זיידע פאַמעלעךביידע הענט, ביז דאָס פייגעלע גיט אַ פלי אַרויס און הייבט זיך אַן קלאַפּן דעם קאָפּ אָן דער סטעליע, אָן די פענצטער, אָן דער טיר. באַלד צעטוט זיך אַ געיעג פון יאַרמולקעס, אַ קוויטשעריי פון שוואַרץ־געקרייזלטע אייניקלעך, אַ זינגענדיקער טומל פון טאַטע־מאַמעס, אַ געשעלטעריי פון דער באַבע...

*

סורטשע איז היינט נישטאָ אין שקאָלע. געלאָזט זאָגן, אַז דער קאָפּ טוט איר ווײ. אַז איך דערהער דאָס, טו איך זיך אַ כאַפּ ביים שטערן — ס'דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז מיין קאָפּ וואָס טוט ווײ, נישט אירער, ווייל איך בין זי. — זי איז בלויז די אָפּגעשפּיגלטע פון מיר.

זינט דעמאָלט האָט שוין אַ סך מאָל געטראָפן אַז איך האָב געהאַלטן מיין געליבטע, אַפילו אויף דער שויס, און געבענקט נאָך איר (איז דאָס נישט אמת? — קאַראַ, מיין קאַראַ!).

*

דער טאָג איז שוין היינט אַן אַנדערער. דער נעכטיקער איז שוין אין גאַנצן נישטאָ. דער עפּלבוים ציטערט היינט מיט אַלע בלעטלעך. זיין שטאַם האָט זיך, דאַכט זיך, נידריקער אָנגעבויגן, ווי אין יסורים פון געבורט. ווער טראַכט איצט פון שיינקייט, פון אַן „איידעלער פיגור"? דאָס איז פאַר דער ליידיקגייערין, דער סאָסנע, אָדער פאַר דעם יונגפרוילעכן קאַרשנבוים, וואָס טראָגט נאָך דערוויל קיין פרוכט נישט.

מוטערשאַפט פון דער ערד, זיי געבענטשט אין דיינע יסורים! דיין אומשיינקייט איז ווי די הענט פון די, וואָס אַרבעטן — געהייליקט אין נוצלעכקייט, אין לעבן־באַדערפעניש...

שווער איז היינט! נישטאָ קיין ליכט, קיין שאָטן. אַ גרויסע לאַנגוויל קריכט אַרום אין די בלוט־געוועבן און שרייט אַן אַ קול, זוכט עפּעס און געדענקט נישט וואָס.

## אונטער דער זון

די פּרוכטצייט איז ניט ווייט. די שניטצייט — ווער וועט דערלעבן?
די געלע־פעלד־בלימלעך זענען ווי גלאַנצענדיקע מעשענע קנעפּ אויף
אַ מונדיר פון אַ געפאַלענעם זעלנער.

עס טשי־טשי־טשי׳עט אַ פויגל אויף מיין דאַך (דער ווינט האָט נעכטן
ביי נאַכט אַ שינדל אַראָפּגעשלעפּט — נישטאָ ווער עס זאָל אַרויפקריכן
און פאַרריכטן!) דאָס בעט־וועגטל ביים פענצטער שטעקט אַרויס זיינע
גראַטעס, מאַכט פון מיין שלאָפצימער אַ געפענגעניש. מיין גויִישע שכנס
בית־הכסא מיטן רויטן טירל שטייט דערווייל פאַרשלאָסן. דער באַלעבאָס
מיט דער באַלעבאָסטע קומען ערשט אין יוני.

אַז זיי זענען דאָ, — היפּט עס אַרום, דאָס גויעצל, ווי עס וואָלט זיין
געמאַכט פון קאָרק. עס איז רירעוודיק און טעמפּ, און ס׳קלאַפּט כסדר
טשוועקעס. ס׳דאַכט זיך אויס, אַז אַמאָל, ווען אָט דאָס גויעצל וועט האָבן
פאַרענדיקט שלאָגן טשוועקעס אומעטום, און ער וועט שוין נישט האָבן
מער ווו צו שלאָגן — וועט ער זיך אַוועקשטעלן און אַריינשלאָגן מיט זיין
האַמער טשוועקעס אין דער הוילער לופט אַריין. די גאַנצע לופט וועט
ווערן פול מיט גויִשע טשוועקעס. עס וועט זיין שווער צו אָטעמען!

# אַ זעונג

ס'איז געווען — נאָר איכ'ל צוערשט שרייבן וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס —

אין חלום האָב איך געזען אַ קופּערנעם פּאַס ערד און אַ פּ ו ל וועגעלע מיט פּערל האָט געבלישטשעט צו זיך אַליין מיט איידלגרויער שיינקייט. דער הימל האָט צעלאָזט צוויי גרין־בלאָ־רויטע פליגלען, ווי אַ פּאַווע, און אינעווייניק האָט מען געזען אַן אַלטן, צונויפגעקאָרטשעטן עמעצן, מיטן פּנים אַהין. ער איז געלעגן אויף די קני און זיך געריסן מיט עפּעס אַן אַ נ ד ע ר ן, וואָס איז געווען לויטער באָרד און געטלעכקייט.

— גיב אָפּ! ס'איז מיין מת.

— נישט אמת. מיין שווינדזוכט האָט אים דערהרגעט!

— זאָגסט אַ ליגן! מ י י ן געלער פיבער האָט אים אָוועקגעלייגט.

— ס'איז נישט ד י י ן געלער פיבער...

— די זומפּן זענען טאַקע דיינע... אָבער די פיבער־באַצילן זענען מיינע.

— ווי קומסטו צו לאָזן דיינע באַצילן אין מיינע זומפּן?...

— אַזוי וויל איך. וואָס קענסטו מיר טאָן?

— הער־זשע. טאָן קען איך דיר אַ סך. פאַרגעס נישט ווער איך בין! נאָר גאָרנישט, ס'פּאַסט מיר נישט צו קריגנזאָך מיט דיר — גייט עס העלפט אויף העלפט. מיר אַ האַלבן מת — דיר אַ האַלבן מת.

— אָט־אָ־דאָס־אָ!

און דער אַנדערער עמעצער פון לויטער באָרד און פייער טוט אַ פאַר־הויב די פייערדיקע קאָפּאָטע — און וויזט...

וואָס פאַר אַ זעונג איך האָב, זאָל קיין שום מענטשן נישט צוגעשיקט ווערן!

# אין דעם וויסטן אַמעריקע!

די גויע, אונדזער שכנטע, מיסיס גאַרדנער, איז דאַכט זיך פון דייטשן אָפּשטאַם. אַלצדינג שפּאָרט זי, בלעכלט־איין. אַלצדינג וואָס דאָס פעלד גיט אַרויס און דער טיש וואַרפט אַראָפּ. איר קעלער איז נישט קיין קעלער — נאָר אַ האַלדז, אַ בויך. און אַפילו דאָס וואָס ער גיט אַרויס צוריק, ווערט אויפסניי איבערגעקאָכט און איינגעבלעכלט.

איר לעבן גייט ווי אַ בלאָטיק שטראָמעלע, וואָס מ׳ווייסט נישט, צי ס׳איז טאָקע אַ וואַסער, אָדער קומט עס פון די אָפּטע צעבער־אויסגוסן פון שכנישע שטיבלעך.

איר מאַן איז אַ דין מענטשל, האָט כמעט גאָר קיין קינבאַק נישט: אַט איז די שפּיץ מאָרדע, און אָט זענען שוין די אויגן. ס׳נעזל איז אַרויפּ־געזעצט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט, און דאָס צווישנווענטל זעט זיך אַרויס ווי אַ פּערלמוטערנע זאַך.

רייך זענען די גאַרדנערס — גייען ביז דער קניע מיט גאָלד. האָבן אַ האַלב שטעטל מיט „היפּאָטעקן", וועקסלען. יידישע צרות וואַרפן אָפּ גוטע פּראָצענטלעך, קעלבן זיך מיט ריווח, און דאָס האָב־און־גאָב פון די גאַרד־נערס מערט זיך ווי ס׳מערן זיך זייערע קראָליקעס.

ווען אַ „באַשניטענער" וואָלט געהאַט אַט־דעם גויס געלט, וואָלט ער זיך אָנגעהאָנגען מיט דימענטן, געפאָרן אין קאַרעטן, זיך געבאָדן אין סמעטאַנקע. נישט אַזוי דער גוי! אַ גוי ווערט נישט רייך ה י י נ ט, אַפילו ווען ער קריגט היינט אַ ירושה פון אַ מיליאָן. ביי אַ גוי געדויערט געוויינט־לעך עטלעכע דורות, איידער ער שטעלט זיין פוס אויף אַ העכערער טרעפּ. אַ ייד אָבער האָט געקענט נעכטן אומגיין איבער די הייזער מיט לימענעס, און טאָמער דאַכט זיך אים נאָר, אַז ער וועט אפשר מאָרגן ווערן אַ שטיקל עושר — פליט ער שוין היינט אויף אַן אויטאָמאָביל און זיין ווייב באַהענגט זיך שוין מיט גאָלד און מיט זילבער. פון דעסטוועגן זאָג איך אייך, איר

נישט־באַשניטענע: פרייט זיך נאָר נישט אַזוי מיט אייערע מעלות! אמת, איר זענט נישט דאָס און נישט יענץ, אָבער וואָס זענט איר יאָ?

מיר זענען שלעכט און גוט! שרעקנדיק און העלדיש, גייציק און פרייגעביק, קרעמער און מאַרטירער, גליק־זוכער און אומגליק־דערגרייַ־כער. אָבער צאַפּלען צאַפּלט אין אונדז דאָס לעבן — מיר זענען אַ גרויס געשריי אין דער וועלט, וואָס שטייט שטענדיק אין פייער. ווער זוכט שיינקלאַנג אין אַ געשריי?

*

פאַראַכטאָג דינסטיק, 5 טעג וויַיט פון דאַנען, זענען מיר געזעסן בייַ די גאַרדנערס אין שטוב און גערעדט וועגן דער מיאוסקייט פונעם וועטער, און ווי ס׳רעגנט שוין אַכט טעג דורכאַנאַנד. דאָס ברויט אויף די פעלדער ווערט צעפוילט.

מיר האָבן געטרונקען טיי מיט שיט־צוקער, געמישט די מוטנע גלעזלעך מיט מוראדיק־לייכטע לעפעלעך פון טעמנעם בלעך. מיר האָבן זיך דער־וואַרעמט. דער צעגליטער אויוון מיט די אָפענע דעקלעך און די לאָמפּן האָבן מיטגעהאָלפן. די נאַכט האָט, אַ פאַרנעצטע, צוגעשטעלט ס׳פּנים צום שויבן־צלם פון דעם קליינעם, קויטיק־טוכלען שטיבל. די גאַרדנעכע האָט זיך געווישט די ברעג ליפּן מיט די פינגער, ווי אַ יידיש־קינד, דערציילט וועגן איר ווינטערדיקער רייזע קיין ליווינגבוירג, זעקס מייל פון דאַנעט, און ווי אַזוי זי איז שיער נישט אַראָפּגעפאַלן פון שליטן, און ווי אַזוי דער שליטן האָט זיך געגעבן אַ שאַרפן רוק, אַז מ׳האָט געמיינט, אַז אַט־אַט. אָבער מ׳איז אָנגעקומען. דער שוואָגער אירער איז טאַקע געשטאָרבן, אָבער מ׳האָט אים זייער שיין אָנגעטאָן, אין אַ נייעם שוואַרצן אָנצוג. זי האָט געראָטן, אַז מ׳זאָל קויפן פאַר מזומן געלט, נישט אויף באָרג, און קויפן זאָל מען די נייע סאָרט טויטן־קליידער פאַר מאַנצביל, וואָס טוען זיך אָן בלויז פון פאָרנט (ס׳איז דאָך נאַריש גערעדט: קיינער דרייט נישט איבער דעם טויטן, ווען ער ליגט אין דער טרומנע, צו זען, צי ער איז אָנגעטאָן אויף יענער זייט אויך, צי נישט!) און קאָסטן קאָסט עס מיט דריי־און־דרייסיק־און־אַ־דריטל פּראָצענט ביליקער. האָט זי אָבער נישט געוואָלט די שווע־גערין. איין מאָל, זאָגט זי, שטאַרבט דער מענטש, נישט מער...

## אונטער דער זון

מיר האָבן געזופט די נודנע טיי דורך די ציין, ווי וואַסער, וואָס מ׳שווענקט זיך דערמיט ס׳מויל.

עס איז אונדז געוואָרן הייסער, געדיכטער. די נאַכט האָט געווײַנט אויף די שויבן אַרויף. און דאָס פאַלן פון קי־מיסט האָט באַגלייט די רייד פון דער גרויער פרוי.

— לאָז מען זיך דערציילן געשיכטן!

מ׳האָט גענומען דערציילן. ווער ס׳האָט דערציילט פון זיין אַלטער היים, ווער פון זיין פאָרן אויפן שיף קיין אַמעריקע, ווער פון זיין ערשטער ליבע.

די גאָרדנערכע האָט מיטן הונגעריקן אויער אויסגעלעקט יעדעס וואָרט, ווי עפּעס אַ ביליק געשריי, וואָס מ׳קריגט אומזיסט, און צום סוף האָט זי זיך אַליין אויך צעווײַנט, זיך אויפגעקנעפּלט דאָס פּאַרטעך, זיך אַ קלאַפּ געטון איבערן מויל און צוריקגעשטופּט עפּעס אַ בלעזלדיקן קלאַנג, און דערנאָכדעם אָנגעהויבן:

— ביי מיין גאָטזעליקן טאַטן איז געווען אַ חזירל, זייער אַ שיין חזירל! איין מאָל גייט ער אַריין אין דער פרי אין שטעלעכל אַריין, זעט ער, ס׳חזירל איז נישט געזונט, האָט נישט קיין אַפּעטיט צום עסן. קומט ער אַריין און וויינט! ביי גאָט, דער טאַטע האָט געווײַנט. אַ גרויסער הויכער מאַן מיט לאַנגע וואָנצעס — שטייט און וויינט. זאָגט די מאַמע: וואָס וויינסטו? איז דערציילט ער איר. זאָגט זי: וויין נישט, מיר׳ן עס קוילן און עסן — אַלץ איין שוואַרץ יאָר! זאָגט זי. און שאַ, זאָגט זי, אין דריי טעג אַרום איז דאָך טאַקע די הייליקע נאַכט.

די גאָרדנערכע האָט זיך אַ וויש געטאָן ביידע זייטן מויל, איז דורכגעגאַנגען מיט די שפּיץ פינגער פון דער אַנדערער האַנט אַקוראַט איבערן שרונט, אין מיטן פון איר ווייסן קאָפּ און פאַרענדיקט:

— ס׳חזירל איז געווען זייער געשמאַק, מ׳האָט עס גוט צוגעברוינט. דער טאַטע האָט שוין נישט געווײַנט. פאַרקערט, ס׳איז געווען זייער אַ פריילעכער יום־טוב.

— מיר׳ן שוין גיין, — האָב איך געזאָגט — —

אין דרויסן האָט דער הימל אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס ס׳איז נישט שיין אויסצוזאָגן.

*

אין אַ נעסט ליגן קליינע שוועלבעלעך. זיי זענען נאָך נאַקעט, אָן פעדערן, אָבער די פּיסקלעך עפענען זיך שוין צו יעדן ריר פון נעסט:

דאָס לעבן!

מיין פליש איז נאָך געלעגן דין אויף מיר; מיין נשמה אויך. אָבער די ליפּן פון מיינע פאַרלאַנגענישן האָבן זיך צעעפנט ביי יעדן שיינקייט־ציטער, ביי יעדן שאָרך פון אַ קלייד, ביי יעדן נאָמען פון אַ פרוי.

אָפט מאָל פאַרטראַכט איך זיך איבער דער וועלט, וואָס איז פול מיט וווּנדער ווי אַ קליין שטיקל האָניק־סטעלניק.

אַ פלי פון אַ שניר־פייגל אַרויפצעצו — ווער קען עס נאָכמאַכן?

אַ בלאָער טאָל־טומאַן, דורכן צעבראָכענעם מאָרגן־גאָלד פון אַ יונג־אויפגייענדיקער זון — ווער קען דאָס נאָכמאַכן?

און יענע טיפענישן, וואָס רעדן אייביק אין אונדז? — יענע סודות וואָס מיר האָבן זיי מורא אויסצוזאָגן — ווייל זיי זענען צו גרויס און אָפּשרעקנדיק?

# פון מיינע יונגע יאָרן

דאָס פאַרגעניגן פון באַשלאָפן — וואָס פאַראַ ווונדער דאָס איז. זעט נאָר: דער מענטש האָט דאָך געקענט אַזוי באַשאַפן ווערן, ער זאָל האָבן פונקט אַזאַ פאַרגעניגן פון פידלען זיך מיט אַ חלף איבערן האַלז ווי פון באַשלאָפן זיין כנגד. אָבער דער גוטער גאָט האָט דאָס אַנדערש געמאַכט. און עס איז גוט אַזוי.

*

סורטשע!

עס מינען זיך וועלטן, אייביקייטן — אַרום אָט דעם פּראָסטן נאָמען.

היינט איז ליבע אַ קליין מאָדע־אַרטיקל, אָפּן שרייט מען עס פון די פענצטער אַרויס. די בלעטער דיסקוטירן: זאָל מען ליבן אַזוי צי אַזוי? זאָל מען ווינען מיט דער געליבטער אונטער איין דאַך, אָדער נישט?

היינט איז ליבע אַ זאַך צו באַטראַכטן. אָבער דעמאָלט!

דער טויט און דאָס לעבן צונויפגעבליצט אין דעם ענגסטן פּרעפּאַרט. אַ האָפענונג אַזוי שאַרף, ווי... (ווער האָט דען דאָס וואָרט?); אַ גליק, אַזוי גרויס ווי... (ווער האָט דען דאָס וואָרט?) און די טעג זענען געווען ווי זיסע ווייגרויטע ווונדן אויף מיר...

אומגעפער אַזוי.

און נאָכדעם ווי מיר, זעקס חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן בשותפות געשפּילט מיט איר „ליבע", האָבן זיך דערטראַכט צום פּלאַן, איך זאָל איר אונטער־טראָגן אַ פּעקעלע „דייטשע באָנבאָנעס", און נאָך דעם ווי זי (סורטשע) האָט דאָס פּעקל נישט געוואָלט נעמען, און מיר האָבן אַלע זעקס אַליין אויפגעגעסן די באָנבאָנעס און זיי פאַרגאָסן מיט טרערן — האָב איך אָפּגעוואָרפן מיינע פינף שותפים־אין־ליבע און האָב זיך גענומען שפּילן אַ ליבע מיט איר — איינער אַליין.

דער אָפּמאַך איז געווען אַ פעסטער. איך האָב זיך אַליין געגעבן די האַנט איבער אַ ספרל אין קלויז, און זיך געשווירן, אַז פון היינט אָן און ווייטער גיי איך אַרויס אויף אייגענער ליבע.

דאָס ספרל האָב איך אַ קוש געטאָן מיט אַ הייליק געפיל פון זינד, און — איך בין אַוועק אין חדר אַריין לערנען תורה, מיט גרויס חשק און מיט צעוויגטקייט און מיט אַ זיס בענקעניש אין קול. טיף אינעם זעלביקן קול איז געווען אַ געוויין, אָבער קיינער האָט עס נישט געהערט, ווייל דאָס געוויין איז געבליבן אויף ד ע ר זייט קול.

*

געווען איז זומער.

דער זיידע פלעגט קומען פון מיל — אַ ווייסער, נאָך ווייסער ווי ווינ־טער, — ווײ, ווי ווייס! די זומערדיקע גרינקייט, די געזונטע וואַלקנס, וואָס פלעגן זיך געבן אַ ליידיק־אויס איבערן שטעטל, און גיין ווייטער, די סעדער־פאַרטראַכטקייט, מיט די בנעימותדיקע זאָרג פון טאַטע־מאַמע, וואָס קלערן שוין אַ תכלית פאַר זייערע קינדער, די צעזויפּנקייט פון די וואַסערן, וואָס בובלען אַרום אָן אַ ציל, און שלאַנדערן זיך אַוועק ביי גרינע באַרג־צעפּוסנס, מ׳ווייסט נישט וואָס, מ׳ווייסט נישט ווער, מ׳ווייסט נישט ווען, — אָט די אַלע גרינע און חנעוודיקע זאַכן האָבן דעם זיידן, ווייזט אויס, באַצערט. ער האָט שוין נישט געשמייכלט אַזוי אָפט, ווי פריער, פלעגט שוין נישט אַזוי גערן מיר אויסדרילעווען אַ לעכל אין אַ ניס מיט זיין קניפּיקל און מאַכן אַ „פּיפּאַק", און דאַטומס און ציפּערן און דאָס דערמאָ־נעניש פון יאָרן, פלעגט אים טרויעריק מאַכן.

— דודזשע! — פלעגט זאָגן די באָבע — דו ווייסט, אַז 23 טאָג אין חודש איז...

— מ׳ווייסט! מ׳ווייסט! נאָר זי ציילט! — פלעגט דער זיידע ענטפערן.

— דודזשע, ווי אַלט איז אונדזער עטעלע, זאָל זיין געזונט?

— אַזוי אַלט ווי זי איז! — פלעגט דער זיידע אָפּענטפערן און שיער אַריינפאַלן אין עבודה־זרה פון כעס, נאָר די אויגן זענען געשטאַנען איבערן געערגערטן שטערן און געשמייכלט.

## אונטער דער זון

*

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק:

די גאַסן פון ברוקלין האָבן געבליט מיט קינדער און איבערגעפּלאַנצטעביימלעך. די איבערגעפּלאַנצטע מענטשן, ווי די ביימלעך האָבן זיך, ווייזט אויס, „אָנגענומען". געלערנטע גערטנערס האָבן מיט „געמאָלענע ביינער" און מיט היימישן מיסט אונטערגעטריבן.

אַטאָמאָבילן האָבן דורכגערוישט, אָנגעשטונקען און אַפילו נישט איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם שטויב, דעם איבערבעטנדיקן צייכן, וואָס אַ שווערע פור לאָזט איבער נאָך זיך.

ס'פּאָלק ישראל איז געפּאָרן אין רייטוועגן, אויסגעשטעלט זיין צירונג, זיינע ווייבער... דער זון האָט עס נישט געאַרט, וואָס אַרט עס די הימלען, כ'בעט אייך, ווער ס'באַרימט זיך! און אַז עמעצער לייגט זיך אַוועק אויף אַ באַנק אין אַ שפּאַציר־גאָרטן און שטאַרבט — אַרט עס דען די אויסגעפּוצטע הימלען, צי דעם עמעצנס קינבאַק שטעכט אַרויף אַ פּאַררעגנטע באָרד אין די הימלען אַריין, און בויערט אַריין אַ דינע, אַרויפגעקאַטשעטע בלייכע נאָז, פון וועלכער עס רויטלט זיך דער לעצטער טראָפּן לעבן אַרויס?

איך בין געגאַנגען שפּאַצירן איבער דעם יידישן בולעוואַר און אַריינגעוואָרפן אין מיינע אויגן אַריין שטיקער גאָלדענעם דינסטיק (צי מיטוואָך?) און לסוף גענומען מאַכן פלינק מיטביידע אָרעמס, לויט דער עצה פון אַ געוויסן ביכל, וועגן גימנאַסטיק, ווו עס זאָגט זיך:

„אויב דו ווילסט אַנטוויקלען די ברוסט, דעם ברוסט־קאַסטן, די לונגען, וואַרף שטענדיק מיט די הענט ביים גיין און האַלט די גאַנצע פיגור שטייף און ווירדיק".

*

דריי דער זייגער.

מ'דאַרף עמעצן אָפּטעלעפאָנירן. כ'קען מיך נישט דערמאָנען וועמען!

קיין שאָד נישט.

זי וועט סיי־ווי־סיי וואַרטן. אויב נישט — נאָך בעסער.

איך מאַך מיט די הענט, לויטן ביכל, פריי זיך מיט... גאָרנישט, און זאָג מיר שטילערהייט די ווערטער: „גיב נישט דיין כוח צו פרויען. נישט צו פרויען גיב דיין כוח. דיין כוח נישט צו פרויען גיב".

דער פוס בלייבט שטיין. דער שכל זאָגט ערשט אַ רגע שפּעטער: „ריכטיק. בלייב שטיין".

אַ פּאָליצייִיש ווערכטער־שטיבל אויפן ברעג גאַס. אינווייניק שטייט אַ דיקער פּאָליציסט, וואָס דאָס גאַנצע קיילעכדיקע ווערכטער־שטיבל ליגט אויף אים, ווי אַן ענג בגד, און ער איז שטאָל־גרוי, און האָט צוויי בלאָנד־גרויע וואָנצעס, וואָס הענגען איבער די ליפּן, ווי צוויי האַלבע רייפלעך.

פון דער גאַס קומט אָן אַ פּיצל מיידעלע, אַ קיילעכדיקס, אַ פרישס, אַ רויטס, און ס׳האָט אַ האַלבן עפּל אין האַנט.

עס בלייבט שטיין ביי דעם ווערכטער־שטיבל, גיט אַ ביס אינעם עפּל, באַקוקט זיך די אייגענע פינגערלעך, ווי אַ שפּילעכל, און זאָגט צום דיקן, שווער־אָטעמדיקן, טויט־גרויען פּאָליציסט:

— איך בין בלויז פיר יאָר אַלט, דו ביסט שוין מער, איאָ? דו ביסט שוין אַלט! דו ביסט שוין זייער אַלט...

דער פּאָליציסט הייבט אָן בלאָזן מיטן מויל און מיט דער נאָז. ער כאַפּט זיך ביים רעוואָלווער, ביי דער קעשענע, גראַבלט צום סוף אַרויס אַ מטבע און זאָגט צום מיידעלע:

— נאָ, גיי קויף דיר עפּעס!

# אַ בריוול צו סורטשען

איך האָב אָנגעשריבן סורטשען אַ בריוול, עס געהאַלטן עטלעכע טעג אין מיין סידורל אויפן בוידעם, עס זאָל זיך „אָננעמען מיט הייליקייט״, און דערנאָכדעם עס אַוועקגעטראָגן צו איר. איר וועט שפּעטער הערן ווי אַזוי. דאָס בריוול איז געווען איבערגעשריבן פון אַ לעמבערגער בריוונשטעלער און האָט זיך געלייענט, דאַכט זיך מיר, אַזוי:

„זאָנע מיינעס לעבנס!

וועהע דעם, דער דאָס ערלעבט האָט! שמערץ גרעסער ווי מיין ברוסט אויסצוהאַלטן אימשטאַנד איזט, ווירבלט אין מיינער זעלע. דו שרה׳טשע לעבן, ביזט דאָס מעכטיגע פייער, דאָס מיינע זעעלע אין העללישע פלאַמען געזעצט האָט. אונד אינברינסטיג בעט איך דיך אן: שרה׳טשע לעבן, לאס מיך צו דיינע קני׳ען נידערפאַלן און דעם צאום דיינעס קליידעס קיססען, שרה׳טשע לעבן, עוויגליך דיינער — ...״

אַ־דאָס־אַ בריוול האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעשריבן אויף קלאָר, מיט אַלערליי טינטן, וואָס זענען מיר איינס ווי ס׳אַנדערע נישט געפעלן. סוף־כל־סוף האָב איך מיר אַליין געמאַכט אַזאַ מין גוואַלדיק־גאָלדן „וואַסערל״, וואָס פּעבלט גרין און רויט, אונטער־געלייגט אַ געווירעטן „לעשער״ אונטער אַ דורכזיכטיקן בויגן פּאַפּיר, מיט אותיות ווי ניסלעך איבערגע־שריבן מיין בריוו, און צו לעצט נאָך צוגעגעבן — שוין מיין אייגנס:

„איך ווינטש, אַז דיזע טינט בלוט געוועזן זיין מעכטע, אַנשטאַט די גאָלדענע טינטע, מיט דער איך דיר, מיין גאָלדן געהיימניס פאַרהיימליכע״.

ווי אַזוי איבערשיקן דעם בריוו?

ס׳איז געווען אין מיטן זומער. די בראָנפן־ברענעריי האָט שוין נישט געפּייפט, און די געשמאַקע ווינטערדיקע בעדער אין וואַרעמען בריי זענען געווען ווי אַ זאַט־וואַרעם געדעכעניש אין די ביינער. די פּיס און ס׳גאַנצע יינגלישע לייב, וואָס האָט זיך געבאָדן אין „בריי״, איז געווען אָנגעשיכורט

אויף אייביק מיט דעם רויען בראָנפן. און אַז אַ ייִנגליש לייב איז שיכור, קען דאָס האַרץ דען בלייבן ניכטער?

ס׳איז געווען אַ שיינער און אַ נייער זומער. אַ לאַנג־לאַנג אויסגע־בענקטער. די אינדערפריען זענען געקומען ווי אַ נייער גלאָק, די אויפ־דערנאַכטן — ווי אַ גרינג קינדיש פליען, פון וועלכן מען כאַפּט זיך אויף מיט אַ געלעכטער...

איצט איז שוין דאָס פליען שווער. אַפילו אין שלאָף. דאָס פאַלן איז אָפּט און אַ סך.

אויף די דאָרפס־וועגן זענען געווען קאָרבן פון שווערע רעדער — יע־דע פור איז געפאָרן אין די טריט פון דער פריערדיקער פור.

די „יעזוסלעך״ אויף די שליאַכן, וואָס פירן אין די שטילע זון־צעגליטע דערפער אַריין, זענען געווען אָנגעטאָן מיט נייע בינטלעך זאַנגען אויף די קעפּ, און האָבן כסדר געקוקט מיט זייערע צעשראָקענע ייִדישע אויגן צו דער „מאַמען״, וואָס האָט צוריקגעקוקט אַן אומגליקלעך־אויסגעפּוצטע, ווי אַ ייִדיש מיידל, וואָס דער שונא פּוצט זי אויס, איידער ער גייט זי פאַר־פלעקן...

פונעם הויכן באַרג־אַראָפּ, וואָס צופוסנס איז ביי אים געלעגן אַ טייך, ווי אַ פּליסנדיקער פידל, האָט אַראָפּגעוואָרנט דער ייִדישער בית־עולם, געשראָקן ס׳שטעטל. גויים פלעגן זיך כסדר צלמען און אונטערהייבן די היטלען — מ׳האָט נישט געוווסט, צי צום קראַצן זיך אָדער פון שרעק פאַרן טויט. ייִדן פלעגן עפּעס אַריינזאָגן אין די אייגענע באָרד און וואָנצעס, און דאָרט איז עס געבליבן!

דער באַרג צופוסנס! נאָך היינט פּרווו איך אָפּט, איידער איך ווער אַנטשלאָפן, אויספלאָנטערן די וועגן וואָס פירן צו אים. איך גיי אומיסנע — אין געדאַנק — מיט די זייטיקע געסלעך, לעבן „דייטשן שוסטער״, דערנאָך לויף איך פאַרביי דעם בעזעם־מאַכערס שטיבל, וואָס איז אַזוי נידעריק, אַז דער שטרויענער דאַך ליגט כמעט ביי דר׳ערד. דערנאָך פּרווו איך אַן אַנדערן וועג, און נאָך אַן אַנדערן וועג, און נאָך אַן אַנדערן.

איך קען זיך נישט אָנזעטן מיט דער שיינקייט פון דעם באַרג, וואָס

## אונטער דער זון

איז העכער פון אַ סך העכערע בערג!... ווייל ס'איז מיין באַרג, אין מיין שטעטל, אין מיין יוגנט!

פונעם באַרג לויפן וואַסערן און זאָגן: „ווייסיך־וואָס, ווייסיך־וואָס!" אָבער דאָס בית־עולם פון אויבן זאָגט: „דאָס וויינען מיינע מתים פון אונטער דר'ערד אַפיר. היט זיך, זאָלסט נישט שטאַרבן".

נו, גיי היט זיך!

# משיח קומט אויף רעדלעך

— שוין געקומען די מאַשין?

— וואָסער מאַשין?

— וואָס הייסט וואָסער מאַשין? די שניידמאַשין...

— אָ! דאָס מיינסטו... מ׳זאָגט, אַז זי גייט שוין.

— זי גייט און זי גייט און ס׳איז נישטאָ אויף וואָס צו קוקן!

— ווייסיך! זי וועט נישט קומען.

— אַנישט קען מען דען שניידן תבואה מיט אַ מאַשין? גאַרנישט, מ׳האָט מיילער און מ׳רעדט!

— מ׳זאָגט דאָך אָבער פאָרט...

— מ׳זאָגט, מ׳שמאָגט... מאַלע וואָס זאָגערס זאָגן!...

— נו, מירן זען פאַרטיקערהייט.

אַזוי האָט זיך דאָס שטעטל געוועורטלט איבער דער „נייער מאַשין", וואָס דאַרף קומען פון ווין, און זי קומט נישט. פאַר וואָס קומט זי נישט? זי האָט שוין באַדאַרפט זיין דאָ...

אַלע פאַרנאַכט, אַז דאָס גרינע תבואה־ווינטל קומט צו גיין פון דאָרף און קילט אַ ביסל אָפּ דאָס פאַרשוויצטע שטעטל, צעשפּיליען זיך יידן די בעקעשעס, פאַרנעמען די בערד אויף אַ זייט — זיי זאָלן אַרויפלאָזן דעם ווינט אויפן האַרץ, און מיט איין האַנט אויפן הינטן, ווי אַ קליינער זאָטל פאַר דעם ליידיק־אַרומגיין, לאָזן זיך יידן אַרויס אַהינצעצו, צום ווינער וועג, פון וואַנען עס דאַרף קומען די „מאַשין" פאַרן פריצס הויף. מ׳קוקט זיך אַרויס די אויגן, מ׳שמעקט, צי עס הערט זיך נישט קיין „דאַמף". מ׳שמועסט, אַז ס׳קען געזיין אַז די מאַשין זאָל קומען מיט אייגענעם „דאַמף" — אַזוי ווי אַ באַן. און אַלע פאַרנאַכט לויפט מען צוריק אין גרויס איילעניש, נישט צו פאַרשפּעטיקן מנחה־ומעריב, און פאַר און צווישן און נאָכן דאַוונען הערט מען אַלץ „מאַשין", „פון ווין", „ווינער מאַשין".

— „וואָס ווין גיט אַרויס!?“.

— „זי גיט נאָך נישט אַרויס. כאַפּ נישט“.

— „זי׳ט געבן. אַזאַ גרויס שטיק גאָלד זאָל איך האָבן, ווי גרויס די מאַשין וועט זיין“.

— „אַז זי׳ט קומען. דערווייל קומט זי נישט“.

— „פאַר וואָס זאָל זי נישט קומען?“.

— „פאַר וואָס זאָל זי יאָ קומען?“.

— „אַ סך מאַשינען זענען שוין געקומען צו אונדז פון ווין?“.

— „בכן? אָבער אַ מאָל דאַרף דאָך קומען אַ מאַשין אויך, צי ניין?“.

— „מו־ווע, מו־ווע, מאָק. מ׳רעדט מיט דיר, אַז קומען וועט זי — נאָר נישט מער... און ער האַלט זיך ביי זיינעם!“.

— „אַ חכמה!“.

— „יידן, וואָס קריגט מען זיך? — מישט זיך אַריין דעם רבס פּוטערן קול. — אַז ס׳עט באַשערט זיין, אַז די מאַשין זאָל קומען, וועט זי קומען... אלא נישט... מה רעש? תולה ארץ על בלימה איז עפּעס מער קונץ ווי ווין, צי ניין? האַ?“.

דער שמש טראָגט אונטער דעם קלוגן רב די ראָזעווילקע, פאַרוואָרפט זי אים אויפן אַקסל. דער רב נעמט צונויף דעם שיינעם אַטלעסענעם בגד אין־דער־מיטן, אַזוי, אַז ס׳זעען זיך בלויז אַרויס די ווייסע יראה־שמימדיקע פינגער איבער דעם ערנסטן אַטלאַס — יידן גייען אַהיים, מיט דעם וואָרט „מאַשין“ אויף אַ ווינקל באָרד, אין אַ ווינקל אויג, אין אַ ווינקל געדאַנק.

די לבנה שטייט אַ גרינלעכע איבערן שולדאָך, הויערט איבער אונדזערע הייליקייטן און באַלייכט מיט איר צער דאָס אָרעמע שטעטל, וואָרפט אַזוינע פעדעם, וואָס קינדער קענען דערפון מאַכן אַ „שעטל־בעטל“, חתנים — עטרות פאַר טליתים, דערוואַקסענע יידן — שטריימלעך פון זילבער־סאַמעט, כלות — בייטשלעך מיט פערל.

וועט קומען די מאַשין? וועט נישט קומען די מאַשין? אַז די אייגענע זאָרג איז קליין און דערעסן, ווערט די פרעמדע, געבאָרגטע זאָרג — נאָענט, און מ׳שפילט זיך מיט איר אַרום ווי מיט יענעמס אַ פריילעך אייניקל, בעת דאָס אייגענע קינד וויינט אין וויגל...

## „גרינוויטש ווילעדזש"

נעכטן בין איך געווען אין „גרינוויטש ווילעדזש", ביי מיין פריינד דושקין.

דער מאַן איז אַ פרייער קינסטלער, אַ ווייכינקער, נישט צונויפגענר־מענער, מיט אַן אויסגעטראַכטן כאַראַקטער.

— איך האָב אַ כאַראַקטער, — זאָגט ער שטענדיק, ווען ס'קומט צו רייד וועגן דעם.

זיין גאַנצער „כאַראַקטער" רינט אַרויס דורך זיינע רייד. יעדעס וואָרט זיינס איז נישט גאַנץ, האָט אַ לעכל ערגעץ, און דאָס ביסל שכל וואָס איז דאָ אין דעם, רינט אַרויס.

מיט זיין „מיידל" לעבט ער פריי און נישט צוגעבונדן. זי אַרבעט. ער אַרבעט.ביידע אַנטלייען זיך כלומרשט איינס ס'אַנדערע אַ ביסל געלט, האַלטן כלומרשט חשבון פון די קליינע חובות. רעדן שטענדיק מיט אַ קרעכץ וועגן זייער „בריטקייט" אין געלטזאַכן, און שטילערהייט, אַן וואָסער־עס־איז אָפּמאַך, נאָר וויל ביידנס נאַטורן זענען פּראַקטישע, שפּאָרט מען אַ ביסל געלט, גרייט מען זיך צו צום ווייטן לעבן, פאַרפעסטיקט מען זיך אין דער שפּינוועבעדיקער זאַך, וואָס מען רופט „הייראַט".

— דינאַ, דינאַשאַ, גיב מיר אַ קוש! — בעט זיך כלומרשט דער מאַנסביל, אָבער מיינען מיינט ער ערנסט.

— היינט דאַרף איך קושן... לאָמיר זען וועמען? (זי פאַרטראַכט זיך) יאָ, הענרין.

— אַזוי גאָר! הענרין! און מיך ווילסטו נישט קושן?

— ניין, איך האָס דיך!

און זי קושט אים פון דעסטוועגן צוריק זייער געשמאַק.

ביידע הינקען אויף געזונטע פיס, ווייל לויט דעם געזעץ פון „נייעם קינסטלערטום" איז נישט שיין צו האָבן געזונטע פיס.

# אונטער דער זון

די שמינק וואַקסט אָבער ביסלעכווייז אַריין אין אונדזער בלוט. די קינסטלעכקייט ווערט נאַטור. דער שוישפּילער נעמט מיט זיך מיט די בינע, ווו ער גייט.

דאָ פּלאָגן זיך מענטשן אין נאָמען פון קונסט. פרויען גיבן זיך איבער צו נישט־באַטעמטע זינד, אָן דעם גרויסן זינד־געפיל וואָס הייליקט אין זיין פייער. דאָ ברענט מען אַפילו נישט און מען מיינט, אַז עס איז פּאַרלאַשן, דאָ בלישטשעט אַ מין קאַלטער פאָספאַר, וואָס מ׳שמירט אָן אויף ציפּער־בלעטלעך פון זייגערס — מ׳זאָל זען אין דער פינצטער וויפל דער זייגער האַלט.

דאָ איז טוכלע די פרייד, ברעקלדיק די האָפענונג, צונויפגעוואָרפן די אידעאַלן, און אויסגעמישט קונסט מיט מלאכה, חלומות מיט גראָשנס.

האָב רחמנות, גאָט, אויף די אָרעמע וואָס גייען שטענדיק צו־קינד און געבוירן קיין מאָל גאָרנישט!

*

דער „ווילעדזש" האָט אַ מאָל געהאַט אַ גרויסע נשמה, אַ פאַרבלוטיקט האַרץ, אַ האַנט, וואָס האָט זיך געצויגן צו דער ליכטיקייט.

אין די ענגע דאַכשטיבלעך זענען זיי געזעסן, די אַמאָליקע קינסטלער, און האָבן אַ גאָט געפורעמט אין זייער אייגענער יסורימדיקער געשטאַלט. היינט איז די „נשמה" אַרויסגעשטעלט אין די פענצטערלעך פון די קאַפייען: טוריסטן, קומט, זעט און שטוינט! קום, וואולגאַריאַן, פלעב, און שטעל זיך אַוועק טאָן דיין באַדערפעניש ביי דער וואַנט פון אונדזער בית־המקדש. ס׳קאָסט בלויז אַזוי־פיל־און־אַזוי־פיל! קום, טוריסט, און זע, ווי „קינסטלער" שיכורן זיך אָן, וואַרפן זיך מיט פלעשער, רייסן פון זיך די קליידער, רעדן גראָבע רייד.

— די מיידלעך?

— אָ! ווי דו סלינעסט, פרומער טוריסט! יאָ, דאָס זענען „קינסטלע־רינס"! — איינע רעדט פון פאַרגיפטן זיך, און זעצט זיך ביי דיר אויפן שויס. די אַנדערע באַליידיקט זיך, אַז דו רופסט זי „פריילין".

זי זאָגט: „איך בין שוין נישט קיין פריילין זינט דעם 14־טן אָקטאָבער

פון לעצטן יאָר. זשאַן האָט מיך אָנגעהויבן — דער אידיאָט. געמיינט אַז ער כאַפּט אַ מציאה. ווען איך וואָלט געווען אַ מאַנסביל, וואָלט איך קיין מאָל נישט געשלאָפן מיט אַ יונגפרוי. עס איז אַן אַרבעט, און קיין פאַרגעניגן איז דאָס נישט. סיידן פאַר איינעם, וואָס האָט מערדערישע אינסטינקטן״.

דער „טוריסט״ און „דרויסנדיקער״ זאַפּט אין זיך די ווערטער איין — אויף איבערצוגעבן צו באַקאַנטע אין אייגענעם שטעטל, ביים קאָרטנשפּיל.

אַנדערע פאַרשרייבן די „מערקווירדיקע״ רייד פון „קינסטלער״ און „קינסטלערינס״. באַמערקן דערביי נישט, אַז מ׳רעכנט זיי גוואַלדיק איבער פאַר דער שלעכטער קאַווע, אָדער זויערן קוואַס...

די ליכטלעך ברענען אויף די פענצטער. די שילד רופט: „בלאָער יקנהז״, „מעשענער לעמפּערט״, „די זיבן שוועסטער״, „די משוגענע קאַץ״. — מענטשן נייגעריקע, געלאַנגווײלטע, שטעלן זיך אָפּ, גייען אַריין, זוכן אויס די מאַנסבילן מיט די לענגסטע האָר: „קינסטלער!״. די אַמעריקאַנערינס, וואָס רופן זיך „סאָ־ני־אָ!״ און לאָזן דעם רויך דורך דער נאָז, שלעפּן די מאַנסביל־הענט צו זייערע בריסט: „קינסטלערינס״!

די ליכטלעך ברענען. נאַרן אָפּ מיט זייער נישט־אָנשטעל. אַלצדינג איז אַזוי שרייענדיק פּראָסט, אַזוי קינסטלעך דעמאַסקירט. אויף דער ערד זיצן מענער און פרויען און טרייבן מידע, קליינע אַרגיעס — ווילן זיך אָנשיכורן מיט קונסט... אָבער עס פאַרטשאַדעט בלויז דעם קאָפּ. דאָס האַרץ (אַפילו דעם פלעבס האַרץ) חלשט פון דער שווערער גראָשנדיקייט. אָבער ס׳איז אַן „ערפאַרונג״, ווי רויכערן האַשיש אָדער אָפּיום.

אמתע קינסטלער צירן זיך נישט מיט קיין קונסט. באַוואָפענען זיך אַפילו נישט מיט איר. זיי טראָגן זי ווי אַ לאַסט, ווי אַ הויקער.

*

דער „ווילעדזש״ האָט זיך זיינע באַגריפן וועגן קונסט, זיין קינדערשע מאָס.

— דזשאָן עלקוויל? — אָ, ער האָט „געטראַמפּעוועט״ איבער אַמעריקע, געפאָרן ביז לאָס־אַנדזשעלעס אויפן דאַך פון אַ פראַכט־צוג!

— אָט דאָס רוף איך זעלבסטאויסדרוק! אָנרירן דאָס לעבן מיט די אייגענע עלנבויגנס...

## אונטער דער זון

— דזשים טשאַראַש איז „באַנק"... אַ ווייס־העגטיקער. וווינט אין אַ באַקוועמער דירה. זיין לעצט בוך האָב איך אַפילו נישט געלייענט...

— דזשים רירט קיין מאָל נישט אָן דעם „עפּעס"...

אָט אַזוינע ווערטער ווי „אָנרירן ס׳לעבן", „דעם עפּעס", „זיך זעלבסט־געבן", זשומען פאַר די אויערן פאַרביי, ווי גרינע פליגן אין אַ פּלוצעם הייס־געוואָרענעם האַרבסט־טאָג.

דער נייער „ווילעדזש" שעצט די גרויסקייט פונעם קינסטלער לויט די צאָל מײַלן וואָס ער איז געפאָרן אויפן דאַך פון אַ פּראַכט־באַן. און די נייע וועגן אין דער שײַנקונסט! נישט מאָדערניזם, נאָר מאָדניזם.

דער זון, אַ הויכער שייגעץ מיט אַ שטאַרק פאַרפרישטשעט פּנים, מאָלט (און זייער שלעכט) נאַקעטע ווייבער, צעפּאָרענע, ברייטע, פליישיקע, וואַרפט־אָן איבערטריבן־שוואַרצע פלעקן לעבן בויך, מאַכט איבערטריבענע בריסט און הינטנס.

זיין מאַמע — אַ שיינע, עלעגאַנטע, עלטערע פרוי, מיט פּענסנע אויף אַ זילבער־קייטל, און מיט אַ פּתחדיקן ענגלישן אַקצענט, באַטראַכט איר זונס „ווערק" און זאָגט:

— פּרעכטיק!

און די געשענדעטע פרויען־שיינקייט, דאָס באַליידיקטע לייב, וואָס ווערט אַרויסגעשטעלט ווי אויף אַ פאַרבאַטן קאַרטל, ערגערט נישט די שיינע, אַלטע פרוי, מאַכט זי אַפילו נישט באַצערט.

אין נאָמען פון „קונסט" קומען ווילע, ריינע מיידלעך און פרויען און לאָזן דעם אידיאָטישן סקולפּטאָר טאַפּן זייער לייב, כדי „איינצוגעוווינען" זיינע פינגער צו אַנטוויקלען דאָס טאַפּ־געפיל וואָס ער האָט נייטיק פאַר זיין קונסט...

און דאָס איז אָפט אַ זיבעט־קלאַסיקער ליים־פּאַטשקער אָדער לייוונט־איבערפירער.

קונסט איז ווייבלעך. אַלע קינסטלער זענען אַ ביסל פאַרווייבלעכט. רייצט עס די מאָדערנע פרוי, וואָס איז אין נאַטור פאַרמאַנסבילט. גייט די פרוי צו זיך אַליין, דורך דעם קינסטלער. דאָס איז פערווערז און מיאוס, אָדער שיין און טראַגיש, ווי מען וויל!

# איינער פון דרויסן

קומט צו גיין יאָסל.

אַן אָפּגעריסענער, פון אַלצדינג אָפּגעבונדן, דערציילט מען פון אים, אַז נאָך דעם, ווי ער איז איבער דריי יאָר פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער היים (ער איז אַראָפּגעגאַנגען אויף אַ מינוט, אָן אַ היטל, אַרויפּכאַפּן אַ פּאָר פלעשלעך ביר), און זיין אַלטע מאַמע האָט זיך נעבעך אויסגעוויינט די אויגן, איז ער אַריינגעקומען שטיל, מיט גרינג־שאַרנדיקע שפּאַן, אַן אויסגע־גלייכטער (ווי ברויט־מיט־פּוטער וואָלטן געהאָנגען גלייך איבער דעם מענטשנס קאָפּ און מ׳וואָלט זיך נישט באַדאַרפט אָנבייגן נאָך דעם), און געזאָגט אויף זיין קינדער אויסשפּראַך:

— מאַמע, גיב מיר אַ שוויבעלע!

איז געקומען צו גיין יאָסל, וואָס אַלע האָבן גערופן יאָסל און נישט געקענט רופן אַנדערש ווי יאָסל — און אַריינגעבראַכט אין דער זוויעראַלעכער לופט פון קונסט און ווייבעריי אַ נייע פרישקייט, ווי אַן אָטעם פון אַ טאָל־געלן טומאַן, ווי אַ בלאָטיקע דאָרף־סטעזשקע פאַרשיט מיט דעם אָפּשייל פון בליעכץ.

יאָסל איז געווען אַ קינד ווי אַלע קינדער, פול מיט לוסטיקייט און שפּיל און ריינער נישט־ווייסנקייט, און די אויגן זענען ביי אים געווען ווי גרינע שפּיגעלעך — אין זיי האָט זיך געשפּיגלט די זון און די כמאַרע, די לבנה און דאָס אייגענע בלוט, וואָס ווערט משוגע פון גאָרנישט־טאָן.

יאָסל האָט געמאָלן און געזונגען, געטאַנצט און געשריבן — מיט גרויס פיינקייט און געשריבנקייט. יאָסל האָט בלויז געשוויגן איבער זאַכן, וואָס ער האָט גוט געוווּסט. קיין מאָל זענען די פינטעלעך אין זיינע לידער נישט געווען קיין מיטל צו פאַרדעקן אומבאַהאָלפנקייט. דאָס, וואָס ער האָט נישט געקענט — דאָס האָט ער געזאָגט. דאָס, וואָס איז געווען אוממעגלעך, — האָט ער אויפגעמאָלן.

יאָסל האָט ווי אַ קינד פאַרשטאַנען בלויז די טיפסטע זאַכן. און די קלענערע זאַכן, וואָס מענטשן גיבן אַוועק אַ סך צייט אויף אויסצופּאָרשן זיי, האָט יאָסל אָפּגעוואָרפן פון זיך. ווער איז געווען יוליוס צעזאַר? נישט זיין דאגה! וואָס איז ראָקאָקאָ־סטיל? פרעגט אים בחרם... ווער איז אַנאַטאָל פראַנס? — אָ, דער מיט דער יאַרמולקע!

דערפאַר אָבער איז יאָסל גרויס־פאַראינטערעסירט אין וויסן, וויפל מינוטן זענען פאַראַן אויף דער וועלט, ווי אַזוי גאָט נייגט זיך צו זיין אייגענער גרויסקייט, בעת ער שלעפט דעם כסא־הכבוד אויף זיין באַזוך צו אַן אַנדער גאָט...

אַלע האָבן יאָסלען ליב. ער איז גרינג און פאַרשטעלט קיינעם נישט! מ׳זעט דורך אים. די ליכטיקייט גייט דורך אים דורך — ווי דורך אַ גלאָז, און ווי אין אַ שפּיגל קענט איר אין אים אַריינשפּיגלען די רירונגען פון אייער אייגענער נשמה.

יאָסל טומלט זיך אויף אַ גרויסן שטח. פאַרמעסט זיך אויף אַלץ ווי אויף קינדערשפּיל. די קונסט ווערט ביי אים אַ זאַך, וואָס פורעמט דעם מענטש, גלעט־אים־אויס, זאַפּט איין אין זיך זיין ליידיקע צייט.

נישט מיט ציטערנדיקע קניען גייט ער צו דער קונסט. נישט מיט צעדיכנטע הענט און מיט קלאַפּנדיקע ציין, נאָר ווי צו אַ נאָענטער געליבטער, מיט וועמען מען האַלט זיך היימיש און פראָסט. און די אַנגעבלאָזענע „קונסטן" האָבן זיך אים געגעבן אויך אַזוי פראָסט, און אָן שום מי און אָנבעטעניש — ווייל אַפילו געטינס האָבן פיינט שוויס...

עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס קריגן אַלצדינג, וואָס זיי ווילן, דערפאַר ווייל זיי בעטן די גרעסטע זאַכן, ווי איינער בעט אַ שוועבעלע.

פאַרקויפערינס אין די עקסקלוזיווע געשעפטן פאַרשטייען דאָס.

— וואָס קאָסט דער טעפּיך?

— דער־אָ? (דאָס פריילײן טוט אָן די ברילן, קוקט כלומרשט דערויף, אָבער מ׳זעט, אַז זי זעט עס נישט — זי שמייכלט גאָר אַריבער צו דעם הער אויפזוער אַנטקעגנאיבער) דער טעפּיך וועט אייך קאָסטן, מיין הער, בלויז צוויי טויזנט דאָלער מיט פערצן סענט...

די „צוויי טויזנט דאָלער מיט פערצן סענט" ווערן אַרויסגעזאָגט מיט

אַזאַ גרינגשאַפּט, מיט אַזאַ נישטיקייט, אַז איר שעמט זיך צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ סך געלט! פאַרקערט, איז פאַראַן אַן אַנדערער, וואָס בעט ביי אייך אַ שוועבעלע מיט אַזאַ מינע, ווי איר וואָלט אים געטאָן די גרעסטע טובה, און איר פוילט זיך אים צו געבן דאָס שוועבעלע אויכעט.

יאָסל האָט געבעטן ליבע, ווי מ׳בעט אַ טרונק וואַסער, אָדער אַ פּאַפּיראָס:

— דו ווייסט, מיידל, עס ווילט זיך אַזוי שלאָפן מיט דיר, אַז ס׳איז אַ געוואַלד... האָסט צייט?

און דאָס מיידל האָט געקוקט אויף זיינע זומער־גרינע אויגן, אויף זיינע ערלעכע, שפּיציקע, ברייט־צערוקטע ציין, אויף זיינע הויכע פּיס, און זיך געשעמט אָפּצוזאָגן.

איך קען אַנדערע, וואָס צעכלינען זיך אין זייערע ליבעס, וואַרפן זיך אָן, רעדן גרויסע, שווערע רייד, בעטן די קלייניקייט מיט אַזאַ מינע, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּקויפן ארץ־ישראל, און דאָס ווייבספאַרשוין ווערט ביי זיך אַזוי גרויס, אַז מ׳קען צו איר נישט צוטרעטן.

# דאָס דייטשל

ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז „אַ דייטשל — מיט אַ בייטשל״, און דאָס בייטשל איז געווען נישט נאָר צוליב דעם גראַם אַלייך, נאָר טאַקע אַן אמתדיק קליין, שפּיציקע, סווישטשענדיק רייט־בייטשל.

געקומען איז ער אויף „דאַמף״, האָט מען געזאָגט, נאָר געגאַנגען איז ער ווי ער וואָלט געהאַט אַ פערד צווישן די ליטקעס, — הפּנים, געוווינט געוואָרן צו פאָרן אויף פערד און שפּרינגען אויף זאָטל־אַנהענגערס מחמת ער האָט כסדר אונטערגעטענצלט, ווי ער וואָלט זיך וועלן אויף עפּעס אַרויפכאַפּן.

דאָס בייטשל האָט ער געטראָגן אָדער אין איינעם פון זיינע געגלאַנצטע שטיוול, אַ נישט האָט ער דערמיט „געשמיסן די לופט״ (הפּנים, אַז אונדזער לופט איז אים נישט שטאַרק געפעלן, אַ סימן האָבן מיר, ער האָט געהאַט אַ רויטלעכע נאָז, וואָס ער האָט כסדר געריבן מיט דער פויסט, און ניסן פלעגט ער ווי אַ גרויסשטעטישער מענטש — אין דער זשמעניע אַריין).

די מאָדע פון ניסן אין דער זשמעניע אַריין, און דערנאָך אַ זאָג טאָן: „אַך, מיין גאָט!״ איז באַלד אַריבער צו די עלעגאַנטן פון שטעטל, צו די שניידער־יונגען (די שניידער־מיידלעך האָבן נישט געוווּסט אַקוראַט, צי איז די דאָזיקע „ווינער מאָדע״ בלויז פאַר מאַנסביל, צי פאַר פרויען אויך, האָבן זיי דערוויל געניסט אין די טאַשנטיכלעך אַריין, אָבער געענדיקט מיט „אַך, מיין גאָט!״ האָבן זיי סיי־ווי־סיי, אָנשטאָט מיט דעם אַלטן „האַפּ־טשי״).

דער „ווינער דייטש״ האָט געטראָגן אַ ברוינעם „קיסטאַנט״, אַ האַרט היטל, הייסט דאָס, מיט שטאַרק פאַרקאַטשעטע קריסעס, וואָס האָט זיך געענדיקט פון פאָרנט און פון הינטן אין אַ שיין לאַפּעטקעלע. אַ חוץ דעם האָט ער געטראָגן אַ געשטייפטע „ברוסט״ און אַ „שטייענדיקן קראַגן״, און — דער עיקר — געוואַלדיק גרויסע מאַנזשעטן, וואָס האָבן כסדר געוואָלט אַרויס פון די אַרבל, און ער פלעגט זיי כסדר שטופּן צוריק.

געקומען איז דער „ווינער דייטש״ צוליב דער מאַשין, וואָס האָט באַ־דאַרפט קומען און איז נישט געקומען. פאַרפאַרן איז ער פאַרפאַרן אין הויף אַריין, צום פּריץ, זיך דורכגערעדט מיט אים אויף דייטש, מיט דער הילף פון „געבזשע״ דעם עקאָנאָם, וואָס האָט געווייִנטלעך גערעדט דייטש „אויף אויסנווייניק״, און האָט נאָר אַרייַנגעשטעלט אַ פּתח אַנשטאָט אַ קמץ.

— די גאַנצע שטאָט וויסענזע, הערר פּאָגעלבראַנדט, איזט פּאַראיִנטע־רעסירט אין איהנענס אויפּטו... וואָס זאָגט דאַצו וויען?

דער „דייטש״ האָט אים אַלצדינג דערקלערט און דערביי חנעוודיק אַרויסגעשטעלט דעם גראָבן פינגער און דאָס מינדסטע פינגערל, ווי הערנער, און אַלצדינג פאַרענדיקט מיט „עבענדאַרום״ אָדער „אַ קליינינכקייט!״.

בעריש פּאָסעסאָר, אַן אַנגעטאָפּטשעטער שוואַרצבאָרדיקער ייִד מיט אַ ברייטער זילבערנער קייט אויפן קאָמיזויל האָט אויפגענומען דעם „דייטש״ ווי ס׳געהער צו זיין, האָט אים אַרייַנגענומען אין זיין סאַליע אַריין, פאַר־שלאָסן אַלע טירן, אַרייַנגערופן דעם עקאָנאָם „געבזשע״, אַוועקגעשטעלט אַ פּושקע מיט ברוינע ציגאַרלעך, אַליין פאַררויכערט איינס און מער ווי איין „צי״ נישט געגעבן (ער האָט נישט געקאָנט ליידן קיין רויך פון טיטון), געהאַלטן דעם פּאַפּיראָס צווישן די פינגער און געזאָגט:

— וויסענזי, איך מעכטע...

מער האָט ער נישט געקענט זאָגן.

דער „ווינער דייטש״ האָט זיך צעפּלאָמט... גענומען שטופּן די מאַנ־זשעטן אַזוי ווייט אין די אַרבל אַריין, אַז מ׳האָט געקענט מיינען, אַז זיי וועלן שוין קיין מאָל נישט קומען צוריק, און גענומען ריידן וועגן „נייעסטע אַנטדעקונגען אויף דעם געביטע דער וויסענשאַפט... די הערפאָררראַגענד הערויס־טריומפירן מעכטע... האַבען... ווערדען...״.

דער דייטש האָט געזוכט גרויסע ווערטער, געשוויצט, געשטופּט די מאַנזשעטן אויף צוריק, און אָפּגעענדיקט מיט אַן „עבענדאַרום״ און „אַ קליי־ניכקייט!״.

בעריש פּאָסעסאָר האָט געקוקט אויף „געבזשע״ דעם עקאָנאָם; „געבזשע״ דער עקאָנאָם האָט געקוקט אויף בעריש פּאָסעסאָר — ביידע האָבן נישט

געוווּסט ווי אַזוי „אַריינצוקליגעווען" אַ פּאָר ווערטער אין דעם דייטשס האַרטער עברי.

געוואָלט האָבן זיי אייגנטלעך וויסן, צי די מאַשין קומט? און ווען? און פאַר וואָס שפּעטיקט זי? אָבער זיי האָבן עס נישט געקענט זאָגן אויף דעם דייטשס לשון. אַחוץ דעם האָט דער „ווינער" זיך „געשאַרט ביים ברעג פון זאַכן" און אויסגעמיטן צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער אויף וואָסער־ס'איז פראַגע. אַפילו אַז מ'האָט אים געטראָפן אין גאַס און געזאָגט פון העפלעכ־קייט וועגן „אַ שיינער טאָהג הייטע!" פלעגט ער ענטפערן: „יאַ, איך גלאָוב עס!".

וואָס גלייבט ער? ווען גלייבט ער? און — וואָס האָט ער מורא מסכים צו זיין אַז ס'איז טאַקע שיין אין דרויסן? — האָט מען נישט געוווּסט.

*

און נאָך אַ פראַגע האָט געמוטשעט ס'שטעטל:

איז דער „ווינער" אַ ייד צי אַ גוי? אויב אַ גוי, איז ער אַ טייערער גוי ווי גאָלד, איז צוגעלאָזן צו יידן, הייבט אָפּ ס'היטל, ווען ער גייט פאַרביי די שול. אויב אָבער איז ער אַ ייד — מעג אַ רוח אין זיין טאַטן אַריין! וואָרעם, ערשטנס, איז ער נישט קראַנק צו רעדן ווי אַלע מענטשן! ס'אַנדערע, וואָס איז עס פאַר אַן אָפּהייבן ס'היטל אַז מען גייט פאַרביי אַ שול? און דריטנס, איז ער גלאַט אַ פּאַרך, אַ דייטשל וואָס רייט אויף אַ פערד — צעפּוסנס... און וויל זיך כסדר אויף עפּעס אַרויפכאַפּן... אפשר ווייסט איר: וואָס? ווער? ווען?

און וואָס טוט ער בכלל ביי אונדז אין שטעטל? און ווו איז די מאַשין? — וואָס זעט מען זי נישט? און אויב ער איז געקומען, ווי מען זאָגט אויף „דאַמף" — ווו איז דער „דאַמף"? און כ'מיין... ס'רעדט זיך אַזוי „אויף דאַמף". וואָס הייסט אויף „דאַמף"? אויף אַ פאַקרישקע? אויף אַ קוימען? אויף אַ שוויצבאָד?

דאָס שטעטל האָט „געטראַכט און געטראַכט", אָבער דער „ווינער דייטש" האָט דערווייל געלאַכט. ער האָט געגעסן און געטרונקען, געריטן אויפן פריצס בעסטע פערד, פאַרוואָרפן ליבעס מיט די בלייכסטע פאַניענקעס און די

לאַכעדיקסטע שניידער־מיידלעך, און דאָס שטעטל האָט אַלץ נישט געוווסט: זאָל מען אים בענטשן? צי שעלטן? אויב ער איז אַ גוי, איז גאַנץ פֿיין פֿון אים, וואָס ער פֿאַרברענגט מיט יידישע שניידער־מיידלעך אויך... אויב אָבער ער איז אַ ייד, דער סמאַרק, דאַרף מען אים געבן די ציין אין די הענט אַריין און אים אַרויסטרייבן פֿון דאַנעט... און אים נאָכוואַרפֿן דאָס היטל.

איז באַשלאָסן געוואָרן, מ׳זאָל — פֿאַרשן.

דער פּלאַן איז געווען אַזאַ:

מ׳וועט פֿאַרבעטן דעם דייטש אין שול אַריין, צום דאַוונען, און צוויי יידן וועלן האַלטן אויף אים אַן אויג, בעת ס׳וועט קומען צו שמונה־עשרה. איז — אויב ער איז אַ גוי, איז ער אַ גוי... איז פֿאַרפֿאַלן, איז ליהיי מ׳פֿאַרבעט אַ מאָל אַ גענעראַל אָדער אַ פֿעלדמאַרשאַל. פֿאַרקערט ווידער, איז ער אַ ייד, וועט ער מוזן צונויפֿרוקן די פֿיס... און רוקט ער צונויף די פֿיס — נעמט מען אים באַלד נאָכן דאַוונען אַרויס אין פֿאַליש אַריין, און מ׳גיט אים פּעטש.

דער „ווינער דייטש" האָט זייער העפֿלעך געדאַנקט, וואָס מ׳האָט אים פֿאַרבעטן צו „גאָטעסדינסט", האָט ווידער אויפֿגעהויבן ס׳היטל, אַז ער איז צוגעקומען נאָענט פֿון שול, האָט אַפֿילו געוואָלט אויפֿהייבן ס׳היטל אינעווייניק אויך, האָט מען אים דערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין טעמפּל, נאָר אַ סינאַ־גאָגע. „אַה!" האָט ער געזאָגט, „סינאַגאָגע? ריכטיק! עבענדאַרום!" וואָס ריכטיק? וואָס עבענדאַרום? — האָט מען נישט געוווסט.

האָט מען געוואַרט אויף שמונה־עשרה.

אָבער דאָ האָט פּאַסירט עפּעס אַזוינס וואָס האָט צונישט געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן, אַראָפּגעפֿירט פֿון שליאַך — היינו: אַז די צוויי שפּיאָנען האָבן דעם דייטש דערקלערט, אַז באַלד וועט ווערן שטיל, ווייל מען גייט זאָגן „די אַכצן געבעטע", וועלכע זענען זייער הייליק, האָט דער דייטש אַ זאָג געטאָן „אַך־זאָ!", האָט צונויפֿגעקלאַפּט ביידע פֿיס, ווי אַ סאָלדאַט, וואָס שטייט פֿאַר זיין עלטסטן, זיך אויסגעשטייפֿט, געוואָלט צולייגן אַ האַנט צו זיין שלייף, זיך פֿאַרכאַפּט, געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזענע צוויי לאַנגע הענט, געשטופּט די מאַנזשעטן אויף צוריק, און — מ׳האָט ווידער נישט

געוווּסט, צי האָט זיך אין אים אויפגעכאַפּט דאָס ייִדישקייט, און מ׳דאַרף אים אַרויסנעמען און געבן פּעטש, אָדער האָט זיך אין אים אויפגעוועקט די „מיליטערישע דערציִונג״, און ס׳קומט אים אַ דאַנק פֿאַר זײַן איידלקייט...

נאָכן דאַוונען האָבן די שפּיאָנען געפּרוּווט מיט אים פֿאַרפֿירן אַ שמועס וועגן מיליטער, וועגן „שטאַבס־אַרצט״, וועגן „שטאַבס־קאָמענדאַנט״, אָבער דער „ווינער״ האָט אַלץ געשמייכלט, געמוטשעט די מאַנזשעטן און זיך געהאַלטן ביים „ברעג פֿון זאַכן״. עבענדאַרום און אַך — זאָ!

# דער קונסט־קריטיקער

דאָן איז אַ ליטעראַטור־קריטיקער.

ער שרייבט אין אַ יידיש בלאַט וועגן גויים. האַלטן אים די גויים פאַר אַ גרויסן מענטשן. האַלטן אים די יידן פאַר אַ גרויסן מענטשן, ווייל די גויים האַלטן אים פאַר אַ גרויסן מענטשן.

אַ מענטש אַן עלנטער, זעלבסט־אַנגעשיכורטער — אפשר פון שלעכטע עסנס, אפשר פון צו־פריער איבערגעפלאַנצטקייט אין אַ פרעמדער ערד, ווו ער וואַקסט מיט די וואָרצלען אַרויף, איז ער כסדר אין עקסטאַז. אָ, בעבעלעך מיט קליסקעלעך! אָ, קונסט! אָ, קרייזלער! אָ, דינסטיק! אָן אָן „אָ" גייט עס ביי אים נישט.

איך האָב געקענט אַ כירורג, וואָס פלעגט רעדן פון געשווירן און קרעבסן — ווי אַ גערטנער רעדט פון בלומען:

— היינט געמאַכט אַן אָפעראַציע אויף אַ בויך־געשוויר. אַ פולער, פולשטענדיק־אַנטוויקלטער געשוויר... קאָלאָסאַל!

דער פאַציענט איז, פאַרשטייט זיך, געשטאָרבן. אָבער פאַר אים, פאַר דעם כירורג, האָט בלויז עקזיסטירט דער געשוויר. דער מענטש איז בלויז געווען אַ מין צוווּקס צום געשוויר. האָט ער אים אָוועקאָפערירט...

אָבער דער געשוויר איז געווען געראַטעוועט. קאָלאָסאַל!

דאָן איז הויך און היציק־רירעוודיק, און רעדט בלויז פון שיינקייט, פון עסטעטיק, דאָס וואָרט גראַציע קלינגט אויף זיין פוילישער אויסשפּראַך, כמעט אַזוי ווי גראַשיצע... — גראַטשיעז.

אַלצדינג איז גראַטשיעז.

פרויען האָבן אים ליב — ווי אַ גוטן תירוץ. אויף אים איז קיין מאַנסביל נישט אייפערזיכטיק. עפּעס גלייבט זיך נישט, אַז אַ חוץ קונסט־פיבער זאָל זיך קענען אין דעם מילכיקן קערפּער טליען אַנדערע פייערלעך אויך.

דאָן פאַרבינדט די יידן מיט די גויים. פאַרקניפּט „גרינוויטש ווילעדזש"

מיט „איסט־בראָדוויי" — קען די גרויסע נעמען פוןביידע קוואַרטאַלן. קען אַ ביסל זייערע אַרבעטן, זייערע רעפּוטאַציעס.

דאָן איז נעבעך אַן אָרעמער בחור, אַן עלנטער, דאַרף אָפּט האָבן אַן אַקסל, אויף וועלכן זיך אויסצוויינען. אָבער די גרויסשטאָטערייִ האָט אים אויפגעפּרעסן, צעטומלט. ער קען נישט קומען צו זיך פון דעם פאַקט, וואָס אויף בראָדוויי קענען עטלעכע מענטשן זיין נאָמען. אַ שקלאַף פון ווייסן בלימל אין לאַץ, אַ קנעכט פון... עסטעטיק.

אין קיין ליטעראַטור אין דער וועלט שעמט מען זיך נישט אַזוי מיט דער קליינשטעטלדיקייט, ווי ביי אונדז.

אַ קליינשטעטלדיק פאָלק, אַ זאַפּטיקס, מיט אַ שפּראַך, וואָס איז נאָך נישט איינגעקוועטשט געוואָרן אין האַרטע פורעמס, ווי אַן ענגער שוך אויף אַ לייסט. אַ שפּראַך אַ פרייע, נישט פון אוניווערסיטעטן געפּאַלמעסט, נישט אין פעסטע געזעצן איינמאַרינירטע. אַ נאַקעטע, אַ באַרוועסע, אַ באַקוועמע, טאָפּל־זייטיקע, נישט־אָפּגעריבענע שפּראַך — שעמען מיר זיך מיט איר פּשוטקייט, פּוצן מיר זי מיט פרעמדלענדישע קווייטלעך, טרייסלען מיר פון זיך שטענדיק דעם שטויב פון דעם קליינעם שטעטל, שטעלן מיר שטענדיק אַרויס אונדזער גרויסשטעטלדיקייט — ווי די גרעסטע מעלה, די העכסטע דערגרייכונג.

אָבער דאָס איז דאָך אַ ליגן: אין אַ שטעטל וואַקסט מען אַריין, שלעפּט מען עס מיט זיך וווהין מ׳גייט, ווי אַ בלאָ „געדענקמירל", אין וועלכן לאַנד אַריין מ׳ווערט פאַרוואָגלט.

אָבער — אַ גרויסע שטאָט איז דאָך ענטוועדער אַ סך קליינע שטעטלעך, אָדער בלויז אַ וואָרט.

דאָן זעטיקט די פאַרפּעלטע יינגל־פרייד מיט קוקן אין פרעמדע פענצטער, ווו גרויסע צוקער־טאָרטן ליגן אויפן טיש, און ווו וואַקסליכט זענען מקריב זייערע האָניקדיקע נשמות...

דאָן לעבט מיט אַ פרעמדער, אויסגעטראַכטער רייכקייט, מיט אויסגעלערנטע „גרויסע מאַניערן" און — האַלט פון דעסטוועגן ס׳קעמעלע אין וועסטל־קעשענע און גיט זיך אַלע ווײַלע אַ קעם ס׳ביסל בלאָנדע האָר אויפן קאָפּ.

דאָס איז שוין גאָרנישט קיין „גוטער טאָן"! — אָבער דאָס אייגענע פויליש־יידישע בלוט האָט אַפּנים אויך אַ קול, און ס'וויל מ'זאָל עס אויסהערן.

דאָן האָט מיך פאַרבעטן צו קומען איבערשלאָפן אַ נאַכט אין זיין צימער, טרינקען זיין איטאַליענישן „טשיאַנטאַ", רייכערן זיינע זייער לאַנגע אויסלענדישע פּאַפּיראָסן, אַ קוק טון אויף זיינע ביכער, וואָס ליגן אין אַלע ווינקלען פון צימער, און — זיך דורכשמועסן מיט מיר וועגן די אַמאָליקע יאָרן, ווען מיר זענען נאָך געווען ייִנגלעך און די וועלט האָט אונדז נישט געקענט.

אַלע ווייסן, אַז זיך דורכשמועסן וועגן די אַמאָליקע יאָרן שמעקט מיט „קליינעם שטעטל", ווו איינער קוקט דעם אַנדערן אין טעפּל אַריין, און ווו הערצער זענען צעשפּילט — דעש־ניע־דעש פאַרדעקט מער ווי מיט א י י ן העמד.

אָבער מענטש איז מענטש, און זיך אַליין אויפהייבן ביי די אויערן — קען מען נישט.

מיר האָבן געטרונקען „טשיאַנטאַ" (עקלהאַפטער פּעפערדיקער וויין), גערייכערט די זייער לאַנגע פּאַפּיראָסן (עקלהאַפטע עסטרייכישע פּאַפּיראָסן), דורכגעקוקט דעם „פּאַליש" זיינעם מיט ביכער אין אַכט־ניין לשונות, זיך אָנגעשמועסט צו־זאַט וועגן די אַמאָליקע יאָרן, סענטימענטאַל געוואָרן, שיכורלעך זיך געקלאַפּט איינער דעם אַנדערן אויף די פּלייצעס, זיך שיער נישט צעקושט... און אַלץ גערעדט און גערעדט וועגן דער צייט, ווען די וועלט האָט אונדז נאָך נישט געקענט.

דאָן האָט מיר געוויזן אַ פאַרגעלט קאַרטל, וואָס איז — ווער ווייסט ווי לאַנג שוין — געלעגן אויפן געזימס פון קאַמין. ער האָט אָפּגעבלאָזן דעם שטויב און געוויזן אויף דער לינקער זייט פון וויזיט־קאַרטל אַן אָפּגעלאָזענע אויפשריפט:

„ליבער פריינד ד.,

אויב איר האָט אַ געלעגנהייט, קומט־צו, אָדער קלינגט־אָן, איך מוז איך זען".

געחתמעט איז געווען אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן גוייִשן קריטיקער.

## אונטער דער זון

דאָס איז געווען דאַנס טרייסט, זיין שטאָלץ. דער קריטיקער פון דער „טיימס״ — שרייבט אים, ער זאָל קומען אָדער אָפּקלינגען...

און אַ מאָל איז געווען אַ צייט ווען די וועלט האָט אונדז גישט געקענט!

פאַרן שלאָפן־גיין האָט מיר דאַן (ווי אַ מיידל) געוויזן זיין גאַרדעראָב. באַלעבאַטישע אַנצוגלעך, שטייף־געמאַכט, מיט אַ פיינער גראַמאַטיק — קאָרעקט, „קאָם איל פאָ״.

— מיין גאַרדעראָב! איך טראָג נישט קיין טאַנדעטנע קליידער — ס׳איז נישט שיין...

אַז ער האָט אַ שלעכטע פיגור, און אַז טאַנדעטנע שניידער נעמען געוויינטלעך אָן, אַז דער מענטש איז באַשאַפן אין גאָטס שיינער פורעם — דאָס האָט ער נישט דערמאָנט.

די פּראָקלעך, די „סמאָקינגס״ און די עטלעכע פּאָר שיך האָבן פאַרנומען ס׳בעסטע אָרט אין צימערל, און אַ שפּאַניש וועגטל האָט פאַרשטעלט אַן אָפּגעריבענעם, זשאַווערדיקן באַסיין אויף איינצוואַשן זיך.

הינטערן בעט איז (ווי אין אַלטמאָדישע פּאַנסיאָנען) געשטאַנען אַ טאָפּ און געוואָרנט דעם מענטשלעכן מין, אַז ער זאָל נישט זיין שטאָלץ.

ווען מיר זענען ביידע געווען אויסגעטאָן צום שלאָפן, האָב איך באַמערקט ווי דאַן טראָגט צוויי האַלבע שטיקלעך אונטערוועש פון שלעכטן געוואַנט און פון צוויי באַזונדערע פאַרבן.

זיין לייב איז געווען בלויז ערטערווייז האַריק, די פיס אויבן צו דיק, אונטן צו דיך, און אין גאַנצן איז ער געווען ווי אַ מענטש, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון אַלערליי שטיקלעך קנופּן.

— אָ..., ליטעראַטור!... אָ, טשיאַנטאָ! די אַמאָליקע יאָרן! אָ, בראָדוויי!

דאַן איז געווען שיכור פון זיך אַליין און פון דעם פעפערדיקן שלעכטן וויין. ער האָט געפּלוידערט, ווי אַ מיידל, וואָס האָט צום ערשטן מאָל געטרונקען אַ שאַרפן געטראַנק.

דאַן האָט דערציילט פון זיינע דערפאָלגן ביי פרויען. געפרעגט צי איך ווייס נישט פון עפּעס אַן אַדרעס, און צי ס׳איז אמת, אַז עס זענען פאַראַן אַזוינע מיטלען, וואָס מ׳קויפט זיי אין אַ פּאַפּיראָס־פּאַרעם?

דערנאָך האָט ער דערציילט פון זיין באַקאַנטשאַפט אין מיליאָנערסקע הייזער, געוויזן אַ בילד פון אַ רייכער יורשטע, מיט וועלכער ער האָט שיער־שיער חתונה געהאַט, נאָר דער פאָטער אירער האָט נישט געוואָלט קיין ייד פאַר אַן איידעם.

— נו, ב י ן איך אַ ייד! — האָט ער האַלב־שיכורלעך געוויינט, זיך מיט איין האַנט געקלאַפּט אין האַרץ אַריין, און מיט דער אַנדערער צוגע־האַלטן די שטיקלעך גאַטעס — נו, ב י ן איך אַ ייד! קומט מיך דערפאַר נישט אַריינצולאָזן אין דער הויכער געזעלשאַפט? האַ?

איך האָב אים באַרויִקט, געהייסן אים לייגן זיך אין בעט אַריין, גע־פרעגט, צי זי איז טאַקע אַזוי רייך?

— רייך נישט, אָבער אַ צוויי מיליאָן דאָלער האָט זי געהאַט.

שפּעטער האָב איך אים געהערט זיך וואַרפן אומרויִק אין שלאָף און מורמלען ווי אַ פאַרלוירן קינד:

— מאַ־מע... מאַ־מע!

אין דער פרי איז ער אַריין אין פראַק, זיך באַשפּריצט מיט קעלניש וואַסער, אַריינגעשטעקט אַ ווייס בלימל אין לאַץ, געזאָגט: „אַ רעוווּאַר!", גענומען ס'שטעקעלע און איז אַוועק — אויף בראָדוויי.

דאָרט ווייסט קיינער נישט, אַז ביי נאַכט וויינט ער פון שלאָף און רופט: „מאַ־מע!".

# די מאַשין קומט

די מאַשין קומט נישט און קומט נישט און קומט נישט.

ס׳שטעטל גייט אַרום ווי אָפּגענאַרט. אַפילו די זומערדיקע פאַרנאַכט־ווינטלעך לויפן פאַרביי, עפּעס אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט, וואָס די מאַשין קומט נישט.

איך אַליין גיי אַלע נאַכט אַנטקעגן דער מאַשין — אויפן „ווינער וועג״ — לויף פאַרויס פאַר אַלעמען, ווייל דער „ווינער וועג״ פירט פאַרביי סורטשעס שטיבל, וווּ ס׳שטייען „בלומענדיקע הערצלעך״ אין זייער גערטנדל.

אַז איך דערנענטער זיך צו דער שטוב, פיל איך, אַז ס׳ברענט מיר אַן אַקסל, אָדער אַ פיס איז מיר שווער, אָדער אַן אויער פלאַמט מיר. פון אַלע זייטן פישטשען די פייגל פון די ביימער אַראָפּ און פאַרדולן דעם קאָפּ — מ׳קען נישט הערן, צי סורטשע רעדט דאָרט אינעווייניק צי נישט.

אַ מאָל כאַפּ איך אַ ברעקל קול — אפשר איז דאָס סורטשעס, אפשר איר מאַמעס. איך לייג עס איבער אין געדאַנק אַ סך מאָל, לאָז עס איבער־קלינגען, ביז ס׳ווערט אַ ליד, וואָס רוישט און רעשט און צעברעכט.

אַז איך גיי צוריק, בין איך בייז אויף „ווין״ און אויף דער מאַשין — פאַרברענט־זאָל־זי־ווערן, וואָס זי קומט נישט! און פון גרויס ביטערקייט גיי איך אַ שטיקל וועג אַהיים אויף דער שמאָלער פאַרענטשע, וואָס איבער דעם וואַסער־בריקל, און באַלאַנסיר זיך מיט ביידע הענט ווי אַ דראָטן־גייער. צום סוף וואַרף איך אַריין ס׳היטל אין וואַסער אַריין, לאָז עס אַ ביסל שווימען, און גיי אים נאָך — אויף דער פאַרענטשע, ביז איך קום צום סוף פון בריקל, גיב איך אַ שפּרינג אַראָפּ, לויף צו צום וואַסער, ראַטעווע ס׳נאַסע היטל, ווי אַ דערטרונקן הינטל, קוועטש עס אויס, און — גיי אַהיים אַ דערצאָרנטער, מיט אַ נאַס היטל...

# דער פעטער איציק

מיין פעטער איציק איז אַ הויכער ייד, מיט אַ בערדל, די פאַרב פון אַלטן קופּער. גייט גלייך און שטאָלץ. קרימט איבער מענטשן, ווי אַ קאָמע־דיאַנט. האַלט זיך זייער ציכטיק און — פון וואָס ער לעבט, ווייסט מען נישט.

קיין ווייב האָט נישט מיין פעטער איציק. — געהאַט אַ מאָל אַ ווייב, זאָגט מען, האָט זי „געקניפּן" ס׳ברויט אַנשטאָט צו שניידן עס מיט אַ מעסער, און פלעגט שטענדיק קייען ראַזשינקעס — פון פאַרטעך אַרויס. האָט דער פעטער איציק געשריבן בריוולעך אַהער און בריוולעך אַהין. גענומען שטאַרק הוסטן, נישט געוואָלט זיך אָפּווישן די הענט אָן דעם זעלבן האַנטעך, וואָס זי האָט זיך געווישט אירע הענט. גערופן זי איוואַ־נעכע (דאָס איז געווען אַזוי פאַרצויגן פון חוה־נעכע). און זי, זאָגט מען, איז געשטאָרבן נאָך אים, פלעגט נישט פאַרשטייך, וואָס איז דער חילוק צי „מ׳קנייפּט" ס׳ברויט, צי מ׳שניידט ס׳ברויט, אַז סיי־ווי־סיי עסט מען עס אויף? צוליב אים האָט זי זיך אַפילו געקויפט אַ „סטאַניעקל מיט אַ הויך זאָטל", וואָס איז אין יענער צייט געווען שטאַרק אין מאָדע. פלעגט זיך לייגן שלאָפן מיטן שייטל אויפן קאָפּ, ווייל דער פעטער פלעגט נישט קענען ליידן אירע אָפּגעשוירענע האָר — אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דער פעטער איציק האָט זיך איין מאָל מיישב געווען און זיך אַוועקגע־שטעלט לעבן בעט און האָט גענומען — קרייען. האָט זיך דאָס ווייבל שטאַרק דערשראָקן און צונויפגערופן מענטשן. זענען די מענטשן געקו־מען צו לויפן און געפרעגט: וואָס איז געשען? האָט דער פעטער איציק געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט פון גאָרנישט. ער איז ערשט אַהיימגעקומען. זענען די מענטשן אַוועק און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. אַזוי גיך ווי די מענטשן זענען אַוועק, האָט דער פעטער זיך אַוועקגעשטעלט ביים בעט און ווידער גענומען קרייען. האָט זי ווידער צונויפגערופן די מענטשן.

האָבן די מענטשן געפרעגט: „וואָס איז?" האָט דאָס ווייבל געזאָגט: „ער קרייעט". האָט זיך דער פעטער צעלאַכט און געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וואָס מ'טוט מיט איר; זי האָט זיך איינגערעדט, אַז ער קרייעט. האָבן די מענטשן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זענען אַוועק. האָט דער פעטער ווידער גענומען קרייען. האָט זי ווידער צונויפגערופן מענטשן. האָבן די מענטשן געזאָגט: „וואָס טוט זיך דאָ?" האָט דער פעטער געענטפערט סקלאַדנע:

— נו, איר זעט שוין מיין אומגליק!

האָבן די שכנים אַוועקגעשריבן צו אירע טאַטע־מאַמע, זענען זיי געקומען צופאָרן און זי געגלעט איבערן קאָפּ, מיט איר איינגעטענהט, אַז ס'איז חלילה גאָרנישט, ס'וועט פאַראיבערגיין. דאָס ווייבל האָט זיך נעבעך זייער דערשראָקן פון זייערע טרייסט־ווערטער און נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז גאָרנישט און וואָס וועט איבערגיין.

דער פעטער האָט דערווייל געקראָגן אַ גט.

פון דעמאָלט־אָן וווינט ער אַליין אין אַ ווייס־אויסגעקאַלכט שטיבל מיט באַטיסטענע פאָרהענגלעך. דאָס שטיבל איז פינקלדיק ריין, האָט אויף זיך צייכנס פון די אויפפּאַסנדיקע הענט פון אַ פרוי, — אָבער ווער, וואָס, ווען? — ווייסט מען נישט.

שטילערהייט שמועסט מען, אַז דער פעטער „פירט אַ ליבע מיט ברעזשאַן" — דאָס הייסט מיט אַ פרוי וואָס וווינט אין ברעזשאַן... און נאָך אַ ליבע, זאָגט מען, פירט ער מיט מאַריאַשען, וואָס וווינט אין קליינעם הייפל און פריינדלט זיך מיט די זשאַנדאַרן, און האָדעוועט קעץ, און גייט מיט די אייגענע האָר.

דער פעטער אַליין — זאָגט גאָרנישט. אין זיין שטיבל שמעקט שטענדיק געברענטע קאַווע און עפּעס אַן איידעלער גערוך פון דייטשע ביכלעך, און נאָך עפּעס אַ באַרוישנדיקער דופט: דער דופט פון עפּעס פאַרבאָטנס, פון אַ גרויסער זינד, פון אַ געגנבעטן אוצר...

דער פעטער רעדט ווייניק. נאָר פון צייט צו צייט פרעגט ער מיך, צי איך האָב געהערט פון אפרים לעסינג? ער גיט מיר אַ ביכל און הייסט מיר אויסלערנען די „גלאָקע" אויף אויסנווייניק. און די ציין דאַרף מען

זיך פּוצן מיט אַ בערשטל איינגעטונקען אין זאַלץ. און אַז מ׳גייט, דאַרף מען אַרויסשטעלן די ברוסט אַזוי־אַ; און רעדן דאַרף מען אַזוי־אַ: נישט „קחאַ״, נאָר „חאַ״, „חחאַ״.

דער פּעטער האָט פֿיינט יידן — מיט דער גאַנצער ליבשאַפט פון אַ משכיל, וואָס מיינט, אַז אַלצדינג וואָס ס׳פעלט דאָס פאָלק ישראל צו זיין מיט לייטן גליך איז: עס זאָל זיך אויסקעמען באָרד און פאות, אויס־שטעלן די ברוסט און אַרויסרעדן אַ ריינע „חאַ״.

— לעב, מיין קינד! — זאָגט צו מיר דער פעטער — דאָס לעבן איז נישט קיין אָפּקומעניש, נאָר אַ פרייד... פאַרשטייסט? אַן אָפּקומעניש איז דער טויט — דער רוח זאָל אים נעמען. דאָס מענטשלעכע לעבן איז צו קורץ פאַר אַזאַ לאַנגן טויט. אָבער דו ביסט נאָך צו יונג צו פאַרשטיין. גיי, נעם בעסער ס׳בערשטל און פוץ זיך אָפּ די שטיוועלעטן. זיי נישט קיין „האַלעדריזניק!״.

איך נעם ס׳גלאַנץ־בערשטל, פוץ מיר די שיך, און שפיי אַרויף אויפן בערשטל עס זאָל מערער גלאַנצן.

— וואָס טוסטו? — דערשרעקט זיך דער פעטער, — האָסט שוין אויך אַ יידישע טבע צו שפייען?... פּע! אין שפייעכץ איז פאַראַן באַצילן. אַלע קראַנקייטן אויף דער וועלט נעמען זיך פון באַצילן.

און דער פעטער נעמט זיך מיר דערקלערן אַקוראַט דעם שכל פון קראַנקייט, ווי יעדע קראַנקייט האָט איר „ווערעמל״, און ווי איין „ווערעמל״ עסט אויף דאָס אַנדערע „ווערעמל״. ביטער איז נאָר מיטן לעצטן „ווע־רעמל״ וואָס ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל עס אויפעסן.

עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ. עס שווינדלען מיר די אויגן — די געפוצטע שטיוועלעטן. איך דערפיל אין מיר די „ווערעמלעך״ — דאָס לעצטע „ווערעמל״ הויערט אויף מיין יונג לעבן... — וואָס האָט צו מיר דאָס ווערעמל? איך וויל נאָך לעבן און ליב האָבן סורטשען.

און איך לויף אַהיים און צעוויין זיך.

## דער זיידע איז געשטאָרבן

איך האָב געהערט אַ סודען זיך. די באָבע האָט געגוואַלדעוועט. אַ מאָל זייער הויך. אַ מאָל זייער נידריק. ווען איר געשריי האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרלאָשן ווערן, פּלעגט עס אויפּסניי געבן אַ פּלאַקער־אויף און שניידן מיין יונג האַרץ.

איך בין געווען אין אַן אַנדערער העלפּט שטוב. — דעם מת האָב איך נישט געזען. אָבער איך האָב געפּילט די נאָענטקייט פֿונעם מלאך המות, און איך האָב זיך געשראָקן, ער זאָל נישט מאַכן קיין טעות און אַ שניט טאָן מיט זיין חלף איבער מיין דינעם האַלדז. איך האָב זיך כסדר צוגעהאַלטן דעם האַלדז מיט דער האַנט (כאָטש איך האָב סיי־ווי־סיי געטראָגן אַ שאַליקל), פּלעג זיך אַרויסגנבענען פֿון שטוב מיט אַ תירוץ, אַרויסדרייען זיך אויף די פּעלדער אַרויס, און — טיף אין מיר האָט עפּעס געוויינט און געפֿרייט זיך. געוויינט — וואָס דער גוטער זיידע וועט שוין מער נישט זיין, און געפֿרייט זיך — וואָס איך לעב! מער, ווי דער צער אַליין, האָט מיך צעבראָכן די דערוואַרטונג פֿון די אַלע פֿריקרע און פֿרעמדע זאַכן, וואָס האָבן צעשטערט מיין רו. און ווי אַזוי וועל איך קענען נאָכהאַלטן אין געוויין מיט דער באָבע? איך האָב מיך געשעמט צו וויינען, געוווּסט, אַז ס׳פּאַסט נישט פֿאַר אַ יונג יינגל צו מאַכן גרויסע גוואַלדן. און וויינען שטילערהייט האָב איך מורא געהאַט, אַז מ׳וועט מיך נישט באַמערקן אינעם גרויסן יום־טוב פֿון צער און אַז איכ׳ל בלייבן עפּעס ווי אַ פֿרעמדער...

ברענגען געוויין צו אַ טויטנס בעט, איז ווי ברענגען לעקעכער צו אַ קימפּעטאָרין. וואָס גרעסער דער געוויין, וואָס גרעסער דער לעקעך — אַלץ חשובער דער גאַסט.

דער טויט וויל באַדינט ווערן, וויל, מ׳זאָל אים אָפּגעבן כבוד, באַווייזן,

אַז מ׳שרעקט זיך פאַר אים. הערט זיך אויף שרעקן פאַרן טויט, קוקט זיך נישט אום אויף אים, און ער וועט קיין מאָל נישט קומען צו אייך.

ביז היינט גלייב איך, אַז ווען דער מענטש זאָל נישט אויפהערן צו וועלן לעבן, וועט אים דער טויט קיין מאָל נישט קומען נאָענט. וואָס איז קראַנקייט? — אַ מיטל אונטערצוקויפן דעם ווילן, אים פייניקן, ביז ער וועט זאָגן: „נו גוט, איך גיב זיך אונטער״.

דער באַווייז איז, אַז דאָרטן, ווו דער ווילן איז שוין סיי־ווי־סיי צעפאַלן פון אַלטקייט, דאָרט קומט דער טויט גרינג און אָן שום יסורים. פאַרקערט, איך קען אַלטע מענטשן ביי וועמען עס האָט ביסלעכווייז זיך צעוויקלט אַ ווילדע גלוסטונג צום טויט — אַ תאווה...

מען האָט געטומלט און געוויינט. דאָס גאַנצע אָרעמע שטעטל איז געווען פול מיט מת. דער געקעסטלטער בית עולם אויבן אויפן באַרג האָט אַראָפּגעשמייכלט אין נחת... מענטשן מיט אָנגעוויייטיקטע הערצער, מיט אייגענע צרות און יסורים, וואָס שעמען זיך אָבער פאַרגיסן טרערן, האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און זיך גוט אויסגעוויינט. איך אַליין האָב בלויז געזען דעם גרויסן סוד אַרום דעם סוד... פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע קערט זיך אום צו דער ערד, און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ווו איך וועל איצט אַ טרעט טאָן אויף דר׳ערד, וועט עס ווי טאָן דעם זיידן...

פאַר דער לוויה, איידער מ׳האָט „געריררט ס׳מת״, האָט מיך דער פעטער איציק אַוועקגעפירט צו סורטשעס טאַטע־מאַמע אין שטוב אַריין, מיר אָנגעזאָגט אויפן וועג, איך זאָל נישט וויינען. „נאַטורגעזעץ״ האָט געזאָגט דער פעטער. „מירן אויך שטאַרבן״! וואָס דאָס איז פאַר אַ טרייסט, וואָס „מירן אויך שטאַרבן״ — האָב איך נישט פאַרשטאַנען. — פאַרקערט, איך האָב זיך צעוויינט אויפן קול אין מיטן גאַס, און דער פעטער האָט מיר געווישט די אויגן און די נאָז מיט זיין רייין, ווייס טיכעלע, האָט מיך געהייסן אָטעמען טיף און טראַכטן פון שילערס „גלאָקע״. „ביל־דונג״, האָט געזאָגט דער פעטער איציק, און זיך פאַרטראַכט צו מערב־זייט, „בילדונג באַזיגט דעם טויט... ביכער פון גרויסע דענקער זענען אומשטערבלעך״.

וואָס קומט מיר אַרויס דאַפון, וואָס די ביכער פון גרויסע דענקער

## אונטער דער זון

זענען אומשטערבלעך, אַז מיר אַליין טוט ווײ דער קאָפּ און אינעווייניק אין בריקל פון נאָז שטעכט ווי מיט שפּיזלעך, און איך בין אַזוי שלעפּע־ריק און מיד ?!...

מיר זענען צוגעקומען צו סורטשעס שטוב.

— דאָ זאָלסטו זײַן, ביז וואַנעט מ׳עט דיך רופן! — האָט געזאָגט דער פעטער, — און פיר זיך נישט אויף ווי קיין באַבעצע. דו ביסט אַ מאַן!

דער פעטער האָט מיר צום ערשטן מאָל אין לעבן דערלאַנג די האַנט, ווי זײַנס גלײַכן. איך האָב זי געוואָלט אַ קוש טאָן, נאָר ער האָט זי צוריק־געכאַפּט פאַרשעמט און געזאָגט:

— נו־נו, ס׳איז גוט! ס׳עט זײַן גוט! גיי אַרײַן, פאַרברענג אַ ביסל מיט סורטשען.

## ביי די ברעגן

ווער ווייסט פֿאַר וואָס? אָבער די נאָענטסטע צוויי מענטשן זענען שטענדיק די, וואָס ווינטשן זיך איינע ס׳אַנדערע דעם טויט — און האָבן מורא אַליין עס אויסצוזאָגן. געליבטע ליגן אין בעט און טראַכטן אָפֿט (ווען זיי האָבן זיך שטאַרק־שטאַרק ליב) ווי אַזוי זיי גייען צום קבר פֿון דעם „כנגד", און ברענגען בלומען און וויינען.

ערגעץ טיף אין אונדז ליגט שטענדיק אַ צונויפֿגעקאַרטשעטער, אַ פֿאַרשעמטער, אַ נאַקעטער, דער קליינער ווונטש איבערצולעבן דווקא דעם נאָענטסטן, דעם געליבטסטן.

אין אַזאַ מינוט קושט מען „זי" שטאַרק, כדי צו פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר דעם מיאוסן געדאַנק... און מען רופֿט אַרויס אַ טיפֿן רחמנות צו דער מיטשלעפּערין, וואָס וועט נעבעך שטאַרבן די ערשטע, און מירן מוזן זוכן אַן אַנדערע. (דער כוח הדמיון וואַנדרעוועט שוין איבער אַנדערע שטעט און לענדער, זוכט אויס פֿאַרגעסענע ליבעס, נישט דערגרייכטע...)

אין דער גרויסער סומע פֿון לעבן זענען די ציפֿערן נישט דאָס, וואָס זיי זענען. ווען אונדזער ליבע צו זיך אַליין גייט אַריבער די ברעגעס, דאַרפֿן מיר אַ נייעם קרוג פֿאַר אונדזער איך־ליבע. איז דאָס „זי", ווערט אויך „זי" פֿול מיט אונדזער איך־ליבשאַפֿט, ווילן מיר זי נישט אָוועקוואַרפֿן, נאָר „באַהאַלטן אויף אַ זיכערן אָרט", און זוכן אַ נייעם קרוג פֿאַר דעם ליכטיקן ווײַן, קיין טראָפּן דאַפֿון טאָר נישט פֿאַרלוירן גיין.

# אַנקל סעם׳יטיזם

## 1

די שנאה צו די יידן דריקט זיך אַ מאָל אויס אויף אויסטערלישע אופנים.

אין די יאָרן ווען ס׳האָט זיך אין אַמעריקע אַנטוויקלט אַ טיפע שנאה צו די „ווילדע רוסן", און ווען די נעמען „טראָצקי" און „לענין" זענען געווען שפּאָט־ווערטער, — אין די יאָרן האָט זיך ביי „אונדז" אויפגעוועקט אַ נייגער פאַר רוסישער קונסט, פאַר מאָסקווער טעאַטער, פאַר דאָסטאָ־יעווסקין.

ליבהאָבן מיט שנאה איז נישט קיין פּאַראַדאָקס. אָפט האָט איר ליב אַ מענטשן דערפאַר וואָס ער איז אייך דערווידער! דער מענטשלעכער אינטערעס נערט זיך אויף ווײנגערטנער, ווי אויף זומפּן. ווי אָפט האָט מיך שוין צוגעבונדן צו זיך אַ קריסטלעך מיידל, בלויז מיט דעם צלם אויף איר האַלדז, וואָס איך האָב אַזוי פיינט, אָדער אירע גרויסע פעדער־שטע ציין, אָדער אירע זומערשפּרינקעלעך.

מיר האָבן ליב דאָס, וואָס מיר האָבן ליב, און דאָס, וואָס מיר האָבן פיינט, האָבן מיר אויך ליב. אַלצדינג, וואָס רירט אָן אונדזער לעבן, ווערט אונדזערס. ווי אָפט האָט איר שוין געהאַלטן אָן אָפּגעשניטן היינעראויג, אָדער אַ נאָגל, זיך געשפּילט מיט דעם, עס באַטראַכט פון אַלע זייטן — געווען אַזאַ שאָד אָוועקצוואַרפן!

דאָס שווערקייט־געפיל אין אונדז וויל, מיר זאָלן זיין וואָס מ ע ר. אפשר הענגען זיך דערפאַר די ווילדע אָן מיט שווערע מעטאַלן און שטיי־נער? אפשר טוען מיר זיך אָן אין גרויסע פּאַלאַצן פון שטיין־און־אייזן, שלעפּן אויף זיך אַרויף וואָס מיר קענען, מאַכן פון צוויי — איינס, כדי מיר זאָלן זיין מער, מער, מער?

אפילו שנאה איז בעסער ווי ליידיקייט, ווי גלייכגילטעניש. אַז מיר האָבן פיינט אַ מענטשן, גיבן מיר אים עפּעס: אונדזער פיינטשאַפט.
און דורך געבן אַ מתנה בינדט מען זיך מער צו, ווי דורך נעמען...

2

האָט זיך צעפּאַליעט די איבערפלאַך פון אונדזער שטילשטייענדיקן לעבן דאָ. האָט עס אַ ווינט אָפּגעפּרישט מיט זיין גיפטיקייט. גוט אַזוי. בעסער מ׳זאָל אויף דיר וואַרפן בלאָטע, איידער זיך פוילן די בלאָטע אויפצוהייבן און וואַרפן אויף דיר.

האָט דער בלאָ־אויגיקער, לאַנגער אַנגלאָ־זאַקס דערפילט אין זיך אַ טלי פון אַנטיסעמיטיזם. האָט ער אָנגעהויבן זיך צוקוקן צום פּנים, אויף וועלכן ער דאַרף וואַרפן בלאָטע. עד, וואָס פאַר אַ לייטיש פּנים! ווי ווײ דאָס וועט טאָן!

איז אין איינעם מיט דער גיפט־פּאַליע אָנגעקומען דער אינטערעס צו דער יידישער קונסט, צום יידישן טעאַטער.

דער לאַנגער, שיכורער קריטיקער פון דער גויִשער צייטונג קומט כמעט צוויי מאָל אַ וואָך אין יידישן טעאַטער. קאָכט זיך שטאַרק אין אונדזער קונסט — נאָר די יידן האָט ער פיינט...

ער זאָגט־נאָך ווי אַ פּאַפּוגיי:

— „אַ גאַנץ פיינע זאַך, יידישקייט, ווען עס זאָל נישט איינשטיין אין יידישע הענט!"

און דער בראָנפן שלאָגט אים פונעם מויל, און אויף דער רעכטער האַנט פעלט אים אַ פינגער, און אויף די זייטן פון מויל שטייט ביי אים אַ שוים, ווי צווישן די ליטקעס פון אַ פערד, וואָס איז זיך אַ סך אָנגעלאָפן.

— זיי שפּילן גאַנץ גוט די סאַנסאַוביטשעס!

די שיקסע וואָס גייט מיט אים מיט, קען שוין אַ ביסל יידיש. מ׳רופט זי „פּיצי", אָפּגעקירצט פון „פּיצדאַנאַלד". זי איז אַ הויכלעכע אירלענ־

דערין, מיט געלע האָר, שיינע אויגן, און זי איז אין גאַנצן פלאַך, ווי זי וואָלט אַ סך און אָפּט געלעגן אונטער אַ שווערער משא.

— פּיצי, מיין „גאָלד״, — קרימט דער קריטיקער איבער אונדזער יידיש — „פּיצי, מיין גאָלד״, אַז מירן האָבן געלט, וועלן מיר מאַכן אַ יידיש טעאַטער.

— וואָס וועלן אונדזערע גנז זאָגן? — מאַכט „פּיצי״, איידל, ווי ס׳פּאַסט פּאַר אַ מענטש מיט גוטן געשמאַק...

דער לאַנגער קריטיקער אָנעם פינגער, נעמט אַרויס פון דער הינ־טערשטער הויזנקעשענע אַ פלעשל, גיט אַ זופּ און מאַכט:

— „זיי פאַריידישן אַלצדינג — די יידן... אפילו זיך אַליין״.

דאָס איז אַ משוגענער און פלאַכער וואָרטשפּיל. אָבער „פּיצי״ שמייכלט, נעמט ענגער צונויף די „פּעיזלי־שאַל״ אַרום אירע אַקסל, אַ צויט זאָל זיך חלילה נישט אָנרירן אין אַ יידן.

אין זיין ציימונג שרייבט דער קריטיקער וועגן „אַנטאַפּן ס׳לעבן מיט די עלנבויגנס״; וועגן „זעלבסט־אויסדרוק״. „די יידן״, שרייבט ער, „האָבן אַ קונסט, ווייל זיי האָבן אַלצדינג. די יידן שטייען מיטן פּנים צום לעבן, מיטן פּנים צו דער זון. זיי זענען אַ מזרח־פאָלק. מיר קוקן צום מערב, און די זון גייט אויף הינטער אונדזערע פּלייצעס״.

יידישע מיידלעך לייענען די דאָזיקע ווערטער, זענען מהדר די גע־וואָלטיקע טיפקייט, רעדן אומעטום וועגן דעם לאַנגן קריטיקער אָנעם פינגער, דערמאָנען זיין נאָמען מיט גרויס פּאַרכטעניש און דרך־ארץ.

און ווער י. ל. פּרץ איז געווען, ווייסן זיי נישט!...

## מ׳זוכט דעם דייטש

איז אַראָפּגעפּאַלן צו אונדז אין שטעטל אַ יידענע, מיט אַ געשוואָלענער באַק און מיט אייגענע האָר, און האָט גערעדט ווי אין אַ פלעשל אַריין. „וואַהס״, דאַהס״... און האָט געפרעגט, צי מ׳האָט נישט געזען דאָ קיין דייטשל, איינעם אַ „פּייוול קאַוואַלעריסט״, וואָס גייט ווי ער וואָלט געהאַט אַ פערד צווישן די ליטקעס, און אַז ער רעדט, ציט ער כסדר די מאָנ־זשעטן... און שטענדיק ביסט ער... און רעדט זייער שנעל... מיט אַ גוטער דייטשער אויסשפּראַך — אַ פינצטער יאָר זאָל אים אַוועקלייגן, דער ליטוואַק־גנב, ער האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט!

שטעטל האָט זי אויסגעהערט און באַדויערט און געזאָגט: „אָ, אים מיינט איר?! אַבי מיר האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ גוי״! און חברה האָבן זיך גלייך אַרויסגעלאָזט צום הויף אים כאַפּן — און געבן פּעטש.

„געבזשע״ דער עקאָנאָם האָט אויסגעהערט די מעשה און געזאָגט: „אַ רוח אין זיין טאַטנס־מאַמענס, טאַטנס־מאַמענס זון אַריין!״ געכאַפּט אַ פּאָר נייע וואַשקעס פון אַ געשפּאַן און אַריינגעלאָפן אין דייטשס צימער אַריין. — ער איז נישטאָ. אויפן טיש ליגט אַ צעטל, געשריבן אין יידיש. מ׳לייענט עס איבער, שטייט דאָרט אַזוי:

„זוכט מיך נישט דאָ. זוכט מיך אויפן בוידעם. גריסט מיין ווייב. מיין לעבן איז צו ענדע״.

אונטערגעשריבן איז געווען: „פּייוול פּאַגעלבראַנדט״, און איינגע־רינגלט „דער דייטש״.

די יידישע „גזלנים״ האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ פאַרשעמט. איינער האָט געזאָגט שטילערהייט: „הלוואי דאָס בלוט זאָל נישט פאַלן אויף אונדזערע קעפּ — ווײ איז מיר״.

און מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום בוידעם.

דער בוידעם איז געווען דושנע און פינצטער. בלויז אַ קליין „קוקערל״

האָט אַריינגעלאָזט אַ ביסל גרייפּלדיק ליכט פון דרויסן. הינטער די קראָקוועס פון דאַך — בפרט ביי די ווינקלען — זענען געווען שווערע שטיקער שפּינוועבס. אין אַ זייט איז געשטאַנען אַ געפלאָכטענער קויש פון מצות. דערהערט, אַז מענטשן קומען, האָט ער זיך דערפריייט. געמיינט אַז ס׳איז שוין פאַר פּסח און מ׳דאַרף אים האָבן. דאָס פּסחדיקע געשיר האָט אויך אַ ציטער געטאָן פון נחת. בפרט די בלעכענע פורעמלעך פון כרעמזלעך, און די ערדענע קוגל־טעפּלעך, און די הויכע, בלאָע כוסות מיט „געליישטע" ראַנדן.

מ׳האָט אָנגעצונדן אַ לאַמטערן, פּאַרטאָפּיעט ס׳ליכט אינעווייניק, עס זאָל זיך האַלטן, און געשיקט „געבזשען" פאָרויס, ער זאָל זוכן... דאָס אומגליק.

ביידע האָבן זיך דאָרט אויבן געזאַמט אַ שטיקל צייט. מ׳האָט דער־הערט אַ שניט, אַ שטריק האָט געבראָכן. אַ זאַך האָט אַ פאַל געטאָן.

באַלד האָט מען דערהערט, ווי אין ווייטסטן ווינקל, הינטערן דאַך, הענגט אויף אַ טשוואָק עפּעס אַ זאַך, וואָס זעט אויס ווי אַ מענטש.

די איבערגעשראָקענע יידן, וואָס זענען געשטאַנען אונטן, אַרויפגע־קוקט צו דער בוידעם־טיר און געוואַרט, האָבן אַרויסגעלאָזט אַן „אוי"! דער שוין־געחלשטער ייד האָט זיך ווידער געקליבן חלשן, נאָר מ׳האָט אים אַרויסגעשטופּט אין דרויסן־אַרויס.

באַלד האָט מען דערהערט אַ גרויס געלעכטער — צוערשט פונעם שייגעץ, דערנאָך פון „געבזשען". ביידע האָבן געשוויצט און געכיכיקעט און גערזשוויגעט אַ „מענטש" אַראָפּ פון דער לייטער.

אַז דער „מענטש" איז געלעגן אונטן אויפן שטרוי, האָט מען דערזען, אַז ס׳איז נישט קיין מענטש, נאָר אַן אויסגעשטאָפּטע פּאָר הויזן און דעם דייטשס אַן אַלט רעקל.

אין די קעשענעס פונעם דייטשס רעקל האָט מען געפונען אַ צעטל, און אין צעטל איז געשטאַנען געשריבן אַזוי:

„ליבע יידן!

אַוודאי וואָלט איר געוואָלט אַ בעלן מיך צו געפינען אַ געהאָנגענעם.

לײדער קען איך אײך נישט צוליב טאָן. איך בין נאָך צו יונג. איך לאָז דאָ — מײַנע אַלטע הױזן און ס׳רעקל. זאָלן זײ זײַן אַ כפּרה פֿאַר מײַנע זינד. װען איר װעט דאָס לעזן, װעל איך שױן זײַן אױף יענער זײַט גרע־נעץ. און זאָגט מײַן װײַב, און אױך בעריש פּאָסעסאָר מיט „געבזשען" אַז זײ װעלן מיך שױן זען, װי מ׳זעט די אױערן".

אונטערגעשריבן איז געװען „פּײַװול פּאָגעלבראַנדט", און אײַנגערינגלט „דער דײַטש". און גאָר אונטן אױפֿן סוף בריװול איז געװען אַן „עיקר שכחתי":

„עיקר שכחתי. איך פֿײַף אױף אײַך אַלע. ס׳איז נישט אמת, אַז גאָט היט די נאַראָנעמלעך. גאָט אַלײן האָט זײ אױך פֿײַנט — די יאָלדן".

**הנ"ל.**

# די דריי־אייניקייט

אַלע ציִען זיך צו דער קונסט. ביי איר לעבעדיק וואַסער שטייען די פאַרשמאַכטע, וואַשן זיך ס׳פּנים, טרינקען און דערפרישן זיך.

אַנדערע באָדן זיך די פיס אין דעם. קריכן אַריין אינעווייניק ביז צום האַלדז און פאַרבלאָטיקן עס.

קונסט, געשלעכט, רעליגיע — די גרויסע דריי־אייניקייט, וואָס ציט די פעדים פון אונדזער לעבן.

סעקסואַליזם שלעפּט דאָס לעבן ביי די הערנער. קונסט טרייבט אונטער מיטן חנעוודיקן בייטשל. רעליגיע איז דער ציל, וואָס מאַכט דעם וועג דערטרעגלעך: דאָס פייערל אינעם פאַרבלאָנדזשעטן פינצטערן וועג.

אַלע דריי כוחות זענען איין גרויסער, בלינדער כוח.

כמעט יעדע קונסט איז אויסגעלאָסן און רעליגיעז, אין דעם זין, וואָס זי אַנטפּלעקט אָדער פאַרדעקט, מיט דעם צוועק אויפצוועקן, צו פאַרזינלעכן. דאָס געשריי פון דעם דערוויש בעת ער פּייניקט זיך; דאָס ווילדע טאַנצן פון דעם חסיד; דאָס „רעליגיעזירן" פון דעם נעגער, — דאָס אַלץ איז די פּיין פון פרייד, דער תענוג פון יסורים — געשלעכט־לעכקייט.

איך האָב אַ מאָל פאַרבראַכט אַ יום־כיפּור אין אַ רבינס קלויז. די וואַקס־ליכט האָבן געטשאַדעט און זיך געוויגט פון ווייכקייט. דעם רבינס קול ביים עמוד האָט געוויינט, ווי אַ געפּייניקטע חיה. די מענטשן האָבן געיאָמערט און נאָכגעזאָגט די תפילות: „גאָט אין הימל, עפן אויף דיינע טויערן!" און זיי האָבן זיך געשלאָגן די פאַרטליתטע קעפּ אָן די ווענט, ווי די ווענט וואָלטן געווען די טויערן, אָן וועלכע מ׳דאַרף אָנקלאַפּן מיטן הייסן געדאַנק. די שול איז געווען פול־געפּראָפּט מיט מענטשן און מיט געוויין; עס האָט געטשאַדעט דאָס פעטס פון פאַרברענטע נשמות, עס איז

געוועזן הייס און פּאַרכטיק. שוויס־און־וואַקס־און־פּחד האָט געשמעקט ביז צום הימל.

אויף די אונטערשטע געזימסן פון די הויכע קלויז־פענצטער זענען געשטאַנען יונגע מענטשן, בלאַ־בלייכע, האַלב־געחלשטע. האָבן זיך גע־שאָקלט אין טויטנטאַנץ פאַרן לעבן. זיי האָבן זיך מיט גרויס מסירת־נפש צוגעבונדן מיט די גאַרטלען צו די פענצטער פונעם רבינס קלויז, אַבי נישט פאַרפעלן דאָס הייליקע וואָרט, די זיסע, באַפרייענדיקע פּיין, דאָס גרויסע אויסהונגערן זיך, וואָס זעטיקט־אָן מיט אַזאַ רו און ריטעם, ביז צו די שפּיץ פינגער און אַלצדינג אין מענטשן ווערט געהיילט.

מיט יאָרן שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זען אין די זידלעכע שטאַטן פון אַמעריקע ווי נעגער גייען אַ טאַנץ צו גאָט, וואַרפן זיך אין אַ שימלדיק טייכל אַריין, שרייען: „יעזוס, איך האַלט דיך אין מיינע אָרעמס!“ דער נעגער נוצט די רעליגיע ווי אַ ווילד פערד, אויף אַוועק־צולויפן פון זיך אַליין, פון דער זון־קליינקייט, פון דעם עלנט פון אַ לעבן, וואָס גיסט זיך איבער פון דור צו דור, און עס ווערט אַלע מאָל שוימיקער. עס איז ווי די אָפּנאַרעריי פון אַ דורשטיקן, וואָס שטילט זיין דורשט מיט אַ גלאָז קאַלטן ביר־שוים, וואָס רינט איבערן גלאָז, אָבער קילט די אינגעווייד נישט...

אַ שווערער, בלאַלעכער נעגער, מיט צעפּלאַטשעטע נאָזלעכער, און גרויסע אויגן פון לויטער ווייסלעך, האָט זיך אַ צעפּיבערטער, אין גאַנצן אַ־ברענענדיקער, אויפגעשטעלט אויף אַ טיש, גענומען שרייען: „יעזוס, מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן“?! און אַלץ געהערעדט צו די „ברידערן“, געגעבן זיי אַ משל פון פאַרבלאָנדזשעטע שאָף, וואָס דער פּאַסטעך האָט זיי פאַרלאָזן, און דערמאָנט דאָס וואָרט „ציון“. דאָ זענען אַלע נעגער געוואָרן ווילד, גענומען אונטערשפּרינגען און זינגען — מער מיט די גליענדע אויגן־ווייסלעך ווי מיטן קול:

„We are marching to Zion
To beautiful, beautiful Zion —
The beautiful City of God'".

צום סוף האָט זיך דער רעדנער „באַהעפט מיט דער הויכקייט". עס איז געווען שטיל, ווי עמעצער וואָלט די לופט אויסגעכלעפּעט. די גאַנצע נעגער־געמיינדע האָט אַראָפּגעבויגן די קעפּ אין ערפורכט פאַר דעם גרויסן שוואַרצן גאָט, מיט די ברענענדיקע אויגן־ווייסלעך... די שטילקייט האָט געברענט ווי זי וואָלט געווען אונטערגעצונדן מיט נאַפט... זי האָט געשריען, געוויינט, נישט צום אויסהאַלטן.

אַז דאָס געשריי פון דער ענג־צונויפגערוקטער שטילקייט איז געווען צו שווער פאַר מענטשן אַריבערצוטראָגן, האָט דער אויפן טיש, אויפגעעפנט די אויגן, אויסגעקרומט ס׳מויל, אויפגעהויבןביידע הענט, ווי צום פליען, און אַ ווילדן געשריי געטאָן: „יעזוס! אָט האַלט איך דיך!"

דאָס געשריי איז געפאַלן צו דער ערד, ווי אַן אויסגעריסן האַרץ. דער מענטש אַליין האָט אויך דערלאַנגט אַ פאַל פונעם טיש אַראָפּ — צו דר׳ערד...

פון זיין מויל און פון זיין נאָז האָט געגאָסן ס׳בלוט איבערן דיל.

די נעגער־געמיינדע האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם פריש־פאַרבלוטיקטן, און געזונגען מיט פאַרגלייזטע אויגן: „Glory, Glory, Hallelujah"

גאָטס „גלאָרי" האָט זיך געשמירט דעם שטערן מיטן רויטן בלוט פון אַ שוואַרץ קינד...

## „פיצי" און „טשאמקי"

„פיצי" שרייבט אַ ראָמאַן פֿונעם „יידישן לעבן".

„פיצי" קען ס'יידישע לעבן — פֿון דער ערשטער האַנט, קען זיך זייער נאָענט מיט אַן אונגאַרישן יידן, וואָס רעדט שטענדיק פֿון זיינע פֿערד, פֿון זיינע גיטער.

דער אונגאַרישער ייד איז, ווי ס'רוב אונגאַרישע יידן, אַ מענטש אָן אַ פֿאָטערלאַנד. די אונגאַרישע ערד איז ווייזט אויס נישט מסוגל אין זיך אַריינצוציען דעם יידישן שורש. מענטשן וואַקסן דאָרט מיט די וואָרצלען אין דער לופֿט. „קריכנדיקע פֿלאַנצן". אויף אַזוינע מענטשן איז אַפֿילו שווער צו גלייבן, אַז זיי האָבן אַ מאָל געהאַט טאַטע־מאַמע!

דער אונגאַרישער ייד איז אַ זינגער. טוט פּאָר גויים „גוייִש זינגען". אָבער זיין אַמביציע איז — ווערן אַ זינגער אין דער אָפּערע, און „שמייסן יידן אין די גאַסן". אַליין רעדט ער פֿראַנצויזיש, ענגליש, אונגאַריש, אי־טאַליעניש — אָבער כמעט אַלע שפּראַכן רעדט ער אויף יידיש: מיט אַ תנועהלע, אַ חנדעלע, אַ בטול... און ענדיקט אָפּ יעדע פֿראַזע מיט אַ צונגען־קנאַק: „קלאַ!"...

„די יידן זענען באַ... בלאַ... ווייסיך וואָס! קענען אַפֿילו קיין בראַנפֿן נישט טרינקען... שטינקערס!".

און ער ענדיקט אָפּ מיט אַ „קלאַ".

האָבן האָט ער אַרויפֿגעקעמטע וואָנצעס, ווי אַ קייזערלעכער דייטש. אָפּט מאָל קומט ער אַפֿילו אַריין אין קאַפֿע מיט אַ „בינדע" אויף די וואָנצעס (אַזאַ מין זאַך פֿון דינער גאַזע, אויף צו האַלטן די וואָנצעס אין צוים, זיי זאָלן נישט אַרויס פֿון די אָנגעצייכנטע גרענעצן).

אַפֿילו אין אַלטן אונגאַרן פֿלעגט מען נאָר אין איינציקע געגנטן פֿון לאַנד זען ווי אַ נאַרישער מאַנסביל גייט אַרום מיט אַ „בינדע". געוויינט־לעך איז דאָס געווען אַ קעלנער, אַ פֿאַבריקמאַכער, אַ ווילער יונג... אַן

אנשטענדיקער אונגאַר פלעגט אָנטאָן די „שנורבאַנד־בינדע״ בלויז ביי נאַכט, אין חדרי־חדרים, גלייך ווי מ׳טוט אָן אַ שלאָפהעמד, אָדער אַ שלאָפהויב.

גערופן האָט זיך דער „אונגאַרישער זינגער״ נישט מיט זיין אמתן נאָמען חיימקאָוויטש, נאָר „טשאַמקאַדיראַ״.

טשאַמקאַדיראַ האָט, ווי דער באַקאַנטער ציגיינער־זינגער פון דער כּאַפּע „קליין־אונגאַרן״, געשפּילט אויף פּרויענהערצער. און נישט אַזוי אויף הערצער, ווי אויף די אַפּעטיטן פון די הויכע אונגאַרישע און רומע־נישע ווייבער. ער איז געווען ברייט און אָנגעטאָפּטשעט, און זיינע שפּי־ציקע, אַרויפגעטלימעטע וואָנצעס זענען געווען מאַנסבילש־רייצנד, ווי ביי אַ קאָטער. זיין רעדן פון פערד, פון שטאַלן, פון וויין, האָט געווירקט, ווי דער רויך פון מיסט ווירקט אויף הייסע קי.

„טשאַמקאַדיראַ״ האָט געזונגען מיט פאַרקאַטשעטע אויגן, געוואָרפן מיט די האָר, איבערגעלאָזט אין אַלע סוף־ווערטער אַ מין ווידערקול, געגרויסט דעם ברוסט־קאַסטן אַזוי ווי דאָס זינגען וואָלט געווען אַ מין „איבונג צו אַנטוויקלען די מענלעכע ברוסט״. זיין שטים האָט געהאַט קלאַנג, מעטאַל, נאָר זי איז געווען „אויסגעמאָלקן״, ליידיק... זיין געפיל איז נישט אַרויס דורכן קול.

טשאַמקאַדיראַ פלעגט פון דעסטוועגן טאָן אַ טובה דעם אָרעמען פאָלק ישראל און זיך אַראָפּלאָזן אין דער „רומענישאַרניע״ — עסן גראַשיצע, לעבערלעך מיט שמאַלץ, אָקסענע אייער, לאַקערדע און אַנדערע גוטע זאַכן.

וויין האָט טשאַמקאַדיראַ געקענט טרינקען אַ סך. ער פלעגט אַריינ־גיסן אַ קעלישאָק, און אָפּווישן דאָס „פּיסל״ פון גלאָז, ווי אַ גוי. זיך אַרויפבאַרשטן די וואָנצעס און לאַכן. און אַז טשאַמקאַדיראַ האָט געלאַכט, האָט איר געהאַט ס׳געפיל, אַז ער לאַכט דורך אַ ציגאַרפּאַפּירל אויף אַ קעמעלע: בזלל... זמזז...

פליגן האָבן געזשומעט אין זיין געלעכטער. גריוון האָבן זיך געפּרע־גלט. לופט איז אַרויס פון אַן ענג פלעשל.

אַז טשאַמקאַדיראַ איז געוואָרן פריילעך, האָט ער גערעדט ווי אַן

אַנטיסעמיט, געשריגן אויף יידיש „פאַרכאַטע יידן". „העי, פאַרכאַטע זשי־דעס, איך בין טשאַמקאַדיראַ. לעבעדיק, נו!!".

און טשאַמקאַדיראַ פלעגט מיט די האַרטע פיס זיך לאָזן אַ טאַנץ, נאָכשלעפּן דעם ברייטן נישט־יידישן הינטן, טרייסלען מיט די האָר, וואָס זענען אויסגעקראָכן אין מיטן קאָפּ, און פאַרזיכטיק פאַרשלייערט מיט אַ פּאָר זייטיקע פּלעכטלעך פון די פּאות...

— עי, לעבעדיק... זשידעס פאַרכאַטי!

אַלע האָבן געפּליעסקעט מיט די הענט, עס אָנגענומען פאַר אַ וויץ, זיך געפילט שטאָלץ, וואָס אַזאַ מענטש ווי טשאַמקאַדיראַ לאָזט זיך אַראָפּ צו די יידן און רעדט יידיש...

אונטער געוויינלעכע אומשטענדן האָט טשאַמקאַדיראַ גערעדט מיט אַ פראַנצויז — דייטש, מיט אַ דייטש — רומעניש... מיט אַ רומענער — יידיש...

טשאַמקאַדיראַ איז געווען אַ פיגור פול מיט פאַרב. די פאַרב איז געווען נישט־אומיסנע אָנגעשמירט, נאָר ווי עפּעס איינער, וואָס וואָלט דורכגעקראָכן דורך אַ קוימען, אין וועלכן די ציגל זענען אָנגערויכערט מיט אַלערליי פאַרבן.

ער איז געווען אַ גלייכער, אַ זיכערער, פלעגט שטענדיק וויסן ווען זיך אויפצוהייבן און אַוועקצוגייך. געדענקט אַקוראַט די ווערט פון יעדן מענטש, געוווסט וויפל מ'קען פון אים אַרויסשלאָגן. אין געלט אָדער אין כבוד, אָדער אין באַקאַנטשאַפט מיט זיין ווייב.

„פּיצין" איז געפעלן געוואָרן טשאַמקאַדיראַ, דערפאַר וואָס ער פלעגט שטענדיק רעדן פון דועלן, פון פערד, פלעגט אַפילו טראָגן מיט זיך אַ רעוואָלווער און אַ „קינזשאַל", גלייך ווי אונדזער קינסטלער־קאַפּע וואָלט געווען פול מיט מערדער און גאַרגלשניידער...

טשאַמקאַדיראַ האָט געלערנט „פּיצין" רעדן יידיש. „איהך בהין אַ יידישע שיגסע" — פלעגט „פּיצי" זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט, קוקנדיק אויף טשאַמקאַדיראַס וואַנצעס, און דערנאָך אַריינפלעכטן זיך אין אים, כמעט אַריינוואַקסן אין זיין „זייט" אַריין און נעמען רעדן וועגן „אָנרירן ס'לעבן מיט די עלנבויגנס".

„פיצי" האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי זי איז כמעט די איינציקע קריסטין, וואָס קען זיך נאָענט מיט יידישע קינסטלער, דעריבער דאַרף זי שרייבן אַ נאָוועלע פון 40 טויזנט שורות (צו 30 סענט אַ שורה) וועגן דעם לעבן אויף דער „איסט־סייד", וועגן די אויסטערלישע יידישע קינסטלער, וואָס קענען קיין בראָנפן נישט טרינקען, און אויף קיין פערד נישט רייטן, און וועגן דעם גאַנצן „משוגענעם געוועב פון די אויסלענדער, וואָס זענען פאַרטשאַדעט פון חלומות און וואָס דאָס נאַקעטע לעבן איז זיי פרעמד, ווי אַ מאַנבלום איז פרעמד צו אַ וועג פון אַספאַלט..."

דאָס בוך האָט געהאַט אַ סך פליטערלעך און גרויסע ווערטער, און אויסרופסצייכנס, און פינטעלעך. אָפט האָט „פיצי" אַריינגעוואָרפן (לשם הומאָר) אַ יידיש וואָרט, ווי „עפּשער", „מעי־בעי". געלאָזט אירע פלאַכלעכע עפּיזאָדן געשען אין אַ יידישן הויף, וווּ וועש הענגט אויף שטריק ווי „געהאָנגענע ווייסע האָפענונגען", און ווו פרויען שניידן זיך אָפּ די אייגענע האָר, כדי צו קענען זיי פאַרקויפן און פאַר דעם געלט זיך קויפן אַ פינגערל פון פאַלשן גאָלד...

טשאַמקאַדיראַ האָט געהאָלפן איבערשרייבן ס'בוך, נישט אַריינגע־לאָזט אַ סך ענגלישע ווערטער, וואָס האָבן אין זיין געמלהט אויער גע־קלונגען מיט אַ חשד פון יידישקייט.

אַזוי האָט ער זיך למשל געשפּאַרט מיט „פיצין", אַז מ'קען נישט זאָגן: „פסח געפאַלט היינטיקס "Passover falls on" ווייל דאָס קלינגט ווי: יאָר". „פיצי" האָט זיך געווערט, געזאָגט, אַז זי, אַ געבוירענע אַמעריקאַ־נערין, קען די שפּראַך בעסער פון אים. אָבער טשאַמקאַדיראַ האָט אַ מאַך געטאָן „קלאַ", האָט אַרויפגעבאַרשט די וואָנצעס מיט דער רעכטער האַנט אַהער און מיט דער לינקער האַנט אַהין, האָט אַ זאָג געטאָן עפּעס אַ גראָב וואָרט אויף פראַנצויזיש, און „פיצי" האָט זיך פאַרשעמט געטו־ליעט צו אים, גערופן אים „טשאַמקי" און — ס'איז געבליבן אַז מ'זאָל בייטן דעם אויסדרוק „פאָלס אָן" אויף "Occurs".

די יידישע קריטיק האָט זייער געלויבט דאָס בוך, גערעדט וועגן דער דערנענטערונג פון צוויי וועלטן, באַוויזן, אַז די קונסט איז אוניווערסאַל און אַז „פיציס" האַרץ שלאָגט מיט שטילער ליבשאַפט צו יידן.

אַ דאַנק דעם, וואָס די יידישע פּרעסע האָט זיך געחנפעט צו דער שיינער אירלענדישער גויע, האָט דאָס בוך געהאַט אַ טיראַזש פון איבער 12 טויזנט צווישן יידישע שניידער־מיידלעך און אַנדערע אינטעליגענטע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געהערט דעם נאָמען ל. שאַפּיראָ, אָדער מענדעלע מוכר ספרים...

# דער זיידע איז געשטאָרבן

ס'איז געווען אין מיטן זומער.

פון די פעלדער אַרום אונדזער שטעטל האָבן געשמעקט די האָפּן. ווערבענעביימלעך האָבן געשמעקט ווי ווערבענע פּייפלעך, אויף וועלכע אַ פּאַסטעך שפּילט. דער זון־ווינט האָט אויסגעקעמט די קוקורוזע־בערד אין די דערבייאיקע גערטנער, איז אַ צעדולטער אַראָפּגעפלויגן פון אויבן עפּעס אָנזאָגן אונטן, און ווידער אַרויפגעפלויגן אויבן — די אומענד־לעכע שיינקייט פון אויסגעפּוצטער רו, פון פעלד־נחת, פון אָנגעגליטע וואַלד־זמירות, דער גרין־גאָלדענער צעפּוסנס פון בעט, ווו יעדנאיינעמס גליק איז געלעגן אויסגעצויגן מיט ווענוס־שיינקייט, קיל אָפּגעדעקט, — צום שטוינען, צום פרייען זיך, צום גאָט־בעטן.

אָבער די אַלע שטילקייטן און שיינקייטן פון אונדזער שטעטל זענען היינט געווען צעריסן פון דער אומעט־רו פון אַ מת, וואָס מ'האָט נאָך נישט מקבר געווען, און וואָס די ערד שרייט אַרויס און מאָנט אים...

— וויין נישט, וויין נישט! — האָט מיר געזאָגט סורטשעס טאַטע. איז אַרייך מיט די פינגער אין זיין שוואַרצער, סודותדיקער באָרד, און עפּעס זיך געזאָמט דאָרטן, מיט גרויס עגמת־נפש.

דאָס שפּענדל אויפן וואַסער קאָן זייער גרינג זאָגן צום שטיינדל:

— נעם זיך אַ ראיה פון מיר. פאַל נישט אַראָפּ.

אָבער דאָס שטיינדל פאַרשטייט נישט ווי אַזוי מ'קען נ י ש ט אַראָפּ־פאַלן, אַז מ'איז אויפן וואַסער.

מיין באַטריבטקייט איז געווען גרויס. נאָך גרעסער איז געווען די זאָרג, צי וועל איך קענען זיין באַטריבט אויף אַזאַ אופן, עס זאָל מיר נישט אָנטאָן קיין אומכבוד?

איך בין שוין געווען אַ יינגל אין די יאָרן (כמעט 12 יאָר!) האָב געלערנט ביי אַ דייטשן לערער, האָב זיך געחברט מיט דאָווידן (נישט

דאָווֹיד, מיטן טראָפּ אויף דער לעצטער זילבע, ווי ביי די רוסן, נאָר דאַ־ווֹיד, מיטן טראָפּ אויף דער ערשטער זילב!) געערדט מיט אים וועגן לייפּציק... געהאַט הנאה דערפון, וואָס איך האָב שוין געקענט אַרויסזאָגן די דייטשע שלאָסע גימל כמעט ווי אַ „ח". זיך געקליידעט אין ווינער קליידער, געטראָגן אַ סאַמעטענעם יעגער־הוט. האַלב „ווינער", האַלב היגער, גערעדט מיט דאַווידן וועגן דאַיטשלאַנד, — ווו מ׳עסט שאָקאָלאַדע און מ׳גייט אין אוניווערסיטעטן... און מיידלעך האָבן ווייסע פּנימער, און שיין־פּאַרפלאָכטענע צעפּ־קרענץ אַרום די קעפּ און טראָגן שטיקלעך „פּאהלעך", און זיידענע פּאַראַסאָלן...

דאַווֹיד פלעגט אויף דעם אַלעם אַ פּייף טאָן, זיך געבן אַ קער־איבער מיטן קאָפּ אַראָפּ און זאָגן: „זאָ מאַכען וויר עס אין לייפּציהך!".

— „לייפּ־ציהך!".

אַ חוץ דעם שיינעם קלאַנג „לייפּציג" האָט זיך די לעצטע צייט ביי מיר אין געדאַנק פּאַרקריצט דאָס וואָרט „חדקל" — דער טייך „חדקל". — איך האָב געזען פאַר זיך עפּעס אַ ווונדערלעכן טייך פון ריינענדיקן בור־שטין אָדער בלוילעכן זילבער, און דאָרטן האָט זיך געבאָדן שולמית אָדער די מלכה־שבא און אבישג השונמית און אסתר המלכה...

דער טאָג האָט זיך אויסגעלעבט אין ביסלעכדיקע טרערן, אין קליינע זיפצן, אין האַרץ־שווערקייט, אין קאַפּוויייטיק.

סורטשעס טאַטע־מאַמע זענען אַוועק צו דער לוויה. איך בין געבליבן אַליין מיט סורטשען, און אַלצדינג אין מיר און אויף מיר האָט געברענט און געציטערט, ווי אַ בינטל אונטערגעצונדענע נערוון, אַרויסגעוואָרפן אויפן ווינט.

עס האָט זיך אָפּגעריסן עפּעס אַ שטיקל קלאַנג פון אַ קלויסטערגלאָק (דאָס קלויסטער איז געווען נישט ווײַט), און ווי אַ שטיק הייסער בליי אַרייַנגעפאַלן אין מיין אומעט, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרשאַטנט ווערן, דורך דעם גרעסערן ליכט פון גרויסער ליבשאַפט און דערוואַרטונג.

דאָס בריוול צו סורטשען איז נאָך אַלץ געלעגן אין אַ ריס פון מיין קעשענע, וואָס האָט געפירט צום אונטערשלאָק פון מיין רעקל.

איך האָב עס געטאַפּט מיט דער האַנט; ס׳האָט זיך מיר געדאַכט,

אַז איך הער זיך אַליין רעדן צו איר די שיינע רייד פונעם לעמבערגער בריוושטעלער, און איך האָב נישט געוווסט צי ס׳איז טאָג, צי ס׳איז נאַכט, צי נעכטן, צי מאָרגן, און צי דאָס וואָס איז, איז שוין געווען, צי ס׳דאַרף ערשט זיין.

דער אַנגלי פונעם זומערטאָג האָט אַריינגעקלונגען דורכן פענצטער, האָט צערעגט די גרויסע פליגן אויף די שויבן. זיי האָבן געזשומעט, געוואָרפן זיך מיט די „קעפּלעך" צום פענצטער, אַוועקגעפלויגן אין אַ גלייכער ליניע צוריק און ווידער געקומען זיך שלאָגן קאָפּ אָן פענצטער.

אַלצדינג איז געווען אַזוי זיס־ביטער, ווי אַ קליינער ווייטיק וואָס מען פאַרגרעסערט אַ מאָל, כדי מ׳זאָל זיך קענען פּיעסטשען ביי זיך אַליין. דאָס האַרץ האָט געבעטלט שטילערהייט: „געליבטע, מיין געליבטע! שולמית, מיין שולמית! מלכה שבא, מיין מלכה שבא!".

עס האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון אַ פּושקע מיט מטבעות, אַ גרוי, פאַרנעפּלט קול האָט געצויגן: „צד־קה תציל ממות". —

דאָס האַרץ האָט אַ כליפּ געטאָן. דער אויסגעטרוקנטער קוואַל טרערן האָט זיך געעפנט. איך האָב געזען דעם זיידן, ווי מ׳לאָזט אים אַראָפּ אין קבר, מ׳פאַרשיט אים מיט ערד... ס׳מויל... די אויגן...

— זיידע... זיי־דעשי!

אַ פיבערדיקער, כליפּענדיקער האָב איך זיך געוואָרפן אויפן בעט.

סורטשע איז צוגעקומען נאָענט, מיר געגלעט דעם קאָפּ, אָנגענומען מיין האַנט, מיך געוואָלט טרייסטן.

איך האָב צוגעפּירט איר האַנט צו מיינע אויגן, מיר אויסגעווישט מיט זיי די טרערן, נאָך אַ ביסל געכליפּעט שטילערהייט, שטילער, שטילער. און אין גאַנצן שטילער געוואָרן. צום סוף בין איך געבליבן אין גאַנצן אויסגעשעפּט, כמעט ליידיק, אָבער פרייער, און גרינגער.

זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר, געזאָגט ווי אַ גרויסע, אַז: „וואָס די ערד נעמט צו, מוז מען פאַרגעסן".

איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך אירע רייד, ווי אַ גרויס היילונג, ווי אַ ברכה, געטראַכט פון מיין בריוול אין מיין קעשענע, עס געוואָלט אַרויס־שלעפּן און איר געבן, נאָר ווייל איך האָב זיך געשעמט און נישט געהאַט

קיין כוח דאָס צו טאָן, האָב איך זיך ווידער צעוויינט — דאָס מאָל אויף איר האַרץ — און געזאָגט:

— זיי־דע...

סורטשע איז געוועזן גערירט פון מיין געוויין, אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אירע אויגן פון אַ סאַרנע, געקוקט און מיך פאַרשטאַנען, ווי אַ מאַמע. זי האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן מיר אויפן בעט, מיטן פּנים צו מיר. איך האָב זי אַרומגענומען און גענומען קושן אויף די ליפּן. זי האָט זיך גרינג געוועדט און אַלץ געזאָגט אַ באַצערטע, אַ האַלב־פאַרחלשטע: „מ׳טאָר נישט, מ׳טאָר נישט". האָט זיך אַרויפגערוקט העכער פון מיר, אַזוי, אַז די זוילן פון אירע פיס זענען אויסגעקומען גלייך מיט מיינע. זי האָט אַרויפגענומען ס׳פּנים און געבליבן ליגן אַ שוועך־אָטעמדיקע. פונעם ציען זיך אַרויף האָט זיך איר קליידל צעעפנט ביים האַרצן, און אַ קליינע ווייסע טויב איז מיר אַנטקעגנגעפלויגן. איך האָב זיך געצויגן צו איר קליין בריסטל און איינגעזאַפּט אין זיך די וואַרעמקייט און גלאַט־קייט. זי האָט זיך אומרויק געוואָרפן אין פרייד־יסורים, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, אָבער באַלד האָט זי ווידער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט די אויגן פון אַ סאַרנע און אַנטקעגנגעטראָגן מיינע קושנדיקע ליפּן דעם יונגן ניפּל פון איר ברוסט, וואָס איז געוועזן ווי אַ רויז, וואָס דאַרף ערשט בליען.

דעמאָלט האָב איך ס׳ערשטע מאָל געוויינט אויפן האַרץ פון אַ פרוי.

איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן לעבן איר ווי לעבן אַ מאַמען.

אין חלום האָבן מלאכים געוויגט מיין וויגל, אַ טשאַטע ווייסע טויבן האָבן געזונגען אַרום די סטריכעס, אַ קלויסטער־גלאָק האָט געקלונגען, דער פעטער איציק האָט מיך געגלעט איבערן קאָפּ און געזאָגט: „לערן זיך שווימען אויפן טייך חדקל, ווו עס הענגען די ליילעכער פון שלמה און עס רוען די געצעלטן פון קדר..." — — —

# וואַלקין

וואַלקין איז אַ סקולפּטאָר. ער האָט אַ שיין, פערדיש פּנים, געטרייע פערדישע אויגן. אַז ער בייגט־אָן דעם קאָפּ און צעלאָזט די האָר, ווילט זיך אים אָנטאָן אַ זילבערן צוימל, אַרויפלייגן אויף אים אַ ניי, שיין זאָטל און פאָרן אויף אים רייטנדיק.

יעדער מענטש האָט אין זיך די ענלעכקייט פון עפּעס אַ חיה אָדער אַ פיש. אַ טייל מענטשן זענען ענלעך צו הינט, אָדער צו פוקסן, נאָך אַנדערע צו קעץ אָדער צו שלייענס. אַ טייל האָבן געמישטע אָבבליקן.

ווער ווייסט דורך וויפל חיות און באַשעפענישן דער מענטשלעכער מין האָט זיך געלייטערט, ביז ער איז געקומען צו זיין אומנאַטירלעכער צווייפיסיקייט. נאָך היינט, ווען אַ מענטש איז מיד פון טראָגן די פאָדער־שטע פיס אין דער הויך, און ער לייגט זיך אַוועק אויף אַלע פיר, ווערט אים דאָס לעבן גרינגער, די וועלט שענער, די פאַרדייונג — בעסער.

ציוויליזאַציע? אפשר איז דאָס בלויז דעגענעראַציע. מיר דעגענע־רירן אַרויף צו אַ העכערער מדרגה. איז דאָך אין דער נאַטור אַ געזעץ אַז איין לעבעדיק באַשעפעניש פרעסט ס׳אַנדערע, כדי איינצושפּאָרן דער נאַטור אַרבעט. „באַשאַפט זיך אַליין, דערהרגעט זיך אַליין!״. דאָס איז דער נישט־געשריבענער באַפעל. דער מענטש נאָר — איינער צווישן אַלע חיות — וויל אָפּדינגען ביים גרויסן וועלט־שכל אַ שטיק אייגענעם שכל פאַר זיך, אַ ברעקל ווילן, ער זאָגט: איך וויל נישט זיין דאָס שפּייטעפּל פאַר מיין גאָטהייט. איך וויל זיך ד ע ר ה ע כ ע ר ן. און ער פאַרלויפט זיינע אינסטינקטן דעם וועג. אָבער ס׳איז דאָך נאַריש צו זען, ווי אַ נישט־געענדיקטע ליים־סטאַטוע, מיט די קלעפּ־מעסערס אין איר „גוף״ וועקט זיך אויף און נעמט אויסבעסערן איר מייסטער!...

יונג איז נאָך דער מענטשלעכער מין. די וואַרעמע צייכנס פון מעשה בראשית זענען נאָך אויף אונדז.

„און גאָט האָט געזען אַז ס׳איז גוט״ — אונדזער געלעמטקייט איז ז י י ן כוח. אונדזער ווילן צו געטלעכקייט איז אַ סימן, אַז דעם מייסטערס אויג האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז. אָבער סוף־כל־סוף וועט ער זיך אומקוקן, זען, ווי מיר ראַטשקען זיך ז י י ן כוח צו פאַרכאַפּן, אונדז געבן אַ שנעל אין נאָז, און מיר וועלן אַראָפּפאַלן.

דער מענטש וועט לעבן ווי ס׳איז אָנגעצייכנט פאַר אים, וועט פּאָלגן די שטים, וואָס הייסט אים טויטן און פאַרצוקן, וועט זיין אַ טרייער קנעכט צום האַר, און בלייבן לעבן, אָדער ער וועט צום געטלעכן מקור זיך ציען, „ציוויליזירט״ ווערן, עטיש ווערן, און אונטערגיין...

אַלצדינג וואָס דערנענטערט אונדז צו גאָט, דערנענטערט אונדז צו זיין קנאה, צו זיין אומגעדולד...

# וואַלקינס קונסט

זייער ווייניק יידן זענען סקולפּטאָרן אָדער מעטאַל־גיסער. דער יידי־שער קינסטלער האָט קיין געדולד נישט פאַר אַרבעט. ער שפּילט פידל, אָבער ער שרייבט זעלטן גרויסע קאָמפּאָזיציעס. ער שפּילט טעאַטער, אָבער ער וועבט נישט קיין קונסט־טעפּיכער. ער שרייבט סקיצן, עסקיזן און לידער, אָבער זעלטן גרויסע ביכער. ער מאָלט און פאַרבט, צייכנט מיט פעדער און קויל און ראַדיר־שטיפט, אָבער האַקן מיטן דלאָטע, אַוועקהאַקן דאָס אומנוציקע אַרום דעם שטיין, ווו עס שלומערט אַ ווענוס, דאָס איז נישט פאַר אים...

וואַלקין האָט אין זיך געהאַט עפּעס גויִשס, פּויערישס, ער האָט ליב געהאַט אַרבעט, אַ ל ע ר ל י י אַרבעט, גראָבן ערד, האַקן האָלץ, זעגן קלעצער. ער האָט געהאַט דאָס געדולד פון אַ נישט־קינסטלער און דעם כוח פון אַ קינסטלער. זיין נאַטור איז געווען אַ רויִע, כמעט אָן אַ הויט אויף זיך. זיין קערפּער איז געווען שטאַרק, און ווי אַ ג ע ז ו נ ט קינד האָט ער ליב געהאַט אויף זיך בלאָטע, אומריינקייט.

וואַלקין האָט געהאַט אַ ווייב אַ שריפטשטעלערין, וועלכע ער האָט גלייכגילטיק ליב געהאַט. ס'איז געווען אַ געראָטענע הייראַט. ער האָט זי ליב געהאַט אַקוראַט געווען צו קענען זי אָפּשטויסן פון זיך (נאָכן צונויפ־קום) אָן צערעמאָניעס. מיט אַן אַנדערער, וואָס מען האָט זי מער ליב, מוז מען שפּילן טעאַטער, זי צערטלען, ווען די נאַטירלעכע נייגונג איז זיך אַוועקצורוקן פון איר, אָדער איר אַ פּאַטש טאָן.

דער מאַן, דער פאַרשווּנדער, קען נישט מיט ליבשאַפט קוקן אויף דער, וואָס נאַרט זיינע כוחות אויס.

אין גרויסע ליבעס דערהייבט זיך דער מאַן צו דער מדרגה פון אַ פרומען ליגנער, פון אַ ראָמאַנטישן באַטריגער.

ריינע מענער ליידן דערפון, מוטשען זיך... פּלאָנטן זיך שטענדיק אין דעם אומריינעם געפיל פון „פאַרגעבן דעם שונא“...

וואַלקין האָט ליב געהאַט זיין ווייב, ווי אַ זאַך וואָס קומט צונויף, און שאַטן קען דאָס נישט. זי איז געווען צו נאָענט צו אים ער זאָל זי זען — אין איר גרויסקייט. „ליזאַ", פלעגט ער שרייען, „וויפל האַלט דער זייגער?" „ליזאַ, וואָס איז היינט? — דינסטיק אָדער מיטוואָך? ליזאַ, ווו איז דער דלאָט?... ליזאַ, ווו זענען מיינע שטעקשיך? ליזאַ, אַיאַ, איך האָב זייער אַ שיינעם האַלדז?".

ליזאַ איז אים געווען ווי אַ הויך ווידערקול, וואָס ער האָט געזאָגט, האָט זי צוריקגעזאָגט העכער און לויטערער.

ליזאַ איז געווען אַ שריפטשטעלערין, און ווען זי וואָלט נישט געווען דאָס ווייב פון דעם באַרימטן וואַלקין, וואָלט זי אַליין געווען אַ באַרימט־קייט. אַזוי האָט זי זיך קלענער געמאַכט צוליב אים. אירע אַקסלען אונ־טערגעשטעלט, ער זאָל קענען אַרויפקלעטערן און גרויס ווערן.

אין וואָכעדיקע טעג איז וואַלקין געזעסן ביי זיך אין סטודיע, געאַרבעט און געפּאַטשט ליזאַן איבער די באַקן, אויף שפּאַס. אַלע מאָל געזאָגט: „ליזעטשקע, זע, ווי אונדזער אַרבעט וואַקסט"... און איר אויף שפּאַס אַ פּאַטש געטאָן אין די באַקן, אין די פּלייצעס, אויף די קניען.

ליזאַ איז געזעסן ביים העפט און געשריבן, און געלאָפן צום טעפּל, וואָס האָט זיך געקאָכט הינטערן יאַפּאַנישן ווענטל, וואָס האָט פאַרשטעלט דאָס שטיקל צימערל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט פאַר אַ קיך; האָט גע־שלעפּט וואַסער פון אונטערשטן שטאָק, ווייל אויבן איז קיין וואַסערליי־טונג נישט געווען; האָט באַדינט וואַלקינס געסט, וועלכע פלעגן כסדר אים אויסרעדן פאַר זיינע אַרבעטן, קרימען מיט די נעז, אָנרירן די „פאַר־באָטענע ערטער" ביי די ווייבלעכע פיגורן און זיך חכמענען, אַז מער ווי דאָס קען ער נישט. אָנשפּייען, אָנרייכערן, אָפּעסן, אָפּטאַנצן און אַוועקגיין.

פרייע קינסטלער האָבן נישט קיין פליכטן. ווי זיי געפעלט, אַזוי טוען זיי. פּרוּווט אָבער טאָן ביי זיי אין סטודיע ווי אייך געפעלט, וועלן זיי אייך רופן „חזירים"...

די וואַלקינס זענען געווען אָרעם, האָבן נישט געהאַט קיין זין און קיין באַדערפעניש פאַר געלט אָדער באַקוועמלעכקייט. ביידע האַרעפּאַשניקעס, פאַרנומען מיט „קריכן מיט דער לייטער צום הימל", האָבן זיי נישט

באַמערקט ווי די האָר ווערן דערוייל גרויער, דער געדאַנק ווערט מידער, די האַנט שווערער...

ליזאַ איז געווען וואַלקינס מאָדעל, ערשטנס דערפאַר ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין געלט צו דינגען פּראָפעסיאָנעלע מאָדעלן, און צווייטנס דערפאַר, ווייל די „געטינס" וואָס ער האָט געמאַכט זענען נישט געווען קיין גרויסע שיינקייטן. זייערע קערפּערס זענען געווען שווער, ערדיש, אָפּגעאַרבעט, גראָטעסק, אויסגעקרימט.

זיין פּאָעזיע איז געווען די פּאָעזיע פון וואָכעדיקייט. אַ האַנט, אַ פוס — גאָטס מייסטערשאַפט. אַ שיינער פוס, אַ מיאוסער פוס, וואָס איז דער חילוק? שטעכט אין אים אַריין אַ נאָדל, גייט בלוט. גאָטס וווּנדער!

ליזאַ זיצט אַ נאַקעטע, אָפּטמאָל אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזע. אין סטודיע איז קיל. אַ קליין קוילן־אייוועלע שטינקט און וואַרעמט נישט. פון דרויסן קלינגט אַריין ס'ווידערקול פון אַ רעשיקער גאַס, פון טראַמ־ווייען, פון פייערלעשער, פון מענטשן, וואָס לויפן משוגענערהייט — יעדער נאָך זיין צעבערל גליק, און דער שוים שטייט אויף די ליפּן, די הענט זענען פאַרקרימט, די קניען און עלנבויגן־שפּיצן זענען אָנגעשלאָגן מיט טשוועקעס, מ'זאָל חלילה נישט געשעדיקט ווערן אין גרויסן געדרענג נאָך גליק.

אַ מאָל פלעגט דאָס גליק אַליין קומען, אַ שטילס, אַ פאַרשעמטס, זיך שטעלן אין אַ ווינקל און מ'פלעגט עס נישט הערן און נישט זען.

היינט שלעפּן מיר עס ביי די הערנער, שטופּן עס אונטער ביים עק, שלאָגן עס מיט בייטשלעך.

— מיין גליק איז שוין אַ ביסל אויסגעריבן. כ'דאַרף שוין אַ ניי גליק!

— איז אמת, אַז אייער גליק האָט פאַרלוירן אַ פאַדקאָווע?

— אַן אַלט גליק ביי איך! פון וועלכן יאָר?...

דאָס גליקזוכעניש איז היינט עפּעס אַזוינס! מ'זוכט עס בציבור: אין טעאַטער, אין דער אָפּערע, אין צירק, אין די וואַרעמבעדער...

קליין, באַשיידן, אַלטמאָדיש גליק! ווי גוט איז דיר, וואָס דו דאַרפסט די היינטיקע צייט נישט אָנקוקן!

# ליזאַ

אַז וואַלקין קוקט אויף זיין נאַקעטער ליזאַ, טראַכט ער נישט „ווי קאַלט איר מוז נעבעך זיין", נאָר: „מיין „הגר" וועט זיין אַ ווערק!... ביז אין דער אייביקייט אַריין וועט עס אַריינקלינגען!"...

און ליזאַ זיצט דערווייל נישט ליידיק. אויף איר נאַקעטער קני ליגט אַ העפט. זי שרייבט.

זי באַשרייבט וואָס ער טראַכט...

ווי צוויי קאַניבאַלן, וואָס עסן זיך איינס ס'אַנדערע אויף: ער לעבט אויף איר לייב, זי — אויף זיין גייסט.

מאָרד פאַר מאָרד!

— ליזעטשקע, די זופּ לויפט... פאַרגעס נישט אַ פּעטרישקעלע, ליזעטשקע!

וואַלקין גיט איר אַ פּאַטש אין נאַקעטן הינטערלייב. ליזאַ לאָזט אַראָפּ דעם העפט, לויפט צו אירע פליכטן אין דער באַלעבאַטישקייט.

וואַלקין רוט זיך דערווייל אָפּ. פאַררייכערט זיך אַ ליולקע. אַז ער דערזעט ליזאַס העפט אויף דער ערד, הייבט ער אים אויף, ווי ער ליגט מיט די צעעפנט לעצט־געשריבענע בלעטער, און ער לייענט:

„דאָס פענצטערל צו זיין לעבן האָב איך געעפנט, פרימאָרגן־פרישקייט אַריינגעלאָזט, זיך אונטערגעקוקט צו דער מיאוסקייט פון אויגן וואָס שלאָפן, און וואַך געוועזן פאַר זיי. זיין מוט איז מיר אין די גלידער אַריין, ווי וויין. אָבער אַז ער וועט שיכור זיין, וועט דאָס זיין א י ך...

איך האַלט די קניפּן פון זיינע חלומות, קען זיי פונאַנדערלאָזן, זיי מאַכן פאַר נאַרישע וואַרהייטן...

ווי הגר בין איך טריי מיין האַר. איך צאָל מער ווי ס'קומט. אָבער יעדע זאַך האָט די ווערט אַקוראַט אַזוי פיל ווי מען צאָלט פאַר איר".

## אונטער דער זון

וואַלקין האָט אַריינגעשמיכלט אין זיינע שאַרפע, לאַנגע ליניעס ביי די מויל־ווינקלען, געגעבן אַ פּאָר געטרייע צי אין דער פאַררייכערטער ליולקע, צוריקגעלייגט דעם העפט אויף דר׳ערד, ווו ער האָט אים געפונען, און אַ געשריי געטאָן אויף זיין הויך קול:

— ליזעטשקע — פאַרגעס נישט ס׳פּעטרישקעלע אין דער זופּ!...

## משיח קומט. משיח פֿאַלט!

די מאַשין איז אַזוי לאַנג נישט געקומען און נישט געקומען און נישט געקומען, ביז זי איז פֿאַרט געקומען.

אַריין איז זי אין שטאָט אַריין דווקא דעמאָלט, ווען מ'האָט זיך שוין מער נישט געהאַט געריכט אויף איר. ווען די שטעטלדיקע האָבן שוין געהאַט מבטל געמאַכט די גאַנצע זאַך מיט „דאַמף־שמאַמף כי לעולם חסדו" און מיט „ס'אַ משל מיט זיבן זעקלעך באַרשט".

די מאַשין איז געקומען שוין טאַקע מיט אַן אמתן דייטש, וועלכער איז געפֿאָרן אויף אַ „ביציקל" אין דער זייט פֿון דער מאַשין, אַלע מאָל אַראָפּ פֿונעם רעדל, עס קוים אונטערגעשטופּט און ווידער אַרויף. דער נעמלעכער נייער דייטש האָט געפּלוכט מיט זייער־לאַנגע דייטשע פּלוכ־ווערטער: „קרייצשאָק־מיליאָן־בליצהאַגעל־דאַנערוועטער נאָכאַמאָהל!!".

די מאַשין האָט געדרענעט, געפּאָכעט מיט דער נשמה. צוויי געזונטע גויים האָבן זי אונטערגעשטופּט מיט קלעצער און האָבן געמאַכט „האָפּ", און געשפּיגן אין די הענט אַריין. די גויים האָבן, ווי זייער טבע איז, פֿאַר־שוועגדט מער כּוח אויף שפּייען אין די הענט אַריין, ווי אויף אונטערשטופּן די מאַשין, וואָס איז געווען „בוטה למות". דאָס שפּייען אין די הענט אַריין איז ביי זיי געווען דער עיקר. די אַרבעט אַליין איז ביי זיי געווען אַ ביי־זאַך. דער דייטש האָט אַרויסגעלאָזן זייער־זייער־לאַנגע קללות, אַראָפּ פֿונעם „ביציקל" און אַרויף אויפֿן „ביציקל". געטענהט, אַז דער דאַמף איז שוואַך, גערעדט צו די גויים אויף דייטש. די גויים האָבן גע־זאָגט: „דאַמפּויעט, דאַמפּויעט", און דער דייטש האָט געשריגן: „סאַקראַ־מענט" און באַסאַמאַ... און קרייצשאָקמיליאָנבליצהאַגעלדאַנערוועטערנאָכ־אַמאַל!" דער עלטערער גוי, וואָס האָט אַמאָל געדינט אין מיליטער און זיך געלערנט דייטש, האָט געוויזן מיט אַ פֿינגער צום הימל און געזאָגט: „וואָגעל וואָליאַק" — וואָס דאָס האָט באַדאַרפֿט מיינען „דער פֿאָגעל פֿלאַג־

## אונטער דער זון

— דער פויגל איז, הייסט עס, געפלויגן... וואָס געפלויגן? ווער געפלויגן? וואָס פאַר אַ פויגל צום גוטן יאָר? — האָט דער גוי אַליין נישט געוווסט. ער האָט עס גלאָט אַזוי געזאָגט, כדי צו באַווייזן דעם דייטש, אַז ס׳איז נישט געפּערלעך... ער דאַרף זיך נישט אַזוי איבערנעמען מיט זיין דייטשן לשון...

ס׳איז געווען דאָנערשטיק פאַר נאַכט נאָכן יאַריד. די „לעדערניקעס" און דער „מאַזשער" און דער „צוקערבעקער", און דער ייד מיט די מעסערס, אויף וועלכע מ׳וואַרפט רינגען און מ׳געווינט אַ בייטעלע — אַלע זענען שוין געווען אַוועק. אויפן מאַרק זענען נאָר געבליבן אַ פּאָר בלינדע בעטלער מיט „ליאָרעס". זיי האָבן געדרייט די „קאָרבעס" און געזונגען אומעטיקלעכע לידער:

אוי־ווי איז מיר, אַ בלינדער בין איך,
אַ בלינדער בין איך, אוי־ווי איז מיר.
אוי־ווי איז מיר, איך האָב נישט קיין אויגן!
איך האָב נישט קיין אויגן, אוי־ווי איז מיר!

און אויף דער אַנדערער זייט מאַרק, לעבן די קראָמען פון טעפּ און נייע, ווייסע מילטערס און צעבערס און שטעלעכלעך מיט געבעקס, איז געזעסן אַן אַנדער בעטלער, אויך מיט אַ „ליאָרע", געדרייט די „קאָרבע" און געזונגען נאָך מיט מער אומעט און געוויין:

איך האָב נישט קיין היים, און איך האָב נישט קיין פריינד,
געבוירן פון שטיין, אַ שטיין איז מיין בעט.

„געבזשע" איז היינט געווען שטאַרק אויפגעלייגט.

מ׳האָט פון די אַרומיקע דערפער געבראַכט אַ סך פערד צום פּריצס „אָגער". האָט דער פּריץ גוט פאַרדינט ביי דעם. געלאָזט ווייב און קינדער מיטהעלפן ביי דער „ארבעט", כדי ס׳זאָל זיין שנעלער, געפּאַטשט „געבזשען" אויף די פּלייצעס און געזאָגט צווישן באָרד און וואָנצעס:

— אַ מענטש וואָלט דאָס שוין נישט געקענט!...

„געבזשע“ איז געווען אָנגעזעטיקט מיטן געפיל פון גוטער, נוצלע־כער אַרבעט, און אַ גרויס צופרידנקייט מיט זיך אַליין האָט אים געטריבן אין מאַרק אַריין צו די בעטלערס, צו די סעדיכעס — מאַכן אַ ביסל קאַטאָוועס.

„געבזשע“ האָט גערעדט יידיש ווי אַ גוי, און גויִיש פול מיט יידישע ווערטער. די „ריש“ איז ביי אים געווען אַ האַרטע, ווי ער וואָלט געריבן שטיינדלעך אין האַלדז. ער איז געווען רויט און פאַרפרייליכט, און די לאַצן פונעם קאַמזויל זענען ביי אים געווען אויפגעפויגלט...

נאָכן יאַריד פלעגט „געבזשע“ גיין פאַרברענגען אַ ביסל מיט די בעטלערס און מיט די זיצערקעס, פלעגט זיי געבן שיינע נדבות און צוריק צוגנבענען פון די הילצערנע טעלער אַרויס. אַ מאָל פלעגט ער נאָך עפּעס פאַרדינען דאַביי...

צווישן די צוויי געוויינען פון די בעטלערס האָט זיך דורכגעטראָגן „געבזשעס“ חוזקעריי. ער האָט געטראָגן אַ גראָבע פאַלקע אין דער האַנט, האָט געהאַט אַראָפּגעהאַנגען איבער זיין גרין־טוכענעם קאַמזויל אַ בלייען פייפעלע, און ער האָט גערייכערט אַ לאַנגן, 2־גרייצערדיקן פאַפּיראָס, וועלכן אַנדערע יידן עפּענען געוויינלעך פונאַנדער און מאַכן דערפון אַ 8—10 באַלעבאַטישע ציגאַרלעך. קליינע יינגלעך זענען אַרומגעגאַנגען איבערן מאַרק און געזוכט שפּילקעלעך, און „נאַסיניע“, און אַ טייל האָבן אַפילו גערעדט פון גרייצערס אויך.

— פאַר דריי יאָרן האָט דאָ אַ גוי פאַרלוירן אַ רייניש! — האָט געזאָגט אַ יינגל מיט פאַרחלומטע, וויינענדיקע אויגן, געוויזן אויפן אָרט ווו מ׳זאָגט, אַז אַ גוי האָט פאַר דריי יאָרן פאַרלוירן אַ רייניש... אַלע יינגלעך האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, געקוקט פאַרחידושט אויף דעם שטיקל ערד, וואָס אַ מאָל, אַ מאָל האָט עמעצער אויף אים פאַרלוירן אַ רייניש, אויפגעקאָפּעט די ערד מיט די פוס־פינגער פון זייערע באָרוועסע פיס און נישט געקענט זיך אָפּרייסן פון אָרט.

„געבזשע“ דער עקאָנאָם האָט דערווייל פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם בלינדן בעטלער, וועמען ער האָט אַריינגעוואָרפן אין טעלער אַריין אַ צינערן קנעפּל און אַרויסגענומען אַ גרייצער, גערעדט מיט אים וועגן

פאַן־בוג... „נאַש פאַן־בוג, וואַש פאַן־בוג, ווּשיסקאַ יעדנאַ... אַלץ איינס"... און „אַנטליי מיר", מאַכט ער, „די ליאַרע, איך וויל עפּעס שפּילן".

דער גוי האָט אַראָפּגענומען דאָס שטריקל פון איבער די אַקסלען, איבערגעגעבן דעם יידן די ליאַרע און אַליין געקוקט אין הימל אַריין מיט פאַרבעלמעטע אויגן, און געשמייכלט מיט געלע, פאַרבעלמעטע ציין...

געבזשע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד, אָנגעטאָן אויף זיך די „ליאַרע", זיך אויסגעהוסט, זיך איבערגעקערט די אויגן־דעקלעך און גענומען זינגען אויף יידיש, מיטן זעלבן טרויעריקן ניגון, כמעט ווי די בעטלער:

אַ ליסקע פון אַ פיש
טרינקט זיך אין טייך;
שימעלע שוסטער
קען נישט גיין גלייך...

יינגלעך האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים און געפּאַטשט מיט די הענט, און געבעטן נאָך: „זינגט נאָך עפּעס, ר' פּאַני „געבזשע", זינגט נאָך עפּעס... איר זאָלט אַזוי זיין געזונט".

דערוואַקסענע יידן זענען געבליבן שטיין, אויסגעשפּיגן, געזאָגט: „צו זיינע הענט און פיס; צו זיין לייב און לעבן". זיצערקעס האָבן אָפּגעוויקלט די שאַלן פון די אויערן, אָדער פאַרשאַרט די וואָלענע טיכלעך, זיך איינגעהערט און געזאָגט אויף זייער לשון:

— „האַרצע־פּאַרצע!".

אָדער:

— נאַדיר גאַר און מאַך מיר גוט!

— טאָסטו דיר אין מיטן דערינען!

— אַ נייער משוגענער!

„געבזשע" האָט חוזקדיק אויסגעשטרעקט די האַנט, כלומרשט געבעטן אַ נדבה, זיך ווידער „איבערגעקערט" די אויגן, אָנגעהויבן דרייען די „קאַרבע" און זינגען:

## משה נאַדיר

א ליסקע פון אַ פיש
זעקס גראַהצער שטראָף
גיטל די שוחטקע
טוט פאַר... אין שלאָף.

די יינגלעך האָבן געלאַכט. דער בלינדער בעטלער מיט די פאַרבעל־מעטע אויגן איז געוואָרן ביים, גענומען דעם שטעקן און זיך אַליין אַ זעץ געטאָן אין פיס אַריין, פון וואָס ער האָט גענומען קוויטשען און וויינען מיט בלינדע אויגן.

„געבזשע" האָט אים צוריקגעגעבן די „ליאָרע", אים אויסגעווישט מיט אַ שטיקל געפונען פאַפּיר די בלינדע אויגן און געזאָגט:

— וויין נישט, לעכטיקער פאַרשוין מיינער...

אין מערב־זייט האָט זיך, ווי שטענדיק, געזעצט די זון. אַ קילער ווינט האָט צונויפגעזוכט אָנגעגליטע זון־רייפן.

צופוסנס פונעם באַרג האָט געזונגען דער טייכפּידל. דער גרינער סאַמעט האָט זיך געבראָנזט, געשוואַרצט... איבערגעגאַנגען פון טאָג־שיינקייט צו נאַכט־אומעט. קליינע, איבערגעבליבענע שטרויעלעך האָבן זיך געדרייט אין אַ פויל ווירבל. ווען עמעצער זאָל קענען אַריינוואַרפן אַ מעסער אין סאַמע מיטן ווירבל, וואָלט געגאַנגען בלוט — דער נישט־גוטער וואָלט געלעגן אַ געקוילעטער...

אָבער קיינער קען נישט אַריינטרעפן אַקוראַט אין סאַמע מיטן ווירבל... דערפאַר גייען שדים אַרום אויף דער וועלט, פירן נישט־באַוואַכטע כלות אַראָפּ פונעם וועג, אין דער חתונה־נאַכט... מאַכן, אַז אַ קליין וואַסערל זאָל ווערן געפערלעך טיף, און ווער ס'דאַרף אַריבערגיין, זאָל זיך דערטרינקען...

„געבזשעס" אויער איז געווען שאַרף (ער האָט עס אָפּט גענוצט אין וואַלד, צו דערהערן ס'בילן פון די יאַגד־הינט), האָט ער דער ערשטער דערהערט עפּעס אַ מין פייפנדיק כראַפּען פון אונטערן שטאָט, און אַ געשריי געטאָן: „די מאַשין!", און גענומען לויפן צום „ווינער וועג". די יינגלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים. נאָך זיי זענען צומערשט

סקלאַדנע, דערנאָכדעם שוין אַ ביסל איילנדיקער, נאָכגעלאָפן דערוואַק־סענע יידן און אַ פּאָר גויים. דער גאַנצער מאַרק איז געלאָפן. אַ זיצערקע, וואָס האָט געקויפט ביי אַ גוי צוויי קאָטשקעס, האָט געכאַפּטביידע קאָטש־קעס אונטער די אָרעמס און דאָס קויבערל באַרן אין די הענט אַריין און איז געלאָפן...

דער בלינדער בעטלער מיט די פאַרבעלמעטע אויגן און מיט דער „ליאָרע" אויף זיך, האָט געכאַפּט דעם שטעקן און גענומען קלאַפּן איבער די שטיינער און פאַלן און זיך אויפהייבן און ווייטער לויפן...

דער בעטלער, וואָס איז „עלנט ווי אַ שטיין", האָט אויף גיך אַריינ־געשאָטן אין קעשענע ס'טעלערל מיט פאַרדינסט, האָט גענומען לויפן גלייך הינטערן בלינדן, און אים, ווי נישט־אומיסנע אונטערשטעלן אַ פוס, ער זאָל פאַלן... דער דריטער בעטלער האָט זיך געראַטשקעוועט אויף אַלע פיר מיט אַזוינע קלעצלעך, און געהיפּעט ווי אַ זשאַבע...

דער לעצטער קויפער אויפן מאַרק — אַ גוי מיט פלאַקסענע וואָנצעס און אַן אויפגעשטעלט רויט היטל, וואָס איז געשטאַנען ביים „באָקל־סוחר" און זיך געדונגען וועגן אַ געטל, האָט אַ וואָרף געטאָן דעם „גאָט" פון זיך און גענומען לויפן... דער „גאָט" האָט אין פאַלן זיך אָפּגעליסטשעט אַ שטיקל נאָז. דער פּאַליאַק, וואָס פאַרקויפט די „באָקלעך", האָט אַ צעקאָכ־טער אויפגעהויבן דעם קאַליעטשעטן גאָט ביי די פיס, געפּאָכעט מיט אים אין דער לופטן, געשריגן „פּשאָקרעוו" און „טי הונדס־וואַט!" דערנאָך האָט ער דאָס שטיקל אָפּגעבראָכענע נאָז פאָרזיכטיק אַריינגעלייגט אין אַ שטיקל פּאַפּיר און באַהאַלטן. איינגעפּאַקט דאָס שטעלעכל, אַריינגערוקט די געטלעך אין די שופלעדער אריין און אויך גענומען לויפן.

ס'האָט געדויערט אפשר 10 מינוט, האָט זיך איבערן גאַנצן שטעטל צעטראָגן די ווילדע בשורה: „מאַשין", און ס'איז געוועזן: ווי משיח וואָלט מיט אַ מאָל אָנגעקומען, און אַלע זענען אים אַנטקעגנגעלאָפן...

# שטרויכלונגען

אויפן „ווינער וועג", נאָך אַ היפּש שטיקל פאָרן „ערוב", האָט די „מאַשין" געמאַכט קונצן, זיך איבערגענומען... געכריפּעט און געפּיפּט... דער „דייטש" האָט געשאָלטן מיט זייער לאַנגע קללות, איז אַרויף אויפן „ביציקל" און איז אַראָפּ פונעם „ביציקל"... געוויזן דעם מענטשן ביים „דרייער", ער זאָל דרייען אַהין און נישט אַהער... דערביי האָט ער אַליין אַ דריי געטאָן מיטן הענטל פון זיין „ביציקל" און ער איז אַריין אין אַ פּאָסע און זיך שיער נישט געעפנט דעם קאָפּ...

ער איז אַרויס מיט אַ „סאַקראַמענט!" און מיט אַ „באַסאַמאַ", גע־שריגן אויף די גויים, וואָס האָבן געשפּיגן אין די הענט אַריין און גע־האָלפן אונטערשטופּן...ביידע גויים האָבן געמאַכט „האָפּ" און געטענהט, אַז: „טרעבאַ בולאָ ליעפּשע דאַמפּאָוואַטע!". דער דייטש האָט נישט פאַרשטאַנען; די יידן האָבן געלאַכט, אויך געמאַכט „האָפּ" און אונטער־געשטופּט מיט די שפּיץ פינגער, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז די מאַשין איז אַריין אין אַ „פּאָסע", אַרויסגעטלימעט דעם מענטשן וואָס האָט געקירעוועט ס׳רעדל, שיער דערהרגעט די צוויי גויים... איבערגע־שראָקן אויף טויט אַלע יידן, דערלאַנגט אַ לעצטן פייף־אָפּ און — אויס!

## משיח־עפּילאָג

אַז איר וועט אַ מאָל פֿאַרבייפֿאָרן אונדזער שטעטל, שטעלט זיך אָפּ אַ פֿערטל תּחום־שבת פֿ אַ ר ן „ערוב“, אויפֿן „ווינער וועג“ לעבן דער ראַגאַטקע, זוכט אין דער „פּאָסע“ רעכטס, נישט ווייט פֿון דער קופּע שטיינער, וועט איר דאָרט געפֿינען אַלטע שרייפֿלעך און רעדלעך און אַלערליי פֿאַרזשאַווערטע שטיקלעך אײַזן, וואָס צעפֿאַלן אונטער די הענט — און אַ גרויסע, צעלעכערטע „מאַהיניע“. דאָס איז אונדזער „מאַשין“, אונדזער „משיח“, וואָס איז געגאַנגען און געגאַנגען פֿון ווין און איז סוף־כּל־סוף דערגאַנגען, און איז פֿאָרט נישט דערגאַנגען...

מיט פֿאַרביטערונג און צעשטערטע האָפֿענונגען זענען פֿול די וועגן פֿון משיח!...

# „ביג זעליג"

זעליג איז רעפּאָרטער אין אַ יידישער צייטונג.

אָנגעהויבן האָט ער זיין קאַריערע ווי אַ שיק־יינגל. דער פעטער זיינער, דער „רויטער שימען" איז געווען דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער. ער האָט „אַרויסגעגעבן" און געשריבן און זיך געבייזערט אויף די מיט־אַרבעטער, אַז זיי עסן אים אויף מיט די האָנאָראַרן זייערע. האָנאָראַרן גאָר!... ס'איז געווען גענוג האָנאָר אַז מען דרוקט זיך אין זיין צייטונג, וועלכע פאַרשפּרייט דעם יידישן געדאַנק.

וואָס איז אַזוינס „דער יידישער געדאַנק" איז געווען שווער אויסצו־געפינען פון דעם „רויטן שימענס" צייטונג, און נאָך ווינציקער פון פּה־אל־פּה־שמועסן מיט דעם פריקרען יידן, וואָס האָט געשפּריצט מיטן מויל בעת ער האָט גערעדט, אייך פאַרשטעלט דעם וועג אין דער ברייט, איר זאָלט נישט קענען גיין ווייטער.

דער „רויטער שימען" איז, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, וואָס דאַמפּט און פייפט און רירט זיך נישט פון אָרט. זיין כוח איז דער כוח פון אַ פּראָסטער, שווערער מאַשין, וואָס מ'נוצט זי אויף אויספּלאַכן אַ וועג... די גאַנצע קונץ פון דער מאַשין באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז מוראדיק שווער....

דער „רויטער שימען" איז שווער ווי בליי. ער פאַרהאַלט, קוועטשט־צו, שטעלט־אָפּ, פאַרפּלאַכט...

דער „רויטער שימען" פאַרשפּרייט דעם יידישן געדאַנק ווי אַ שאָף פאַרשפּרייט איר אָפּפאַל. ווו ער גייט רעדט ער וועגן „יידישן געדאַנק" (דער יידישער געדאַנק איז, לויט זיין מיינונג, דער געדאַנק, אַז אַלע יידן דאַרפן לייענען זיין צייטונג). און ער גיט אייך זיין צייטונג, און ער וויזט אייך זיין לייטאַרטיקל. און ער לייענט אייך אַליין פויר די ערשטע פּאָר שורות, און ער טרעט נישט אָפּ, ביז וואַנען איר לייענט אַליין נישט איבער די איבעריקע שורות פון דעם חנעוודיקן לייטאַרטיקל, וואָס ענדיקט

זיך געוויינטלעך מיט די ווערטער: „אָבער, צי ס׳איז פאַראַן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, דאָס איז שווער צו זאָגן... לאָמיר וואַרטן און האָפן...“.

צו וואָס דער „רויטער שימען“ האָט געדאַרפט אָפּמוטשען זיינע לייענער מיט אַזאַ שווערן אַרטיקל, כדי אויסצופירן, אַז „ס׳איז שווער צו זאָגן“, איז... טאַקע שווער צו זאָגן.

*

דער „רויטער שימען“ האָט געבויט זיין ציישונג אויף זיין אייגענעם געשמאַק. אַליין איינער פון די פּראָסטינקע און גרויאינקע, אַ „קינד פונעם פאָלק“ — איז אים געווען גרינג צוצוטרעפן דעם געשמאַק פון זיינע לעזער. איך קען אַן אַנדערן יידישן רעדאַקטאָר, וואָס איז זיך נוהג, ווי באַלד מ׳ברענגט אים אַריין אַ ליד, אָדער אַ נאָוועלע, אָדער אַפילו אַ פּוב־ליציסטישן אַרטיקל, רופט ער אַריין דעם „לאָבוז פון רעדאַקציע“, אַ הויכער, נאַרישער יונג, מיט אַ וואַסער־קאָפּ, און לייענט עס אים פאָר. אויב דער „לאָבוז“ פאַרשטייט יעדעס וואָרט, איז אַ סימן, אַז ס׳פאָלק וועט עס אויך פאַרשטיין. אלא נישט, מוז נעבעך דער באַליידיקטער און געקרענקטער שריפטשטעלער צוריק אַרומבינדן זיין סחורה מיט אַ גומינדל און גיין ווייטער.

דער נעמלעכער רעדאַקטאָר האָט ליב אַליין צו „אַנטדעקן“ זיינע טאַלאַנטן. איז אַזוי: אויב איר לאָזט זיך פון אים אַנטדעקן, איז נאָך נישקשה, מעגט איר אַפילו האָבן טאַלאַנט אויך, איז ער אויף אייך נישט בייז... אָבי איר שרייבט פאַר אים אַזוי ווי ער וויל... קוים אָבער זענט איר שוין אַן „אַנטדעקטער“, איז ביטער ווי גאַל... פאַראַן בלויז איין רפואה: זיך צו לאָזן נאָך אַ מאָל אַנטדעקן פון אים, זאָל לעבן!... אין אַזאַ פאַל שמדט ער אייך אָפּ... גיט אייך אַ נייעם נאָמען. אויב איר האָט למשל שוין געשריבן אַ סך יאָרן און איר זענט באַקאַנט אויף אַ האַלבער וועלט אונ־טערן נאָמען „עפּלשטיין“, בייט ער אייך איבער דעם נאָמען אויף נ. האָצע, אָדער ד. פלאָצע. און אַריינגעמען נעמט מען אייך אַריין שטיל... מ׳שמירט אייך צומערשט אָן מיט פּוטער, און אַז קיינער זעט נישט, גיט מען אייך אַ שלעפּ אַריין דורכן פענצטער... מ׳וואַשט אייך אַרום די ריינקייט...

מ׳באַשפּריצט אייך מיט אַ ביסל „בלאָטע״ (דאָס איז דער „הערב״!), מ׳זאָגט אייך אָן למ״ה איר זאָלט קוקן קאָסאָקעע אויף אַלצדינג... נישט זאָגן דאָס, וואָס איר מיינט, נישט מיינען דאָס, וואָס איר זאָגט. און דאָס ביסל וואָס איר זאָגט יאָ, זאָלט איר זאָגן נישט מיט אייער אייגענעם צונג, נאָר מיט דעם צונג פון „פאָלק״, דאָס הייסט: פונעם לאָבוז...

דער רעדאַקטאָר אַליין האָט אַ מאָל געהאַט אַ ביסל טאַלאַנט און אַ סך זיצפלייש. ער האָט געקענט צוקלעפּן זיין אויער צום שליסל־לאָך פון לעבן און... זיך אונטערהערן. ער איז געווען נישט קיין לעבנס־קינסטלער, נאָר אַ לעבנס־שפּיאָן, האָט געפּאָרשט ביי דעם אָרעמען לעבן. געשנאַפּט, עס אַרומגעטאַפּט, זיך געביוועט אין זיינע טיפענישן, ווי אַ מויז אין קעלער פון אַ פאַרלאָזן הויז זוכט אַ ליכטל... אויפצופרעסן עס...

ער האָט געגעסן זיין טרייפן ליכטל — אנשטאָט אָנצוצינדן עס! ער האָט זיך געשעמט אויסזאָגן (אַפילו זיך אַליין) אַז אַ ליכט איז נישט... צום עסן... מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוווינט דערצו. אויף „צו להכעיס זיך אַליין און אַנדערע עסט ער איצט כיילעוונע ליכט. אַ מאָל איז דאָס ליכטל געמאַכט פון זיין אייגן נשמה־פעטס... עס טוט וויי אַרויסצורייסן פון זיך דאָס שטיקל נשמה און אָפּטאָפּיען ס׳ביסל פעטס... אָבער וואָס טוט נישט דער מענטש ווען ער איז הונגעריק — נאָך ברויט, נאָך ליבע, נאָך רום?

בערגער, איינער פון שימענס גבאים, פּסקנט שאלות פאַר די אָרעמע און דערשלאָגענע. „ליבער הער רעדאַקטאָר״, קומט געוויינטלעך אַ ווייבל מיט אַ „צעבראָכענער קניע״ צו איר רעדאַקטאָר, „וואָס טוט מען? מיין מאַן ליבט מיך נישט, איך אַליין בין יונג און ליידנשאַפטלעך און פול מיט לעבנסלוסט, אָבער ער קריכט צו אַנדערע... נישט איין מאָל, ווערטער הער רעדאַקטאָר, איז מיר איינגעפאַלן אים אָפּצוטאָן אויף צו להכעיס און — טאָן ווי ער טוט... אָבער, ערשטנס האָב איך נישט קיין מוט, און צווייטנס, וואָס ראָט איר מיר, ווערטער הער רעדאַקטאָר, זאָל איך?״.

דער בריוו איז געשריבן אין דעם אומבאַהאָלפענעם נוסח פון דעם שרייבער פון יענער רעדאַקציע, וואָס האָט אויסגעטראַכט דעם ערשטן בריוו. דאָס פאָלק אַליין קען בעסער און ערלעכער שרייבן.

אָבער דער לעזער נעמט אָן, אַז מ׳דאַרף שרייבן אַקוראַט אַזוי ווי מ׳האָט געוויזן דעם וועג.

מאַכן זיי נאָך דעם נודנעם סטיל, די אויסגעריבענע פּראָזע, די „גלאַנצעוואַטע״ ראָמאַנטיק, די צעפּאַרעטע עראָטיק.

דאָס בריוול, וואָס טראָגט מיט זיך אַזוי פּיל האַרצפּלאַטערניש און דערוואַרטעניש, ווערט צווישן אַנדערע הונדערטער בריוו אויפגעלייגט אויפן שרייבטיש פון קאָלעגע בערגער. בערגער איז אַ קליינער, אַ היפּע־דיקער, ווי אַ וועוועריקע. טראָגט שטענדיק אַ גרויסן שטעקן און געלענגלטע האָר, און צעבלאָזענע שניפּסן. בערגער איז אַ מאָל געווען אַ קאָלדרעניק, געקענט ערלעך שטעפּן קאָלדרעס... פון שלינגען דעם שטויב פון וואַטע, און זיצן אין פינצטערע שעפּער פון עלן־סטריטער געוועלבן, איז ער קראַנק געוואָרן, געמוזט אויפגעבן די אַרבעט. איז ער אַוועק אויף דער בויערי און זיך געלערנט ראַזירן... האָט ער אָבער אַ „שווערע האַנט״, און פלעגט צעבלוטיקן מענטשן. איין מאָל איז ער געשטאַנען אין דער „ראַזיר־אוניווערסיטעט״ און געראַזירט עפּעס אַ „טרעמפּ״ (טרעמפּס לאַקעמען זיך אין דעם, וואָס די ראַזיר־אוניווערסיטעטן רעכענען בלויז 5 סענט פאַר אָפּראַזירן, און פליוכען נאָך אַרויף אויפן פּנים אַ ביסל גרין וואַסער אָדער טלימען אַרויף אַ הייס האַנטעך!) אַז ער איז געקומען צו די וואָנצעס, באַדאַרפט אויפהויבן דעם טרעמפּס נאָז, מיט צוויי פינגער, כדי אָפּצוציען די הויט און אויסראַזירן ביי די ווינקלען, האָט ער זיך דערוויילפאַר־טראַכט אויף זיין ביטער מזל... אויף זיין ווייב מיט 4 קינדער, וואָס גייען נעבעך אַרום קריע־בליע, און פון דעם גאָט אין הימל, צו וועלכן ער האָט אַזוי ערנסט געוויינט היינטיקן יום־כפור און געבעטן „סלח־לנו״, שיק־צו עפּעס אַ גוטע פּרנסהלע, אַ ביסעלע געזונט... אַ ביסל אָפּרו פאַר די אָפּגעמוטשעטע הענט, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געמאַכט קאָלדרעס...

די בריטווע האָט זיך ווי אַ פּינטעלע ביים סוף פּסוק אָפּגעשטעלט ביים ווינקל פונעם טרעמפּס נאָז, געגעבן זיך אַן עס־אַריין אין דער הויט, אינעם פלייש...

בערגער האָט זיך דערשראָקן, גענומען פליוכען אויפן „טרעמפּ״

אַלערהיי וואַסערלעך. רויט געמאַכט אַ פּאָר האַנטעכער... געטיפּלט מיטן האַלוין־פּינזל... אָבער דאָס בלוט איז אַלץ גערונען און גערונען...

אַז דער טרעמפּ האָט דערזען, אַז מ׳קען נישט איינשטילן זיין בלוט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פונעם בענקל, געזאָגט: „נו — גוט!", זיך פאַר־קאַטשעט די אַרבל, איז אַרויף מיטביידע פויסטן אויף דעם דערשראָ־קענעם בערגער און האָט אים שיער דערהרגעט...

דענסמאָלט האָט זיך בערגער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן שטאַרק פאַרטראַכט איבער וועלט און זאַכן. ער איז אַוועק אין אַ ווינקל פון דער ראַזיר־שטוב, געקוקט אויף די „אָפּגעשוירענע שאָף", וואָס די סטודענטן פונעם ראַזיר־אוניווערסיטעט האָבן זיי אַרומגעליסטשעט מיט די מאַשינד־לעך... און זיי האָבן אויסגעזען קאַלט און נאַקעט און נאַריש...

בערגער האָט זיך געווישט די טרערן אין היגטערשטן צימער פון „אוניווערסיטעט"... געלייענט מיט אַ האַלב אויג דאָס יידישע בלאַט, וואָס ווערט געווינטלעך געלייענט אין אַזוינע ערטער. פּלוצעם איז אים איינ־געפאַלן: פאַר וואָס נישט שרייבן? כמעט אַלע ראַזירערס וואָס ער קען, שרייבן דאָרטן. וועט ער אויך שרייבן. ער וועט שרייבן אַ בילד פון לעבן. ער וועט באַשרייבן אַן אמתע פּאַסירונג... טאַקע די מעשה מיטן „טרעמפּ", און ווי אַזוי זיינע טרערן זענען געפאַלן אויף אַ בינטל גאָלדענע פרויען־לאָקן (אַ גאַסן־פרוי איז נישט לאַנג אַריינגעקומען און זיך געלאָזט פון אים אָפּשערן די האָר...) און ווי אַזוי אַפילו אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט ווערט נישט פאַרשוויגן...

בערגער האָט טאַקע באַלד אַרויסגענומען זיין פּילפּעדער, אָפּגעשפּריצט עטלעכע טראָפּנס טינט, ווי אַ מין קרבן צום גאָט פון קונסט... אויפגע־הערט צו וויינען און צו טאַפּן זיך דעם בלאָען סימן היגטערן לינקן אויג, און — ער האָט באַשריבן זיין לעבן, אַקוראַט ווי עס האָט פּאַסירט, נישט געמינערט אַ האָר...

פון דעמאָלט אָן איז בערגער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

צו ערשט האָט ער געשריבן פון לעבן. קליינע, נישטיקע זאַכעלעך — געזען מיט די הוילע אויגן און געטאַפּט מיט די הוילע הענט. — דאָס איז

נישט געווען קונסט, אָבער עס האָט געהאַט דעם חן פון ערלעכער מלאכה. דעם מענטשלעכן גערוך פון שווייס...

שפּעטער האָט זיך בערגער פאַרפעסטיקט ווי אַ שפּין אויפן קרוק פון אַ שטעקן, וואָס אַ מידער וואַנדראָווניק האָט אויף אַ ווײַלע אַוועקגעשטעלט לעבן בוים און זיך געלייגט אָפּרוען.

דער פּריפּשטיין פון אַ מענטשנס כאַראַקטער איז: אויב ער ווערט מענטשלעכער און בעסער, ווען זיין לעבן ווערט באַקוועמער און גרינגער — איז אַ סימן אַז ער איז אַ ריינער מענטש. אויב נישט — איז אַ סימן אַז ער איז אַן אומריינער. דער ריינער מענטש איז שוואַך קעגן שוואַכערע פון זיך און שטאַרק קעגן שטאַרקערע. דער אומריינער איז פונקט פאַרקערט.

בערגער האָט דערפילט זיין נאַרישן כוח, ווי אַ שווערד אויף די לענדן...

ער האָט גענומען פּאַכען — רעכטס און לינקס, און — אַלע זענען אים געגאַנגען אויסן וועג...

# דער פעטער פאַרט אַוועק

דער פעטער איז היינט געווען אַ ביסל צעטראָגן. געטרונקען זיין קאַווע שטייענדיקערהייט. פאַרבייגייענדיק דאָס פענצטער, ווו עס זענען געשטאַנען וואַזאָנעס מיט רויט־סאַמעטענע בלעטער, האָט ער אָפּגעריסן אַ שטיקל בלאַט, עס צוגעטראָגן צום מויל, זיך פאַרכאַפּט און עס אַוועק־געוואָרפן.

דערנאָך האָט ער עפּעס געזוכט אין זיין גרינעם קופערט מיטן צע־שפּאָלטענעם בויכיקן דעק. געפונען אַ בלאָען יעגערהוט, זיך אָנגעמאָסטן און מיך געפרעגט, צי עס איז שענער ווי דער טוכענער הוט וואָס ער טראָגט. איך האָב געפילט, ווי דער פעטער וואָלט מיר אַ גלעט געטאָן ס׳האַרץ מיט זיין סאַמעטענער האַנט און כ׳האָב געזאָגט: „פעטער, איר זענט אין גאַנצן אַ שיינער!". דער פעטער האָט געשמייכלט מיט זיינע אויגן, אין וועלכע עס זענען געווען אַ סך גרינע און ברוינע פינטעלעך... איז געבליבן זיצן מיטן בלאָען יעגערהוט אויף דער קניע, זיך פאַרקוקט אויפן פענצ־טער, ווו אַ שמעטערלינג האָט זיך אויפגעפליגלט, ווי אַ שטיק פלאַטערדיק צירונג... זיך צום סוף אויסגעקנאַקט איינציקווייז אַלע פינגער פון די הענט און מיך געפרעגט, צי איך האָב געלערנט שיר השירים.

איך האָב געזאָגט אַז יאָ, איך האָב געלערנט.

— וועלכן שיר השירים האָסטו געלערנט? — האָט מיך געפרעגט דער פעטער איציק, און מיט דער צונג באַנעצט זיינע שיינע פולע ליפּן.

— וואָס הייסט וועלכן? דעם אמתן שיר השירים... שלמה המלכס שיר השירים...

— מיר ווייסן אַז ס׳איז שלמה המלכס — מאַכט דער פעטער איציק מיט אַ דין ביסעלע חוזק אין קול, — כ׳מיין ווער טייטשט דיר איין שיר השירים?

— וואָס הייסט ווער? דער רבי!

## אונטער דער זון

דער פעטער האָט צוגעשטעלט צום מויל אַ ברעג־נאָגל, זיך ווידער פאַרטראַכט און געזאָגט:

— אַהאַ!

דערנאָך האָט מיך דער פעטער איציק אַוועקגעזעצט אויף זיין שפּי־ציקער קניע, מיר אויסגעגרייזלט די שטיקלעך פּאות, מיר צורעכט גע־מאַכט דאָס שוואַרצע בענדל ביים קראַגן, וואָס האָט געדינט פאַר אַ קראַ־וואַט, געפרעגט, צי איך האָב מיר היינט אויסגעפּוצט די ציין, און דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן:

— נאַרעניו... שיר השירים איז נישט דאָס וואָס דו מיינסט...

איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט, אָנגעהויבן שטאַמלען, רויט ווערן, זיך פאַרענטפערן.

דער פעטער איציק האָט מיר געגלעט דעם קאָפּ, געזאָגט: נו־נו, ס׳איז נישט דיין שולד... ס׳איז דער רבי דיינער... מיט זיין משה מיט אהרונען... און מיט דער כנסת ישראל... און מיט די צוויי לוחות הברית... פינצטערניש... ס׳שטיקט... מ׳קען דאָ נישט כאַפּן דעם אָטעם...

איך האָב געקוקט אויפן פעטער, וועלכער האָט זיך געטאַפּט ביים האַלדז ווי ס׳וואָלט טאַקע עפּעס געשטיקט... זיך אַרומגעקוקט צי ס׳סמאַ־ליעט נישט עפּעס... געצויגן מיט דער נאָז, און דערנאָך זיך אָנגערופן:

— פעטער, אפשר איז דאָס דער סאַמאָוואַר?

דער פעטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַן איידל, קינדיש געלעכטער, מיך אַראָפּגעלאָזט פון דער קניע, מיר געזאָגט, אַז אַ מאָל וועל איך אפשר פאַרשטיין, זיך ווידער אויסגעקנאַקט די פינגער, מיר געזאָגט איך זאָל געבן דעם פייגעלע מיט די פישעלעך, מיט דעם קאַנינכען גענוג צו עסן. צוגעריגלט די טיר, אַריינגעלייגט אין בוזעם־טאַש אַ לעדערנעם רייסטער מיט פּאַפּירן... מיר פאַרטרויעט זייער שטיל, אַז איך זאָל נישט גלייבן אַלצדינג וואָס דער רבי זאָגט... און אַז אַלצדינג האָט אַ נשמה — אַפילו אַ גוי... אַפילו אַ קאַנינכען...

— געדענק־זשע וואָס מ׳זאָגט דיר! — האָט ער געענדיקט — אַלצ־דינג האָט אַ נשמה... אַפילו אַ הונט... און פאַרגעס נישט — מאַכט ער — זיך פּוצן אַלע טאָג די ציין.

דער פעטער האָט מיר אַ קוש געטאָן אויפן שטערן. איך האָב אים צוריק אַ קוש געטאָן אין האַנט. ער האָט מיר געזאָגט: „סערוווס!" און איך האָב אים געזאָגט: „פאָרט געזונטערהייט, פעטער!" איך האָב גע־וואַרט צו זען אומיסנע, צי ער וועט אַ קוש טאָן די מזוזה.

ער האָט עס נישט געטאָן.

איך האָב זיך אַ קליין ביסל געפרייט מיט דעם, וואָס איך האָב אַזאַ שטאַרקן פעטער, „וואָס האָט נישט קיין מורא אַפילו פאַר גאָט אַליין", און מיך האָט פון דעסטוועגן געערגערט, וואָס ער מאַכט עפּעס אונדזער גאָט צו־גאָר־נישט...

דער פעטער איציק איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ און מיר איבערגעגעבן צו היטן זיין פייגעלע, דריי פישלעך און דאָס „קאַנינכען".

דאָס פייגעלע האָט געהאַט אַ שטייגעלע. די פישעלעך האָבן געהאַט אַ גלעזערנע „קאָלבע" אין וועלכער זיי זענען אַרומגעשווומען, און דאָס „קאַנינכען" האָט מיר דער פעטער געהייסן אַריינלאָזן אין „פאַלשן בראַט־רער" פון אונדזער אויוון. אויסבעטן מיט שטרוי אָדער מיט היי, און געבן צו עסן וואָס ער האָט אָנגעזאָגט.

אַז מיין מאַמע האָט דערזען, ווי איך פריי מיך מיט דעם פייגעלע, מיטן פישעלע, מיטן קאַנינכען, האָט זי גוטמוטיק געשמייכלט און געזאָגט:

— מיין ברודערל אויסן אויג... ער וועט אויך אַ מאָל צעברעכן הערצער...

און זי האָט מיר געהייסן אויפהערן מוטשען ס'פייגעלע, אויפהערן עס האַלטן אין דער זשמעניע און הויכן דאַרויף מיטן אָטעם, און אים „לער־נען פייפן ווי אַ שייגעצל"!

— „נישט אַזוי האָט מען ליב!" — האָט געזאָגט די מאַמע. — „אַז מען האָט ליב אַ זאַך, מוטשעט מען עס נישט".

איך האָב געלאָזט דאָס ציטערדיקע, צאַפּלענדיקע באַשעפעניש זיך אַרויסצאַפּלען פון מיינע הענט און זיך אַריינצאַפּלען אין שטייגל אַריין. נאָר פון גרויס צעטראָגנקייט האָב איך פאַרגעסן פאַרמאַכן ס'טירל פון דער קלעטקע. דאָס פייגעלע האָט געגעבן אַ פלי אַרויס, גענומען זיך שלאָגן דעם קאָפּ אין די פענצטער, כאָטש די טיר איז געשטאַנען אָפן.

## אונטער דער זון

עס איז געווען צעטומלט פון דעם געפיל פון פרייקייט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, זיך געקלאַפּט דעם קאָפּ אָן די שויבן, אָן דער סטעליע — געזוכט אַן אַרויסגאַנג דורך די האַרטע ווענט, בעת די אָפענע טיר האָט געשמייכלט, געוויזן, אַז ס׳איז אַזוי פּראָסט.

איך בין געלאָפן כאַפּן אַ ביסל זאַלץ צו שיטן דעם פייגעלע אויפן עק, כדי איך זאָל עס קענען כאַפּן. איך האָב אָנגענומען אַ פולע האַנט מיט זאַלץ און געוואָרפן אין דער לופטן. „וואָס האָסטו?" האָט געפרעגט די באָבע וואָס איז אָנגעלאָפן אויף דעם גערודער. „וואָס וואַרפסטו זיך מיט זאַלץ? וואַרף בעסער ס׳היטל, וועסטו אפשר כאַפּן דעם „פויג" דיינעם... אַז נישט טרייב בעסער אַרויס דורך דער טיר — דעם „פויג" דיינעם... איך האָב וויניק חיות און עופות... דאַרף איך נאָך האָבן איציקלס „פויג" אויכעט"...

די באָבע האָט זיך „געשאָלטן מיט סקריפּ". די מאַמע האָט געזאָגט: „לאָז אים!" און איך אַליין בין געשטאַנען אַ צעפלאָטערטער, אַ צעהיצטער, געשפּרונגען אַהער און אַהין, אונטערגעהיפּעט... אַרויסגעלאָזט אַ געוואַלד, יעדעס מאָל ווען איך האָב געזען, אַז ס׳פייגעלע דערנענטערט זיך צו דער טיר.

דאָס פייגעלע איז (אין זיין איילעניש זיך צו באַפרייען) געווען בלינד צו אַלדינג, אַ חוץ צו דעם איינעם געפיל פון פריי־ווערן. עס האָט געזונגען אין קורצע, איינציקע זילבן, זיך געוואָרפן קעגן דער סטעליע... געשלאָגן קאָפּ און פענצטער. ביז עס האָט זיך צעבלוטיקט און איז אַראָפּגעפאַלן — מיט איין פליגל אַן אויפגעהויבענעם, ווי עס וואָלט נאָך געהאַלטן אין פליען... דער אַנדערער אַ צעבראָכענער, אַן אַראָפּגעלאָזטער...

אַז די באָבע האָט דערזען בלוט, האָט זי שיער נישט געחלשט. מ׳האָט געמוזט אויף איר שפּריצן וואַסער. די מאַמע האָט זיך צעוויינט. איך האָב זיך אויך צעוויינט...

עס איז געווען תשעה־באב.

# ביג זעליג

זעליג איז צו ערשט „געגאַנגען אַ גאַנג". אַרויפגעבראַכט די גוישע צייטונגען, אַזוי גיך ווי זיי זענען אַרויס, כדי מ׳זאָל קענען איבערשרייבן די נייעס. די מיטאַרבעטער האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט אַ ביסל דרך־ארץ, דערפאַר, ווייל דער אַרויסגעבער איז זיין פעטער... דער פובליציסט פון רעדאַקציע האָט ביי אים אַנטדעקט אַ „מערקווירדיקן קלאָרן שכל". דער הומאָריסט האָט אויסגעפונען, אַז זעליג איז אַ קוואַל פון הומאָר. און מער פון אַלע האָט פון אים געכאַפּט התפעלות דער פּאָעט, וואָס איז אויך געווען דער שרייבער פון די „לייטאַרטיקלען אויף דער לינקער זייט" (די „לינקע אַרטיקלען" האָט מען זיי גערופן) און סטאַף־פּאָליטיקער... זיינע מיינונגען וועגן פּאָליטיק האָט ער גענומען פון דער „טיימס". זיינע חכמות וועגן לעבן האָט ער אויסגעקליבן פון די human-interest features פון די זונטיקדיקע ענגלישע צייטונגען. זיינע לידער האָט ער געשריבן אַליין, — האָבן זיי טאַקע געטויגט אויף כפרות. געוויינטלעך האָט ער נישט געהאַט גאַרנישט וואָס צו זאָגן אין זיינע לידער. אָבער דעם גאַר־נישט האָט ער געזאָגט אין דער ברייט און מיט אַ פול מויל, און מיט קלינגעריי, ווי פון בהמות, וואָס קערן זיך אום פון פעלד.

דער אמתער דיכטער איז געזעסן אונטן, אינעם דרוק־שאַפּ פון דער צייטונג, און געזעצט די דאָזיקע לידער אויף דער זעצמאַשין...

# זעליג וואַקסט

זעליג האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז ער איז ע מ ע צ ע ר!... זיין פעטער, דער „רויטער שימען" האָט אויף אים גענומען קוקן מיט זיינע „אַרומגעליאַמעוועטע" אויגן, טראַכטן, וואָס ער קען מאַכן פון אים...

דערוויַיל, ביז וואָס־ווער־ווען, האָט ער אים געגעבן צו שרייבן „טעאַטער־קריטיק" — ער זאָל זיך איינשרייבן די הענט. דערנאָך, אַז זעליג האָט שוין געקענט אַ ביסל אויסלייגן און צונויפבינדן אַ שורה מיט אַ שורה, האָט ער אים, דער „רויטער שימען", געגעבן איבערצושרייבן קליינע שטיקלעך נייעס פון די ענגלישע און דייטשע צייטונגען.

זעליג האָטביידע שפּראַכן געקענט בלויז ווי אַ וויַיטן און אָרעמען קרוב. אַ מאָל האָט ער געטראָפן דעם פּירוש המילות און אַ מאָל — נישט... אַזוי איז, למשל, באַקאַנט, אַז זעליג האָט איבערגעזעצט: Meat, that is not fit for human consumption אויף: „פליייש, וואָס טויג נישט פאַר מענטשן, וואָס לײַדן פון שווינדזוכט".

אין דעם דייטשן אויסדרוק „פּריץ שלוג איין פּורצעלבוים" (וואָס דער טייטש דערפון איז: „פּריץ האָט זיך איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף") האָט ער איבערזעצט:

„פּריץ האָט געקלאַפּט מיט דער האַנט אין פּורצעלבוים"...

מיט דער צייט האָט זעליג געכאַפּט דעם שניט. געוואָרן אַ רעפּאָרטער אַרום געריכט־הייזער... זיך געטומלט ביי אַלע פּראָצעסן פון יידישע „גענגסטער"... זיך באַקענט מיט זיי פּערזענלעך, זיך געווערטלט מיט די ריכטער און פּראָקוראָרן... געשפּילט אין קאָרטן מיט ענגלישע רעפּאָרטערס אין דער „פּרעס־רום" פון געריכט...

זיין מאַכט איז ביסלעכוויַיז געוואַקסן און אויך זיין מענטשן־קענטעניש, און ביסלעכוויז האָט זיך ביי אים צעוויקלט אַ פעיקייט איבערצוגעבן אמתע זאַכן, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אַ ליגן... ער פלעגט באַשרייבן די לעצטע מינוט פון אַ פאַרברעכער, וואָס ווערט געפירט צום טויט... איבערגעבן די פאַקטן אַזוי „לעפיש", אָן צונויפגוס, אַז ס'האָט באַקומען דעם חן פון פיקציע, פון דיכטונג...

# זעליגיזם

זעליג איז געוואָרן אַ „פיגור". פלעגט באַגעגענען אַלע „גרויסע געסט" אויף דער שיף, נאָך איידער זיי זענען אַריין אין האַפן. ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך אָנגעגרייט אַ פאַרטיקן אינטערוויו פאַר יעדן באַזונדערן „גדול". ער פלעגט דעם חשובן גאַסט שטעלן אַזוינע פאַרעווע פראַגן, מיט שפּיצעלעך און פרענדזועלעך, און חכמהלעך, אַז דער „גאַסט" פלעגט גאַרנישט האָבן דאַקעגן, אַז מ'זאָל דאָס דרוקן.

— אויב שויך־יאַ־זשע־אַזוי, — פלעגט זעליג זאָגן אויף זיין סקריפּענדיק יידיש — טו שרייבט־זשע אונטער אייער נאָמען־זשע!

דער „גדול" פלעגט אונטערשרייבן. זעליג פלעגט באַלד „לויפן צוריק" אויפן לאַנד... צופליען צום ערשטן בעסטן טעלעפאָן און אַריינרעדן זייער שנעל:

— יעס... קאַצמאַן... פּאַלעסטינאַ אונדזערס... יידן־פראַגע געלייזט... גרויסער „דרייווּ" פאַר זעקס מיליאָן... העלאָ, יעס... באַלפור וועט זיך מגייר זיין... סעמיועלס דאַוונט אין צווײ פאָר תפילין... העלאָ, יעס... גיט אַ גרויסן קאָפּ: „קאַצמאַן זעט זיך מיט אונדזער רעפּאָרטער און זאָגט, אַז יאָ". העלאָ... יעס... גודביי..."

צו רעדן דורכן טעלעפאָן איז ביי זעליגן געווען אַ מין ליידנשאַפט... ער האָט ליב געהאַט אַריינצורעדן אין שוואַרצן רעדל אַריין און צו זאָגן ביי יעדן דריטן וואָרט „העלאָ — יעס"... זיין שטים דורכן טעלעפאָן האָט געקלונגען ריין און אויסגעאַרבעט — ווי ביי אַ מענטש וואָס קען אויסגעצייכנט דעם פאַך פון רעדן דורכן טעלעפאָן. זעליג פלעגט אָפט אָפּשטיין 15 און 20 מינוט ביים שוואַרצן מונדשטיקל און רעדן — ווערטער. דער „רעסיווער" פלעגט ליגן ביי אים אויפן אַקסל, און ער פלעגט אים צוהאַלטן מיטן אויער, אַזוי, אַז ער האָט געקענט ניצן ביידע הענט

אויף צו פאַרצייכענען אַדרעסן, דאַטומס אָדער גלאַט אַזוי אָנוואַרפן ווער־טער אָן שום זין.

איצט רעדט זעליג שטענדיק דורכן טעלעפאָן. דאָס הייסט: אַפילו ווען ער רעדט צו איך פערזענלעך, רעדט ער צו איך אויך ווי דורכן טעלעפאָן. ער האַלט שטענדיק דעם רעכטן אַקסל אַ ביסל אויפגעהויבן, ווי אונטערצושפּאַרן דעם „רעסיווער״. קוקט אַוועק אין דער ווייטקייט, האַלט די בלייפעדער אין דער האַנט און זאָגט ביי יעדן דריטן וואָרט: „העלאָ — יעס״.

— העלאָ — יעס... איר האָט נעכטן געהאַט אַ פיין ליד... זאָגט מיר־זשע. איך בעט אייך־זשע. העלאָ — יעס... ווען פאָרט איר קיין פּאַלעס־טינאַ... העלאָ — יעס, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? — דאָ פאַרטראַכט זיך זעליג זייער ערנסט און לסוף גיט ער אַ באַלבע אַרויס: גודביי.

# זעליג זוכט

אַ מאָל גיט זיך זעליגן איין צו פאַרכאַפּן אַ סענסאַציע — אין גאַנצן פאַר זיך...

דאָס געלינגט אים דערפאַר, ווייל ער איז זייער אַ פוילער... גייט ער נישט אַהין, ווו דער רעדאַקטאָר שיקט אים, נאָר ער פאַרקריכט אין זייטיקע ערטער... אין קאַפּייען, אין טרינק־שטיבלעך, אין פאַרוואָרפענע געסלעך, אין פרעמדלענדישע קוואַרטאַלן. און אויף אַזאַ אופן האָט ער שטענדיק בעסערע „באַשרייבונגען" ווי די אַנדערע רעפּאָרטערס. אָפט מאָל געלינגט אים צו באַשרייבן די מנהגים פון די ווילדע פעלקער — אין ניו־יאָרק... אָדער פון די חסידים־שטיבלעך... אָדער — ווי אַזוי יידישע „גענגסטערס" שווערן איין אַ חבר, און זיי הייסן אים אַ קוש טאָן די מזוזה...

זעליגס לעצטער אַרטיקל איז געווען וועגן די גריכן, וואָס וווינען בלויז אַ צוויי טריט פון „קעסל־גאַרטן", וווהין די שיפן פאַרטראָגן זיי פון גריכנלאַנד. אַ 100 טריט פון ברעג, ווו די שיף האָט זיי אָפּגעשטעלט, בלייבן זיי וווינען, האַנדלען... לעבן דאָרט אַלע זייערע יאָרן אויס... אין אָרעמקייט און אין כבוד, עסן זיך זייער געבראָטן לעמל־פלייש, זויערע הייסע יויך... און בלייבן — גריכן ביזן טויט אַריין. אָרעמע שפּלע גריכן, וואָס קענען נישט די שפּראַך פונעם לאַנד. זעען נישט מער ווי די שיפן, וואָס גייען אַריין און אַרויס... דאָס לעבן פון ניו־יאָרק בלייבט פאַר זיי אַ בלינד רעטעניש... פון אַלע זייטן קומען „עלס", אונטן רוישן עפּעס אויך אַזוינע באַנען... אָבער די גריכן, וואָס וווינען אין די שמאָלע געסלעך, לעבן „באַטערי פּאַרק", ווייסן נישט דערפון... ווי די כינעזער לעבן זיי דאָ אָפּגעזונדערט... און אַז איינער פון זיי ווערט אַ מאָל אַרויסגעשלעפּט טיפער אין שטאָט אַריין, קומט ער צוריק אַן אויסגעפּוצטער אין אַ הויכן, ענגן קראַגן און שפּיציקע שיך, און ער רעדט ע נ ג ל י ש!... אין גיכן טוט ער

מיט זיך אַ גוטן שידוך, ווייל אַלע גריכן קוקן אויף אים ווי ער וואָלט געקומען פון אַמעריקע... און אַז ער האָט חתונה, עפנט ער אַ קאַנטאָר פאַר שיפסקאַרטן, לייגט אַרויס אין פענצטער אַריין אַ צען־פופצן נייע דאָלאַר־אַסיגנאַציעס, הענגט אַרויס אַ שילד: We Speak English — און אַלע קומען זיך מיט אים ראַטן וועגן וועלט־זאַכן, וועגן וויזעס... וועגן ברענגען קרובים קיין אַמעריקע... אָדער גלאַט שמועסן וועגן דער גרויסקייט פון דער Statue of Liberty און צי ס׳איז אמת, אַז די שטיין־פיגור פון דער פרייהייט־געטין איז אַזוי גרויס, אַז אין דעם מינדסטן פינגער פון איר אויפגעהויבענער האַנט איז פאַראַן אַ „ליפט" וואָס פאָרט אַרויף און אַראָפּ...

און דער דאָזיקער גריך ווערט די לעגענדע פון אַלע, וואָס זענען אַ בעלן אַ קוק טאָן אויף דער וועלט פון אַ שטיינערנעם פינגער אַרויס...

# זעליגס גרויסע סענסאַציע

זעליגס גרויסע סענסאַציע, וואָס איז אים געקומען אין מויל אַריין ווי אַ געברײַטעטע טויב (צוליב זיין פוילקייט), איז די:

אין איינעם מיט דער כאַפּטע רעפּאָרטערס איז זעליג געפאָרן באַגעגענען אַ „גדול" אויף עליס־איילאַנד. די שיף איז אָבער נישט אַריינגעקומען אין האַפן. זענען אַלע רעפּאָרטערס געלאָפן כאַפּן די „פערי" צוריק אין שטאָט אַריין, ווייל ס'איז שוין געווען ס'לעצטע שיפל קיין ניו־יאָרק.

זעליג איז זיך געגאַנגען פּאַוואָליע. געקוקט אויפן הימל. אויף די ביימלעך. הנאה געהאַט פון דעם פרישן ים־ווינטל, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען פול מיט „רעפּאָרטן פון יענער זייט ים". פון צייט צו צייט האָט זעליג זיך געגריסט מיט אַ באַאַמטן. געזאָגט עפּעס אַ חכמהלע. אויסגעפרעגט וואָס עס טוען די פאַרהאַלטענע אימיגראַנטן, וועגן וועלכע ער האָט געהאַט עפּעס געשריבן אין זיין צייטונג. צי ס'וועט היינטיקן פּסח דאָרט זיין אַ סדר... און צי יאָזעף בראַנדעלבערג וועט ווידער האַלטן זיין דרשה. „וועגן דעם גרויסן ברודער, וואָס טראָגט דעם קליינעם ברודער אויף די פּלייצעס". און אַז מ'פרעגט אים: „ס'איז דיר נישט צו שווער?" זאָגט ער: „ניין, ס'איז מיר נישט שווער — ס'איז מיין ברודער!".

זעליג מאַכט נאָך די איבערגעטריבענע מינעס און די הויך־דראַמאַטישע טענער פון דעם גרויסן אָראַטאָר, לאַכט גוטמוטיק און גיט אַ ביס אַריין אין אַן עפּל, וואָס ער טראָגט מיט זיך...

זעליג האָט נישט באַמערקט, אַז ס'איז דערווייל צוגעפאַלן די נאַכט אויפן „טרערן־אינדזל". די לעצטע שיף וואָס גייט פון עליס־איילאַנד קיין ניו־יאָרק" איז אַוועק... און זעליג איז געבליבן נעכטיקן אויפן אינדזל.

אַז זעליג האָט געזען, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט די שיף, האָט ער זיך נישט שטאַרק מצער געווען דערפון. ער האָט זיך ווייטער געגעסן זיין עפּל. געקוקט מיט זיינע שטאָל־גרויע אויגן אויף דעם ים־נעפּל, וואָס האָט

פאַרזוייכט דעם אומעט פונעם אינדזל, אַ ביסל צעמעקט, ווי אַן אַלטע ראַדירונג...

אין דער ווייטן האָבן געוואָיעט די שטורעם־סיגנאַלן. די געפּאַר־גלעקלעך האָבן אָנגעזאָגט מען זאָל זיך היטן. שיפן האָבן געוויינט אין דער אָנקומענדיקער נאַכט אַריין. פייערלעך האָבן געברענט גרין און רויט אין די שווימענדיקע, אומרויִקע חלומות. אַ נעפּל־שפּין האָט אַרומגע־וויקלט אַלצדינג. אַריינגענומען דעם ים צווישן אירע צענדליקע פיס און געצויגן איבער אים עפּעס אַ קילע און ווייזרוכדיקע זאַך.

די לופט האָט געשמעקט מיט זאַלץ און אָנקומענדיקן שטורעם. ס'איז געווען פייכטלעך און שטיל־טרויעריק. ערגעץ אין די שטייגן פון דער תפיסה האָט געלאַכט אַ מענטש, וואָס איז משוגע געוואָרן פון נישט קענען דערגרייכן דאָס געהאָפטע לאַנד. זיין געלעכטער האָט געקלונגען משונהדיק און אומנוציק, ווי איינער, וואָס שרייט געוואַלד מיט אַ שטיל, גלייכגילטיק פּנים... דער ים־נעפּל האָט אויך דאָס געשריי אָפּגעגלעט... פאַרשפּונען... ווייט־געמאַכט... עס איינראַדירט אין דעם גאַנצן גרוי־ברוינלעכן אָפּדרוק פון די טאַוולען, וואָס האָבן געהאַלטן אין זיך מוראדיק־ליידיקע, דער־שרעקנדיקע זאַכן...

זעליג האָט אַראָפּגענומען דעם ווייכן, צעקנייטשטן הוט, זיך אויסגע־ווישט די ברילן מיט אַ דאָלאַר־אַסיגנאַציע, און געפילט, ווי די האַרטע, געל־געקרייזלטע האָר ווערן אים פייכטלעך... ווייכער...

דאָס געפיל פון ווייכע האָר אויף זיין קאָפּ להיפוך דער שווערער שטענדיקער געקרייזלטקייט איז אים געווען אָנגענעם. ער האָט געגעבן אַ שמיץ אַוועק דעם „קאַטשאַן" פון זיין עפּל... צוגעגאַנגען נאָענט צום ציגעלנעם ברעג פונעם ים, זיך געלאָזט איינאַלייען פון דעם וועלן־געוויג... דאָס שטילע, נעפּלדיקע, האָט געטרייסט... און דאָס ים־זאַלץ האָט דער־קוויקט די נאָז און די לונגען. זעליג האָט דערפילט די גרויסקייט פונעם ים — ווי אַ געוואַלדיקע סענסאַציע. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי דער ים גייט אַרויס פון די ברעגעס, שווענקט אָפּ אַ האַלבע שטאָט, די „וואָל־וואָרט"־געביידע — פּאַלט... טויזנטער מענטשן ווערן דערהרגעט... גרויסע הילצערנע הייזער שווימען אַרום אויפן וואַסער... אַ משוגע־געוואָרענע

מאַמע שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורכן פענצטער פון אַ לעצטן שטאָק פון אַ שווימענדיק הויז, שרייט: ראַטעוועט מיין קינד... און צינדט זיך אונ־טער די האָר... אַ קלויסטער־גלאָק רייסט זיך אָפּ אין איינעם מיט אַ שטיק קלויסטער־דאַך — שווימט אַרום און קלינגט... ווי אויף זיין אייגענער לוויה... אַ זעקס־שפּיציק היטל פון אַ גלח טראָגט זיך אויפן וואַסער... אַן אָפּגעריסענע האַנט מיט אַ פאַרקוועטשטן שירעם...

זעליג שרייבט — אין געדאַנק — די נייעס. אַ געוואַלדיק שטיק רעפּאָרטאַזש. דער ווייכער הוט אין זיין האַנט איז אין גאַנצן צעקנייטשט, און דאָס בענדל הענגט אַראָפּ. דער קאָפּ איז נאַס. זעליג זוכט — אין גע־דאַנק — אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר זיין אַרטיקל. „ניו־יאָרק אויפן וואַסער" — דאָס זאָגט גאָרנישט. „ניו־יאָרק אַ תיבה מיט טויטע און פאַרוווּנדעטע" — שוין בעסער, אָבער נאָך אַלץ נישט. „ניו־יאָרק אַ טויטע שיף מיט אַ טוי־טער מאַנשאַפט" — אָט דאָס „קעפּל" איז אים געפעלן בעסער, ווי די פריערדיקע צוויי. ערשטנס, ווייל ס'גיט איבער די גאַנצע שרעק פון דעם אומגליק... צווייטנס, דערפאַר, וואָס מ'וועט זיך קענען צעלאָזן אין דעם אַרטיקל און באַשרייבן אַ טויטע שיף מיט אַ טויטער מאַנשאַפט... וואָס גייט אַליין איבערן ים...

זעליג האָט זיך געכאַפּט, ווי ער צילעוועט זיך אַרויפצושפּייען אַקו־ראַט אויפן שפּיץ פון אַ פאַליע. האָט ער זיך צעלאַכט. אַראָפּגענומען די ברילן, ווייל ס'איז שוין ס־ווי־סיי געווען פינצטער... אַרויפגעטאָן ס'בענדל צוריק אויפן הוט, זיך אַ טאָפּ געטאָן מיט שרעק אין די אויבער־שטע קעשענקעלעך פונעם וועסטל, צי האָט ער ביידע גרויסע שפּריצפע־דערס — די רויטע און די שוואַרצע. און אַז ער האָט זיך איבערצייגט אַז זיי זענען ביידע דאָ, האָט ער זיך געפילט באַרויִקט, האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די ווייכגעוואָרענע האָר אַהער און אַהין, געזאָגט צו זיך אַליין: „העלאָ־יעס" — און איז אַוועק איבערן אינדזל.

זעליג האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט אָן אַ ציל אויפן אינדזל, געקלאַפּט הויך מיט די פיס איבער די ציגלדיקע טראָטואַרן, זיך צוגעפייפט אַ לידל, געווען צופרידן מיט זיך אַליין, וואָס ער האָט דערלעבט צו זיין דאָס וואָס ער איז. אַ געשמאַקער הונגער האָט זיך באַוויזן אין אַ ווינקל פון זיינע

אינגעווייד. זיך נאָז האָט געשמעקט געזאַלצנס, און דער גומען האָט זיך — אין געדאַנק — געקוויקט מיט אַ קופּליע געשמאַקן, ביטערלעך־קאַלטן, „פּעטן" ביר...

זעליג האָט זיך די לעצטע עטלעכע חדשים גענומען צולערנען יידיש, געזוכט צו געפינען אַ פּאַסיקע איבערזעצונג פאַר יעדן ענגלישן וואָרט. געאיבט זיך אויף באַקאַנטע ווערטער־ביכער... איצט האָט ער גראָד געזוכט אין געדאַנק אַ יידישע איבערזעצונג פאַר דעם וואָרט „קרוד" — וואָס ער האָט אַזוי אָפט געהערט צווישן די ענגלישע רעפּאָרטער־יונגען, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן זייערע קאָנקורענטן. זעליג האָט געפּרוווט איבער־זעצן דאָס וואָרט „קרוד" אויף „רוי", „אומגעלומפּערט", אָבער ביידע ווערטער זענען אים נישט געפעלן... ער האָט זיי אָפּגעוואָרפן פון זיך. אויף זייער אָרט איז אים געקומען אויפן געדאַנק דאָס מאָדנע וואָרט „אוכאַזשעוואַטאָר" — פאַר איינעם, וואָס דרייט זיך אַרום אַ דאַמע, אוכאַ־זשעוועט... אוכאַזשעוואַטאָר. אויך איז אים, ער ווייסט נישט ווי אַזוי, סיידן אפשר צוליב דעם וואָס ער האָט געטראַכט פון מלחמה און פון דייטשן — אַרויפגעשווומען אויפן רעיון דאָס וואָרט „יערגע", „יערגעס", „דייטשע יעגערס מיט שניפּסן".

## אויף עליס־אײַלאַנד

— פּאַרדאָן, מאָסיו!

עס האָט אים אָפּגעשטעלט אַ חנעוודיק פּריילין, אין אַ לייכטער פּעלערינע, וואָס האָט געפּלאַטערט אין ווינט. איר פיגור איז געווען מיטל־הויך, איר שטים זיס — ווי פּריש, קיל וואַסער, וואָס מ׳טרינקט נאָך גע־זאַלצנס. זי האָט געהאַט ברוינע, ערלעכע אויגן, און די דרייסטקייט פון אַ מענטש, וואָס פאַרלירט זיך אין ערגעץ נישט. זעליג האָט געוואָלט אַרונטערנעמען דעם הוט און גריסן, אָבער ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האַלט דעם הוט אין האַנט, האָט ער אים אויף גיך געוואָלט אַרויפכאַפּן אויפן קאָפּ, ווי אַ קאַשקעט (פאַרגעסן, אַז זייט די לעצטע צוויי וואָכן טראָגט ער אַ הוט) זיך אַ ביסל געפּלאָנטעט, זיך פאַרשעמט, אָבער איז שנעל געקומען צו זיך, אַרויסגעשלעפּט, פון געוווינהייט, די רויטע פּעדער פון אויבערשטן וועסטל־קעשענקעלע, געזאָגט: „העלאָ־יעס״... און גע פרעגט אויף ענגליש וואָס זי ווינטשט.

דאָס מיידל האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן אויף איר זינגענדיקן, נאַזיקן פראַנצויזיש... זעליג האָט איר געענטפערט אויף ענגליש. ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז זי בעט אַ שוועבעלע אָנצוצינדן דעם לאָמטערן וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט.

זעליג האָט אַליין געפּרוווט אָנצינדן דעם לאָמטערן, געשיצט דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע צו ערשט מיטן הוט, דערנאָך מיטביידע פויסטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ ברענענדיקע קלעטקע — דורך די פינגער האָט זיך אין דער האַלב־פינצטערניש אַרויסגעזען די שיינקייט פון מענטשלעכן בלוט...

אַז זעליגן האָט אָפּגעגליקט אָנצוצינדן דעם לאָמטערן, האָט ער אים אַליין גענומען אין דער האַנט אַריין (דעם הוט האָט ער צונויפגעלייגט און

אריינגעלייגט אין קעשענע) און געפרעגט דאָס פריילין צי זי פאַרשטייט ענגליש.

— ענגליש נישט, אָבער דייטש יאָ! — האָט דאָס מיידל געענטפערט מיט דעם נאַזיקן אַקצענט פון אַ געבוירענער פראַנצויזקע.

— דייטש? איך שפּרעכע דייטש!

זעליג האָט זיך צעפלאַמט. דערמאָנט זיך אין דעם קנאַפּלעכן ביסל דייטש וואָס ער האָט אַמאָל געלערנט, זיך גלייך פאַרגעשטעלט פאַר איר. אַז ער איז אַ רעפּאָרטער פון אַ גרויסער צייטונג און געפרעגט:

— זי זינד אימיגראַנטין?

— יאָ, — האָט געענטפערט דאָס פריילין — איך בין אימיגראַנטין.

— שוין לאַנג פאַרהאַלטן?

— אַ וואָך.

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג?

— פּראָסטיטוטקע.

דאָס מיידל האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „פּראָסטיטוטקע" מיט אַזאַ פיינקייט און ערלעכקייט, אַז זעליג האָט אויפגעהויבן דעם לאָמטערן נאָענט צו איר פּנים, זיך איינגעקוקט, אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— איר טרייבט שפּאַס, פריילין?!

— ניין, ווירקלעך!

זעליג האָט מיט זיין חוש פון אַ רעפּאָרטער דערשמעקט, אַז דאָס מיידל איז אַ „סענסאַציע", האָט ער זיך מיט דער לינקער האַנט געכאַפּט ביים האַרץ, וווּ די רויטע פען איז געווען איינגעפעסטעוועט אין וועסטל. מיט אַ מעשן קלאַמערל, פאַרבעטן דאָס מיידל זי זאָל זיך מיט אים אָוועקזעצן אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין דעם קליינעם שפּאַצירגערטל דאַלעבן.

דאָס מיידל האָט געזאָגט: „מיר איז אַלץ איינס", זיך אַוועקגעזעצט לעבן זעליגן, ווען ער האָט מיט זיין טאַשנטיכל אָפּגעשטויבט די ריינע באַנק... דערנאָך האָט זי אַריבערגעלייגט אַ פוס איבער אַ פוס, געוויזן אַ חנעוודיק קנעכל, שיינע זאָקן און אַ פאַרשייט שפּיצל פון אַ זיידענעם אונטערהויז.

— זאָגט מיר, — האָט זעליג אָנגעהויבן זיין אונטערוויו — ווי אַזוי זענט איר אַהער געקומען?

— מיטן שיף, ווי אַלע...

— כ׳ווייס... כ׳מיין, העלאָ־יעס... כ׳מיין צוליב וואָס פאַר אַ צוועק?

— צו אַרבעטן און ערלעך פאַרדינען מיין ברויט! — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— העם־הע... כ׳מיין... און וואָס האָט איר אָנגעגעבן אייער באַשעפ־טיקונג?

— פּראָסטיטוטקע!

זעליג האָט נישט פאַרשטאַנען.

— איר האָט געזאָגט דעם אמת?

— ווי־דען? איך האָב דאָך געגעבן אַ שבועה!...

זעליג האָט אַרונטערגענומען ס׳קעפּל פון זיין רויטער שפּריצפעדער... עס צוריק אָנגעטאָן. געטראַכט אַ ווײַלע ווי אַזוי צו „טעקלען די פראַגע"... און אין דער זעלבער צייט אויך געטראַכט ווי אַזוי עס וועט זיין אויף יידיש: „to tackle"...

— אַזוי?... האָט איר אָנגעגעבן אַזאַ באַשעפטיקונג!... — האָט זעליג באַדויערט. — און צו וועמען, האָט איר געזאָגט, פאָרט איר?

דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע ערלעכע, שיינע אויגן און געזאָגט:

— צום מיניסטער!

זעליג איז געוואָרן דערשטוינט. ווי אַ יאַגד־הונט וואָס דערשמעקט בלוט, האָט ער אַ צי געטאָן מיט דער נאָז, זיך אַ טאַפּ געטאָן די גרויסע רויטע פּען און געזאָגט:

— צום מיניסטער פון — — —?

— יאָ.

— איך פאַרשטיי נישט...

— דאָס איז זייער איינפאַך — האָט דאָס מיידל געזאָגט — אין דער צייט פון מלחמה האָב איך געאַרבעט אין פאַריז, זייער אין אַ רייך פּלאַץ

אַלע גרויסע מענטשן פלעגן זיין אונדזערע געסט, ווייל אונדזער „הויז" האָט געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען...

— העלאָ־יעס! — האָט זעליג געזאָגט אומגעדולדיק, ווען דאָס מיידל האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, — דערציילט ווייטער... נו... וואָס איז געווען ווייטער?

— גאָרנישט. וואָס האָט געזאָלט זיין? ביי מיר זענען געווען אַזוינע געסט, ווי מאָסיו קלעמענסאָ, מר. לאָיד דזשאָרדזש און... דער מיניסטער...

— העלאָ־יעס... נו?! — איז זעליג שיער נישט אַרויס פון דער הויט...

די שפּיץ פינגער האָבן ביי אים געברענט פון אומגעדולד דאָס צו פאַרשרייבן.

— אין פּאַריז זענען מיר געווען די בעסטע פריינד — איך און דער מיניסטער — ער האָט מיך גערופן זיין קעצעלע און אַלצדינג... און — הער, זאָגט ער, — לויז, פאַר וואָס פאָרסטו נישט קיין אַמעריקע? זאָג איך, צו וועמען? זאָגט ער, צו מיר... זאָג איך, איר מאַכט שפּאַס, הער פּרעזי־דענט. זאָגט ער, ניין... איך מיין ערנסט.

— העלאָ־יעס... נו?

— גאָרנישט. ביז נאָך דער מלחמה איז נאָך אַלץ געווען נישקשה. איצט אָבער איז די קאָנקורענץ פון די בירגערלעכע פרויען געוואָרן צו גרויס. און זיי קענען עס מאַכן ביליקער, ווייל זיי דאַרפן נישט האָבן קיין באַזונדערע צימערן... אַ חוץ דעם איז דאָס ביי זיי בלויז אַ זייטיקער פאַרדינסט... אויף נאַשערייען. אָבער מיר דאַרפן אַרבעטן פאַרן שטיקל ברויט... איך האָב אין דער היים אַן אַלטע מאַמע, וואָס איך מוז שטיצן... די אָרעמע מוטער מיינע! און דאָ נוצן זיי מיך אויס, די יונגען... און מ׳צאָלט מיר נישט אַ סו...

דאָס מיידל האָט זיך גענומען ווישן די אויגן מיט אַ קליין, געשטיקט נאָזטיכל.

— זאָגט־זשע מיר, איך בעט אייך — האָט געזאָגט זעליג — איר האָט דאָס אַלצדינג דערציילט פאַר די באַאַמטע?

— געוויס, געמיינט, אַז ס׳וועט מיר העלפן...

— נו?

— אָבער ביי איך איז נישטאָ קיין גערעכטיקייט... אייער פרייהייט (דאָ האָט זי אָנגעוויזן מיטן טאַשנטיכל אויף דער סטעטשו אָוו ליבערטי) אייער פרייהייט האָט אַ שטיינערן האַרץ... קיין רחמנות נישט...

— וואָס האָבן זיי געזאָגט, די באַאַמטע?

— זיי האָבן געזאָגט, אַז אויב אַזוי, וועל איך זיין אַזוי גוט און צוריק־פאָרן קיין פּאַריז... איצט וואַרט איך אויף מיין שיף...

— זאָ? גוטע נאַכט!

זעליג איז אָן צערעמאָניע אַוועק פון דעם מיידל, געלאָפן ווי אַן אָפּ־געפּאַרעטער, אַריין אין אַ הויז אויפן אינדזל, וווּ ס׳איז דאָ אַ טעלעפאָן, אַוועקגעשטעלט דעם „רעסיווער" אויפן אַקסל, אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַ שטיקל פּאַפּיר, און דערוויל, איידער ער האָט געקראָגן פאַרבינדונג, האָט ער אויפגעשריבן אַ סך מאָל דאָס וואָרט „טעקל"... דערנאָך, אַז ער האָט געקראָגן דעם נומער, וואָס ער האָט געבעטן, און ער האָט געהערט דאָס קול פון יענער זייט טעלעפאָן, האָט ער זיך אַזש אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט גענומען זידן ווי אַ סאַמאָוואַר, וואָס אָט־אָט פאַלט פון אים אַראָפּ דער „קוימען".

— העלאָ־יעס... דאָס בין איך. איך. זעליג. זע־ליג! העלאָ־יעס... אַ געוואַלדיקע סענסאַציע... קען נישט דערקלערן דורכן טעלעפאָן... האָב פאַרשפּעטיקט מיין „פּערי" קיין ניו־יאָרק... וועל זיין צוריק מאָרגן אין דער פרי... העלאָ־יעס... אַ וועלט־סענסאַציע!!...

פון דעמאָלט אָן האָט די ציטונג־וועלט זיך אָנגעהויבן רעכענען מיט זעליגן... „דער רויטער שימען" איז געווען שטאָלץ אויף אים, גענומען אים רופן „פלימענטשיק־ברודער"... און פלימענטשיק־ברודער איז היינט אַ מאַכט... פאָרט אין אַ גרויסן אויטאָמאָביל... האָט אַ חלק אין דער רייכער ציטונג... דיקטירט איר שטעלונג בנוגע אַלערליי פראַגן... אויס — יידישער געדאַנק! דער רויטער שימען האָט איינגעזען, אַז דער „יידישער געדאַנק" איז זיך אַ גאַנץ גוטער געדאַנק, אָבער צו צירקולאַציע קומט דאָס נישט...

היינט גיט יענע ציטונג „בילדער פון יונגע, שיינע אַלמנות"... מ׳באַ־

שרייבט די קונסט פון די יונגע „גריכעניעס״ אין אַלט־גריכנלאַנד... מ׳גיט רעפּראָדוקציעס פון די נאַקעטע ווייבער פון פּראַנץ האַלז פון שטוק... פון וואַרגאַ...

און זעליג שרייבט אונטער:

„די שיינקייט פון פּרויען־קערפּערס ביי די אומשטערבלעכע וועלט־קינסטלער״. ער דערציילט, אַז דער רעדאַקטאָר איז עקסטראַ געפאָרן קיין קאַירא, כדי זיך איינצושאַפן אָט די קונסט־בילדער (מ׳קען זיי קויפן ביי האָפּשוועגנלען אויף דער זעקסטער עוועניו פאַר 1 ד. 40 ס. אַ שטיק!) און די לעזער — לייענען און באַכלינען זיך אַזש...

## דער טאַטע פֿאָרט קיין אַמעריקע

די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען איר גאַנג. טעג האָבן אויפֿגעגעסן טעג, יאָרן האָבן אויפֿגעגעסן יאָרן.

נעכט האָבן זיך מצער געווען דאַפֿון, וואָס זיי זענען פֿינצטער און האָבן זיך אַזוי ביסלעכווייז אַריינגעטרויערט אין די טעג. טעג האָבן זיך געפֿרייט דאַמיט, וואָס זיי זענען ליכטיק, און האָבן זיך אַזוי ביסלעכווייז אַריינגעפֿרייט אין נעכט...

מענטשן דאַרפֿן זיך אויסלערנען די צוויי גרויסע ווערטער פֿון דעם פֿילאָזאָף העראַקליט: „אַלצדינג פֿליסט". ווען דאָס מענטשװאָרג וועט מיטן בלוט פֿאַרשטייען די טויטע טיפֿקייט פֿון די ווערטער, וועלן זיי ווערן ווירדיקער, באַשיידענער. צו וואָס דאָס נאַרישע טומלען זיך? — די קנאה, וואָס פֿרעסט אויף די קליינע טעג? די שנאה, וואָס פֿאַרברענט אונדזערע גײַסטיקע רגעס? סוף־כּל־סוף וועט דאָך אַלץ אָוועקפֿליסן, און טויטע קעניגן זענען טויט אויף דעם זעלבן אופֿן ווי טויטע קעץ...

די כּישוף־מאַכערין, די צייט, האָט מיט איר גריזשענדיקן, בייזן צאָן צעקייט נאָך עטלעכע פֿון מײַנע יונגע יאָרן, אויסגעלאָשן אין מיר עפּעס אַלטס, אָנגעצונדן אין מיר עפּעס נײַס.

דער טאַטע איז אָוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע.

אַ שבת־צו־נאַכטס פֿאָרן אַוועקפֿאָרן האָבן מיר פֿאַרריגלט טיר און טויער, אַראָפּגעצויגן די פֿאָרהאַנגען פֿון די פֿענצטער, און דער טאַטע האָט זיך פֿאַרמאַכט אין אַלקער מיט יאָשע דעם שניידער, האָט זיך דאָרט געזאַמט אפֿשר אַ פֿערטל שעה, און איז דערנאָך אַרויסגעקומען צוריק — אָן די שיינע יידישע קליידער... אָן דער זיידענער בעקעשע, אָן דער אַטלעסענער ראַזשעוואַלקע מיט די ברייטע אַרבל, וווהין ער פֿלעגט באַהאַלטן די איידעלע, למדנישע הענט ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס. אַנשטאָט דעם אַלטן, יידיש־נגידישן טראַכט, האָט ער געטראָגן „ווינער

קליידער״ פון ברוינעם וואָלשטאָף. די הויזן זענען געווען ברייט און האָבן געהאַט צוויי קנייטשן אין די זייטן. דער קאַמיזויל איז געווען הויך, ביז צום האַלדז. האָט געהאַט לאַצן וואָס זענען געווען פאַרקנעפּלט מיט קנעפּ־לעך. דאָס סאַקל איז געווען לאַנגלעך און ברייט און האָט געהאַט אפשר צען קעשענעס...

דער טאַטע איז געווען פאַררויטלט, פאַרשעמט. יאָשע דער שניידער, וואָס האָט געהאַט אַ קאָזע־בערדל מיט אַ ברייטן שניט צווישןביידע וואַנ־צעס — אַ מין קאַלטע מחיצה, ווי צווישן צוויי ברידער וואָס קריגן זיך איבער אַ ירושה — איז „געזעסן״ פאַרן טאַטן אויף די קניען... שיער־שיער, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז ער קניעט. אָבער יאָשע דער שניידער ווייסט ב״ה וואָס ס׳קער צו יידישקייט, און ער זיצט דעריבער אַזוי ווי ער וואָלט זיך געקליבן גיין אַ רוסישע „קאַמאַרינסקע״... ער פּאָרעט זיך אונטן, ביי די שיך... די מאַמע זאָגט, אַז מ׳דאַרף אַ פּאַלבאַן, ווייל וואָל־שטאָף לויפט איין, און זי ווײנט, ווי ס׳וואָלט חלילה נישט געקענט זיין קיין גרעסער אומגליק, ווי דאָס, וואָס דער טאַטע טוט זיך אָן אין „ווינער קליידער״. דער טאַטע אַליין האַלט זיך, ווי עפּעס פאַר אַ זון פון אַ מאַרטי־רער־פאַלק. ער שמייכלט אַן אויסגעשפּילטן שמייכל, און טאַפּט זיך ביי דער באָרד, גלעט זי, ווי מ׳גלעט אַ קינד די לעצטע פּאָר שעה, איידער ס׳לאָזט חלילה די נשמה...

ווער ווייסט, ווי לאַנג דעם טאַטנס שיינע באָרד האָט נאָך צו לעבן? צי איז איר נישט באַשערט, חלילה...

דער טאַטע זאָגט צו יאָשע שניידער, ער זאָל אויפהערן אַזוי צו בלאָזן דעם רויך, ווייל ס׳גייט אים אַריין אין די אויגן. יאָשע שניידער גיט אַ שפּרינג אויף ווי אויף פּרוזשינעס, גיט אַ וואָרף דעם ציגאַר־טיטון, פאַר־רייבט אים מיטן פוס, פּאָרעט זיך ווידער אַרום דעם טאַטן — דאָס מאָל אַרום די ברייטע לאַצן פון זיין קאַמיזויל, וואָס בלאָזן זיך אַ ביסל. דער טאַטע בלאָנדזשעט אַרום מיטן מינדסטן פינגער אַרום די אויגן, טונקט דאָרט עפּעס אויס, ווי ער טונקט פון די כוסות דצ״ך־עד״ש... שמייכלט... קוקט אויף דער מאַמען און זאָגט, זי זאָל נישט וויינען. וואָס איז דאָ צו וויינען? ס׳איז אומעטום גאָטס וועלט...

די מאַמע ווייסט, אַז ס׳איז אומעטום גאַטס וועלט, אָבער וואָס קומט איר אַרויס דערפון, אַז גאָט אַליין האָט קיין רחמנות נישט. צערייסט און צעפּליקט הערצער — צוליב אַ שטיקל ברויט... צוליב אַ שטיקל ברויט...

אַז די באָבע איז אַריינגעקומען און דערזען דעם טאַטן אינעם „ווינער טראַכט״, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש „אוי! געקוילעט בין איך!״, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בענקל און געהייסן שפּריצן אויף זיך וואַסער...

דער טאַטע האָט אין מײַנע אויגן אויסגעזען זייער שיין. די פּאַר־פּלאַמטע, פּאַרשעמטע באַקן, די ברוינלעכע פּירעקעכדיקע באָרד, דער פּאַרשייטער קאַמיזויל — דאָס אַלץ איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. עס הייסט, געשמעקט מיט „ווין״, מיט „שאָקאָלאַד״, מיט „לייפּציג״, מיט „איך האָבע די ערע״... מיט „מען מעג״...

אַז די באָבע האָט דערזען, אַז איך בין דאָ אין שטוב און איך דריי זיך אַרום אויף דער „שיינער חתונה״, האָט זי געמאַכט אַ געוואַלד אויפסניי:

— „נאָך ער דאַרף דאָס צוקוקן!״.

מען האָט מיך געוואָלט אַרויסשטופּן אין דרויסן אַרויס, אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט. איך האָב געזאָגט, אַז ס׳טוט מיר ווי דער קאָפּ, און — מ׳האָט מיך געלייגט שלאָפן, טאָקע דאָרט אין אַלקער, ווו דער טאַטע האָט זיך איבערגעטאָן די קליידער.

איך האָב זיך געמאַכט, אַז איך שלאָף, האָב געבלאָזן מיט די ליפּן און דורך דער נאָז... אַלע מינוט איז מיר געוואָרן טרוקן אין האַלדז און איך האָב געמוזט אויפהערן אָטעמען אַזוי הויך און באַנעצן די ליפּן מיט שפּייעכץ. דערנאָך האָב איך זיך ווידער גענומען צו אָטעמען וואָס שאַר־פער, אַפילו אַ ביסל אונטערגעכראָפּעט, און זיך שיער צעלאַכט...

איך האָב געהאַלטן די אויגן אַ ביסל אָפן און געקוקט. דער טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אָנגעטאָן אין „מונדיר״. יאָשע שניידער האָט צערוקט די וואָנצעס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז טאָמער וועלן זיי זיך פּאַרט צונויפשטויסן, וועט פּאַסירן ס׳גרעסטע אומגליק. האָט זיך אָנגעטאָן אַ פינגערהוט, אָן אַ דעכל, געהאַלטן די ברילן אויפן שטערן, ווי ער וואָלט

באַדאַרפט זען מיטן שכל, נישט מיט די אויגן... האָט געפּאַסטריגעוועט, געגייט, געצויגן דעם טאַטן ביי די לאַצן און ביי די אַקסלען, וועלכע זענען אַזוי אויך געווען אונטערגעוואַטעוועט. אָבער לויט דער נייעסטער מאָדע האָבן זיי געדאַרפט זיין נאָך העכער...

די מאַמע, אַ מידע פון וויינען, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין בעט און געהאַלטן דעם טאַטנס האַנט אין אירער. די באָבע איז געקומען אַריינצוטוליפן, און געזען אַז דער שניידער סטריגעוועט עפּעס אויפן טאַטנס הויזן, וועלכע זענען געווען צו לאַנג, האָט זי גענומען און געגעבן דעם טאַטן עפּעס צו קייען...

דער טאַטע האָט געקייט. יאָשע שניידער איז געזעסן ביים טאַטן „צופוסנס", געגייט מיט זייער אַ לאַנגן פאָדעם, פאַרוואָרפן קונציקע קניפּלעך — אין דער הוילער לופט, דאַכט זיך, און גערעדט מיטן טאַטן וועגן אַמעריקע, און צי ס'איז אמת, אַז „נאַסם" (ראשי תיבות פון אַ שיפס־געזעלשאַפט „נ.א.ס.ם.") גיט כשרע עסנס, און אַז ער שטאַמט פון יידישע עלטערן, דער נאַסם...

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער פאָרט נישט מיט „נאַסם", ווייל „נאַסם" האָט געוואָלט צו טייער. ער פאָרט מיט „„רעדשטאַר", דורך אַנט־ווערפּן.

ווען יאָשע שניידער האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו פרעגן, האָט ער גענומען זינגען:

„נאַוואַרעלע ריביטשקע,  
הייסט דאָך אויף יידיש פיש;  
ווי די רביצין איז געקומען צום רבין  
האָט ער איר געטאָן אַ קיש!"

איך בין געלעגן אין בעט און אַלץ אונטערגעהערט, מיט אַ האַסטיק האַרץ. דער שלאָף האָט שוין געהאַט אַ ביסל גובר געווען מיין נייגיר, אָבער דאָס אויער האָט זיך נאָך געראַנגלט... איינגעזאַפּט אין זיך דעם פלאַטערדיקן כישוף פון די פרעמדע ווערטער: „נאַסם", „רעדשטאַר", „אַנטווערפּן". איך האָב געזען שיפן מיט גאָלדענע קוימענס... און הויכע

זעגלביימער פון רויט טריפאַקס... און גרויסע מעסערס אונטן ביים דרויסנ־דיקן דנאָ פון שיף — די מעסערס שניידן די ריזיקע וואַלפיש, וואָס טוען צערענען אויף די שיפן... עס גיסט זיך בלוט... די שיף גייט דורך אַ שטראָם מיט פיש־בלוט... די מאַמע צעהאַקט די קלענערע פיש מיט אַ האַקמעסער, בראָקט אַריין אַ ציבעלע... טוט אַריין אַ ביסל פעפער...

איך האָב זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף און דערזען דעם טאַטן אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם „קיסטאַנט" — אַ האַרט היטל אַזאַ, ווי אַן איבערגעקערט מולטערל, און ס'האָט געהאַט צו צוויי ביינערנע לעכלעך אויף יעדער זייט, און אַ שוואַרץ קנעפּל אויף צו פאַראַנקערן אַט־דאָס גומידל...

דער טאַטע איז געווען אַזוי פאַרענדערט, אַז איך האָב אים נישט דער־קענט... צום ערשט האָב איך זיך דערשראָקן און געוואָלט אַ געשריי טאָן, דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, אַ קוק געטאָן אויף די צוויי נאַרישע לעכלעך אין קיסטאַנט, און דאָס האַרץ איז מיר געוואָרן פול מיט ווייטיק... איך האָב אַרויסגעשאָסן אין אַ געוויין.

דאָס איז געווען דער „פונקט אין פעסל פולווער". דערהערט אַז איך כליפּע, איז געקומען צולויפן די באָבע און זיך צעקוויטשעט... און אָפּגע־לאָשן קוילן... די מאַמע האָט געכליפּעט אין היסטעריקע; דער טאַטע האָט געזאָגט: „נו, נו, הערט'ס אויף! ס'איז שוין גענוג". האָט אָוועקגעלייגט דעם קיסטאַנט, צוריק אָנגעטאָן דעם סאַמעטענעם הוט מיט די ברייטע ראַנדן, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס סאַקל מיטן קאַמיזויל... אַרויסגעשיקט די מאַמען מיט דער באָבע, געהייסן דעם שניידער קומען מאָרגן, ווייל ער האָט קיין כוח נישט...

און אַז דער טאַטע איז געבליבן אַליין (ער האָט געמיינט אַז איך שלאָף), האָט ער אַראָפּגענומען פון דער פּאָליצע אַ ספרל, עס צעעפנט... אָנגעהויבן עפּעס אונטערברומען אַ ניגון. דערנאָך האָב איך געהערט, ווי טרערן קאַפּען אויף פּאַפּיר...

# „הגר"

וואַלקינס „הגר" איז געוואַקסן און געוואַקסן.

וואַלקין האָט „געקלעפּט" טאָג און נאַכט. געשלאָפן אומרויִק. גע־חלומט פּיצלעך חלומות וואָס האָבן געהאַט צו טאָן ענטוועדער מיט די שוין פאַרענדיקטע ליניעס פון זיין סקולפּטורע, אָדער מיט דעטאַלן, וואָס ער דאַרף ערשט אויספירן.

ווי אַלע קינסטלער איז וואַלקין געווען אַ פוילער. חדשים־לאַנג פלעגט ער זיך אָנפוילן. עפּעס פלעגט אין אים צעפאַלן, יוירן, ווי אין וויינטרויבן, וואָס ווערן ווין. אינעווייניק איז געווען אַ זיסע זיכערקייט מיט זיך אַליין. אַ געפיל, אַז ערגעץ טיף אין זיך איז פאַראַן אַ קוואַל, וואָס לעבט שטענדיק, נאָר מען פאַרדעקט אים מיט גרויסע, גרינע בלעטער, קיינער זאָל אים נישט זען. אַ רייכקייט־געפיל, וואָס באַשטייט אין נישט־אויסגעבן די אָנגעזאַמלטע אוצרות... נישט ציילן... נישט טראַכטן אַפילו דערפון... נאָר זאַמלען, זאַמלען, זאַמלען.

אין אַזוינע צייטן פלעגט וואַלקין ליגן אויסגעצויגן אויף זיין אָטאָ־מאַנע, רייכערן די בייכיקע ליולקע, זיך שפּילן מיטן רויך, לאָזן קליינע געדאַנקען־שאָטנס פאַרבייציִען אין זיין געמיט. זיך טאַפּן דאָס גראָבע פלייש פון זיינע ליטקעס און פון זיינע אָרעמס, און הנאה האָבן פון זייער גוטער טעקסטור.

וואַלקין איז נישט געווען פון יענע קינסטלער, וואָס האָבן נישט קיין גלויבן אין זיך, גיבן זיך אַליין קיין מאָל נישט אויף באָרג, האָבן מורא אויף אַ מינוט זיך אויסצולעשן, טאָמער וועלן זיי זיך נישט קענען צוריק אָנצינדן.

דאָס פייער פון אַזוינע אומזיכערע קינסטלער איז שטענדיק פאַר־טונקלט. האָט אַ סך אַש פון אויבן. עס פעלט די פרישקייט פון אַ נייעם, זינגענדיקן פייער...

וואַלקין האָט געטראַכט אין ליניעס, אין פאָרמען. פאַרבן האָבן פאַר אים, כמעט נישט געלעבט. יעדער פאַרב האָט ביי אים — אין זיין — געהאַט עטוואָס אַ טעם, אָדער האָט זיך אויסגעדריקט אין איר פאָרעם. אַזוי איז ביי אים רויט געווען — רונד, ווייס — פלאַך, גרין— לאַנג... בלאָ — ביטער, געל — זיס...

וואַלקין האָט אויסגעקליבן אַן אומדאַנקבאַרע קונסט. אים איז געפעלן צו „באַצווינגען דאָס שווערסטע".

„מאָלן מיט פאַרב", פלעגט וואַלקין זאָגן, „איז ווי אויסנאַרן אַ צוקערל ביי אַ קינד". ס'איז נישט שיין פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן זיך צו באַרען מיט אַ קונסט, וואָס גיט זיך אַליין אונטער, וואָס שטעלט אַרויס די ווייסע פאָן, נאָך איידער מען טשעפּעט זי...

פאַרב? כע! גיט אַ קינד אַ פּינזל מיט אַ קעסטל פאַרב, און ס'וועט עפּעס מאַכן. רויט, גרין, געל, ווייס? — און די ביי־פאַרבן?... וויפל וווּנדערלעכע שיינקייט ליגט אין די פאַרבן אַליין. מאַכט אַ פלעק אין גרין־און־אָראַנזש... און ס'איז אַ ווערק. אָבער סקולפּטור? — מאַכן עפּעס פון בלאָטע, פון ליים... אַרויסנאַרן אַ מענטשן פון אַ שטיין אַרויס, פאַר־גליווערן אַ שטיק וועלטשיינקייט אין בראָנדז — עך, ניעכטשי שליאַק טראַפי! (אַז וואַלקין איז געוואָרן צערודערט, האָט ער זיך געוואָרפן מיט די פאַר גוישע ווערטער, וואָס ער האָט געדענקט נאָך פון אוקראַינע, פון וואַנען ער איז אַוועקגעפאָרן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין קינד).

וואַלקין איז אין זיין קונסט געווען אַן איין־אויגיקער. מער ווי זיין קונסט האָט ער נישט געזען. מער ווי זיין „מעדיום" האָט פאַר אים נישט געלעבט. זיין גרויסער כוח האָט (ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל ביי אַ פאַר־שטעלטן שטראָם) זיך אויפגעבראָכן בלויז אויף איין פונקט, און דאָרטן האָט ער געברוישט, געשוימט, געשלאָגן מיט צעשפּריצטן ווייסן פייער...

וואַלקין איז געווען נישט קיין ייד און נישט קיין גוי. זיין אויסדרוק האָט זיך נישט אָנגעטאָן אין קיין שום קלייד. ער האָט נישט געזוכט צו אַנטפּלעקן דעם סוד, וואָס איז נישט צום אַנטפּלעקן. ער האָט נאָר געזוכט צו פאַרדיכטעווען דעם גרויסן סוד. אים אַריינשמאָלן צו אַזאַ פונקט, ווו עס זאָל זיך אויסשטראַלן אין אַ שוואַרץ־ליכטיקער שאַרפקייט...

וואַלקין האָט געלאַכט פאַר די יידישע קלאָגמוטער־קינסטלער, וואָס קלאָגן זיך שטענדיק אויף זייער מזל, ווייזן אָן אויף די עוולות וואָס די וועלט טוט זיי. צי׳ען שטענדיק אַ פאַרגלייכעניש צווישן זיך און זייערס גלייכן ביי גוים. גרויסן זיך כלומרשט מיט זייערע נישט־דערפאָלגן און זענען מקנא יעדן מינדסטן דערפאָלג, אַפילו פון די האַלב־ אָדער פערטל־קינסטלער. עסן זיך אויף, ווען זיי גייען פאַרביי אַ גאַס און מען דערקענט זיי נישט. זייער אויפגעבלאָזנקייט איז ווי אַ פאַנביר, וואָס מען לייגט זיך אונטער כדי צו קענען שווימען, און מ׳האָט פון דעסטוועגן מורא זיך אַרויס־צולאָזן ווייט אויפן וואַסער...

אָט די קינסטלער מוזן שטענדיק פיבערן. האָבן מורא זיך צו דער־טאַפּן אין אַ ניכטערנער מינוט, ווען אַלץ איז ביטער און קליין... מוזן ביי זיך שטענדיק אויסנאַרן דאָס ביסל מי, אין אַ האַלב־שיכורקייט, ווען מ׳קלערט נישט פון דעם תכלית פון זאַכן, ווען עס דערשלאָגט נישט די הויזיקע אָרעמקייט, די באַשפיגנקייט פונעם שטיקל ברויט...

וואַלקין האָט איצט געריכערט זיין ליולקע. געטראַכט פון גלאַטקייט, פון וואָרעמען, רונדן, פון עפּעס וואָס, וואָס ווערט זיך מיט האָס און גיט זיך אונטער מיט ליבשאַפט. וואַלקין האָט געהאַט כמעט אַ סעקסועלע פרייד פון דעם ליים, וואָס האָט זיך אים אונטערגעגעבן, זיך געגעבן פאַר אַ מיטל צו באַשאַפן.

ער האָט געטראַכט פון זיין „הגר״, וואָס וועט אויסוואַקסן אַזוי גרויס סיי אין פאַרנעם, סיי אין ממשותדיקער גרויס, אַז בלינדע וועלן זען דעם טראַגיזם פון אַ געפּייניקטער ליבע.

וואַלקין האָט געוואָלט אַז זיין „הגר״ זאָל זיין „געפּייניקט אין פלייש״ — נישט אין נשמה. ווייל די מענטשלעכע נשמה גיט זיך בלויז דורכן לייב. „נשמה אַליין איז אַ — —״ — האָט וואַלקין געטראַכט מיט אַ גראָבן וואָרט.

וואַלקינס „הגר״ האָט געזאָלט האָבן „צען פּנימער״ — ווי ער האָט עס אין זיין געבונדענער פּשוטקייט אָנגערופן. אַ סטאַטוע, וואָס זאָל לעבן נישט נאָר פון איין זייט, נאָר פון אַלע ווינקלען... די געפּייניקטע זאָלן זיך „מינען״, באַוועגן... וו׳ברירן...

אין זיין זוכעניש נאָך דעם עפעקט פון אַ „געפּיייניקט לייב“, פּלעגט וואָלקין דערגיין ביז ברוטאַליטעט. ער פּלעגט אָן רחמנות באַליידיקן זיין מאָדעל... זיין ליזאַן... איר אָנטאָן נגושים... זאָגן, אַז ער וועט זי פּאַרטרייבן פון שטוב... און יענע, אַ געפּייניקטע, אַ צעבראָכענע, פּלעגט אים געבן דעם געזוכטן אויסדרוק...

דעמאָלט פּלעגט וואָלקין ווערן ווייכער, מענטשלעכער, און זי אָנהייבן גוטמוטיק צו פּאַטשן און קניפּן איבערן נאַקעטן לייב.

ליזאַ פּלעגט אָפּלאָזן דעם „געפּייניקטן אויסדרוק“, אירע אויגן פּלעגן צוריק ווערן די סאַמעטענע שפּיגעלעך פון ווייכן טרויער און אומענדלעכער ליבשאַפט...

אַז וואָלקין פּלעגט דערזען, אַז ליזאַ איז „אַרויס פון טאָן“, פּלעגט ער ווערן אומגעדולדיק. און כדי זי צוריק אַרויפצופירן אויף די ניוואָנסן פון פּיין און באַליידיקונג, וואָס ער האָט אַזוי נייטיק באַדאַרפט פאַר זיין ווערק, פּלעגט וואָלקין אַרויסלאָזן אַ גראָב אוקראַיניש זידלוואָרט און עס באַגלייטן מיט:

— קורווע?

## אין גאַליציעלאַנד

אַז דער טאַטע איז געווען אַוועקגעפאָרן, האָב איך זיך דערפילט פריי און שווער. פריי — דערפאַר, ווייל איך האָב געקאָנט טאָן וואָס מיין האַרץ האָט געגלוסט און נישט מורא געהאַט פאַרן טאַטנס אויגן, וואָס האָבן מיך אָנגעקוקט מיט ברוינע בייטשן... און שווער, דערפאַר, וואָס איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט מיין פרייקייט, געפילט, אַזוי ווי מיט מיין יעדן ביסל פרייד וואָלט איך געבליבן עמעצן אַ בעל־חוב...

אין לעבן שטייט שטענדיק די מי און ביטערקייט אויף דער קרע־דיט־זייט פון אונדזער רייסטער און די פרייד — אויף דער חוב־זייט...

די מאַמע איז אומגעגאַנגען אַן אומעטיקע, אַ פאַרוויינטע, האָט אָנגע־הויבן אַרויסקוקן די אויגן אויף דער פאָסט, אָנטקעגנגעלאָפן דעם בריוו־טרעגער אַלע טאָג, און כאָטש דער טאַטע האָט געשריבן זייער אָפט, האָבן דאָך זיינע ווערטער נישט געקאָנט באַרויִקן דער מאַמעס צער, וואָס האָט זיך צעשפרייט איבער דער גאַנצער שטוב, אַרומגענומען די פּאָר קליינע וואַזאָנקעס אויף אונדזער פענצטער, זיי האָבן אָנגעהויבן וויאַנען און די בלעטלעך האָבן גענומען אַראָפּפאַלן.

איך בין אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג אַ גאַנצן זומער. איבער־געלעגן אין טייך. געשפּאַצירט מיט דאַווידן און גערעדט וועגן „לייפּציג" און וועגן „שאָקאָלאַדע", און דאַוויד האָט מיר, בסוד־סודות אויסגעלערנט אַ פאַרבאָטן לידל, וואָס האָט געהאַט אַלע טעמים אין דער וועלט. — עס האָט געקיצלט דאָס האַרץ, פאַרוויִגט די פּיבערדיקע אומרו, וואָס די דערוואַכונג האָט פאַרזייט אין מיר. דאָס לידל האָט באַזונגען אַ „מיידל" פון אויבן ביז אַראָפּ. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט: „אוי, גוטער ברודער, מוז מען טויגן, ביי אַ מיידעלע אויף די אויגן". דערנאָך איז עס אַוועק אין דער אַנאַטאָמישער ריכטונג — אַראָפּצוצו. באַזונגען „די מיידלשע ציצן"... און זיך געענדיקט אַז ס'איז זייער זיס...

ס'איז געווען זומער און הייס און פעלדיק. די טעג האָבן געשמעקט מיט אַראָפּגענומענער תבואה. די נעכט זענען געווען פול מיט די „ווייסע בערד" פון קוקורוזעס, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די ווייניקע ליכטי־קייט פון אַ קילער לבנה...

פורן, אָנגעלאָדן מיט קאָרן און מיט ווייץ, זענען דורכגעפאָרן אויפן „ווינער וועג". — די גאָלדענע שפע האָט זיך שווער און קעניגלעך, ווי פעטע, ווייסע קעמלען, באַוויגן דאָרף־צוצו.

העט־אויבן, אויף די פורן, אין מיטן פון דעם דראַנג, וואָס איז געווען איבערגעלייגט אַקוראַט אין דער העלפט פון דער פור, איז געזעסן אַ קליין שייגעצל, מיט האָר ווי זאַנגען, און מיט אויגן ווי שטיקלעך בלאָע גלאָז — און ער האָט געפייפט און זיך געפילט זייער שטאָלץ, וואָס ער קען אַראָפּ־שפּייען פון אַזאַ הויכקייט.

פון צייט צו צייט איז דורכגעפאָרן אַ מיליטערישע פור מיט אַ יונג „קאַדעטל" פון אויבן... דאָס יונגע קאַדעטל איז געזעסן ווי אויף „פּאַראַד", דאָס שווערדל אין דער זייט, די „מיץ" ווויליונגעריש אויף אַן אויער... דאָס פּנים ערנסט, אַפּיציריש, קייזערקעניגלעך.

איך האָב געקוקט אויף די „קאַדעטלעך" און זיי שטאַרק מקנא געווען. געפּרווט פאַרשאַרן מיין היטל אויפן אויער, אָבער עס האָט זיך נישט געהאַלטן. זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך בין שוין אַ דערוואַקסענער... בין אַן עסטרייכישער לייטענאַנט... טראָג אַ גאָלדענעם שטערן אויפן קראַגן... אויף די געפּוצטע שטיוועלעך קלינגען שפּאָרן... איך טראָג געלע האַנט־שיך פון ווייכן לעדער און איך ציִ זיי אַראָפּ פון די פינגער אַזוי עלעגאַנט... פינגער נאָך פינגער... זומער קום איך צו אונדז אין שטעטל אַריין אויף אורלויב. גיי איבער די גאַסן מיטן גרויען מאַנטל איבער די אַקסלען. די שווערד קלינגט און רוישט. אַלע טרעטן מיר אָפּ דעם וועג. זשאַנדאַרן סאַלוטירן מיך. אַפילו לייזער גלאַנץ, דער געמיינדע־שרייבער מיטן גע־שפּיצטן בערדל, וואָס רעדט שטענדיק פּויליש און האָט אַ פּרוי וואָס טראָגט אַ „הוט" און אַ זיידענעם פּאַראַסאָל — אַפילו ער וועט פאַר מיר אַראָפּ־נעמען ס'היטל, זאָגן „מאָיע שאַנאָוואַניע"... דערנאָך וועל איך דורכפאָרן דעם רינגפּלאַץ אין אַ בלאַנקענדיקער קאָלעס. אויף דער קעלניע וועט

זיצן מיין אַדיוטאַנט... ער וועט טרייבן די פערד אין אַ מוראדיקן גאַלאָפּ, און איך וועל קריצן מיט די ווייסע ציין און אים הייסן פאָרן נאָך שנעלער, און שרייען „קאַ־נאַ־ליאַ"... אַלע שטעטלדיקע וועלן זיך אומקוקן. זיך שרעקן פאַר דעם בייזן לייטענאַנט. מיידלעך וועלן אַרויפשמייכלען צו מיר און מיר וואַרפן בלומען. פּוילישע שיקסעס וועלן מיר ברענגען טעפּ מיט פרישע פּוטער, צוגעדעקט מיט גרינע בלעטער, וואָס זענען נאָך נאַס פון טוי, און זאָגן:

— פּאַן לייטענאַנט... פּראָשען פּאַנאַ... ניעך פּאַן...

פלוצעם וועט מיך עמעצער דערקענען, אַ געשריי טאָן: „ס'איז דאָך מאיר דודזשעס זונדל". עס וועט ווערן אַ געשריי, אַ געטומל, אַ פריידי־סענסאַציע. איך וועל אַראָפּשפּרינגען פון דער קאַלעס, אַ צי טאָן מיין אַפּיצערישע מיץ, און זאָגן זייער ערנסט און שטרענג:

— אויפן באַפעל פון קייזערקעניג וויל איך, אַז מ'זאָל מיר אָפּזוכן מיין רבין, ר' חיים שעכטער, און אים ברענגען אַהער!

מ'ברענגט דעם רבין. ער איז צעשראָקן, וויל אַראָפּנעמען ס'היטל און בלייבן אין דער יאַרמולקע. זאָג איך אים:

— רבי... אויפן באַפעל פון קייזערקעניג זאָל מען נעמען סרול לאַנד־מאַן און אים שיסן, דערפאַר וואָס ער רופט מיך „שטוצער"... און ער וואַרפט מיר אויף, אַז איך האָב ליב סורטשען... אַלזאָ, קיין וואָרט מער!

דער רבי פאַלט אויף די קניע, בעט זיך, איך זאָל רחמנות האָבן אויף סרול לאַנדמאַן... ער איז נאָך אַ יונג מענטש...

זאָג איך:

— אויב אַזוי זאָל סרול לאַנדמאַן אַליין קומען, מיר געבן אַ קוש אין האַנט און זאָגן דריי מאָל: „וואָס איך האָב גערעדט, האָב איך געבילן; וואָס איך האָב גערעדט, האָב איך געבילן; וואָס איך האָב גערעדט, האָב איך געבילן"...

דער אינקאָגניטאָ־חלום איז אייביק יונג און אייביק אַלט, ווי דאָס לעבן.

אַלע חלומען מיר פון קומען צוריק „אַהין", וווּ אונדזער יוגנט האָט זיינע פאָנען אויפגעוויקלט...

אַלע חלומען מיר דעם אינקאָגניטאָ־חלום פון קומען צורייטן אין קעניגלעכע עקיפּאַזשן, דאָרט, ווו אונדזערע פּיס האָבן זיך געבלוטיקט אָן שטיינער... ווייזן אונדזער גרויסקייט און גלאַנץ דאָרטן, ווו קיינער האָט זיך אויף אונדז נישט אומגעקוקט.

— „מענטשן!" — ווען זאָגן אונדזערע פּרינצלעכע קליידער — „זעט, וועמען איר האָט פאַרזען! אַ פּרינץ איז געווען צווישן אייך, און איר האָט זיך נישט אומגעקוקט. איר האָט אים געערגערט, באַלעסטיקט, פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל עסן אייערע עסנס, טרינקען אייערע געטראַנקען, חלומען אייערע חלומות, און דאָס איז דאָך געווען אַ פּרינץ"...

מיט אַזוינע געפילן קערן מיר זיך אום צוריק אין אונדזערע היימ־לענדער, נאָך לאַנגע יאָרן וואַנדערוועגן און מיִען זיך... מיר שטעלן זיך פאָר, ווי גרויס עס וועט זיין די איבערראַשונג פון אונדזערע חברים, ווען זיי וועלן אונדז דערזען אין אונדזער גרויסשטאָטישער טראַכט, מיט די דימענטענע רינגען אויף די פינגער, מיט אַ „פעלדגלאָז" איבערן אַקסל, מיט גאָלף־הויזן...

אָבער זיי זענען נישטאָ — די חברים. אַלט געוואָרן, אויסגעשטאָרבן, אַוועקגעפאָרן...

און די, וואָס זענען דאָ — זענען אַנדערע, פרעמדע. וואָס גייען זיי אונדז אָן ?...

און מיר האָבן דאָך געאייזט אַזוי וויט, כדי צו שיטן דעם אַוועקגע־פלויגענעם חלום זאָלץ אויפן עק...

## BRODWAY

„דער לוסטיקער ווײַסער וועג" — מײנט מען בראָדװײ, אַרום דער טעאַטער־געגנט. ווער האָט נישט געהערט פון לוסטיקן ווײַסן וועג? דאָרט שרײַט די שטאָט איר העכסטן געשרײַ פון אויסגעלאַסענעם װײטיק; דאָרט שפּילט די רײַכקײט אין בלענדעניש, פֿינקלט ווי צעשטויסן גלאָז קעגן דער זון די לעגענדע פון דערגרײכן, פון דערפאָלג, פון „סוקסעס".

צײַטונגס־פילאָזאָפן און װאָלװעלע זשורנאַלן װײַזן שטענדיק אָן אויף בראָדװײ, ווי אויף אַ באַווײַז, אַז אמתע קונסט ווערט סוף־כל־סוף באַ־לוינט... און אַז װוּ גוטס טרעפט זיך אָן מיט שלעכטס, מוז דאָך שלעכטס אָפּטרעטן דעם וועג. זיי דערציילן וועגן אָרעמע יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען געקומען פון די פּראָווינץ־שטעט אין אַמעריקע מיט א י י ן העמד אויפן לײַב, און בראָדװײ האָט מיט זיי אַ נס באַוויזן! ווי אַן אַלכעמיקער מאַכט פון אַ געמיינעם מעטאַל גאָלד, אַזוי מאַכט די אַלכעמיע פון בראָדװײ גרויסע מענטשן פון — גאָרנישט. דערהייבט צו אַ שווינדל־הויכער מדרגה אַזוינע, וואָס האָבן זיך שטענדיק געשראָקן אַפילו צו אַזאַ הויכקייט אַרויפצוקוקן. בראָדװײ איז אַ לעגענדע פון גאָלד און ווײַן, פון רויטע ראָקעס און געלע רויזן. בראָדװײ כישופט מיט איר נאַכטיקער ליכטיקייט. איר „ווײַסער וועג" איז דער מילך־וועג אויף דער ערד — אַ קליינע סאַטירע אויף די שטערן און זונען, וואָס זייערע הייַנטיקע שטראַלן דער־גרייכן צו אונדז, ווען מיר זענען שוין נישטאָ.

ביי די „הייליקע" ווענט פון בראָדװײ ווײנט דער מידער וואַנדערער... בײַ אירע טויערן ווישט מען זיך שיך מיט ערפורכט. צו אירע געטער און געטינס בוקט מען זיך, ביז דער אייגענער שטערן שלאָגט זיך אָן אין דער ערד.

בראָדװײ! בראָדװײ! דו גרויסער וועלט־אומרו צונויפגענומען אין

אַ רייף! דו פאַרקאָמעדיאַנטעוועט האַרץ פון דער וועלט! דו פאַרחוזקטע משיח־האָפענונג!

צו בראָדוויי ציִען די חלומות פון אַלע קינסטלער — ווי ווייסע קאַראַוואַנען אין דער וויסטעניש. צו בראָדוויי ציִען זיך אַלע הענט פון גאָלד־זוכער. חלומות־שפינער, אַוואַנטוריסטן, נאַפקעס, פינאַנצירן, ברויט־און־לויב־הענדלער.

— האַנדל! האַנדל! רום! רום!

די טויזנטער שוויִסן פון אָרעמע מענטשן, וואָס שוויצן אין אַ טעאַטער, און שוויצן פאַר דעם פּרייז פון אַ בילעט אַריינצוגיין אין טעאַטער, און שוויצן אויס דעם שכל, מ׳ענדיק זיך צו פאַרשטיין די „טיפקייט" פון דעם טעאַטער — די אַלע מענטשן־שווייסן ווערן פון די געלט־און־רום־כעמי־קער פאַרוואַנדלט אין אַ דעליקאַטן פּאַרפום, וואָס איז אַזוי זיס צו די נעז פון די אַוואַנטוריסטן, קונסט־מעקלערס, דערגרייכער.

ווי יונגען, וואָס האַנדלען מיט פרויען־שיינקייט, אַזוי האַנדלען דאָ חברה מיט... גייסט. קומסטו און ווייזסטו דיין פאַרבלוטיקט האַרץ, די דאָרן־קרוין אויף דיין קאָפּ, — שאַצט מען באַלד אָפּ אויף וויפל דיינע יסורים וועלן זיך לאָזן רעקלאַמירן, און וויפל געלט מ׳קען דערפון מאַכן.

„קונסט" איז דאָ ביי אַלעמען אויף די ליפּן, אָבער ביי קיינעם נישט אין האַרץ.

דאָ שטעלט מען אויס קונסט אין די פענצטער, ווי דאָס אַמאָליקע עלען־סטריט פלעגט אויסשטעלן אירע ווייבער. „הויכע קונסט" דער־מאָנט דאָ אין די „הויכע ברוסט" מיט וועלכע פּראָסטיטוטקעס רימען זיך, ווען זיי פאַרלאַנגען פון אייך נאָך 25 סענט... קוקט איר אויף דעם ווילדן קונסט־יאַרמאַרק אין בראָדוויי, איז אייך שווער צו גלייבן, אַז קונסט איז עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אין זיך קדושה, וואָס טראָגט אין זיך דעם סוד פון אַלע וועלטן, וואָס שלאָגט צו שאָטנס צו זייערע ערטער, האַקט אויס שטיקער צייט און באַהאַלט זיי אויף אייביק.

אויף בראָדוויי איז קונסט דער שטריק זיך אַ שווינג צו טאָן צום לייטער, וואָס פירט צום הימל אַ ר ו נ ט ע ר. אויף בראָדוויי איז דער הימל — נישט דער אמתער הימל — נאָר דער אָפּשפּיגל פון הימל אין אַ זומפּ...

דאָ זענען אויסגעמעקט די ווערטער: פאַרגעבונג, רחמנות, געדולד. און ווי איז דעם וואָס פאַלט אין מיטן קלעטערן, איידער ער דערגרייכט די לעצטע טרעפּ.

(ווייזט איר נאָר די קלענסטע סימנים פון שוואַכקייט, פון אומגלויבן אין זיך אַליין, זענען אייערע שמשים און לאַקייען באַלד גרייט אייך אַראָפּצושטופּן פון דעם זעלבן פּעדעסטאַל, אויף וועלכן זיי האָבן אייך אַרויפגעשטעלט. געטער לעבן דאָ נישט לאַנג, אַ יאָר, צוויי, דריי, פיר — דער בראָדווייער קלימאַט איז שעדלעך פאַר געטער!).

דאָ איז נישטאָ קיין ערגער פאַרברעכן, ווי — שוואַכקייט. קיין נידעריקערע זאַך ווי אָרעמקייט. קיין גרעסערע בושה, ווי צו האָבן אַ לעבעדיק האַרץ...

בראָדוויי לעסטערט דעם הימל ביי נאַכט מיט אירע פייערדיקע שילדן. פאַרשוועכט דעם הימל ביי טאָג מיט אירע טורעם־שפּיצן, וואָס צילן דעם זעענדיקסטן גאָט די אויגן אויסצושטעכן...

בראָדוויי! — דאָ ווערט אַמעריקע געמוסטערט, געפורעמט. פון דאַנעט ווערט אַמעריקאַנישקייט איבערן לאַנד צעשיקט, איבער שטילע שטעט און ערלעכע דערפלעך. דאָרט ווערט די ריינע לופט מיט בראָדוויי־עסענץ פאַרשטונקען. דאָרט טוען פרויען אויס די שענסטע פּנימער און טוען זיך אָן די מאַסקעס, וואָס בראָדוויי מאַכט פאַר מאָדע...

יעדע שטאָט און שטעטל איבער אַמעריקע ציט זיך צו בראָדוויי. יעדער קוימען־רויך — נייגט זיך אַהער. יעדער האַרצקלאַפּ — שלאָגט אַהער.

ביי נאַכט אַרבעטן באַנען אין די אינגעווייד פון ניו־יאָרק. סאָפּען שיפן. הייצערס שטייען ביי די פייערס. אָנלאָדערס לאָדן־אויף און אָפּ.

אַ פויער האָט זיך אַ גאַנצן זומער אָפּגעמיט, ס׳קעפּל אַספּאַראַגוס מיט זיינע טרערן באַגאָסן, מיט זיין שוויס... דער פישער האָט דעם „אויסטער" אין זיין בלאָטע־בעט אויפן דנאָ פון מגפּהדיקע עיפּושדיקע בוכטעס געזוכט. אין פייכטע וויינקעלערס האָט דער אָרעמער פראַנצויז אָדער איטאַליענער דעם ווין געצייטיקט, און — רומאַטעס באַקומען. דער גערטנער האָט זיינע בורשטין־פאַרביקע רויזן און זיינע כריזאַנטעמען הינטער אַ גלאָז

געוואַרעמט, אין מיטן דער נאַכט אויפגעשטאַנען, זיי איינגעדעקט קעגן פראָסט, געציטערט איבער זיי, ווי איבער אייגענע קינדער. אינעם אָפּעַנעם מויל פון בראָדוויי פלייצט אַלץ אַריין אַזוי גרינג, אַזוי שטיל, אַזוי גלאַט, גלייך ווי דער הימל וואָלט גערעגנט מיט רויזן און פּירות פון דער ערד וואָלטן זיך געגעבן דעם מענטשן אַזוי גרינג, ווי זינג־מיידלעך...

## אַגנעס קאַרסאָן

בראָדוויי איז דער משוגענער פורעם פאַר דעם דריידל, ווו אויף אַלע זייטן איז אויסגעצייכנט „נס" אָדער „גדול"...

הערט זיך איין אין דעם גיהנום־טומל פון בראָדוויי! זעט די אויסגע־פּוצטע הערן־אין־פּראַק, די דאַמען — אין „פּעיסלי־שאַלן". אין זיידענע ליגנס אָנגעטאָן... זעט דאָס 15־טע יאָרהונדערט, ווען מ׳טרינקט מענטש־לעך בלוט און מ׳מאַכט דערפון ביסקוויטן, מ׳צערייבט די ביסקוויטן אויף פּודער און מ׳מישט עס מיטן שמעק־טאַבאַק! זעט דעם אומזין פון אַ גאַס, ווו איין קול שלינגט איין ס׳אַנדערע קול, און די אויערן הערן נישט אַפילו די רויטע טראָפּנס, וואָס קאַפּען פון זיי, ווען אַ גאַסן־יונג רייסט פון זיי אַראָפּ די אויררינגלעך!

און קען מיר עמעצער זאָגן: ווו ליגט דער כישוף פון דער מיאוסער־שיינער גאַס? דער כוח צו באַפעלן דער קונסט, זיך אויסצוטאָן פון איר רעליגיע, און פאַרקויפן איר גאָט פאַר אַ טאָפּ לינזן?

אָט־דאָ־אָ ליגן ביי די טעמפּלען־שוועלן הויפנס מיט צעבראָכענע מזוזות, צלמים, סוואַסטיקאַס, האַלבע־לבנות... דאָ קומען די חוזק־האָרדעס מיט פאַקלס אין די הענט, גייען אַ טאַנץ אַרום דעם גאָלדענעם חזיר און שרייען: הללויה! דאָ הויערן אַרום די הינטערטירלעך פון די טעאַטערס צעבראָכענע לעבנס. דאָ וואַרפט זיך דער געשענדטער צייטגייסט פונעם פענצטער אַרויס, און אַלע קלאַפּן „בראַוואָ"!

אַנו, זעט נאַר! דאָרט ברענט אַ ריזיקע עלעקטרישע שילד — אַ מייסטערשטיק אין פייער! וואָס זאָגט־אָן — פאַר טויזנט דאָלאַרן אַ שעה — די גרויסקייט פון אַ געוויסער האָרנאָדל, די פאַבלדיקע רייכקייט און פאַרשווענדערישקייט פון יענער פירמע. און אונטן, ביים ווינקל־גאַס, אין שאָטן פון דער זעלבער רייכער שילד, זיצט אַ בעטלער אָן פיס אויף

דר׳ערד, בעט ביי איך איר זאָלט קויפן פאַר אַ סענט אַ פּעקל פון יענע באַרימטע האָרנאָדלען...

בראַדוויי, בראַדוויי!... דו משוגענער שכל פון אַ שכלדיק משוגענער צייט!...

און פאַרקערט, דאַכט זיך אַ מאָל אויס, אַז בראַדוויי איז די קלענסטע גאַס אין דער וועלט. בראַדוויי איז אַ קליין שטעטל, געמיטלעך, היימיש, איינער קען דעם אַנדערן ביים נאָמען, ווייסט, וואָס ביי אים אין דער היים קאָכט זיך אין טעפּל... מען ווייסט אַפילו איינער דעם אַנדערנס שלאָפצי־מער־סודות...

ס׳איז דינסטיק אַרום עלף אין דער פרי, אַ שטייגער. די גאַס איז נאָך פאַרשלאָפן פון דער נעכטיקער נאַכט. זי האָט אַזוי ווילד געהוליעט! אַזוי פיל געטרונקען! אַזוי פיל געפּרעסן! אַזוי פיל געהורט! איצט איז זי מיאוס־מיד... אויסגעלעבט... זי גיט זיך ס׳וואָרט, אַז מער וועט זי עס נישט טאָן... לאָז נאָר אַריבערגיין דער קאַפּרוויטיק!...

ביים גרויסן טעאַטער שטייען מענטשן און גענעצן. דער טיר־וועכטער הענגט אַרויס די נייע פּלאַקאַטן. דער נעגער פּוצט דאָס מעשוואַרג אַרום דער קאַסע, די פאַרענטשעס... די ראַם פון דער גרויסער שוישפּילערינס בילד.

עס קומט אָן די שוישפּילערין אַליין, אַגנעס קאַרסאָן. זי איז קרענק־לעך, האָט „קישעלעך" הינטער די אויגן, אויף די הענט שטייען הויכע, בלאָע אָדערן.

זי רעדט שטיל, הייזעריקלעך, דער עלנט וויינט פון איר אַרויס. די גרויסקייט איז שוין דערעסן ווי ס׳שענסטע קלייד וואָס מ׳טראָגט אינדער־וואָכן. די בלומען וואָס מ׳ברענגט איר נאָך דער פאַרשטעלונג לאָזט זי איבער אין טעאַטער, גיט זעלטן אַ קוק אויף זיי. אַ מאָל אפשר אויפן צעטל וואָס איז צוגעשטעפּט צו די בלומען.

— „איך, איך, איך", שרייט עס אין איר. איר גאַנץ וועזן איז דורכ־געקלונגען מיט דעם קלאַנג „איך"... עס שטופּט אַרויס אַלע אַנדערע רירונגען... עס זשומעט אין די אויערן. עס דרייט זיך פאַר די אויגן...

— איך, איך, אַגנעס! אַגנעס! קאַרסען, קאַרסען!...

און ווען דאָס קרענקלעכע „איך״־געשריי שטילט זיך איין אויף אַ מינוט, וועקט זיך די גרויסע שוישפּילערין אויף, דערפילט, אַז ס'איז פרילינג אויף דער וועלט...

אין דער היים, אינעם נייענגלאַנדישן שטעטל, פון וואַנעט זי קומט, בליט איצט דער קאַרשנבוים לעבן זייער שטיבל. דאָס שטאַכעטל איז פריש אָפּגעפאַרבט... דער בלאָטיקער וועג הייבט אָן טריקענען. די צוויי יונגע פערד שטייען אין פעלד, איבערגעלייגט אַ האַלדז איבער אַ האַלדז. דער ברוינער הונט ליגט לעבן פלימפּ און וואַרעמט זיך... די מאַמע באַקט געשמאַקע „פּאיס״... אַגנעס פילט דעם ריח פון דינע, ברוינע שטיקלעך חזיר־פלייש, וואָס זינגען פון דער בראָטפּאַן...

דער טאָג ווערט עלטער, ראַשיקער, עס קומען זיך צונויף מענטשן. יידן פון קליינע שטעטלעך פון אַלע עקן וועלט, וועמען דער גליק־ווינט האָט פאַרטראָגן אַהער, זיי די שליסלען פון קונסט איבערגעגעבן; זיי, די בלינדע, פאַר וועכטער געמאַכט איבער דעם ליכט־טורעם אויפן שטורעמדיקן ים.

אַגנעס חלומט:

דער טאַטע ציט־אָן די גרויסע זעג, קרימט אויס איין צאָן אַהער, איין צאָן אַהין און לאָזט זיך צום האָלץ־שטעלכל, ווו די איינגעשפּאַרטע קלעצער ליגן צעוואָרפן ווי קנופּיקע עקשנותדיקע קעפּ, וואָס מ'קען צו זיי נישט רעדן מיט גוטן...

די גרויסע שוישפּילערין זעט זיך צוריק אין דער היים. ווי גוט דאָס איז, נישט צו האָבן קיין „רעפּעטיציעס״, נישט אַרויסערגערן זיך ס'האַרץ צוליב אַ שלעכטער נאָטיץ אין דער פּרעסע... נישט דאַרפן מאַכן גלייבן אַנדערע אין דעם וואָס מ'גלייבט אַליין נישט און שרעקן זיך טאָמער וועט זיך עמעצער דערוויסן...

אַגנעס קאַרסאָן דערמאָנט זיך אין איר יוגנט. עס קומט איר אויפן זין איר ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט קנוטן... אַ הויכער יונג ווי אַ ווערבע, און שטאַרק! ער האָט געקענט איינבייסן קופּערנע מטבעות... און אַזאַ פרעמדער... פון אַ פרעמד לאַנד... פון טראַנסילוואַניאַ, דאַכט זיך... און ער האָט געזונגען אַזוי שיין... געקומען איז קנוט ווי אַ זומערגאַסט אין אַ

דערבייאיקן האָטעל... ער האָט אויסגעזען אַזוי מאָדנע, מיט אַ דייטשער פּעלערינע אויף די אַקסלען, הויכע וואָנצעס... אַ בליק, וואָס באַצווינגט אַלע אַנדערע בליקן. „אַ פּרינץ"...

די שוישפּילערין דערמאָנט זיך אויף דעם פּלאַץ ביי זיי אין סאָד, הינטערן עפּלבוים. די לבנה האָט געקוקט און געזאָגט: „מען מעג"... נאָר דער שוואַרצער הונט האָט געריסן קנוטן ביי די קליידער... נישט צוגעלאָזט צו איר...

אָבער די קליינע געדאַנקען־עקסקורסיע מאַטערט איין...

דאָס וואָרט „איך, איך" לויפט ווידער פאַר די אויגן... דרייט זיך און פאַרמעקט אַלצדינג... איר נאָמען אַגנעס קאַרסאָן פילט אויס די וועלט... איך, איך, איך, אַגנעס, אַגנעס, קאַרסאָן, קאַרסאָן!

צוויי באַקאַנטע טרעפן זיך.

— וואָס מאַכט מען, מר. האָפּשטאַנג?

— אָלרייט. מיר ברענגען אַרונטער די פּעטערבורגער טרופּע... מירן אייך שלאָגן טויט...

— גיב אַכטונג, מיגל, וועסט זיך דערווערגן... דער ביסן איז צו גרויס...

— דו קענסט נישט מיין האַלדז!

— דו נעמסט זיך אונטער צו גרויס!

— ווי מען נעמט זיך אונטער, אַזוי העלפט גאָט!

ביידע הייבן די היט. שמייכלען מיט מוראדיקע פאַלשע ציין, ווינטשן זיך שטילערהייט איינער דעם אַנדערן דעם טויט און זאָגן:

— מיט גליק!

— אויף ווידערזעען!

פון אַן אַנדער טעאַטער־טיר קומט אַרויס אַ דינער, הויכער מענטש, פון אַ יאָר 36. ער האָט שיינע האָר, ווי הענגלעך ווייַנטרויבן, וואָס זענען פאַרמאַכט געוואָרן פון פראָסט. ס'איז דער טעאַטער־קעניג מערינאַדי. ער ליידט אויף די נירן, קען זיין, אַז ער האָט גאַלשטיינער אויך... דאַרף זיך לאָזן אָפּערירן, האָט אָבער קיין צייט נישט. ער דאַרף גראָד איצט שטעלן זיין גרויסן ספּעקטאַקל „דער בעל־שם".

ער איז ערשט אַרויס פון דער פּראַקטיקער לאַוואַטאָרי, אין זיין טעאַטער (די לאַוואַטאָרי אַליין האָט געקאָסט 10 טויזנט דאָלער! ס׳איז אַ מייסטערווערק!) ער פילט גרויסע יסורים אַרום דעם רוקן... אין מויל איז אַ שלעכטער, זויערלעכער טעם ווי פון מעטאַל... — דער טויט גייט נאָך פון הינטן. דער דירעקטאָר איז שטאָלץ און ווירדיק... ער איז קעניג... ער וועט פאַלן מיט דער קרוין אויפן קאָפּ...

— אָט גייט מערינאַדי!

עטלעכע מענטשן ציִען די היט, באַגריסן אים זייער העפלעך און רעדן צווישן זיך שטילערהייט אַזוי אַז מערינאַדי זאָל נישט דערהערן:

— אַ גראָבער פליגל!

— וויל פאַרזשעברען די וועלט!

— טוט אָן גאָט אַ טיזליק מיט זיין קונסט!

— האָט אַ טריפהנעם מזל.

— געליימט זאָל ער ווערן...

אַ ציטונגס־רעפּאָרטער פאַרלויפט מערינאַדין העפלעך דעם וועג, גריסט, שטעלט אים פראַגן וועגן דעם נייעם גרויסן ספּעקטאַקל... ער וויל וויסן וועגן דער נייער טעכניק... צי ס׳איז אמת, אַז אַנשטאָט דעקאָראַציעס, ניצט מען לעבעדיקע מענטשן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ באַוועגלעכע וואַנט.

מערינאַדי רעדט געציילטע ווערטער, ווירדיק, געלאַסן, כיטרע.

— אַז די צייט וועט קומען וועט מען וויסן!

דער קעניג נאַרט אָפּ, ווייל דער קעניג דאַרף אָפּנאַרן. ער איז שטאָלץ ביי זיך... אָבער די יסורים אין רוקן זענען גרויס. דער טויט גייט נאָך פון הינטן. ווען מאַרינאַדי זאָל נישט זיין אַ פאַרנומענער גרויסער מענטש, וואָלט ער אפשר געהאַט צייט זיך צו מאַכן אַן אָפּעראַציע און ראַטעווען זיך. אָבער אַזוי... ווער ווייסט צי וועט כאָטש די לוויה נישט אויסקומען אום שבת? די מענטשן וואָס זענען באַשעפטיקט אַרום זיין טעאַטער וואָלט עס זייער פאַרדראָסן ווען ער מאַכט זיי קאַליע אַ „מאַטינע״!

אָבער טויזנטער יונגע געזונטע מענטשן זעען מערינאַדיס בילד אין די ציטונגען, הערן די לעגענדע פון בראָדוויי... מיינען, אַז אַ גרויסער

## משה נאַדיר

נאָמען איז טאַקע עפּעס אַ זאַך, וואָס האָט אַ ווערט... און זענען מקנא דעם קראַנקן מענטשן, וואָס דער טויט לויפט אים נאָך פון הינטן, גרע־סער ווי דער סאַנקט־בערנאַרד, וועלכער באַגלייט אים אויף זיינע זונטיק דיקע שפּאַצירן.

## ווּ דאָס לעבן זינגט

עס איז געווען פּרי אין ווינטער. קליינע פראָסטלעך זענען געקומען בײַ נאַכט און אַוועקגעגאַנגען מיטן טאָג. דאָס שטעטל איז געוואָרן ריין. אַ הויך פון פרישקייט, פון יונגער פריקייט האָט גענידערט פון די בערג. די פאַרבליבענע שטרוי אויפן מאַרק זענען געווען ווייס־פאַרפראָסטיקט. די וועלט איז געווען ווי פון מוטערפּערל, אָנגעוואַרעמט מיט אַן אײדעלן גאָלד־אָטעם, ווי אַ גוטער, שטילער זון, וואָס גייט און קומט, און קען אַלץ נישט פועלן בײַ זיך אין גאַנצן צו בלײַבן דאָרטן — הינטערן אָפּגע־לופּעטן טרויעריקן באַרגשפּיץ.

פון די קליינע שטיבלעך האָבן זיך געצויגן פאַרבענקטע געל־גרינע רויכלעך צום הימל. עפּעס ווי די קוימענס וואָלטן געוויינט מיט רויך, זיך געשטיקט מיט קויקלדיקע טרערן איבער זייער מזל.

די צייט איז געשטאַנען איבערן שטעטל ווי אַ פאַרגליווערטער, שיין־איבערגעצויגענער זומפּ. וואָס זאָל טאָן דער טאָג מיט זיך אין אַזאַ עלנטן העק? צווישן וועמען זאָל ער זײַנע רגעס צעטיילן, ווען די רגעס זענען אַזוי פיל און די מענטשן — אַזוי ווייניק?

איך בין אומגעגאַנגען פאַראומעטיקט. מיין געלעכטער האָט געהאַט פאַרבונדענע פליגל. דער טייך, ווו איך האָב זיך אַ גאַנצן זומער געבאָדן, אַריינגעלאַכט אין וואַסער אַריין, „געלייגט לאָבעס״, „געשוווּמען אַ בענ־קעלע״, געגאַנגען אַ „קוממיות״, זיך אָנגעפּרייט מיטן וואַסער־גלאַנץ און וואַסער־געריש ביז אומזיניקייט — אָט דער טייך איז איצט געווען קאַלט און בידנע. די פאַליעס האָבן זיך געשלאָגן איינע מיט די אַנדערע, גע־וואָלט וואָס גיכער צוקומען צו די שליוזעס און זיך דערהרגענען. דער אומרו פון משוגעת, די זעלבסט־נקמה פון אַ מאַניאַק איז געלעגן אין זייער געלאָף.

דאַוויד איז געהאַט צוריק אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד אין איינעם

מיט זײַנע טאַטע־מאַמע און מיט זײַן שוועסטער „פרידאַ", וואָס איך האָב שטילערהייט ליב געהאַט פאַר די שיינע דײַטשע ווערטער וואָס זי האָט גערעדט מיט מיר.

— דו, בורש... געהט'ס דיר גוט ?... געפאַלט'ס דיר היער אין דיעזעס נעסט ?

אַ נעסט ? יאָ, טאַקע אַ נעסט. מענטשן שלעפּן צונויף שטרויעלעך, ליים, שטיקלעך האָלץ, קנעטן אויס „וואַליקעס", פלעכטן אויס אַ שטוב... שטייט זי. פון אויבן, אויף די „ריפּן פונעם דאַך", הענגט אַ פענדל, וואָס דאָס געזעץ הייסט אַרויסשטעלן... שטייט די נעסט איין זומער און נאָך אַ זומער און נאָך איינעם... וואַקסן אויס קינדערלעך, זוכן זיי שטיינדלעך, שלעפּן צונויף זאַמד... גיט מען אַ גוי אַ שטיקל איבערגעבליבענעם קאַלטן קוגל אָדער אַ מוציא ווייסע חלה, ברענגט ער אַ האַק מיט אַ פּיקע. האַקט מען אַ ביסל... גראָבט מען אַ ביסל... יעדער ייִד, וואָס גייט פאַרבײַ גיט אַ גראָב און זאָגט, אַז די פריערדיקע אַרבעט טויג נישט... גייט ווידער אַ זומער און נאָך איינעם... וואַקסן אויס קינדערלעך, זוכן זיי שטיינדלעך, העלפט עס טעסען באַלקנס, ברוסעס...

וואַרפט די קו אָפּ נאָך אַ ביסל מיסט... גיט מען עס דעם גוי, דעם שכן, פירט ער אָן אַ פורעלע ציגל פאַרן קוימען... ברענגט ער אַ לאַנגע זעג אויף צו זעגן די קראָקוועס און ווייזט ווי אַזוי אַרײַנצוהאַקן די טשוועקעס, זיי זאָלן זיך נישט שטעלן פּאַפּעריק. ווערט מיט דער צייט אַ נעסט... און ווען דער דאַך איז ניי, איז שוין דער פונדאַמענט אַלט.

יאָ, אַ נעסט, אַ נעסט... איך בין אַ פייגעלע אין אַ נעסט... ביי נאַכט פלי איך הויך און ווייט, און ס'דאַכט זיך מיר, אַז דאָס חלום איך בלויז... אָבער איך קנייפּ זיך אין אָרעם און ס'טוט ווי... איז אַ סימן, אַז ס'איז נישט קיין חלום... איך פלי און פלי איבערן „חדקל" ביז לייפּציג... דאָרט עס איך שאָקאָלאַד, און דאָוויד רעדט צו מיר ווענגן ליבע... און מיר גייען איבערן פעלד, און מיר זינגען : „אוי, גוטער ברודער, ס'איז זיס ווי מאַלץ ביי אַ מיידעלע אויפן האַלדז"... דערנאָך קומט דאָווידס שוועסטער און רעדט צו מיר אויף איר איידעלן דײַטש :

— דו בורש! גייט׳ס דיר גוט?... געפּאַלט׳ס דיר היער אין דיזעס נעסט?...

דאַוויד איז איצט געווען צוריק אין דייטשלאַנד... איך בין געבליבן דאָ אַליין מיט דער מאַמען, וואָס האָט שטענדיק גערעדט פון דער פּאָסט און פון אַמעריקע און פון שיפסקאַרטן. זיך געגרייט צו פאָרן צום טאַטן, און דערווייל צעטיילט אַלצדינג וואָס זי האָט פאַרמאָגט, גלייך ווי אין אַמעריקע דאַרף מען קיין קליידער נישט טראָגן, קיין טישטעכער דעם טיש צו פאַרדעקן... אַפילו די וואָלענע שאַל האָט די מאַמע אַראָפּגענומען פון אירע אַקסלען און געגעבן מיין גוישער „ניאַניע״, וואָס איז געקומען צו אונדז צוגאַסט, מיך שטאַרק אַרומגעכאַפּט, געדריקט צו זיך, מיר געוויזן די שיינע, ווייסע בריסט, מיט וועלכע זי האָט מיך אויפגעצויגן.

— וואָט, וואָסאַראַ קעלבעלע דו ביסט געווען — האָט זי זיי געוויזן און צונויפגענומען די הענט און זיי געהוידעט ווי מ׳הוידעט אַ קינד... — אָט אַזוי־אָ, טאָג־ווי־נאַכט... נאָר די בריסט...

די גויע האָט אַריינגענומען צוריק די גרויסע, שיינע בריסט, זיך געווישט די אויגן... מיך געדריקט צו זיך. איך האָב זי אָפּגעשטויסן.... און געטראַכט אַ זינדיקן געדאַנק... אָבער עס איז מיר געווען דערווידער ס׳געפיל פון געטיילטער מוטערשאַפט וואָס די גויע האָט געטיילט מיט מיין מאַמען.

אַ צווייטן מאָל איז די גויע געקומען ווען איך בין געלעגן אין בעט. זי האָט געפרעגט אויף דער מאַמען, וועלכע איז געהאַט אַוועקגעגאַנגען אויף דער פּאָסט. מיר געזאָגט אַז זי האָט געבראַכט אַ שאָק אייער, געלויבט מיין מאַמעניו... זיך געצלמט, זיך דערמאָנט ווי שטאַרק זי האָט מיך ליב געהאַט ווען איך בין געלעגן ביי אירע בריסט. איר מאַנסבערו האָט זי אַפילו איין מאָל געשלאָגן דערפאַר, געזאָגט, אַז ס׳איז נישט שיין זיך אַזוי אָפּצוגעבן מיט אַ יידיש קינד... אָבער איצט, אַז איר אייגן זונעלע איז געשטאָרבן. —

די גויע האָט מיך געגלעט, געקושט... מיר איז געווען זייער פריקרע און הייס און אָנגענעם. זי האָט אַרונטערגעגנבעט די האַנט אונטער מיין קאָלדרע, מיך געגלעט אויפן בויך... דערנאָך אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ...

אַ מיאוס געפּיל, ווי אַ זשאַבע וואָלט אַ שפּרונג געטאָן איבער מיר, האָט מיך אָנגענומען פון איר באַרירונג... מיין דערוואַכונג האָט באַדאַרפט מילדקייט, רחמנות... שיינקייט...

איך האָב די גויע אָפּגעשטופּט פון זיך, זיך פעסט אַרומגענומען מיט דער קאָלדרע פון אַלע זייטן... און שטיל געריסן פון זיך די הויט...

מיר איז געווען, ווי מיין גאַנץ יונג לייב איז געווען פאַראומריייניקט, און איך מוז פון מיר די הויט אַראָפּרייסן...

די געשעעניש איז טיף און שווער אַריינגעזונקען אין מיין לעבן... און האָט אין מיר, די ערשטע, אויפגעוועקט די גרויסע שנאה, אָן וועלכער מען קען נישט ליב האָבן די פרוי...

## „פיצי״ האָט חתונה!

„פיצי״ האָט חתונה געהאַט מיט טשאַמקאַדיראַן.

די חתונה איז געווען אַ סענסאַציע. די צייטונגען האָבן אַ סך געשריבן וועגן דעם. איבערהויפּט די יידישע צייטונגען. זיי האָבן געגעבן די בילדער פון די „חתן־כלה״, די ביאָגראַפיע פונעם חתן — אויף אַזוי פיל, וויפל ער האָט געהאַט אַ ביאָגראַפיע. זיך געגרייסט מיט דעם פאַקט, וואָס אַ באַקאַנטע קריסטלעכע שריפטשטעלערין טוט אונדז אָן דעם כבוד און האָט חתונה מיט „אונדז״...

טשאַמקאַדיראַ האָט אַ צוויי וואָכן פאַר דער חתונה נישט אַראָפּגעלאָזט די „בינדע״ פון די וואָנצעס, כסדר געמוטשעט די וואָנצעס אַרויף, ווי ער וואָלט וועלן, זיי זאָלן אַריין אין הימל אַריין...

אין קינסטלערישן קאַפע זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען אַז פּיצי שטאַמט פון לאָרד בייראָן... אַז זי האָט אַ שלאָס אין שאָטלאַנד... אַז אַ דייטשער גראַף איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב איר...

פּיצי אַליין האָט געשמייכלט מיט די אויגן, וואָס זענען געווען בלאָ ווי רייזוואָסער. איר אויסדרוק פון דערנענטערונג צום יידישן פאָלק האָט אָנגענומען אויסטערלישע פאָרמען. אַנשטאָט וואָס ביז איצט איז פּיצי געווען אַ שטילע אַנטיסעמיטקע, איז זי איצט געוואָרן דרייסטער, אָפענער. באַכגעזאָגט עפּעס אַ גויישן שריפטשטעלער, אַז די יידן נעמען איבער די חסרונות פון יעדן פאָלק, אין וועמענס לאַנד זיי לעבן, און זיי לייגן נאָך צו זייערע אייגענע אויך. געמאַכט די ווילדע באַהויפּטונג, אַז אַ פאָלק וואָס שרעקט זיך פאַר בלוט איז אַ דעגענערירט פאָלק, און אַז דאָס, וואָס יידישע מענער פּרייזן אַזוי די בתולהשאַפט, איז דאָס בלויז דערפאַר, ווייל זיי זענען צו גרויסע טרוסן צו פאַרגיסן בלוט אויף אַ העלדישערן אופן.

טשאַמקאַדיראַ האָט גאָר אַנגעקוואָלן פון זיך פּיציס חכמות, איר געקלאַפּט אין די שמאָלע פּלייצעס אַריין און געזאָגט: „בראַוואָ״!...

די יידישע צייטונגסלייט און שריפטשטעלער האָבן אַרומגערינגלט טשאַמקאַדיראַס טישל, ביי אים געפרעגט מיינונגען וועגן זייערע לעצטע „זאַכן". זיך געפילט גוואַלדיק שטאָלץ, אַז טשאַמקאַדיראַ האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט זייער שלעכט, און באַלד זיך פאַרכאַפּט און צוגעגעבן:

— לויט אַזאַ שפּראַך ווי יידיש, פאַרשטייט זיך!...

קיינער האָט זיך נישט באַליידיקט. מען האָט זיך נאָר געפילט גע־קרענקט, אומנוציק... טשאַמקאַדיראַ האָט מיט זיין גרויסן קול און מיט זיינע זיכערע בליקן אויסגעפילט דעם גאַנצן קאָפּע. אין דרויסן, פאַר דער טיר פון אַרעמלעכן קאָפּע איז געשטאַנען פּיציס טייערער אָטאָמאָביל. אינע־ווייניק זענען אויף ביידע זייטן געווען וואָזן מיט לעבעדיקע בלומען... אַן עלעקטרישער ציגאַרן־אָנצינדער, אַ פּעכער, אַ טעלעפאָן אַרויסצורעדן צום שאָפער... לעדערנע טאַשן פאַר צייטונגען און ביכער... אַ קליין טישעלע אויף צו שרייבן... אַן אַפּאַראַט, וואָס האָט אָנגעזאָגט דאָס מאָרגנדיקע וועטער... דער בלייכער, טייגיקער הומאָריסט פונעם קאָפּע האָט שטילערהייט יעדן איינעם איינגערוימט אין אויער זיין חכמה וועגן דעם, אַז „טשאַמקע" האָט חתונה מיט אַ גוטער מאַשין און מיט אַ שלעכטער שיקסע... און אַז זייער מאַשין וואָלט נאָך באַדאַרפט האָבן אַ וואַנע אויך און אַ וואַסער־לייטונג — וואָלט זי שוין געווען מיט אַלע מעלות...

טשאַמקי האָט געטרונקען ווי אַ פיש, איינגעגאָרגלט דעם סאַמעטענעם, געלן וויין, אַרויפגעשאַרט די וואָנצעס, געמאַכט „קלאַ"... גערעדט פון זיין חתונה מיט דער שיקסע... „פּיצי" האָט געשמייכלט מיט די פיין־געפּוצטע ציין, צורעכט געמאַכט דאָס זילבערנע בענדעלע אַרום איר שטערן, אַ וואָרף געטאָן מיט אירע פיינע טיציאַנישע האָר און געזאָגט:

— יאָ, איך בין אַ יידישע שיג־סע!...

אַלע האָבן שפּלדיק געלאַכט. טשאַמקאַדיראַ האָט זיך אויפגעהויבן אַ ביסל שיכורלעך, געפּרוּווט אָפּטשעפּען פונעם האָקן „פּיציס" גרינעם מאַנטל, זיך געפּלאָנטעט, אַרויסגעלאָזן אַ פראַנצויזיש זידלוואָרט... דער דייטשער קעלנער איז הכנעהדיק אונטערגעלאָפן און געזאָגט:

— יאָ, הער באַראָן... ענטשולדיקן זי, הער באַראָן!! אַראָפּגענומען פּיציס מאַנטל פונעם טשוואָק... איר געהאָלפן אים אָנטאָן. פּיצי האָט

זיך ענג אַרומגעוויקלט, צונויפגענומען די ברעגן פון איר מאַנטל, ער זאָל זיך, חלילה, נישט אָנרירן אָן עמעצן פון יענע־אָ... געשמייכלט מיט אירע ווייסע ציין. זי איז זיך געווען באַוווסט פון דעם פאַקט, אַז זי איז פון העכערן וווקס ווי אַלע יידישע מיידלעך אין קאַפע, און אַז אירע געפלעגטע הענט זענען זייער דין, און עס זעט זיך כמעט דורך ס׳בלאָע בלוט...

טשאַמקע האָט אַ מאַך געטאָן מיטן וויכן הוט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, מיט אַ קונציקן וואָרף אַרויפגעשליידערט אויפן טיש אַ מטבע בּאַרן קעלנער, געגעבן אַ באַרשט־אַרויף די וואָנצעס, גענומען זיין „שיקסע" אונטערן אָרעם און זיך געלאָזט צו דער טיר. דאָ איז דער הכנעהדיקער דייטשער קעלנער ווידער אונטערגעלאָפן מיט גרויס אימפעט, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרמיידן אַן אומגליק, האָט מיטן פוס אַן עפן געטאָן די טיר און געזאָגט:

— גוטע נאַכט, הער באַראָן... דאַנקע, הער באַראָן! מיינע האָכאַכטונג, הער באַראָן!

טשאַמקע האָט ווידער אַ מאָל אַ מאַך געטאָן מיטן וויכן הוט, גאָרנישט געזאָגט, נאָר זיינע אויגן האָבן זיך געפּרעגלט אין הייסן האָניק...

די יידישע קינסטלער האָבן דאָס פּנים אַרויסבאַגלייט מיט פאַרבענקטע קנאהדיקע בליקן, זיך פאַרטראַכט איבער זייער אייגענעם קליינעם מזל און אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט צו מישן מיט די לעפעלעך די נודנע טיי.

דער אונגאַרישער באַלעבאָס פונעם קאַפע האָט אָפּגעראַמט טשאַמקעס ליידיק־געוואָרן טישל... צוגענומען די גלעזער און די טעלער און די פלעש־שער, געגעבן אַ לעצטן וויש מיטן ברודיקלעכן פאַרטעך און געזאָגט:

— איכ׳ל אינען אַ מאָל דערציילן ווער טשאַמקע איז!...

## צוויי יידישע דיכטער

נאָך דער חתונה האָט טשאַמקע צעשיקט קאַרטלעך צו צוויי באַקאַנטע יידישע קינסטלער, זיי זאָלן אים קומען באַזוכן אין זיין סטודיע אויף דער 59־טער גאַס. די קינסטלער האָבן זיך געפילט זייער שטאָלץ פון דער איינ־לאַדונג, געוויזן די גאָלד־גראַווירטע קאַרטלעך צו אַלע אין קאַפע... איינער האָט עס געטאָן נאַריש, מיט אַ צווייִדייטיק וואָרט־שפּילעכל: טשאַמקע וויל מיר וויזן צי פּיט־זי... (פּאַסט זי). דער אַנדערער האָט כלומרשט, צווישן אַנדערע קאַרטלעך, וואָס ער האָט געזוכט אין וועסטל־קעשענע, געפונען אויך די איינלאַדונג, געזאָגט: אָט האָסטו דיר! טאָמער האָב איך היינטיקן דאָנערשטיק געהאַט אַ פרייען טאָג, מוז איך גיין צו אונדזער טשאַמקען אויף כּיבוד... און ער האָט צוגעגעבן: איר ווייסט דאָך — מען מוז גיין צוליב איר... זאָל זי נישט זאָגן, אַז יידן האָבן נישט קיין מאַניערן.

דאָנערשטיק, אַרום עלף אין דער פרי, האָבן ביידע באַקאַנטע יידישע קינסטלער זיך אָנגעטאָן יומטובדיק, גענומען אַ טעקסי, צוגעפאָרן מיט האַרצקלאַפּעניש צו דעם אַריסטאָקראַטישן סטודיע־הויז אויף דער 59־סטער גאַס. געבליבן שטיין און באַצאָלט דעם טעקסי־יונג אפשר דריי מאָל אַזוי פיל ווי עס איז אים געקומען. דער יונג האָט זיי אָנגעקוקט ווי משוגע, און אַפילו נישט געזאָגט קיין דאַנק.

ביי דער טיר האָט זיי איבערגענומען אַ לאַקיי אין אַ מונדיר, געבעטן זייערע וויזיט־קאַרטלעך. ביידע האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין וויזיט־קאַרטלעך. האָבן זיי זיך פאַרשעמט און געזאָגט:

— ס'איז שוין רעכט, זאָגט דעם הער טשאַמקאַדירא, אַז די יידישע קינסטלער זענען געקומען.

דער לאַקיי האָט באַטראַכט זייער הולך, זייער איבערגעטריבענע אויס־געפּוצטקייט... געזאָגט, אַז סיניאָר טשאַמקע נעמט נישט אויף אַזוי פרי. ביידע זענען געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט. דער „גרינגערער", וואָס

האָט ליב געהאַט צו מאַכן וואָרטשפּילן, האָט געזוכט עפּעס אַ וויץ און נישט געקענט געפינען... האָט ער געזוכט אין קעשענע, און נישט געוווּסט צי ס׳פּאַסט „אונטערצוקויפן״ דעם לאָקיי, צי נישט... ס׳איז אים געקומען אויפן זין אַן ענלעכער פאַל אין דער היים, אין רוסלאַנד, ווען ער האָט באַ־דאַרפט צום גובערנאַטאָר... און ווי מ׳האָט אים נישט אַריינגעלאָזט... האָט ער זיך מישב געווען, ער וועט אַריינשטופּן דעם „ערל ביי דער טיר״ עפּעס אין יד אַריין... האָט ער אַזוי געטאָן, האָט אים יענער אָנגענומען ביים קאָלנער און אַרויסגעוואָרפן... און אים נאָכגעזידלט — עד היום ווייסט ער נישט, צי ער האָט געגעבן צו ווייניק, צי וואָס...

אָבער בעת דער „גרינגערער״ קינסטלער האָט אַזוי געטראַכט, איז דער אַנדערער געקומען צו זיך, זיך דערמאָנט אַז ער האָט ביי זיך די גאָלד־גראַווירטע איינלאַדונג פון טשאַמקאַדיראַן, האָט ער עס אַרויסגענומען און געוויזן דעם לאָקיי, האָט זיך יענער באַליידיקט און געזאָגט:

— „טאָ וואָס־זשע האָט איר באַלד אַזוי נישט געזאָגט״, און זיי אָנגע־וויזן מיט אַ שפּיץ פינגער ווו דער „עלעוויטאָר״ איז...

ביידע זענען צעטומלטע אַרויף אויפן „ליפט״, זיך אָנגעקוקט אין די שפּיגלען און זיך דערשראָקן פאַר זייער בלייכקייט. זיי האָבן זיך צערעכט געמאַכט די קראַוואַטן, אַראָפּגענומען די היטלען... דער נעגער־יונג האָט געשמייכלט, געגעבן זיי אַ שנעלן „צי־אַרויף״. ביידע זענען נישט געווען געוווינט צו פאָרן אויף אַ „ליפט״, האָבן זיי געהאַט ס׳געפיל, ווי מ׳וואָלט זיי אַ זעץ געטאָן אין בויך...

אין עטלעכע רגעס זענען זיי געשטאַנען אויבן אין אַ לאַנגן קאָרידאָר מיט טיפע טעפּיכער אויף די דילן... אַ סך שפּיגלען. רויטע פייער־סיגנאַלן, טעלעפאָנען, געפלאָכטענע מעבל, אַ געניקלטער וועג פאַר בריוו, וואָס אַז מ׳וואַרפט זיי אַריין דאָ, גליטשן זיי זיך אַראָפּ העט־אונטן און פאַלן אַריין אינעם גרויסן גרינעם קאַסטן, אין אונטערשטן וואָרטזאַל...

אין ווינקל פון קאָרידאָר זענען געהאַנגען זילבער־געשטיקטע טאַפּע־צירונגען. צוויי שווערדן זענען געווען איבערגעלייגט איינער איבערן אַנדערן, ווי אַ שיינער צלם... אַ מיידל אין אַ ווייסער הויב האָט פאַרבייגעשוועבט...

זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, ווו עס איז געווען צוגעשלאָגן

אַ מעשׂן בלעטל מיט די נעמען: „מר. טשאַמקאַדיראַ"; „מיס פיצדאַנאַלד".

עס האָט זיך געהערט אַ הויך־שטימיקער „אַריין!"... ביידע האָבן זיך אָפּגעווישט די טרוקענע שיך, אויסגעהוסט און אַריין, מיט אַנגעשטעלטע, פרעמדע, איבערגעשראָקענע שמייכלען אויף די ליפּן...

אַז זיי זענען אַריין אינעווייניק, האָבן זיי דערזען ווי טשאַמקאַדיראַ ליגט אין גרויסן, פּרעכטיקן בעט, אין איינעם מיט זיין פּיצין. ער טראָגט זיידענע פּיזשאַמעס, זי — אַ זיידן שלאָפּהעמד. טשאַמקאַדיראַ האַלט זיין רעכטע האַנט הינטער איר קאָפּ. אירע צעוואָרפענע טיציאַנישע האָר צינדן כמעט אָן די ווייסע קישנס. זי ליגט מיד און פאַרשמאַכט ווי אַ פּרינצעסין, רייכערט אַ פּאַפּיראָס מיט אַ לאַנגן מונדשטוק. „טשאַמקע" שמייכלט איבער די וואָנצעס אַריבער, ביז צו די אויגן אַרויף...

אַז די צוויי יידישע קינסטלער האָבן דערזען ווי דאָס פּאָרל ליגט נאָך אין בעט, האָבן זיי זיך פאַרשעמט, געזאָגט „אַנטשולדיקט!" און געוואָלט זיך צוריקציִען. אָבער טשאַמקע האָט געזאָגט: „נאַרישקייטן! בלייבט דאָ. איך האָב דאָך אייך פאַרבעטן. דאָרטן אויף דער קאָמאָדע איז ווייַן און ביסקוויטן... גייט, נעמט זיך!". די צוויי געסט האָבן זיך געפילט אַ ביסל געטראָפן פון דעם אופן ווי ער נעמט זיי אויף... דאָס נישט־שעמען־זיך פאַר זיי איז געווען אַ סימן, אַז ער באַטראַכט זיי נידריקער פון זיך...

אָבער די רייכקייט און די בלענדעניש פון דער „סטודיע" האָט זיי דערשלאָגן. זיי האָבן זיך געפילט אַז זיי דאַרפן אַ תירוץ פאַר זיך אַליין, און זיי האָבן עס געפונען אין דעם אויסרייד, אַז גרויסע קינסטלער האַלטן זיך „אינטים" מיט זייערע חברים, ווייסן נישט פון קיין צערעמאָניעס, פון שעמען זיך מיט די הייליקע געפילן...

די צוויי יידישע קינסטלער האָבן אַ ביסל געשמועסט וועגן קונסט און וועגן טשאַמקעס סטודיע... געווונטשן אים „מזל־טוב". „פּיצי" האָט געלאַכט און נאָכגעזאָגט די ווערטער „מאַזעל טאָוף", ווי ס'וואָלט געווען דער גרעס־טער שפּאַס אין דער וועלט... טשאַמקאַדיראַ האָט געפרעגט וואָס מ'זאָגט צו זיין פּיצעלען, און צי מעגן נישט אַלע יידישע דיכטערינס זיין די כּפּרה פאַר איר... דער „גרינגערער" גאַסט האָט זיך געקנייטשט ווי פון אַ בויך־ווייטיק, געזאָגט: „כ'מיין", ווי דאָס האָט געקאָנט הייסן „כ'מיין יאָ" און

„כ׳מיין נישט״... דער אַנדערער האָט דערווייל אָנגעגאָסן פיר גלעזלעך וויין און יעדן דערלאַנגט. „פיצי״ און טשאַמקע האָבן אַפילו נישט געזאָגט קיין דאַנק. זיי האָבן זיך אויפגעזעצט אין בעט — טשאַמקעס רעכטע האַנט נאָך אַלץ אַרום „פיציס״ האַלדז... די לאַנגע שיינע פינגער זיינע האָבן דער־גרייכט ביז צום בלאָען בענדעלע וואָס האָט אַרומגעהאַלבעלבנהט אירע פאַרשלאָסענע קליינע בריסט. טשאַמקע האָט איר געגעבן אַן אויסגעצויגע־נעם קוש אויף די ליפּן, זי אַזש אויסגעבויגן אויף צוריק, ביז זי האָט אים אָפּגעשטופּט און געזאָגט „גענוג״ און אים פון דעסטוועגן געגעבן נאָך אַ קליינעם קוש אַ „צו״... דערנאָך האָבן זיי — נאָך אַלץ אַרומגענומען — אויסגעטרונקען דעם וויין, זיך געהייסן דערלאַנגען נאָך צוויי גלעזלעך, און גענומען אַ ביסל־שיכורלעך פּלאַפּלען וועגן אָנרירן ס׳לעבן...

די צוויי יידישע קינסטלער האָבן געזען, אַז די אויסדרוקן פון דעם יונגן פּאָרפאָלקס ליבע גייען צו ווייט, האָבן זיי זיך פאַרשעמט, אַרויסגעשטאַמלט עפּעס אַ תירוץ און קוים געפונען די טיר.

## אונדזער מרחץ

די זון איז עלטער געוואָרן מיט אַ יאָר. די ערד האָט ווידער אַרויס־געגעבן איר בליונג. די טויב האָט ווידער געוואָרקעט ווען זי האָט אַרומ־געהיפּערט איבער די בערגלעך מיסט, וואָס די שטעטלדיקע באַלעבאַטים האָבן אָפּגעשאָטן פאַר די שטיבער. דער טייך האָט זיך ווידעראַמאָל אויפ־געבראָכן. די שליוזעס האָבן ווידער געראַשט. די ווערבענעס האָבן ווידער געשמעקט זיס־און־ביטערלעך, ווי געשיילטע מאַנדלען. דער האָפּנדופט איז ווידער אַריין אין די לונגען און שיכור געמאַכט.

פרייטיק לויפן יידן אין מרחץ אַריין. מ׳וואַרפט פון זיך אַראָפּ ס׳אָנ־טועכץ, מ׳בלייבט שטיין אַ ביסל פאַרגאַפט פאַרן אייגענעם לייב — די נאַקעטקייט איז אַזוי זעלטן! דער שוויץ איז אַ דערקוויקעניש — ער מאַכט גרינגער און בעסער... ער פרישט אָפּ — מיט אַ קילן הונגער וואָס איז אַזוי געשמאַק. עס צעפּאַרעט די נשמה נישט ווינציקער ווי ס׳לייב... האַריקע יידן גלאַנצן, ווי זיי וואָלטן געווען אַרומגעגאָסן מיט קופּער. דער פּאַרע־טומאַן הייבט זיך מיט היץ — רייסט זיך צום סופיט ווי אַ ברענדיקע בעלמע... מ׳לייגט זיך אויף די גליטשיקע בענק און מ׳שמייסט זיך מיט די הייסע בעזעמלעך און מ׳שרייט קול־הקולות... און מ׳גיסט זיך מיט פריש, קאַלט וואַסער... און מ׳שמייסט זיך ווידער...

די בענק זענען מחיהדיק וואַרעם און גליטשיקלעך. ליגט מען מיטן פּנים אַראָפּ. ס׳קאַלטע האַנטעך לעבן מויל, און מ׳פּרעגלט זיך אין ערב־שבתדיקייט, מ׳שייערט זיך, און אַז גאָט וועט העלפן מ׳וועט איבערקומען, וועט מען גיין צום דאַווענען, ווי אַ בלישטשענדיקער סאַמאָוואַר, — ווי אַ נייע אויסגעגלאַנצטע כלי...

די טרעפּ צו דער מקוה זענען געפּערלעך שליימיק און גליטשיק און וואַקלדיק און פירן בלויז צו דער קליינער מקוה. די גרויסע מקוה איז טיף און קאַלט... און כדי אַראָפּצוכאַפּן זיך אַהינצו, גייט מען אויף דער

קליינער מקווה אויף די גליטשיקע געפערלעכע טרעפ. דערנאָך גיט מען זיך קונציק אַ כאַפּ אָן אין אַ לאָדן, וואָס איז אין דער זייט פון אַ פּאָר־גרינט פענצטערל, און מ׳גיט זיך אָן אַקראָבאַטישן וואָרף אַריבער — אויף יענער זייט — צו דער גרויסער מקווה...

נישט איין ייד האָט זיך אויסגעוויכנעט אַ האַנט אָדער אַ פוס ביי אָט דעם אַקראָבאַטישן קונץ... אָבער ס׳ציט פאָרט צו דער גרויסער מקווה, ווייל זי איז קאַלט און טיף און געפערלעך...

פון צייט־צו־צייט ברענגט מען אַרויף פון אונטן אַ צעבלוטיקטן ייד... מ׳נעמט אים אַריין אין אַ בעטל, מ׳גיסט אויף אים וואַסער... מ׳שרייט: „דער בעדער, געליימט זאָל ער ווערן!״ מ׳פרעגט דעם צעהרגעטן ייד ווי אַזוי ס׳איז געשען, קען ער נישט רעדן. ער ווייזט נאָר אַראָפּצוצו — צו דער מקווה און לייגט צו ביידע הענט צו ביידע אויערן, ווי איינער, וואָס וויל זיך אונטערטונקען...

די נאָך־נישט־פאַרוואונדעטע נאַקעטע יידן פרעגן אים, פאַר וואָס ער האָט זיך נישט געהיט. גיט ער אַ לאַך מיט אַ צעשפּאָלטענער ליפּ און זאָגט אַזוי, אַז מ׳קען קוים הערן: „מ׳קען דען?״...

אויף דער זייף־באַנק ליגט דערווייל דער גביר פון שטעטל — אין גאַנצן אַ האָריקער. די באָרד איז צעוויקלט און אַרויס פון די קרויזלעך, זעט אויס ווי אַ פאַלשע באָרד... די קליינע געקרייזלטע פּאהלעך זענען אויך נישט די „שיינע פלעשעלעך״ וואָס געוויינטלעך. זיי זענען לענגלעכער און יידישלעכער — בכלל זעט דער גביר אויס ווי אַ געזונטער גוי, וואָס מ׳האָט אים אָנגעטאָן אַ יידיש פּנים.

דער גביר ליגט אויף דער זייף־באַנק, מיטן פּנים אַראָפּ... „עליע מאיר״, דער באָד־גוי זייפט אים אָן מיט אַ ים מיט שמעקעדיקע מילינקעס. ס׳בלעזלען זיך אויף אים זייף־שוימען פון אַלערליי פאַרבן... צעצויגענע זייף־רינגלעך בלישטשען אים אויף דער „לאָפּעטע״ פונעם רוקן... אויף די ברייטע אַקסלען, רינען אים אַראָפּ אויף דער באָרד...

„עליע מאיר״, דער באָד־גוי, האָט אַ בייז האַרץ אויפן גביר, פאַר וואָס ער האָט אים היינטיקן ווינטער פאַרקויפט אַ זעקל איבערגעפרוירענע בלאָע קאַרטאָפלעס פאַר גוטע... די קינדער האָבן זיי נעבעך נישט געקענט נעמען

אין מויל אַריין... זיי זענען געווען „סיערפּיאַנע״ און זיסלעך... און האָבן געהאַט דעם טעם פון אַ זעץ אין עלנבויגן...

„עליע מאיר״ דער באָד־גוי דערמאָנט זיך אין דעם אַלעמען, און ער נעמט „פּליאַסקען״ דעם גביר איבערן רוקן, אַז יענער שרייט: „הער אויף, דו... זע נאָר אַ ביסל... האָסט געזען אַזוינס!״.

„עליע מאיר״ מאַכט זיך אַז ער הערט נישט און ער פּליאַסקעט ווייטער. דער גביר ווערט אין כעס, וויל זיך איבערדרייען און עפּעס זאָגן, אָבער ער איז פול מיט מילינקעס און גליטשיק — גליטשט ער זיך אַראָפּ... כאַפּט „עליע מאיר״ אים צוריק אויף, לייגט אים צוריק אַוועק ווי פריער, הייבט אים אָן כלומרשט „ברעכן די גלידער״, מאַסירן, אָבער דער גביר גליטשט זיך, ליגנדיקערהייט, אַרויף און אַראָפּ — אָט הענגען די פיס אַראָפּ אויף דער זייט באַנק... אָט איז דער קאָפּ אויף יענער זייט...

דער גביר זידלט זיך, שרייט „גענוג!״, אָבער „עליע מאיר״ איז ערנסט און כלומרשט געטריי. ער זאָגט: „גביר־לעבן, שרייט נישט. ס׳איז געזונט!״. און ער נעמט און שטעלט צו זיין הינטן צו יענעמס, נעמט אים הינטער אַרומעט הינטער די אָרעמס, הייבט אויף הויך איבער זיך, אַז ער גליטשט זיך שיער אַריבער... גיט אים דערנאָך עטלעכע פּליאַסק איבער דער פּלייצע... און זאָגט „צו געזונט״ און הייסט זיך באַצאָלן. און בשעת מעשה טראַכט ער: אַזאַ גראָבער פּליגל... סיערפּיאַנע קאַרטאָפּלעס גיט ער מיר — געשוואָלן זאָל ער ווערן...

אַרום פאַרנאַכט־צו גייען די יידן פון באָד, אויסגעלייטערטע, אויס־געוואַשענע... אָפּגעבאָדן זיך, אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, אָפּגעשטעלט פּיאַווקעס הינטער די אויערן, זיך אָנגעטאָן פרישע גאַטיעס, מיט בענדלעך ביי די קנעכלעך, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ פרישן העמד וואָס איז אַזש בלאָ פון ווייסקייט. אַלצדינג איז גוט און שטיל און ווי ס׳דאַרף צו זיין. פון די פּאות רינען נאָך די קילע מקווה־טראָפּנס. די פּנימער זענען ניי און יונג. אין דער היים וואַרט אַ וואַרעם בולקעלע, אַ גוטער ראָסל מיט פּעפער... אַן אויסגעקאַלכט שטיבל... אויסגעצוואָגענע קינדער. אַ ווייב מיט אַ ניי בלימלדיק טיכל אויפן קאָפּ, אין אירע פרומע אויגן ברענען בענטש־ליכט... און דאָס פּנים איז שיין ווי די זון...

## אונטער דער זון

אין דרויסן קומט אָן דער פאַרנאַכט, אין סאַמעטענע פאַנטעפּעלעך. די וואַכעדיקייט איז ווי די שאָלעכץ פון די פיש — אַוועקגעשאָבן, אַרויסגעוואָרפן...

פון גאָטס אייגענער האַנט שיטן זיך רענדלעך איבער דער שטאָט... יוינגלעך לויפן אַרום און זאָגן: „שאַ, דער שבת גייט!"... די קראָמען מאַכן צו די אויפגעריסענע פּירעקעכדיקע „אויגן", וואָס קוקן אין דער וועלט אַריין, ווי אַ געטריבענער הונט... עס אײַלן זיך די פאַרשפּעטיקטע פון די געוועלבלעך... יאָשקעס הויקערדיק פערד גייט אַליין צום וואַסער, בלײַבט שטיין לעבן קלויז־פענצטער און קוקט אַריין... דער קוימענקערער האָט אויסגעקערט דעם לעצטן קוימען, און גייט, ווי אַ „שוואַרצער ריטער", באַוואָפנט מיט אײַזנס און מיט לאַנגע בעזעמער און מיט באַרשטן... די קינדער אַנטלויפן פון אים... ער לאַכט מיט די ווײַסע ציין, ווי אַ נישט־גוטער, און זאָגט אויף זײַן לשון: „קיוועלע־קאָוועלע־קוף־קוף־קוף"... און מאַכט מיט די הוילע פינגער, ווי ער וואָלט שטריקן אַ זאָק. ווײַבלעך גייען אַרויס אויף די שוועלן, גיבן צו ערשט אַ קוק אויפן הימל, „צי מען מעג שוין בענטשן ליכט". דערנאָך, אַז זיי דערזעען „דעם שוואַרצן רוח", שפּײַען זיי אויס און זאָגן: „טפו צו זײַן קאָפּ"... דער קוימענקערער גיט זיך אַ שנעל מיטן פינגער אין גאָרגל, וואַרפט כלומרשט עפּעס אַריין אין מויל אַריין און מאַכט „לעקאַיעם"...

אויפן שפּיץ באַרג טראָגט זיך אָפּ די זון. וואַרפט אַראָפּ בלאָע נאָכקלאַנגען איבער שטעטל... רירעוודיקע שאָטנס שפּילן אויף אַזוינע כישופדיקע פידעלעך, וואָס קיינער קען נישט הערן... בלויז אין ווינקל פון באַרגוואַלד ברענט נאָך... עס זעט אויס ווי אַ דראַגונער וואָלט געלאָפן און פאַרלוירן אַ מעטאַלן היטל, וואָס מ'ווייסט נישט צי ס'איז ווייס צי רויט, און דאָס היטל ברענט און ברענט... און ווערט שטילער... אויסגעברענט, פאַרלאָשן...

די פענצטער־שײַבלעך כאַפּן־אויף דעם אָפּגלאַנץ פון געבענטשטע ליכט... צעקלינגען עס אויף דינע גאָלדענע קוואַדראַטן... עס איז זיס און ליכטיק און שטיל און געלייטערט... עס שמעקט זאַפּראַן און באַרג און זומער און שיר־השירים... און פיש מיט פעפער.

**עס איז שבת!**

## דער נאָכקלאַנג פון דעם קלאַנג

וואַלקינס „הגר“ איז געווען פאַרטיק. און זיין ליזאַ האָט זיך געפילט ווי איינע וואָס איז אַריבערגעגאַנגען אַ געפערלעכן אָפּגרונט. זינט וואַלקין האָט זיך גענומען צו זיין „גרויסער אַרבעט“, איז ער געוואָרן אומגעדולדיק, ווי אַ בער אין שטייג, נישט געקענט אויסהאַלטן פון זיין אייגענער פוילקייט... און געוואָלט וואָס גיכער פאַרענדיקן, כדי ער זאָל האָבן צייט זיך צו פוילן.

עס איז געווען ווינטער. ביי וואַלקינען אין „סטודיע“ פלעגן זיך צונויפקומען געסט און אים שטערן פון זיין אַרבעט. וואַלקין האָט געמוזט האָבן די געסט, ווי דאָס שטומפּיקע מעסער מוז האָבן דעם שטיין... אָבער פונקט ווי דער שטיין פּרעסט ביסלעכווייז אויף ס'מעסער, אַזוי האָט דאָס שטענדיקע שאַרפן זיך אָן אַנדערע אויפגעפרעסן זיין כוח. וואַלקין האָט זיך געוואָלט אויספיינען מיט דעם, וואָס ער איז נישט קיין באַרימער. האָט ער זעלטן גערעדט פון זיין ווערק. האָט זיך געמאַכט קאָלט אָדער גלייכגילטיק, ווען עמעצער האָט אים אָנגעוויזן אויף זיינע פעלערן. טיף אין האַרצן אָבער האָט עס אים געגעסן ווי זשאַווער. ער האָט געוואָלט אַרויסגיין און שרייען: „מיין ווערק, מיין גרעסט ווערק!“. אָבער ער האָט זיך געשעמט, געהאַלטן אַז עס פּאַסט נישט פאַר אים צו ריידן וועגן זיין אייגענער אַרבעט און געליטן אָן אַ שיעור...

וואַלקין האָט געציטערט פאַרן קומענדיקן טאָג, שוין געוואָלט זען, צי וועט דער מאָרגן פאָלגן דעם נעכטן, צי וועט די אַרבעט נישט אַראָפּ פון טאָן, צי וועט ער קענען צונויפגיסן אין אַ גרויסער סימפאָניע די שטיקלעך געזאַנגען, וואָס האָט דורך יאָרן זיך אָנגעזאַמלט אין זיין געמיט. וואָס ווייטער ער איז אַוועק אין זיין אַרבעט, אַלץ מער האָט ער פאַרלוירן די זעלבסטזיכערקייט... האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן, אַז זיין פייער וועט לעשן איידער דער מעטאַל וועט זיך אויסשמידן. געהאַט אַ ווידערגעפיל קעגן

דער אַרבעט... אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז יעדער שפּעטערדיקער „שטריך" מאַכט קאַליע די פריערדיקע... געוואָלט אויסציִען יעדע „הייסע מינוט" אויף טויזנט יאָר, ענדיקן און פאַרטיק ווערן, און אָפּרוען זיך אין שאָטן פון גרויסן גלאַנץ...

אָן אַנדער מאָל פלעגט אים אָנכאַפּן אַ נישט־גוטקייט, ווי ביי אַ שוואַנגערער פרוי אין די הייסע חדשים. עס האָט געאיבלט דאָס ווערנדיקע באַשעפעניש וואָס פרעסט אויף זיין לייב. עס האָט וויי געטאָן דער געדאַנק, אַז דאָס שטיקל ליים איז מער ווערט ווי זיין לעבעדיק לעבן, און אַז ער, דער מענטש מיט אַ לעבעדיקן אָטעם אין זיך, קען זיך בלויז דערהייבן דורך אַריינבלאָזן אָט־דעם אָטעם אין אַ ליימענעם גולם...

אין אַזוינע רגעס פלעגט ליזאַ מורא האָבן איבערצולאָזן וואַלקינען אַליין. עפּעס אַ וויסטער שד האָט אים געשטופּט ער זאָל צעשטערן דעם „גולם" וואָס פרעסט אים אויף... וואַלקין האָט געפילט, אַז זיין „הגר" איז נישט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. אַלע פיינע ליניעס, גראַטענע ליכט־און־שאָטן ערטער זענען געווען צופאַלן. וואַלקין האָט נישט געוואָלט צוגעבן, אַז דער קינסטלער מוז שאַפן דאָס וואָס ער מוז, און נישט דאָס וואָס ער וויל... געוואָלט האָט ער אונטערטעניק מאַכן דעם ליים צו זיך... אָבער דאָס ליים האָט אים געקנעטן... עפּעס אַ בלינדע האַנט האָט געפירט זיינע... אַ פרעמד קול האָט אים אונטערגעזאָגט אַזוינע סודות, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט...

וואַלקין האָט זיך געשעמט מיט דעם... און פון דעסטוועגן געפאָלגט. ברוגז געוואָרן מיט זיין „הגרן" דערפאַר, וואָס זי האָט זיך נישט געלאָזט „מינען" ווי ער האָט געוואָלט. יעדער אויסדרוק אויף איר פּנים און קערפּער איז אין זיינע אויגן געווען אַ פאַרגליווערטער... ער האָט אַזוי אָפּט און לאַנג געקוקט אויף איר, ביז ער האָט אויפגעהערט אין גאַנצן זי צו זען... דאָס איז געווען בעסער פאַר אים, ווייל דעמאָלט פלעגט אין אים אָנקוואַלן דאָס „בלינדע ליכט" — דאָס ליכט פון דעם בלינד־געבוירענעם, וואָס פאַר אים איז קיין נאַכט נישטאָ. און אַ משוגענער כוח פלעגט אין אים אַרבעטן, פלעגט אים פורעמען און קנעטן, האַסטיקער און פיבערדיקער, ווי ער האָט געקנעטן און געפורעמט דאָס ליים.

ליזאַ האָט איבערגעלעבט זיין יעדן ציטער. האָט זיך איינגעשטעלט פאַר „הגרס" רעכט — צו זיין גרויס אָדער קליין, ווי עס געפעלט גאָט... זיך אָפט מאָל געראַנגלט מיט וואַלקינען, ווען ער האָט געהאַלטן אַ האַמער אין האַנט און געוואָלט צעשטערן זיין ווערק. נישט איין מאָל האָט ליזאַ אונטערגעשטעלט איר אייגן לייב, און אָפּגעווערט „הגרן" פון איר מייס־טערס כעס. „הגר" אַליין איז געשטאַנען אַ „געפּייניקטע", מיט אַ קרום שמייכעלע אויף די ליפּן... און געזאָגט: „נאַריש קינד, זאָל ער!... איך בין געוווינט מען זאָל מיך פּייניקן".

אָבער ליזאַס האַרץ איז געווען דאָס האַרץ פון אַ מאַמען צו אַ שלעכט קינד, וואָס קען מען טאָן, אַז סע וויל נישט פאָלגן?

צום סוף, אַז „הגר" איז פאַרטיק געוואָרן, איז וואַלקין אַרומגעגאַנגען ווי נאָך אַ קימפּעט... ער האָט געפיבערט און שיער נישט געפאַלן פון די פיס. אַ זאַטקייט וואָס איז געווען אַ הונגער, האָט אים אויסגעפּילט. דער נאָכקלאַנג פון זיין גרויס ליד איז געווען העכער ווי דאָס ליד אַליין...

די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט. אָבער דאָס גליק פון דער פאַר־ענדיקטער אַרבעט האָט נישט געלאָזט איינרוען. ער האָט געזען מענטשן אין די גאַסן פאַרנומען מיט זייערע זאָרג פאַר פרנסות און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי וויסט מען נישט, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין גרויס ווערק? ער האָט געזען קליינע קינדער גיין פון שול, און ער האָט זיי געוואָלט אָפּשטעלן און זאָגן: „קינדערלעך, וועגן מיר וועט איר אַ מאָל לערנען אין אייערע שולביכער!". איין מאָל איז ער געפאָרן אויף אַ טראַם. עס איז געווען זייער געפּאַקט. ער האָט זיך געשטעלט פאָרנט, נעבן „מאָ־טאָרמאַן". דער מאָטאָרמאַן האָט אים געזאָגט ער זאָל אַראָפּגיין. ער טאָר דאָרט נישט שטיין. וואַלקין האָט געדרייכערט זיין בייכיקע ליולקע און געזאָגט „ס'איז אָלראַיט". דער מאָטאָרמאַן האָט געזאָגט: „ס'איז נישט אָלראַיט. איר מוזט אָדער אַריינגיין אינעווייניק אין טראַם, אָדער אַראָפּ־גיין". „אינעווייניק איז נישטאָ קיין פּלאַץ, און אַראָפּגיין וויל איך נישט", האָט געזאָגט וואַלקין און געצויגן די ליולקע. דער מאָטאָרמאַן האָט אָפּ־געשטעלט דעם טראַם, זיך גענומען קריגן מיט אים. מען האָט געבראַכט אַ פּאָליציסט. יענער האָט אים גענומען שלעפּן אַראָפּ. אַלע פּאַסאַזשירן

האָבן זיך אומגעקוקט. וואַלקין איז געווען פאַרביטערט. טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן. ער האָט געוואָלט זאָגן: „וועמען שלעפּסטו עס אַזוי, דו גאָרנישט איינער? דו ווייסט, אַז איך האָב שוין פאַרענדיקט מיין „הגר“?! אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. ער האָט זיך בלויז איינגעקלעמט די הענט־און־פיס אין טראָם און זיך נישט געלאָזט אַראָפּוואַרפן. דאָס איז געווען נאַריש, אָבער וואַלקינס „הגר“ איז ערשט נישט לאַנג פאַרטיק געוואָרן און ער איז געווען איינגעשפּאַרט און צעפּיעשטשעט ווי אַ קינד...

מ׳האָט אים אָנגעטאָן די גרויסע בושה און אים אַראָפּגעשטופּט פון טראַם. זעקס מענטשן האָבן אַרום אים „געאַרבעט“, געזידלט אים... וואַלקין האָט בלויז אַ סך מאָל איבערגעחזרט די פּיצלדיקע קללה: „לייז! איר זענט אַלע לייז“... און ער האָט זיך געמוזט איינהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צו פאַרענדיקן: „אָבער איך בין אַן אָדלער!“.

אַ באַליידיקטער, אַ צעווילדעוועטער, ווי אַ לייב, וואָס מ׳האָט אים אַן אויג אויסגעשטאָכן, איז ער דערנאָך נאָכגעלאָפן נאָך דעם לויפנדיקן טראַם און געשריגן:

— לייז! איר זענט אַלע לייז!...

# נישטאָ קיין געלט

ס'איז געקומען אָפּצוגיסן די סטאַטוע אין בראָנדז. די וואַלקינס האָבן קיין געלט נישט געהאַט. ליזאַ האָט פאַרדינט אַ קליין ביסל מיט „שטונדן", וואָס זי האָט געגעבן אין ענגלישער ליטעראַטור... אָבער דאָס האָט קוים געקלעקט אויף אַ שטיקל ברויט. ביז איצט האָט מען זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דער אָרעמקייט. איצט אָבער האָט די נויט אָנגענומען אַן ערנסט פּנים... די קרומע פינגער פון דער פּעטער, אויפגעבלאָזענער אָרעמקייט, וואָס האָט זיך דאָ געמאַכט אַזוי באַקוועם, האָבן געטייטלט מיט חוזק אויף די צוויי מענטשן, געלאַכט פון זיי מיט שוואַרצע ציין...

ליזאַ האָט געהאַט אַ רייכן שוואָגער, — אַ מר. פּערגאַמענט. ער איז געווען אַ פאַבריקאַנט פון העמדער, און אַ שטיקל „מעצענאַט" — אַ ליבהאָבער פון קונסט. ער איז געווען אַ „פּאָליאַק", האָט שטענדיק ציטירט פּשיבישעווסקין. איז געווען שטאָלץ מיט זיין „פּאַטערלאַנד". געריימט דעם „זאַקסישן גאָרטן", די פּוילישע קולטור, אָבער שטילערהייט האָט ער ליב געהאַט דאָס „פּעט-יידישע", דאָס איבערטריבענע, נערוועזע, דאָס טומל-דיק-שנעלע.

זיינע דיקע קורצע הענט, מיט נעגל, וואָס זענען געווען געשוירן ביז דער הויט, פלעגן זיך מיט מי האַלטן אויף די קניען. פּערגאַמענט פלעגט מיט אַלע כוחות זיך אָנשטרענגען נישט צו מאַכן קיין זשעסטן ביים רעדן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ס'וועט זיך ביי אים אַרויסכאַפּן אַ יידישע תנועה. אָבער ער איז געווען אַ היציקער מענטש, אַ פול אָנגעשוויגענער, און ווען עפּעס האָט אים אַ טשעפּע געטאָן, האָט ער געגעבן אַ שפּרינג-אויף, פאַרגעסן, אַז ער דאַרף האַלטן די הענט אויף די קניען, און גענומען פאָכען מיט הענט און אָרעמס אין דער לופטן, און דער גאַנצער קערפּער איז ביי אים געוואָרן אַ מיטל אויף אונטערצושטופּן זיינע רייד, זיינע געדאַנקען.

## אונטער דער זון

פערגאַמענט איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש. דאָס וואָרט „געלט" פלעגט זעלטן קומען אויף זיינע ליפּן, ווען באַקאַנטע זענען געווען אין שטוב. מיט זיי פלעגט ער שטענדיק רעדן וועגן קונסט, וועגן ביכער, וועגן מוזיק. אָבער מיט זיין אייגן ווייב, וועלכע איז געווען אַ קראַנקע און אַ גוטהאַרציקע, פלעגט ער זיך אָפט קריגן און זי נגע'ן וועגן אַן איבריקן גראָשן, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט אויסגעגעבן. מיט דרויסנדיקע מענטשן פלעגט פערגאַמענט רעדן שטיל, מיט חנעוודיקע קנייטשעלעך און מיט די אָנגענומענע פראַזן פון די, וואָס „רייבן עלנבויגנס" מיט קינסטלער. ער האָט געקענט דעם גאַנצן ווערטער־באַגאַזש און די אָנשטעלעריי פון מענטשן, וואָס האַנדלען מיט ווערטער און מיט פאַרב און מיט קלאַנג — געוווּסט ווי צו פאַרדעקן יעדע אומוויסנקייט מיט אַ ביטול־שמייכעלע. ווי אַ ייד נעמט איבער פון די גויים זייערע שלעכטע מידות גיכער ווי די גוטע, אַזוי האָט פערגאַמענט אויף גיך איבערגענומען פון די קינסטלער מיט וועלכע ער איז געקומען אין באַריר — אַלע זייערע שלעכטע זייטן. ער האָט זיך געפּוילט אַרבעטן, איז געווען אומגעדולדיק, האָט געהאַלטן יעדן איינעם נידעריקער פון זיך, האָט ליב געהאַט צו הערן און צו זען זיין נאָמען... האָט געלעבט אין אַן איבערטריבענער, אויפגעבלאָזענער, פּיבערדיקער וועלט, זיך שטענדיק אַרומגעפירט מיט מענטשן, וואָס האָבן אים אָפּגעגעבן כבוד.

פערגאַמענטס לעבן איז געווען אַן אויסגעגלעטס, עס האָט געהאַט דעם געשליפענעם גלאַנץ פון אַ הייליקן שטיין, וואָס איז אַזוי לאַנג געקושט געוואָרן פון מענטשלעכע ליפּן, ביז ער האָט באַקומען אַ באַדייט, אַ געהייליקטקייט...

פערגאַמענט איז אויפגעצויגן געוואָרן צווישן פרויען, — (זיין טאַטע איז אים יונג געשטאָרבן), מומעס, שוועסטערקינדער, און שוועגערינס... פערגאַמענטס מאַמע אַליין איז געווען אַ „שטוצערקע", אַן אויסשטעלערקע. אין די יונגע יאָרן האָט זי אויסגעשטעלט איר שיינקייט, אירע איידלשטיינער, איר וווילקענעוודיקייט... שפּעטער האָט זי אויסגעשטעלט דעם מאַן — אים געהאַלטן ווי אַן אוירינגל אויפן האַלדז, אָדער אַ בראָשל אויפן האַרץ...

משה נאַדיר

פערגאַמענטס מאַמע איז געווען אַ געאײדלטע „פּאַליאַטשקע״, און ווי אַלע אויפגעקומענע מענטשן אָדער פעלקער, האָט זי געהאַט אַ נייגונג צו באַרימען זיך, ווייזן איר רייכקייט, אויפרייסן די אויגן. אַ באַקאַנטער ווערטלמאַכער פון שטעטל פלעגט וועגן איר זאָגן, אַז ווען „די פרוי פערגאַמענט קריגט אַ דימענט־רינגל, טוט זי עס אָן אויף אַ שטעקן און הענגט עס אַרויס אין דרויסן אַרויס דורכן פענצטער, כדי אַלע זאָלן זען אַז זי האָט אַ רינגל״...

# פערגאַמענט

פערגאַמענט פלעגט אָפט אַראָפּברענגען זיינס אַן אָרעמען קרוב פון פוילן, אים אויסהאַלטן מיט אַלעמען. די, וואָס האָבן פערגאַמענטן נישט געקענט, האָבן געמיינט, אַז ער טוט דאָס ווייל ער האָט אַ גוט האַרץ. דער אמת אָבער איז געווען, אַז פערגאַמענט האָט פּשוט באַדאַרפט האָבן לעבן זיך אַ מענטש, וואָס זאָל אים מאַכן קאָמפּלימענטן, און אַ געוויסע קרענק־לעכע ערלעכקייט אין אים האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די באַקאַנטע און פריינד, וואָס לויבן און שמייכלען אים, מיינען עס נישט ערנסט. זיי לייגן אים בלויז אונטער אַ לעקעכל. אָבער אַן אָרעמער „גרינער" קרוב, וואָס זיצט אין דיין שטוב און עסט דיין ברויט, וועט ערלעך גלייבן, אַז דו ביסט אַ גרויסער און וויכטיקער מענטש, און אַז קיין גרעסערער און וויכטי־קערער מענטש פון דיר איז נישטאָ.

פערגאַמענט האָט פאַרגעטערט די קונסט אויף דעם זעלבן אופן, ווי אַ יעווונוך פאַרגעטערט די מענלעכקייט. אַליין אַ מענטש אָן קינסטלערישע פעיקייטן האָט ער הנאה געהאַט צו פילן, אַז ער האַלט זיך כאָטש נאָענט פון די קינסטלער. און ווי אַ קאַליקע ווערט מיט דער צייט צוגעוווינט צו זיין הילצערנעם פוס, און מיינט, אַז ס'איז זיין אייגענער, און לאָזט אַפילו נישט־ווילנדיק אַרויס אַ געשריי, ווען מען גיט אים אַ שטאָך מיט אַ מעסער אינעם פאַלשן פוס אַריין, אַזוי האָט פערגאַמענט מיט דער צייט זיך צוגעוווינט צו קונסט, געוואָרן אַ שטיקל מבין, אַנטוויקלט אַפילו אַ קליינע באַדערפעניש דערפאַר...

צו דעם איז נאָך פערגאַמענט געווען אַ קראַנקער, אַ שווינדזיכטיקער. דאָס לעבן האָט אין אים געברענט הויך און פיבערדיק, אים געוויזן אילוזיעס, אים גערייצט, און ווי איינער וואָס טרינקט זיך, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שאָטן פון עפּעס זיכערעס. זיינע שטאַרבנדיקע לעצטע טעג האָבן זיך אָנגעכאַפּט אינעם עק פון דעם אומשטערבלעכקייט־פויגל,

וואָס האָט פאַרבייגעשוועבט פאַר זיינע אויגן מיט אַזאַ פאַרבלענדנדיקער שיינקייט: — די קונסט.

אין יידישן קינסטלער־קאָפּע האָט מען זיך גערעכנט מיט פּערגאַ־מענטס מיינונג וועגן ליטעראַטור, מאַלעריי און מוזיק. ער איז געווען אַ נאָענט־ער־ווייטער, אַ קרוב פון אַן אַנדער לאַנד... אַן אייגענער, וואָס רעדט די זעלבע שפּראַך וואָס דו, נאָר ביי אים מיינט זי עפּעס אַנדערש... ווייל אַלצדינג קלינגט אין זיין האַלדז אַזוי טרויעריק, פאַרגייענדיק (דער חן פונעם שטילן טויט איז געלעגן אויף אים).

פּערגאַמענט פלעגט אָפט אַרויסהעלפן אַ קינסטלער אין אַ נויט. געהאַלטן האָט מען פּערגאַמענטן פאַר אַ „מיליאָנער", אָבער פון זיין גאַנצער „מיליאָנערישקייט" האָט ער קוים געגעסן אַ שטיקל ברויט. אַ דאַנק די גרויסע נדבות וואָס ער האָט געגעבן פלעגט אים פון צייט צו צייט געלינגען צו כאַפּן אַ גוטע הלוואה... אָפט מאָל, אַז מ'איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל זיך אונטערנעמען צו זאַמלען אַ גרויסע סומע געלט פאַר עפּעס אַ וויכטיקן צוועק, פלעגט פּערגאַמענט צו ערשט זיך קווענקלען, שפּעטער אָבער פלעגט ער אָננעמען, אַליין געבן דעם ערשטן טויזנטער... דערנאָך פלעגט ער אָפּרופן אויפן טעלעפאָן אַ סך מענטשן, זיי דערציילן אַז ער האָט געגעבן דעם ערשטן טויזנטער, און דערביי צוגעבן מיט זיין געוויינלעכער באַשיידנקייט: „און אַז איך, וואָס איך בין נישט קיין עושר און נישט קיין פילאַנטראָפּ, האָב געגעבן אַ טויזנטער, דאַרפט איר, וואָס איר זענט אַ נגיד און אַ פילאַנטראָפּ, געוויס געבן אַ סך מער".

אין עטלעכע וואָכן פלעגט פּערגאַמענט אויף אַזאַ אופן צונויפזאַמלען צענדליקער, און אַ מאָל הונדערטער טויזנטער דאָלאַרס, פון וועלכן ער פלעגט אַראָפּנעמען אויף „פאַרשיידענע הוצאות" (ווען איר זאָלט אים געוועז פאַרשלאָגן צו נעמען באַצאָלט פאַר זיין אַרבעט, וואָלט ער זיך געפונען שטאַרק באַליידיקט און געקרענקט דערפון!) וואָס פלעגן באַ־טרעפן אַ היפּש ביסל מער ווי דער טויזנטער, וואָס ער האָט צושטייער געגעבן...

אין פאַלן ווען פּערגאַמענט האָט באַדאַרפט אַרויסהעלפן אַ באַקאַנטן

קינסטלער, איז דער מעטאָד אויך געווען דער זעלבער. אָן אַ פֿאַרדינסטל פֿאַר זיך אַליין איז דאָס נישט געגאַנגען...

אין יידישן קינסטלער־קאַפע פלעגט מען זיך דערציילן וווּנדער פון פערגאַמענטס „אָפענער האַנט" און פון זיין רייכקייט. פערגאַמענט פלעגט שטענדיק פאַרפאַרן צום קאַפע אין אַ טעקסי, אַזוי אַז אַלע זאָלן זען... געמיינט האָט מען, אַז ער פאַרט דאָס פון זיין היים, אָדער פון זיין געשעפט (ביידע זענען געווען וויט פונעם קאַפע און עס באַדאַרפט קאָסטן אַרום 8 דאָלאַר צו קומען אין אַ טעקסי!) אין דער אמתן איז ער געפאָרן מיט דער אונטערבאַן, אָדער מיטן „על", ביז אַ צוויי־דריי גאַסן פאַרן קאַפע און דערנאָך צוגעפאָרן פאַר 25 סענט.

פערגאַמענט איז אין די אויגן פון אַ סך קינסטלער געווען אַ מאַרטי־רער, ווייל ס׳האָט געהייסן, אַז אַלע נוצן אים אויס, כאַפּן ביי אים אַ ביסל קליינגעלט, אָדער לאָזן זיך פונדירן מיט פאַפּיראָסן אָדער מיט טיי. אָבער דערווייל האָט פערגאַמענט אַלעמען אויסגענוצט. אויף דעם סמך וואָס ער קען זיך מיט גרויסע „פערזענלעכקייטן", האָט פערגאַמענט געשפּילט אַ בכבודיקע ראָלע אין זיין קרייז פון שניידער־פאַבריקאַנטן, זיי פאַרבונדן אין אַ געזעלשאַפט מיט אַ פיין־קלינגענדיקן נאָמען, וועמענס צוועק איז אָבער בלויז געווען צו צעברעכן די יוניאָן... איז געוואָרן דער פרעזידענט פון אָט דער געזעלשאַפט... זיך געלאָזט באַצאָלן 5000 דאָלער אַ יאָר פאַר „זייטיקע אויסגאַבן" (קיין באַצאָלטס פאַר זיין אַרבעט האָט ער נישט גענומען). און מיט דעם אַלעמען איז ער ביי דער גרויסער פאַרשווענדע־רישקייט, וואָס ער האָט געמוזט אָנהאַלטן „צוליב דעם נאָמען", אַלע מאָל געבליבן אַ ביסל ד׳רונטער, האָט זיך געבאָדן אין חובות און געפירט דאָס שווערע אָנגעשטרענגטע לעבן פון איינעם וואָס ווייסט, אַז ער טאָר זיך קיין מאָל נישט אויסטאָן נאַקעט...

אַז ליזאַ איז געקומען צו איר שוואָגער און אים דערציילט, אַז וואַלקין האָט שוין פאַרענדיקט זיין „הגר", האָט פערגאַמענט זיך אויפגעהויבן פון זיין בענקל, אָנגענומען ליזאַס רעכטע האַנט צווישן זיינע ביידע, זי שטאַרק געדריקט און געזאָגט:

— ליזעטשקע... איך האָב נישט קיין ווערטער... — און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט צום פענצטער, כלומרשט געווישט די אויגן... אַ ביסל געהוסטלט... דערנאָך צוריקגעקומען און געזאָגט: — נו, זעץ זיך, ליזעטשקע, וואָס שטייסטו?

ליזאַ האָט זיך געזעצט. זי איז געווען קרענקלעך און מיד. זי האָט נישט געהאַט קיין געדולד פאַר קיין שום אַנדערע זאַכן, אַחוץ פאַר דעם צוועק צוליב וועלכן זי איז געקומען. זי האָט אַפילו נישט געפרעגט וואָס איר קראַנקע שוועסטער טוט (זי האָט געוווּסט, אַז זי איז אויסערן שטאָט אויף אַ קוראָרט) זי האָט נאָר געזאָגט:

— פערגאַמענט, איך דאַרף האָבן געלט.

פערגאַמענט איז געבליבן געפּלעפּט. ליזאַ רעדט וועגן געלט! ווי קומט עס צו איר?...

— „געלט!" — האָט איבערגעחזרט פערגאַמענט — געלט!... איז ביסטו, הייסט עס, געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מ'דאַרף יאָ האָבן געלט... אַבי איך האָב געמיינט, אַז דו מיט דיין וואַלקינען שטייען העכער פון די אַלע זאַכן...

ער האָט געפּרוווט לאַכן, אָבער ס'איז געווען ווי אַ געוויין.

— איך האָב נישט קיין געדולד אויסצוהערן דיינע חכמות, אויב זיי זענען חכמות... — האָט געזאָגט ליזאַ מיט אַ קרומען שמייכל, — און אויב דאָס איז אַ דרשה, ווייסטו דאָך, אַז איך האָב פיינט דרשות. איך בין געקומען בעטן ביי דיר געלט אויף אָפּצוגיסן וואַלקינס סטאַטוע.

— אַזוי? — האָט געזאָגט פערגאַמענט, זיך אויפגעהויבן פון בענקל פאַררייכערט אַ ציגאַר, געבלאָזן שנעל בלאָזן דעם רויך, שפּאַנען איבערן צימער, און סוף־כל־סוף זיך אָפּגעשטעלט הינטער ליזאַן, מיטביידע אָרעמס אויפן ווענטל פון איר שטול. ער האָט פּאַמעלעכל גענומען איר קאָפּ צווישן זיינע הענט, אַרויפגעריסן אים, אַזוי אַז זי האָט אים געמוזט קוקן גלייך אין די אויגן אַריין, און ער האָט געזאָגט מיט ציטערדיקער ליבשאַפט אין זיין קול:

— ליזעטשקע...

## אונטער דער זון

ליזאַ האָט אים שטרענג און לאַנג אַריינגעקוקט אין זיינע אומרויקע, הייסע אויגן, דערנאָך געזאָגט שאַרפלעך און פראָסט:

— דו הייבסט שוין ווידער אָן...

פערגאַמענט האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, זיך ווידער אָוועקגעדרייט צום פענצטער, געהוסטלט און צוריקגעקומען, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען פאַר ליזאַן, געקושט אירע הענט און געשווישטשעט דורך די פעדערשטע שיטערע ציין:

— ליזעטשקע, דו ביסט דאָך אַ פרייער מענטש... מיט פרייע געדאַנקען...

— דעריבער?

— דייך שוועסטער איז קראַנק... זיי דו — דיין שוועסטער...

ליזאַ האָט אויף אים אַראָפּגעלאָזט אירע שייך־שוואַרצע אויגנפראַנזלעך און געזאָגט:

— ווערטו מיר געבן געלט אויף אָפּצוגיסן „הגרן"?

— און דו מיר?...

ליזאַ האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פלינקן פאַטש, האָט זיך צעוויינט און איז אַנטלאָפן.

# מיין ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג

ס'איז געווען אַ וואָך פאַר פורים. די וועטערן זענען געווען שטיל־יילבערנע, אויסגעגלאַנצטע. אַ גרויסע האָפענונג האָט זיך געריסן אין איינעם מיט די שניי־וואַסערלעך, וואָס זענען ביי טאָג געלאָפן פון שטעטל — געלאָפן ערגעץ אַנטקעגן די גוטע בשורה, אַז דער פרילינג איז שוין נענטער ווי ווייטער. ביי טאָג האָט די זון זיך אַליין אָפגעשפּיגלט אַ שיינעם דאַנק, דורך די פינקלענדיקע אייז־קרישטאָלן. ס'האָט געלאַכט דער שניי מיט זיין ווייס מויל — געלאַכט פון זיך אַליין, פון זיין נישטיקער שיינקייט, פון זיין כוח, וואָס גיט זיך אָפּ צו דער יונגפרוילעכער וואַרעמקייט פון עפּעס אַ פרעמדן הימל, וואָס גלעט און וואַרעמט און צערטלט...

די נעכט זענען געווען פול מיט אומרויקע שטערן און מיט לבנות, וואָס אין אונדזער שטעטל זענען זיי אויס עלטער און געטרייער ווי אומעטום.

דער פרילינג איז געשטאַנען הינטער דער טיר, געוואַרט, דער קאַלענדאַר זאָל אַ קלונג טאָן מיטן גלעקל, וועט ער צענעמען די פאַר־האַנגען, אַריינקומען, זיך פאַרנייגן ווי אַ פּאַיאַץ און זאָגן: „קינדער, איך בין ווידער דאָ"... און די קינדער וועלן זיך דערפרייען, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוויזן צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, און גלייך ווי ער וואָלט היינטיקס מאָל געהאַט עפּעס גאָר פרישע קונצן, און גלייך ווי די אַלע שיינע זאַכן, וואָס ער וועט שלעפּן פונעם אַרבל, וואָלטן געווען שפּאָגל־נייע, נאָך נישט־געזעענע.

פּאַיאַץ! פּאַיאַץ! שעם זיך נישט און זיי מוטיק. אומעטיקע קינדער פרעגן נישט צי דער קונץ וואָס דו ווייזט איז אַ נייער אָדער אַן אַלטער. זיי האָבן אַלע מאָל הנאה פון דיינע רעשיקע קליידער, וואָס דו באַווייזט... עס איז געווען אַ וואָך פאַר פורים, און די „פורים־שפּילערניקעס", די שניידער־יונגען פון שטעטל, האָבן זיך ווי אַלע יאָר געגרייט צו דער גרויסער „אחשורוש־שפּיל", וואָס דערקוויקט דאָס האַרץ פון אַלע קינ־

דער, און אפשר אויך די הערצער פון אַ סך דערוואַקסענע... שניידער־יונגען און שניידער־מיידלעך זענען בטבע זייער ראָמאַנטישע מענטשן. צי נעמט זיך דאָס דערפון, וואָס אין נייען אינטימע קליידער (אָפט פאַר מענטשן פון אַנדערן געשלעכט) רייצט דער געדאַנק צו טראַכטן פון דעם קערפּער, וואָס וועט טראָגן די קליידער? אָדער נעמט זיך עס אפשר פון דעם קליינעם, פּאַמעלעכדיקן ריטעם פון דער אַרבעט, דאָס לירישע געזאַנג פון דער שטעפּמאַשין, וואָס וויגט איין און פאַרשלעפערט? אָדער אפשר דערפון, וואָס די ליטקעס רייבן זיך שטענדיק איינס אָן ס׳אַנדער־ע אויפן „טרעט־ברעטל״ פון דער מאַשין, און אַ וואַרעמלעכע, אָנגענעמע שוויס־קייט רייצט און רעגט די דריזן, וואָס וועקן די ראָמאַנטישע געפילן ביי מענטשן?

יאָשע דער שניידער מיט די צערוקטע וואָנצעס איז אַ מענטש וואָס זינגט שטענדיק אונטערן נאָז, און זינגט כמעט אַלע ניגונים מיט דעם זעלבן נוסח. זיין ערשטער געזעל איז לייבטשע — אַ יונג אַ פאַרהויקער־טער, אַ מיאוסער, מיט אַ ברייט מויל, וואָס אַז ס׳לאַכט, לאַכט עס אַהינ־צוצו, כמעט איבער אַן אַקסל אַריבער. לייבטשעס אויגן זענען גרויסע, גרינלעכע, און רעדן זיך קיין מאָל נישט צונויף מיט לייבטשעס מויל — ווייזן זיי נישט ווען ס׳מויל לאַכט און ווען נישט... זיי בלייבן שטענדיק באַטריבט, פאַרטראַכט אין נעכטיקע טעג אַריין, און איבער הויכע בערג אַריבער... יאָשע איז אַ מענער־ און דאַמען־שניידער. שטייען שטענדיק ביי אים שוואַרצע פיגורלעך, איבערגעצויגן מיט צעריסענעם שטאָף. די ריפּן און דער בויך און די ברוסט זענען ביי אים פון דראָט, און דער קאָפּ איז דער רוח ווייסט ווו... און דער איינציקער פוס זייערער איז אַן אייזערנער, אַ קאַלטער. נאָר אַז מ׳טוט אָן אַזאַ פיגור אין אַ קליידל און אַ שטאַניקל, איז פון דעסטוועגן זיך גרינגער פאַרצושטעלן אַ פרוים קערפּער, ווי גלאַט אַזוי.

טרעפט טאַקע אָפט, אַז אַ פאַרבענקטער שניידער־יונג, וואָס האָט קיין כלה נישט און קיין געלט נישט און קיין טאַטע־מאַמע נישט, און קיין שטייענדיקן קראַגן נישט, פילט זיך געקרייוודעט און עלנט. — נעמט ער, — ווען קיינער זעט נישט — און טוליעט זיך צו דער טויטער פיגור,

רעדט צו איר אַ פּאָר ווערטער פון אַ ראָמאַן־ביכל אַרויס, און קושט זי אויף דעם האַרטן, הילצערנעם בויך, וווּ דער שטאָף איז צעריסן און אָפּגעקראָכן, און ער שטעלט זיך פאָר, אַז דאָס איז די פּרינצעסין סירגאַנאַ, וואָס באַשרייבט זיך אין מעשה־ביכל...

די שניידער־יונגען ברענגען אין שטעטל אַריין אַן אָטעם פון ווין, פון דער גרויסער שטאָט... זייער קומען און אַוועקפאָרן איז ווי דער פלוס און אָפּפלוס פון אַ שווערן טייך. דאָס לעבן שפּילט אויף זייערע ציין, ווי דורך אַ ציגאַר־פּאַפּירל. עפּעס טראָגט זיך אַ ניגון און פאַרשלינגט צוריק אין זיך אַריין. ווי אומפאַרשטענדלעך און שיין דאָס איז! זיי זענען פאַרב און קלאַנג אין דער גרויסער ווייסטעניש פון אַן עלנט שטעטל, אָט די שניידער־יונגען און שניידער־מיידלעך, און דערפאַר האָט זיי מיין יונג האַרץ ליב. און דערפאַר קוק איך אויף זייערע פינגערהוטן, ווי אויף קרוינען, וואָס האָבן פאַרבלאָנדזשעט פונעם קאָפּ אויף די פינגער אַרויף, און אויף זייער אָפּגעבונדענער פרייער פרייד, ווי אויף אַ פאַווע, וואָס פליט פאַרביי און לאָזט איבער נאָך זיך אַ בלאָ־גרין גאָלדענעם אָפּשיין...

# פורים־שפּיל

דער פּורים־שפּיל איז געווען אַ גרויס דערקוויקעניש אין שטעטל. עס איז געווען ווי אַ שאָטן פון אַ גייענדיקער זון אויף אַ באַרג. גרויסע, אומעטיקע מענטשן, וואָס האָבן זייערע קליינע לעבנס אין מיטן פון דעם אומנעמלעכן אמת, האָבן אויפגעלויכטן ביי דעם מאָדנעם שפּיגל, וואָס האָט געוויזן נישט וואָס מ׳האָט אַריינגעשפּיגלט, נאָר וואָס מ׳האָט געוואָלט.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי אַליין, די באַלעבאַטישע מענטשן, האָבן זיך נישט געקענט אַרויסהייבן פון זייער נשמה־שווערקייט, נישט געקענט אויפהייבן די פליגל, וואָס זיי האָבן זיך אַליין געבונדן מיט אויסגעטראַכטע שטריק, אָבער די יונגע יאָרן האָבן געוויינט אין יעדן פון זיי, און זיך דערפרייט, ווען מ׳האָט צו זיי אַראָפּגענידערט פון דער איבערטריבענער הויכקייט, וואָס האָט פרעמד און קאַלט געמאַכט די גרויסע גלוסטונגען...

פאַר פּורים האָט זיך די בלאַטע געטריקנט... די וואַרעמע זון האָט קליינע סטעזשקעס אויסגעקושט — פאַר די פיס פון דעם מענטש, וואָס איז אַן אָפּגעהיטער און אַ ריינער. די שייבלעך פונעם שול־לאָמטערן זענען געוואָרן אויסגעפּוצט און האָבן אַנטקעגנגעשפּילט דעם הימל אַ סקאָצל־קומט. די גרויסע טעג פון בלײַען האָבן אַנגעהויבן זייערע יסורים מיט אַן אומענדלעך־שטילן געזאַנג, וואָס האָט קיין שום קול נישט געהאַט. דער פרילינג איז אָנגעקומען און אויסגעהיילט די געפּלאַצטע אייז־ווונדן אויף די קליינע זומפּ־וואַסערלעך, אויסגעקושט די פענצטער־אויגן פון די בלינדע שטיבלעך, זיי געגלעט מיט אַ ליכטיקער האַנט, און אַ גרויסע האָפענונג איז געריטן אויף אַ פערד, וואָס האָט געהאַט זילבערנע פּידקאָ־ווֹעס...

די טוכלע קלויז איז געוואָרן פון אַ פרישן ווינט אויסגעקערט... די ווײַנענדיקע ווענט האָבן אויפגעהערט וויינען, און די טרערן־צייכנס

זענען געבליבן ווי אויף די באַקן פון אַ מענטש, וואָס פרייט זיך מיט זיין געזונט־ווערן.

אויפן שולדאַך איז געזעסן בינעם דער דאַכשלעגער מיט אַ פול מויל און אַן אויפגעבלאָזענער באַק. ער האָט געצויגן עפעס פון מויל און עס אַריינגעשלאָגן אין דאַך אַריין. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שלאָגט שפּייעכץ אין דאַך אַריין... און די שינדלען האַלטן זיך מיט שפּייעכץ, מיט נסים...

דערנאָך האָט דער זעלבער ייד בינעם, וואָס האָט געהאַט די „געלע זעכט״ און אַ מצרימדיק זייגערל מיט יידישע אותיות, אַנשטאָט ציפער (מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז געווען אין פּרעהס מצרים עטלעכע וואָכן דורכאַנאַנד, געוואָלט דאָרט עפּענען אַ ליכט־צי׳עריי, נאָר ער האָט געקראָגן די „געלע זעכט״ און איז אַהיים „געלער״ און שטאָלצער, און אַלע האָבן אים מקנא געווען און געפרעגט: וואָס איז ער ביי זיך אַזוי גרויס, כ׳בעט דיך? מאַלעבאַוואָיע איז מען אין מצרים?״ און אַלע האָבן דאַביי גע־טראַכט: „מצרים, מצרים... אַך־כאַ־כאַ, מצרים!״). דער זעלבער בינעם איז נאָך דעם, ווי ער האָט באַשלאָגן דעם שולדאַך, געשטאַנען ביי דער גרויסער שולטיר און באַאַרבעט די „אייזערנע קנעפּ״ מיט אַלערליי פאַרבן. די אַרבעט איז געווען אַ גרויסע, אַ שיינע און אַ הייליקע. יעדער קנאָפּ האָט באַקומען אַן אַנדערע פאַרב. ווי ביימלעך וואָלטן געבליט אויף אַ שטאָל־גרויען פעלד...

בינעם איז געווען שטאָלץ מיט דעם אויפטו צו באַפאַרבן די טיר מיט כל־המינים פאַרבן. די בערשטעלעך און די קעסטעלעך פאַרב זענען אים געשטאַנען צופוסנס מיט גרויס הכנעה און זיך געבעטן: „נעם אונדז פאַר דיין מלאכת הקודש״, און אַז בינעם האָט איינגעטונקען דעם פּינדזל אין איין קעסטעלע, איז דאָס אַנדערע קעסטעלע געשטאַנען פאַרשעמט, און אַז ס׳האָט דערזען ווי די פאַרשפּריצטע האַנט דערנענטערט זיך צו אים, האָט עס אויפגעלויכטן, געשמייכלט און געדאַנקט.

# מיר גרייטן זיך צום אחשורוש־שפּיל

בינעם האָט געהאַט די פאַרב אויף די הענט, אויפן פּנים און אויף דער שוואַרצער באָרד. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן פאַרבן די שולטיר, האָט ער נישט געאײַלט זיך אָפּצוואַשן די הענט און באָרד, געוואָלט נאָך לאַנג פילן דעם נאָך־טעם פון דער הייליקער אַרבעט.

דאָס שטעטל איז געשטאַנען בײַ דער טיר און געקוקט. אַלע האָבן מיטגעהאָלפן „מאָלן" — מיט די צינגער און מיט די אויגן. זיך געקרימט, ווי די צינגער און די אויגן וואָלטן געווען בערשטעלעך, מיט וועלכע זיי העלפן פאַרבן.

דער מורה־הוראה אַליין, אַ הויכער, פלאַקסענער מענטש, מיט אַ שטיל, נאַס און פאַרוויינט קויל, איז געשטאַנען מיטן תפילין־זאַק אונטערן אָרעם, זיך צוגעהאַלטן דעם ספּאָדעק און געקוקט אויפן שפּיץ פון שול־דאַך און געטראַכט פון גאָטס הויכקייט, און ווי גוט דאָס וואָלט געווען ווען יידן זאָלן ווערן אויסגעלייזט פון גלות, און שפּיצן פון שולדעכער זאָלן זיך נישט דאַרפן אין דער הויך באַגעגענען מיט פאַרשייטע קלויסטער־צלמים, וואָס גרויסן זיך מיט זייער מאַכטיקייט...

דער אַלטער רב שטייט און שטוינט אויף דער שיינקייט פון די געפאַרבטע „קנעפּ". ער רעדט שטיל און מיט אַ נאַס פאַרוויינט קול, וועגן אַזוינע הייליקע זאַכן ווי פּרוכתן, נר־תמידס... און מ׳קומט ביסלעכווייז אַרויף אויף דער הייליקער וואַנט אין ירושלים, און דער מערת־המכפּלה און ר׳ מאיר בעל־הנס קבר...

ס׳איז אַ שטיל, פייערלעך גאָט־דינען. די פריש־געפאַרבטע קנעפּ שמייכלען אַרויס אין דרויסן אַרויס, נעמען זיך איבער מיט זייער חשוב־קייט. זיי זאָגן: „נאַרישע מענטשן, די בלאָטע איז קיין בלאָטע נישט, די אָרעמקייט איז קיין אָרעמקייט נישט... דאָס מידע לעבן האָט הויכע פאַנען

אַרויסגעשטעלט צום ווינט, און אַלצדינג איז האָפענונג און גליק און שבת־קודש״.

די פּורים־שפּילערניקעס לערנען זיך דעם שפּיל, — טאַקע ביי יאָשע שניידער אין ווערקשטאַט. מ׳טוט זיך אָן די פּאַפּירענע קרוינען מיט די שיינע „רייזעלעך״, און מ׳האַלט די הילצערנע שווערדלעך ביי דער זייט, און מ׳פּלאָמט און מ׳היצט זיך, און די נאַרישע „דערוואַקסנקייט״ גליטשט זיך אַראָפּ פון די אַקסלען, ווי אַ מאַנטל פון אַ יונגער פרוי, וואָס גייט זיך באָדן, און נאַרישקייט און שפּיל ווערן שיינער שכל און מוטיקער ערנסט...

זאַנוול, דער יונג, וואָס איז נאָך אויף דער לערע, איז המן. ער טראָגט אַ „קראַפּ״ מיט דריי שפּיצן, האָט הויכע וואָנצעס און ער איז כסדר בייז און שלעכט... לייבטשע איז „מאָרדעכאַי״ מיט אַ נאַטירלעכן הויקער און ער רעדט צווישן די ציין. דער לאַנגער בעניע איז אסתר המלכה און ער שטופּט זיך אָן מיט קישעלעך פון הינטן און פון פאָרנט און טראָגט אַ שייטל... מיין שוועסטערקינד חיים־אבל איז קעניג אחשורוש, אויך זייער אַ בייזער, אָבער אַזוי ווי ער רעדט אַ ביסל אונטער דער נאָז און פאַרבייט אַ „מעם״ פאַר אַ „בית״ — קומט אויס, אַז ער איז גאַרנישט אַזאַ שלעכ־טער ווי מען מיינט. איך אַליין האָב זיך קוים איינגעבעטן מען זאָל מיך אַריינגעמען צווישן די שפּילערניקעס — כ׳זאָל שפּילן דעם „לאָופער״. מען לערנט מיך, אַז ווען קעניגין ושתי וועט זינגען:

אַך, לאָופער, לאָופער,
דו געטרייער, דו געטרייסטער דינער דו מיין!
אַך לאָופען זאָלסט דו צום פאָטערקעניג אין זיין זאָל הינייַן,
אַך, זאָגען זאָלסטו אים ער זאָל יאָ זאָ דום ניכט זיין,
אַך, נאָקונט און נאָקונט וועל איך ניכט קומען אַריינצוגיין.

זאָל איך אַרויסציען די שווערד פון דער שייד און ענטפערן:

וויוואָט, וויוואָט, וויוואָט!
אָט דאָס איז אַקוראָט!

## אונטער דער זון

דערנאָך וועט קעניגין ושתי געבן אַ פאַל אַוועק און מאָרדעכאַי וועט זינגען:

כאַפּטס, כאַפּטס, גוטע ברידערלעך
עסיק און שפּיריטלעך
און רייבטס דער מלכה די גלידערלעך
און וואָס איר וועט זי בעסער רייבן
אפשר וועט זי לעבן בלייבן...

שפּעטער וועט מען פירן ושתין צום טויט, וועלן אַלע שטיין מיט די בלויזע שווערדן אַרום איר און זי וועט זינגען:

קיין דרייסיק יאָר
זינד נאָך נישט פערפלאָסען
זייט איך קעניגן בין,
ווייניג פריידע האָב איך גענאָסן,
יעצט איז מיר שוין זאָ שלעכט און זאָ שלים...

צום סוף וועט מען פירן המנען צו דער תליה. ער וועט טראָגן ס׳היטל פאַרקערט — מיט די „קראַפּן" אַרויף. אַלע וועלן אַריבערלייגן די שווערדן איבער זיין קאָפּ אַזוי ווי אַ חופה און ער וועט זינגען מיט אַ ביטער האַרץ:

אוי באַרענבוים, אוי באַרענבוים,
גיב מיר פון דיינע צווייגן...
אַ תליה פאַר מיין מידן קאָפּ
טו איך ביי דיר בעטן...

און ער וועט מאַכן ווי דער באַרנבוים ענטפערט (אויף אַ באַס — מיר אַלע זענען דאָס דער באַרנבוים!):

ניין, ניין,
נישט פון מיינע צווייגן
קען איך דיר טין געבן
אַפילו פאַר אַ תליה...

דערנאָך בעט ער זיך ביים עפּלבוים און ביים באַקסערבוים, אָבער קיינער וויל נישט געבן פון זיינע צווייגן. ביז סע קומט צום דאָרנבוים. יענער ענטפערט (אויך אויף אַ באַס):

אָ, יאָ, אָ, יאָ...
פון מיינע צווייגן מעגסטו דיר
אַ תליה טין אויסבויען.

יאָשע דער שניידער לערנט מיט אַלעמען דעם שפּיל, ווייזט ווי מען דאַרף טאָן און וואָס פאַר אַ מינעס מען דאַרף מאַכן, און ווייזט דעם קעניג אחשורוש ווי אַזוי ער זאָל טראָגן די שווערד זי זאָל זיך נישט טאַלעפּן צווישן די פיס. לייבטשע — דער ערשטער געזעל — זאָגט אָן, אַז מיר זאָלן רעדן וואָס מער „דייטש", ווייל ס'איז נישט שיין צו שפּילן אויף זשאַרגאָן... עלקע, די שניידער־מויד מיט געקאַרבטע האָר, איז לויטער שמייכל און זאָגט „קרעפּלעך זאָלט איר עסן" — און גיט טאַקע אַלע מאָל עפּעס אין מויל אַריין. און ווייזט דעם לאַנגן בעניע ווי אַזוי ער זאָל טראָגן דאָס קישעלע פון הינטן, און גיט אים אַלע מאָל אַ שטויס מיט דער קני צווישן די פיס... לייבטשע לאָזט אַלע מאָל אַרויס אַ קוויטש פון גרויס ווייטיק, רופט זי „עוורוק" — הפּנים עפּעס אַ פאַרקערט שניידעריש וואָרט... און אַלע מאָל ווען עלקע קומט צו נענטער און וויל נאָר אויפהייבן אַ קני, גיט ער זיך אַ בייג איין און פאַרשטעלט זיך מיט בײדע הענט...

איך בין צעטומלט און פאַרביטערט. גאַנצע טעג ליג איך אויפן בוידעם, צווישן פסחדיק געשיר, און טו זיך אָן דאָס פאַפּירענע היטל... און ס'האַרץ רייסט זיך ערגעץ, אין איינעם מיט די אויפגעבראָכענע וואַסערן, וואָס רוישן אין דרויסן, און ביי נאַכט פון שלאָף מורמל איך:

וויוואַט, וויוואַט, וויוואַט!
אַט דאָס איז אַקוראַט!

איך מוטשע זיך אָן, מוטשע זיך אויס. איך שעפּ זיך אויס ביז צום לעצטן טראָפּן. די מאַמע פרעגט: וואָס איז מיר? און ווער איז עס דער וויוואַט וואָס איך רעד פון אים פון שלאָף — שוין אַ נײַ חברל?... און דער

פעטער איציק גלעט מיר די באַקן, רעדט מיט מיר וועגן „שאַושפּיל" און וועגן ווין... און וועגן דראַמען... און וועגן איבסען. ער מיינט, אַז איך דאַרף נישט אָנהייבן אַזוי יונג, סיידן, אַז איך פּיל אין מיר דעם אמתן געטער־פונק. און דער עיקר זאָל איך נישט פאַרגעסן זיך צו פּוצן די ציין, ווייל „אין אַ געזונטן קערפּער איז אַ געזונטער גייסט".

איך פאַרשטיי נישט אַקוראַט וואָס דער פעטער זאָגט... אָבער די רייד זענען זיס און באַטעמט, ווי געברענטער צוקער... ביי נאַכט חלום איך פון אַ גאָט מיט אַ לאַנגער באָרד, וואָס רייבט צוויי שטיקלעך „קרעמין" איינס אָן ס׳אַנדערע און סע פליִען פונקען... דערנאָך שטופּט ער מיר אַריין אַ בעזעמל אין מויל אַריין און פּוצט מיר די ציין... איך שריי, אַז דאָס בעזעמל איז צו גרויס, אָבער גאָט בייזערט זיך און שרייט, אַז ס׳איז גוט אַזוי, און די מלאכים שטייען אין אַ רעדל, אָנגעטאָן אין פּאַפּירענע היטלען, מיט „אַנטבלויזטע שווערדן" אין די הענט און זיי זינגען:

ויוואַט, ויוואַט, ויוואַט!
אַט דאָס איז אַקוראַט!

אַז סע קומט די נאַכט פון פּורים בין איך אַזוי אויסגעמאַטערט און צעשרויפט און אָנגעשיכורט מיט זיך אַליין, אַז איך פאַל אַוועק אויפן בעט אַ מידער און ווער אַנטשלאָפן און פאַרשפּעטיק דעם גאַנצן וווּנדערלעכן גרויסן אחשורוש־שפּיל...

# גרינע טעג

די טעג זענען געגאַנגען. שטיקלעך אייביקייט זענען געראָנען פון דעם געעפנטן צייט־שפּונט און האָבן מיטגענומען מיין לעבן — איך בין ווינציקער און גרעסער געוואָרן. די אויגן האָבן נאָך מערער געבענקט נאָך וווּנדער, וואָס פלאַצן אין דער לופט, ווי שאָלעכץ פון גאָלדענע אייער. אומענדלעך שיין און ווייט — איז געלעגן דאָס לעבן — ווי אַן אַהינצו־ציק פעלד מיט געל־ווערנדיקן ווייץ, וואָס דער ווינט רעדט צו אים, דורך זומערדיקע שטילקייטן, און די ערד קושט יעדע זאַנג ביים וואָרצל, און די פייגל מאַכן קרייזיקע פלי־צייכנס איבער דעם, און ערגעץ־ערגעץ קלינגט דאָס דאָרף, קלינגט אַ האַק, אַ סערפּ, אַ בראָנע, קלינגט דאָס געבענטשטע לעבן פון מענטשן בלינדע, וואָס זעען דורך די פאַרמאַכטע אויגנדעקלעך בלויז אַ דינעם אָפּשיין און ווייסן, אַז ס׳איז טאָג און אַז ס׳שמעקט מיט הימל און מיט ערד און מיט זומער.

די יינגלישקייט איז אין מיר צייטיק געוואָרן, ווי אַן עפּל, וואָס איז פאַרטיק צו פאַלן פון בוים, וואָס שטייט לעבן פּלויט — אויפן אָפענעם וועג אַרויף צום צעטרעטן ווערן פון דעם זאַטן, אָדער צום אויפגעהויבן־ווערן פונעם הונגעריקן...

אַ גאַנצע וואָך האָט מען געלערנט אין חדר, אַריינגעזאַפּט אין זיך דעם טעם פון ביטערלעך־שווערער יידישקייט, דעם ריח פון אַלטע גמרות, פון שלעכטע גרינלעכע ליכט, פון פאַרמאַכטע פענצטערלעך, פון אַ קראַנקן רביץ, וואָס ליגט אין באַנקבעטל, און וואָס די טוכלע ווערטער פאַלן אים אַרויס פון מויל, ווי לויזע אַלטע ציין — פאַלן צווישן דער קוטשמיקער באָרד, וואַלגערן זיך אַראָפּ אונטערן טיש און קומען צו אונדז, חדר־יינגלעך, אַרויפצוצו — פייכטע, פאַרברודיקטע, דערשראָקענע...

דער רבי איז געווען אַן אַלטער און קראַנקער און אַ שוחט. פון אים האָט זיך געפילט קעלבל־בלוט און מעבר־יבוק. ער איז געווען פרום מיט

דער גרויסער פּורזעכטיקער פרומקייט פון איינעם, וואָס וויל זיך שטאַרק באַוואָרענען מיט עולם הבא און וויל נישט ריזיקירן מיט גאָרנישט. דער־פאַר פלעגט ער אין דאַוונען איבערזאָגן כמעט יעדע שורה עטלעכע מאָל — אויף אַלערליי אופנים „אדון עולם אשר מלך בטרם כל יציר נברא, — בטרם כל יציר נברא אשר מלך אדון עולם, — בטרם כל, יציר נברא, אשר מלך אדון עולם — אדון עולם אשר מלך״ — זיין לעבן איז געווען ווי אַ קליין שטייענדיק רעגנוואַסערל, אין אַ גריבל, וואָס האָפט צו דערגרייכן דעם ים, אויף די פליגלען פון אַ פליג, וואָס וועט עס אַהין איבערטראָגן.

ביי מיין רבינס טיש זיצן פיר בעלבתישע קליינע יינגלעך, שאָקלען זייערע שאָטנס אויף די ווענט, זאָגן נאָך די ווערטער פון „גיטין״ און „קדושין״, און טראַכטן שעמעוודיק פריקרע קיצלדיקע זאַכן, וואָס הייבן פון בענקל און טראָגן אין דרויסן אַרויס, אויף פעלדער אַרויף.

אין איינעם מיט אונדז זיצט אויך אויף דער באַנק אַ ייד מיט אַ בעזעמדיקער באָרד, וואָס איז כמעט גרין פון טאַבעקע. ער איז אַ דאָרפס־ניק, וואָס איז מיט אַ מאָל נתעשר געוואָרן פון עפּעס אַ משא־ומתן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז עס איז פאַראַן אַ תורה אויף דער וועלט, אַ פאַר־זיגלטער קוואַל, וואָס מ׳דאַרף אויפרייסן און טרינקען פון אים, און הנאה האָבן, — וואָס קען מען דאָ אָנוּוערן, האַ?

ר׳ שאַמטשע איז געזעסן ביים טיש מיט אַלע קליינע יינגלעך, זיך איינגעהערט נישט נאָר מיט די אויערן, נאָר מיט דער נאָז און מיט די אויגן און מיט דער פּלייצע. אַלצדינג אין אים האָט זיך איינגעהערט, און די צונג זיינע איז כסדר אַרומגעפּאָרן אין פאַרגאַפּטן, צ׳פּענעם מויל, אַהין און צוריק און די גלעע אויגן האָבן ווי אַ גומי־פּאָמפּל אַריינגעצויגן אין זיך די הייליקע ווערטער, און געוואָרן גרעסער און גרעסער. אַ גרויסע שטוינונג איז אין זיי געווען, און אַ זיסע פאַרכטיקייט, און אַ בידנע האָפענונג.

ר׳ שאַמטשע האָט געטראָגן ברילן מיט מעשענע שפּיזלעך. זענען די ברילן זיינע אַלע ווילע פאַרצויגן געוואָרן און עפּעסווי געוויינט — געוויינט, וואָס אויף די עלטערע יאָרן דאַרפן זיי זיצן אויף אַזאַ קרומער,

נישט זיכערער נאָך — ווו מען קען יעדע מינוט אַראָפּפאַלן און ברעכן האַלז־און־נאַקן... און ס׳לינקע, אַ ביסל־אויפגעהויבענע גלעזל, האָט כסדר געקוקט צו די שפּיזלעך, צי זיי האַלטן זיך, און עפּעס נישט געגלייבט, אַז מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

צווישן מיין רבין און ר׳ שאַמטשען פלעגן גיין שמועסן וועגן וועלט־זאַכן, וועגן יידישקייט, וועגן פּאָליטיק. דער רבי איז געווען קאַרג אויף ווערטער (אַ חוץ אויף דאַוונען) און פלעגט רעדן בלויז יעדעס פערטע אָדער פינפטע וואָרט... די ערשטע דריי פיר ווערטער פלעגט ער איבער־היפּן, זיך פאַרלאָזן דערויף, אַז איר׳ט שוין אַליין טרעפן וואָס ער מיינט...

— דרייפוס... ציג וואָס? מחמת — ס׳אונצל... גלאַט... הפקר... הע — מטשע?

און ר׳ שאַמטשע פלעגט ענטפערן:

— אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן ווי איר זענט גערעכט, רבי...

— טערק? — פלעגט ווייטער גיין דער רבי — אַ מפּלה... ער — און קירה!... אַ כאַפּ אַ ביסל...

— אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן ווי איר זענט גערעכט, רבי...

— מעט פליען — אויפן בוידעם אַרויף... אַ הוש! הע— מטשע?

— וואָדען? מ׳עט פליען? — מענטשן וועלן פלוצעם נעמען און פליען... שיין וואָלט דאָס געווען! ווייסיך וואָס!

און די צוויי שורות גלעזער ציין מיט בלאָסלעכע יאַסלעס בלעזלען אַרויס אַ געלעכטער וואָס האָט קיין טעם נישט...

עס ציט די זינד — עס רייצט דאָס תשובה־טאָן. אין שול שטיי איך לאַנג ביים דאַוונען און צי דעם „אחד" און קלאַפּ זיך אין האַרץ אַריין מיט אַ האַרטן פויסט... אָט באַלד, און איך גיי אַראָפּ פון גאָטס קעסט — הער־אויף ווערן אַ פריי שעפּעלע, וואָס מעג טאָן וואָס עס וויל, ווייל דער פּאַסטעך האָט עס נאָך אין דער טשערעדע נישט אַריינגענומען — באַלד־באַלד ווער איך בר־מצווה, אַ בעל־חוב וואָס דאַרף באַצאָלן חובות, איינער פון דער טשערעדע... וואָס האָט אַ בייזן פּאַסטעך, און מ׳טאָר אַפילו נישט טראַכטן, אַז דער פּאַסטעך איז אַ שלעכטער, אַז נישט לאָזט ער אַראָפּ די בייטש.

איך האָב פיינט געהאַט גאָט פאַר זיין שטרענגקייט — און פון שווע־רער מורא איבערגעבראָכן די שנאה אויף ביטערער ליבשאַפט, פאַר־צווייפלטער געטריישאַפט, קנעכטשאַפט...

דער טאַטע האָט מיר געשיקט פון אַמעריקע אַן אויפגעשריבענע דרשה, אויף דייטש און אויף לשון־קודש, און מיר געשריבן, אַז איך זאָל למע״ה אויסלערנען די דרשה און זי זאָגן צו מיין בר־מצווה.

די דרשה איז געווען אַ שווערע און אַ פאַרדרייטע, און ס׳דייטש איז געווען אַ האַרטס און אַ טרוקנס, ווי דאָס ווייסע „פלאַקס־פליש״, וואָס מ׳קייט און מ׳קען עס נישט צעקייען. עס האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן הויכע ענינים, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, און איך האָב געמוזט אָנקומען צום פעטער איציק, ער זאָל מיר פאַרטייטשן וואָס דאָס מיינט.

דער פעטער איציק האָט איבערגעלייענט די געשריבענע דרשה, זי איידל און פאַמעלעך צעקנייטשט צווישן די שיינע פינגער, און געזאָגט:

— גיי אַהיים און לערן זיך אויס רעדן מיטן אייגענעם מויל!

— וואָס מיינט איר מיט דעם, פעטער?

— איך מיין — האָט געזאָגט דער פעטער — אַז דיין טאַטנס דרשה וואָלט געווען אַ גוטע דרשה פאַר דיין טאַטן, ווען ע ר זאָל דאַרפן ווערן בר־מצווה, אָבער נישט פאַר דיר... דו לערן זיך בעסער אויס צו זיין אַ מ ע נ ט ש — פאַרשטייסט? נישט קיין האָלעדריזניק, אַ דרשה־זאָגער, אַ יאַמפאַמפיפאַ...

דער פעטער גלעט מיך איבער די קליינע פאהלעך, באַדויערט, וואָס איך בין נישט געבוירן געוואָרן אַ ביסל שפעטער...

איך וויל איבערפרעגן, וואָס ער מיינט מיט „יאַמפאַמפיפאַ״ — אָבער איך שעם זיך... איך פאַרשטיי אויך נישט ווי אַזוי מ׳קען נ י ש ט האַלטן קיין דרשה אַז מ׳ווערט בר־מצווה. אָבער דער פעטער קומט מיר אַ ביסל צו הילף און זאָגט:

— איך וועל פאַר דיר האַלטן אַ דרשה! גיי אַהיים און דליבע דיר נישט די נאָז... און שטופ נישט קיין שוועבעלעך אין אויער אַריין — ס׳אַ יידישע טבע!...

# „עגמת־נפש"

שבת שפילן מיר אין ניס.

מיר קומען זיך צונויף אין כאַיטשעס שטיבל, אויף דער גרעבליע — יינגלעך מיט מיידלעך און מיר שפילן אין ניס, פון אַ ברעטל אַראָפּ, און מיר עסן נאָהיט, און כאַיטשעס טעכטערל „עגמת־נפש" (זי הייסט, הפנים, „אַגנעס" — נאָר אין שטאָט רופט מען זי „עגמת־נפש") גייט אַרום מיט אַ קליין פאַרטעכל, וואָס האָט אַן אויסגעהעפּט בלימל פון פאָרנט, און צוויי גרויסע קעשענעס, און זי טראָגט גרינע אָקסלבענדער איבער אַ קליידל מיט אַ טוניקל...

„עגמת־נפש" איז ערשט נישט לאַנג צוריקגעקומען פון ווין, ווו זי איז געוווען אַ קעלנערין — זי שפּרעכט אַ ביסעלע דייטש, זאָגט „יאַ־וואָהלטשיק", האָט אין זיך די פרישע חנעוודיקע פרעכקייט פון אַ מענטש, וואָס די זינד איז ביי אים נאָך ווי אַ בליענדיקער בוים, וואָס די פּרוכטן זיינע זענען שיינער, רייצנדער סם...

„עגמת־נפש" האָט אַ קליין יאַדרעוודיק פנימל, מיט אַ סך וואָרצלען און זומערשפּרינקעלעך און אַלצדינג אין איר איז פלינק ווי אַ מויז — די הענט, די פיס, די בריסטלעך, די אויגן.

„עגמת־נפש" האָט מיך אויסגעקליבן פאַר איר קרבן. רופט מיך „פאַצעט": „הערן זי מאַהל־טשיק", וואָלען זי וואָס שעהנטשיקס?" און אַז „עגמת־נפש" זאָגט אָט די ווערטער איז זי שיין ווי די וועלט, ליכטיק ווי דער הימל, געשמאַק ווי אַ רעטעכל מיט פרישׁ וואַסער...

מיר שפילן ניס — איין נוס קלאַפּט זיך אָן אין אַ צווייטער, און גע־ווינט זי... אַ נוס גליטשט זיך פון ברעטל אַראָפּ, גייט זיך איר אייגענעם וועג און פאַרלירט — זיך אַליין אויך...

(זאָלן מיר זאָגן, אַז אַזוי איז אויך דער מענטש? און אַז דאָס וואָס

ער רירט נישט אָן, איז ווי עפּעס פאַרלוירנס, נאָך וועלכן מען בענקט שטענדיק?)

דורכן פאַרקאַלכטן און מיט ליים־פאַרקלעפּטן פענצטערל שבתט זיך אַריין די אויסגערוטע זון. פון דער ווייטן, ווו די שליוזעס זענען, זידט אַריין אַ צעקלינגלטע, דריבנע, געזילבערטע שטילקייט. און — פאַרויס איז די גרויסע, גרויסע וועלט — דער וועג קיין ווין...

מ׳שפּילט און מען לאַכט און מען צערייצט זיך און מען ווערט מיד. מ׳טרינקט קאַלטן קוואַס פון באַרלעך. מ׳עסט נאַהיט... „עגמת־נפש" זינגט אַ לידל, געבראַכט פון ווינטשיק... דאָס לידל איז נאַריש און חנעוודיק און דערמאָנט, אַז דאָס לעבן איז אַ שפּילעכל, און אַלצדינג איז גרינג און פּראָסט און שפּילעוודיק.

סע זעצט זיך די זון, צעשמירט אַ ביסל רויטס איבער אָרעמע שייבלעך. אויפן פענצטערל שפּילט אַ גרינע פליג — וויל זיך דורכבויערן אַ וועג דורך דער שויב, מיטן פליגן־קעפּל...

מיר גייען אַרויס צום טייך — מיר וואַרפן שטיקלעך שפּענדלעך אויפן וואַסער און מאַכן „קאַטשקעלעך" — מיר צערינגען זיך איינציקווייז, צווייענווייז... אַ מאָל אַ יינגל מיט אַ מיידל, אַ מאָל אַ יינגל מיט אַ יינגל, וואָס רעדן וועגן אַ מיידל מיט אַ יינגל. דער פאַרנאַכט איז אויסגעלאָסן, די זשאַבעס זענען אויסגעלאָסן — אויפן הימל שטייען אַ זון און אַ לבנה. ביים טייך־ראַנד טוען זיך אָפּ וווּנדער אין פאַרבן. עפּעס ברענט און ווערט. עפּעס ווערט־נישט און ברענט. ווינטלעך קומען וואַרעמע, שוואַנגערע, לוסטיקע — ווייזן אויף די פּאות און אויף דער תבואה, אַז — אַהינצוצו... אַלצדינג נייגט זיך אַהין... אַהינצו איז דער ווילן. די גלוסטונג. די האָפענונג, דער אויפגאַנג פון אַ באַזויפענער לבנה...

איך נעם „עגמת־נפש" אונטערן אָרעם און אין האַרצן ציטערט עפּעס. מיינע פינגער ציטערן און רירן זיך סוף־כל־סוף אָן אין עפּעס, וואָס איז ווי ווייך און ווי לבנה און ווי הימל און ווי אַלע וווּנדער פון דער וועלט...

אַז איך קום אַהיים ליגט די מאַמע קראַנק אין בעט. זי שליקערצט און האָט קאָפּווייטיק. שפּעטער פאַלט זי אין חלשות. מען מינטערט זי, מען מינטערט זי, מען דערמינטערט זי קוים...

איך ווייס, אַז דאָס איז פּאַר מיינע זינד, ווייל איך האָב אָנגערירט מיט די פינגער אַ מיידלשע ברוסט — איך ווייס, אַז דאָס וואָס די מאַמעשי חלשט, איז קיינער נישט שולדיק, נאָר איך, איך, א י ך...

איך לויף אַרויס אין דרויסן אַרויס און בייס ביז בלוט די האַנט און קנייפּ אויף זיך דאָס לייב און פּייניק זיך, און טו זיך אָן יסורים...

און די גאַנצע צייט פון מיין פּייניקונג איז אויף מיינע שפּיץ פינגער די געבענטשטע לייטזעליקייט פון דעם ערשטן אָנריר, און מיין האַרץ וויינט עפּעס און זינגט...

# די טשאַמקיס

טשאַמקי און פּיצי האָבן באַשלאָסן מאַכן אַ חתונה־רייזע צום ניאַגאַר־וואַסערפאַל. דאַבײַ האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אַז זיי זאָלן זיך די גאַנצע צײַט אויפפירן ווי „פרעמדע" — כדי עס זאָל זײַן געשמאַקער און זינדיקער.

פּיצי האָט געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר אַ נײַעם בוך — אַ מאָדערנע ליבעס־געשיכטע מיט אַ העלד וואָס „נעמט אַלץ וואָס אים קומט"... זי האָט אײַגנטלעך נישט אָנגעצייכנט קיין שום וועג פאַר איר העלד, נאָר זי האָט אים געלאָזט גיין אַהין, ווו דאָס אָנגעזאַמלטע מאַטעריאַל האָט אים געפירט. דאָס „מאַטעריאַל" איז מייסטנס געווען נישט איר אייגנס. פּונקט ווי איר אייגן לעבן איז געווען צונויפגעטראַכט פון פאַרשידענע ביכלעך, אַזוי זענען אויך אירע ביכלעך געווען צונויפגעטראַכט — דער רוח ווייסט פון וואַנעט.

אירע נאָטיצביכלעך זענען געווען ווי מילבנבײַכלעך וואָס פאַרשלינגען העלעפאַנטן... זי האָט געניצעוועט און געשטיקעוועט און געלאַטעט אַזוי קונציק — אַז דאָס איז שוין מער נישט געווען קיין גניבה, נאָר כמעט קונסט...

מיט דעם כוח און מיט דער צײַט, וואָס עס האָט גענומען צו לאַטען, האָט מען געקענט מאַכן אַ נײַעם בגד, אָבער פּיצין איז עס נישט אײַנגעפאַלן. פּונקט ווי עס איז איר קיין מאָל נישט אײַנגעפאַלן צו זאָגן דעם כּראָסטן באַקוועמען אמת דאָרט, ווו צו זאָגן אַ ליגן איז געווען אַ סך שווערער און אומבאַקוועמער.

פּיצי און טשאַמקי זענען געווען אַ גוט צוגעפּאַסטע פּאָר. אין איר איז אַלצדינג געווען קרום. אין אים אויך. בײדע קרומקייטן האָבן זיך דערלאַנגט די הענט, ווי צוויי קרוקן פון שטעקנס, זיך פאַרטשעפּעט, פעסט געהאַלטן, זיך געשלאָסן...

דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט אָפּגערעדט מיטנעמען מיט זיך דעם

יִדישגויִישן קריטיקער דאַן, וואָס ווײנט ביי נאַכט און רופט „מאַ־מע".
דאָס איז געווען טשאַמקעס אַן איינפֿאַל.

— מירן מיטנעמען דעם מר. דאַן — האָט ער געזאָגט צו פּיצין —
ווען מיר אי האָבן „פּובליסיטי" אי שפּאַס... ער איז זייער אַ קאָמישער!
אַ יונגער בחור, וואָס איז געבוירן געוואָרן אויף דער עלטער...

— אויף דער עלטער? — האָט פּיצי געפּונען אַ געלעגנהייט אויס־צונוצן אַרטור שניצלערס אַן אַפאָריזם, וואָס איז ביי איר געווען שוין לאַנג פאַר־צייכנט אין ביכל — „נישט דער מענטש איז אַלט וואָס איז אַלט, נאָר דער וואָס דאַרף מאָרגן שטאַרבן — אַפילו ווען ער איז זייער יונג"...

טשאַמקי האָט זי אָנגעקוקט מיט זייער העליש־פייערדיקע אויגן, נישט פאַרשטאַנענדיק אַקוראַט קעגן וואָס דאָס איז מיט אַ מאָל געקומען צו רייד. אָבער ער האָט פון דעסטוועגן באַוווּנדערט איר טיפע קלוגשאַפט און נישט געוווּסט, אַז דאָס איז נישט אירס.

— בראַוואָ!... טוואַי מאַט! — האָט ער זיך געוואָרפן מיט אַ קרעפטיק רוסיש זידלוואָרט. דו רעדסט אַזוי קלוג, אַז דער רוח מעג דיך נעמען.

— גיב־זשע מיר אַ קוש! — זאָגט פּיצי און מאַכט אַ קניפּל פון די ליפּן.

— קוש מיך אין — — ענטפערט טשאַמקי מיט אַ גרעבלעך וואָרט —
איצט זענען מיר מאַן־און־ווייב, דאַרפן מיר שפּאָרן די קושן אויף דעמאָלט ווען דאָס קושן קומט צונוץ.

פּיצי האָט געטראַכט, אַז דאָ וואָלט געפּאַסט אַרויסצולאָזן אַ טרער, ווי אַ באַליידיקטע. האָט זיך אין געדאַנק געפּייניקט — אַרויסגערופן אין זיך אַ בילד ווי זי האָט פאַרפרישטשעטע ליפּן און אַן אויסגעשלאָגענעם צאָן — און זי האָט קוים אַרויסגעמוטשעט פון זיך אַ צוויי־דריי טרערן...

טשאַמקי האָט זיך שטילערהייט „געגאָרגלט", געמאַכט קונצן מיט זיין שטים, זיך געפּרוווּט צי איז זי נאָך דאָ, און הנאה געהאַט דערפון וואָס ער איז נישט קיין אַנדערער ווי ער אַליין — דער געזונטער, שטאַרקער, הויכער מאַנצביל, מיט גרויסע אַפּעטיטן און מיט כוח אַט־די אַפּעטיטן צו באַדינען ווי סע קער צו זיין.

## אונטער דער זון

— טשאַמקעלע טייערער!

— וואָס איז?

— זע, איך וויין!

— פע, סע פּאַסט דיר נישט! — האָט געזאָגט טשאַמקי און אַ פּאַר־קאַטשע געטאָן די וואָנצעס, ווי אויף צו בייסן...

אַ ווייל האָט ער געקוקט אויף איר און דערנאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— פע, דו ביסט מיאוס אַז דו וויינסט! שיין וויינען קענען נאָר די יידישע פרויען — ביי זיי איז עס נאַטירלעך.

דאָ האָט שוין פיצי געוויינט מיט ערלעכע טרערן... און זי איז געוואָרן נאָך מיאוסער, געפּאַלענער, שפּלער...

# אויפֿן אײַזנבאַן

דער קריטיקער דאָן האָט אַוודאי מיט פֿאַרגעניגן אָנגענומען די אײַנלאַדונג צו באַגלייטן די טשאַמקיס אויף זייער רייזע... און ער האָט טאַקע באַלד וועגן דעם אַרײַנגעשמוגלט אַ באַריכטל אין אַ יידישער צייטונג, אַז „דער גרויסער קינסטלער טשאַמקאַדיראַ און זיין פֿרוי, די באַרימטע שריפֿטשטעלערין מערי פּיצדאָנאַלד לאָזן זיך אַוועק אויף אַ האָניק־חודש־רייזע, און אַז דער באַוווסטער קריטיקער (דאָס האָט ער אַליין אַזוי אָנגעשריבן) דאָן איז פֿאַרבעטן געוואָרן מיטצופֿאָרן אַלס, ערשטנס, פּערזענלעכער פֿריינד פֿון דעם פּאָרפּאָלק, און צווייטנס, דערפֿאַר, ווייל דער באַרימטער קריטיקער דאָן — (דאָס האָט ער אַליין אָנגעשריבן וועגן זיך) האָט עפּעס וויכטיקס דורכצופֿירן אויפֿן געביט פֿון אַ ביאָגראַפֿיע פֿון די גרויסע קינסטלער ה׳ טשאַמקאַדיראַ און זיין פֿרוי מערי פּיצדאָנאַלד״...

אַז דאָן איז אַרײַנגעקומען אין באַן, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז טשאַמקי און פּיצי האָבן אַ באַזונדערן „סטייטרום״ פֿון וואַנעט זיי גייען כמעט נישט אַרויס, און ער אַליין איז געזעסן אין געהאַקטע ווונדן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, געפֿילט, אַז ער איז בלויז אַ שאָטן פֿון עפּעס אַ גרויסער זאַך, און אַז די גרויסע זאַך איז אַוועק און ער איז געבליבן איינער אַליין, אַן איבעריקער, אַ נישט־נוציקער.

פֿון דעסטוועגן האָט ער זיך אויסגעגלייכט דאָס רייזע־רעקל, אַרומגעקליבן די שטויבעלעך אויף די לאַצן, אויסגעבלאָזן דאָס ציגאַר־שפּיצל, אַרײַנגעשטעקט אַ פּאַפּיראָס און געהאַלטן עס אין מויל — גלייך ווי ער וואָלט גערייכערט. די באַן איז געלאָפֿן, אַרײַנגעשלונגען מיילן און זיי איבערגעלאָזן הינטער זיך — אויסגעשפּיגענע מיאוסע מיילן. ווער דאַרף די מיילן וואָס ליגן הינטער אונדז?

עס האָבן זיך געדרייט מענטשן אַריין און אַרויס ביי די סטאַציעס. די וואַגאָנען האָבן אַלע מאָל אָנגעשעפּט אַ פּאָר קענדלעך מענטשן און זיי

צוריק אויסגעגאָסן אויף די פּעלדער, לעבן די דאָרפישע וואָקזאַלן, ווו עס הענגען שילדן מיט נעמען, וואָס קיינער דאַרף זיי נישט און וועט זיי נישט געדענקען.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געפייפט און געסאָפּעט, הינטערן וואַגאָן איז עפּעס געגאַנגען און אַליין איז דער וואַגאָן געשטאַנען און געשפיגן הינטער זיך מיט פעלדער און וועלדער.

עס איז געווען האַרבסט.

די ערד האָט צוריק איינגעמאָנט דאָס ביסל גרינס אירס, וואָס זי האָט אַנטליגן אויף איבערן זומער. איצט זענען די וועלדער געשטאַנען רויט און פאַרשעמט און אָפּגענאַרט. אָדער געל און קראַנק. די צווייגן האָבן זיך גרינג געמאַכט ס׳האַרץ, דערמיט, וואָס זיי האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן וואָס זיי האָבן נאָר געקענט. די קוקורוז־פעלדער זענען געווען אונטערגעשוירן, ווי אומריינע קעפּ. טרויער איז געפלויגן אויף די פליגלען פון אַ סך פייגל און פון וואָלקנס, און פון ביידע רויכלעך פון קוימענס, אָדער הענערגעשריי, און טייך־געפּליס, און איבער אַלע טעלעגראַף־דראָטן איז ווי איבער אַ ריזיקן וועלט־פידל געגאַנגען די וויסטע בשורה:

— דער טויט...

דאַן האָט אַרויסגענומען אַ קליין באַטיק־ביכעלע און פאַרצייכנט עפּעס אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבן גאָרנישט באַדייט — נישט פאַר אים, נישט פאַר קיינעם נישט. ער האָט דאָס געטאָן כמעט אָן זיין וויסן, אַנגעשרויפט פון אַ געפיל זיך צו ווייזן פאַר אַלעמען ווי אַ שריפטשטעלער.

דאַן האָט געקוקט דורכן פענצטער פון דער באַן און זיך דערמאָנט אַז — צו וואָס פּאַרט ער אויף פרעמדע „האָניק־חדשים״? ער האָט געטראַכט: אין 60 יאָר אַרום וועלן מענטשן וואָס פאָרן דאָ, זיין טויט... פּאַליאַטשי... אָך, פּאַליאַטשי... ער האָט אויפגעמאָלן אויפן באַטיק־ביכל אַ מענטשל מיט אַ שווערדל און מיט ברילן (אַלע זיינע מענטשלעך האָבן געהאַט שווערדלעך מיט ברילן) זיך שטילערהייט אונטערגעזונגען עפּעס פון פּאַליאַטשי...

אין דרויסן האָט גענומען גיין אַ דריבנער שניי, צי אַ האָגל, דורך די

פאַרבעלמעטע, ווייגענדיקע פענצטער איז געווען שווער צו זאָגן, וואָס דאָס איז...

אין שפּייז־וואַגאָן זענען זיי געזעסן אַלע דריי, געזעסן און געשמועסט וועגן גרויסלעכע זאַכן.

— אַנאַטאָל פראַנס, — האָט געזאָגט פּיצי — איז נישט קיין קינסטלער, נאָר אַ נביא, אַזוי ווי גאַנדי... דער לעצטער איז אַ נביא פון איין באַ־שטימטן גאָט. פראַנס איז דער נביא פון אַלע געטער...

— לעמ־טשאַפּס! — האָט געזאָגט טשאַמקי צום שוואַרצן קעלנער, וואָס האָט געדרייט מיטן האַנטעכל אויפן רעכטן אָרעם און זיך מיט דערשראָקענע ווייסע אויגן איינגעהערט אין די גרויסלעכע ווערטער.

— לעמ־טשאַפּ סו? — האָט דער קעלנער איבערגעפרעגט אויף זיין דיאַלעקט, און דאָס וואָרט „סו" האָט ביי אים געמיינט „סער".

— נישט לעמ־טשאַפּ־סואי, — האָט זיך טשאַמקי געוואָרפן מיט אַ וויצל, — נאָר אַ לעמ־טשאַפּ, טשעפּ.

דער טשעפּ האָט ביים אים געדאַרפט מיינען Chap.

ביידע, אי פּיצי, אי דאָן, האָבן אונטערטעניק געשמייכלט פון דעם אומזיניקן וואָרטשפּיל. טשאַמקי האָט פאַרקאָטשעט די וואָנצעס, געלאָזט צעגיין אַ פירעקעכדיקן שטיקל פּוטער אויפן הייסן „טאָוסט", אַרויסגע־באָרט פון האַלדז דעם אַפּעטיט אויף די ליפּן אַרויף, נאָך איידער ער האָט געגעסן, זיך באַלעקט, ווי אַ קאָטער פון דעם ריח פון די גוטע עסנס און געזאָגט:

— קיין זאַך דערהייבט נישט אַזוי דעם מענטשן ווי מוזיק... נעמט באַכן צום ביישפּיל...

טשאַמקיס „לעמ־טשאַפּס" זענען דערלאַנגט געוואָרן צום טיש סערווירט מיט אַלערליי געשמאַקע גרינסן, האָט ער צו ערשט אַ טרונק געטאָן פון דער געשליפענער, בייכיקער פלאַש, פאַרגעסן וועגן באַכן, און גענומען עסן דאָס לייב פון דעם געבראָטענעם לעמעלע.

דאָן האָט געקוקט מיט קנאה אויף דעם פאַרפאַלק, מיטגעהאַלטן מיט אַלצדינג וואָס זיי האָבן געזאָגט און געטאָן — נאָכגעשאָטנט זייערע געלעכ־טערלעך, זייער כלומרשטיקע פאַרליבטקייט, געווען פאַר זיי ווי אַ טעלער,

אויף וועלכן מען סערווירט די לעם־טשאַפּס, און אַליין געווען פּרעמד און בידנע. אַט באַלד וועט מען אים איבערלאָזן מיט אַלע אומריינע טעלער, און אַליין וועלן זיי גיין שלאָפן, אָדער זיך שפּילן, אָדער פאַרברענגען.

— באַך! — האָט געזאָגט דאָן, און דאָס האָט געקלונגען ווי אַ טיפער האַרץ־זיפץ... „בהאַך!"

ער האָט געוואָלט רעדן נאָך ווייטער, אָבער סיי פּיצי, סיי טשאַמקי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגער צו הערן רעדן עמעצן אַנדערש ווי זיך אַליין. זיי האָבן געגענעצט און זיך געטונקען די שפּיץ פינגער אין די קופּערנע „פינגער־בעכערס"...

דאָנען איז געקומען אויפן זין דער יום־טוב פּסח... דער טאַטע זיצט ביים טיש, זינגט די הגדה... עס קומט צו „דצך עדש" — ער טונקט איין דאָס מינדסטע פינגערל אין כוס, און שפּריצט אַוועק די אויסגעטונקענע טראָפּנס... די מאַמע זיצט אויפן היסב־בעט אָנגעטאָן אין ווייסן, אין בריס־טיכל און מיט פּערל... און מיט די פאַלשע קאָרשן אין שייטל... דער טאַטע איז שלעפעריקלעך, געגעצט אַ ביסל, קוקט — אויף דער מאַמען. די מאַמע לאָזט אַראָפּ די אויגן און זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט די הגדה... מיט אַ טייטש־חומשדיקן טראַפּ... ער, דאָן, איז אָנגעטאָן אין אַ ניי, שטייף אַנצוגל, מיט אַ סך קעשענקעלעך. ס'שמעקט דער פּסח און דער וויין, און דאָס לעבן שמעקט, און דאָס גליק איז אויף אַלע גלימצערדיקע כוסות...

„איך וועל אַ מאָל זיין" — טראַכט דאָן, ווי ער האָט אַ מאָל גע־טראַכט... ווען ער איז געווען יונג, און קליינשטעטלדיק, און זיין חלום איז געווען ווי אַ שיף מיט צעשפּאַנטע גרין־זיידענע זעגלען אין מיטן פון אַ געבענטשט וואַסער, וואָס האָט נישט קיין קנייטש אויף זיך...

„באַך!" — האָט דאָן ווידער אַרויסגעזיפצט, אַרויסגענומען פון טאַש אַ גרעסערע זילבערנע מטבע און זי אַוועקגעלייגט ביי זיין טעלער... דער־נאָכדעם, אַז ער האָט געזען, אַז קיינער מערקט נישט, האָט ער זי צוריק־געשאַרט און אַוועקגעלייגט אַ קלענערע מטבע — שוין נישט פון זילבער...

## טשאַמקי און פּיצי שפּילן קאָרטן „אין דער פינצטער"

שפּעטער האָבן אַלע דריי פאַרבראַכט אין שפּילן קאָרטן אין טשאַמ־קינס "סטייטרום". דאָן איז געווען אַ ביסל פאַרקילט פון די „געמישטע קלימאַטן", וואָס אַ לויפנדיקע באַן פאַרמאָגט... ער איז געווען מיד פון פאָרן און פון טראַכטן און נישט דערטראַכטן זיך צו גאָרנישט... טיף אין אים איז עפּעס געווען באַליידיקט און עס האָט געוויינט „מאַמע!" מיטן מויל אָבער האָט ער דערציילט אַ נישט זויבערן וויץ, וואָס איז געווען אַזוי טרויעריק ווי זיין לעבן.

דער וויץ איז געווען אַ נישקשהדיקער, אָבער דאָנס טאָן איז געווען אַן אומעטיקער, האָט דער וויץ נישט געהאַט קיין דערפאָלג, און טשאַמקי האָט זיך איבערגעקוקט מיט פּיצין און געקוועטשט מיט די פּלייצעס — ווי איינער רעדט:

— עפּעס אַ קליינשטעטלדיק יידל!

דער קאָרטנשפּיל איז דערווייל אָנגעגאַנגען אין אַ נודנעם טעמפּ... אַלע האָבן געגענעצט און געקוקט אויף די פענצטער, וואָס האָבן גאָרנישט אויסגעזאָגט וועגן דרויסן, אַ חוץ, אַז עס איז קאַלט און נאַס, און אַז דאָ איז וואַרעם און באַקוועם. ביי אַ קליינער הפסקה אין שפּיל האָט זיך דאָן צוגעהאַלטן דאָס מויל מיט ביידע הענט, אַריינגעגענעצט אין דער זשמעניע אַריין — עפּעס אַזוי פאָרזיכטיק, ווי ער וואָלט געוואָלט נעמען דעם געגעץ און אַוועקטראָגן ערגעץ און אים באַהאַלטן אין אַ פייער־קאַסע. דערנאָך האָט ער זיך אַ גלעט געטאָן ביים אונטערשטן טייל קאָפּ — זיך שיער אַ קראַץ געטאָן, ווי אַ קליינשטעטלדיקער, זיך פאַרכאַפּט, ווידער געגע־נעצט — שוין גלאַט אַזוי. אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אָנגעהויבן אָטעמען שווער... דערנאָך פּייפן, דערנאָך כראָפּען.

טשאַמקי האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן פּיצין זייער שטיל אויפן אויער. פּיצי האָט געשמייכלט און צוגעשטימט. באַלד איז געוואָרן פינצטער. עס

האָט זיך בלויז געהערט דער רעדער־גערויש פון דער באַן און דאָס שווערע אָטעמען און כראָפּען, וואָס איז אַלע ווײַלע איבערגעשלאָגן געוואָרן פון אַ טיפן „אוי״...

אַ קליין געלעכטערל פון טשאַמקין און פּיצין. אין דער שטאָק־פינצ־טערניש האָבן זיך פּלוצעם דערהערט הויכלעכע שטימען:

— 250.

— 260.

— 300.

— וואַרט, וועל איך אַרײַנקוקן.

— פּאַרקויפט!

דאַן האָט דערקענט די שטימען, זיך דערמאָנט ווו ער געפינט זיך און געפּרעגט דערשראָקן:

— איר שפּילט גאָר אין דער פינצטער?

— פּאַר וואָס אין דער פינצטער? סע חלומט זיך דיר מסתמא.. האָסט שוין געזען אַ מאָל מ׳זאָל שפּילן קאָרטן אין דער פינצטער?

פּיצי און טשאַמקי האָבן זיך קוים אײַנגעהאַלטן פון לאַכן. דאַן האָט זיך געריבן די אויגן מיט בײדע פויסטן — אָבער ס׳איז אים דערפון פאַרשטייט זיך נישט לײַכטער געוואָרן. זײַן האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט פון שרעק — אין מוח איז אים קיל געוואָרן. אַ קאַלטער שווייס איז אים אַרויס אויפן שטערן און ער האָט גענומען שרײַען מיט ווילדע קולות: „מאַ־מע, איך בין בלינד!״.

מען האָט אים קוים דערמינטערט.

פּיצי האָט דעם אינצידענט פאַרשריבן אין איר ביכל — געלאָזט דעם העלד בלינד ווערן טאַקע אויף אײביק, און בייזוויליק הנאה געהאַט דערפון, ווי אַ שלעכט קינד האָט הנאה פון אויסלעשן אַ ברענענדיק ליכט.

# איך ווער בר־מצווה

ס׳איז געקומען דער טאָג פון מיין בר־מצווה.

דער רבי האָט געוואָלט איך זאָל זאָגן כאָטש זיין דרשה — אויב נישט דעם טאַטנס. און דער פעטער איציק האָט געזאָגט: „אויב אַ נאַרישקייט, איז דער אייגענער טאַטע בילכער״.

ער האָט מיך עטלעכע טעג פאַר מיין בר־מצווה־יום־טוב געפירט שפּאַצירן הינטערן שטאָט, לעבן צווינטער, מיר געוויזן אויף די קברים מיט די צלמים און געזאָגט:

— דו זעסט, זיי זענען טויט נישט ערגער ווי יידן...

דער פעטער האָט זיך פאַרטראַכט צו אַ וואָלקן אַרויף און גערעדט ווי צו זיך:

— טויט זענען אַלע גלייך. נאָר אין לעבן קאָן מען זיך אָפּשיידן פון אַנדערע, זיין העכער אָדער נידעריקער. דו דאַרפסט זיין אַ העכערער, ווייל איך בין דיין פעטער.

דער פעטער איציק האָט זיך אַ טאָפּ געטאָן דעם הוט און אים כמעט אַראָפּגענומען פאַר אַ מצבה מיט אַ צלם, וווּ עס איז געווען אָנגעשריבן דער נאָמען פון אַ פרוי. זיינע ליפּן האָבן געציטערט, ווי ער וואָלט עפּעס געזאָגט. זיין רויטלעכער קאָפּ האָר און זיין באָרד זענען באַלויכטן און באַלעבט געוואָרן פון אַ ליכטיקן ווינט. און זיינע אויגן זענען שיער־שיער געווען נאָס.

איך האָב געזאָגט:

— פעטער, לאָמיר גיין צוריק! וואָס האָבן מיר דאָ צו טאָן?

— דאָ? — האָט זיך דער פעטער כמעט דערשראָקן פון מיינע רייד, צוגעגאַנגען נאָענט צו דער מצבה מיטן צלם, אָנגעטאָפּט מיט גרויס ליב־שאַפט די אותיות פון דעם פרויען־נאָמען, זיי געגלעט ווי מ׳גלעט אַ געליבט פּנים, אָדער אַ האַנט, און געזאָגט:

— יאָ, לעבעדיקע מוזן גיין צוריק!

ער האָט זיך שטיל אויסגעקנאַקט די פינגער, טיף אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— דו זעסט, דאָ ליג איך!

— וואָס מיינט איר, פעטער?

— גאָרנישט — האָט געענטפערט דער פעטער — נישט יעדן איז באַשערט צו שטאַרבן אַליין... אַ טייל מענטשן שטאַרבן דורך אַנדערע.

דער פעטער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן שטיין, דערנאָך האָט ער אַרויפגעלייגט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און איז אַזוי געבליבן שטייַן עטלעכע מינוט.

אַז מיר זענען געגאַנגען צוריק אַהיים, אויפן ווינטיקן וועג, האָבן מיר געשוויגן.

דער פעטער איציק איז געווען ווי איינער פון אַ סקאַנדינאַווישער לעגענדע אַרויס. עס האָט אים בלויז געפעלט די שווערד און דער פאַנצער... פּלוצעם:

— ווען איז דייך בר־מצווה?

— איבער־צוויי־מאָרגן.

— האָסט שוין תפילין?

— כ'האָב...

— מיט אַ גרויסן „שדי"? האַ? — האָט דער פעטער ביטולדיק אַ זאָג געטאָן — אונדזער „שדי" האָט זיך ליב גרויס צו מאַכן!... און שאַר נישט מיט די פיס, האָב איך דיר געזאָגט, אַז דו גייסט... הייב זיי אויף! פיס זענען געמאַכט געוואָרן אויף אויפצוהייבן זיי... האָב נישט קיין יידישע טבע צו שאַרן מיט די פיס...

*

מ'האָט מיר אָנגעטאָן כמעט אַלע זייגערלעך, וואָס די גאַנצע משפחה אונדזערע האָט פאַרמאָגט, מיך אַרומגעקייטלט מיט זילבערנע און גאָלדענע קייטעלעך, מיר אויסגעניית אַ גרין סאַמעטן תפילין־זעקל, מיט מיין נאָמען פון דרויסן, און איך בין אַוועק אין קלויז אַריין — שטאָלץ אויף מיין

צייטיקייט. דערשלאָגן פון דער נייער לאַסט, איבערגעשראָקן פון די אַלע זייגערלעך, וואָס האָבן געפּלוידערט צו מיר פון אַלע קעשענעס אַרויס, זיך געפּילט זייער רייך פון דעם גאָלדוואַרג און זילבערוואַרג, וואָס איז געווען אויף מיר, און קליין קעגן דעם „שדי", וואָס האָט צו מיר געווונקען פון דעם שין אַרויס אויף מיין של־ראש, און וואָס איך האָב פון היינט אָן און ווייטער באַדאַרפט טראָגן אויף מיין קאָפּ „צו אַ זעונג צווישן מיינע אויגן" — עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז גאָט אַליין וועט דאָרטן זיין, אינעווייניק אין די בתים פון של־ראש, און מיר אַריינקוקן גלייך אין מאַרך אַריין, און פּרווון אַלע מיינע טראַכטונגען... און היטן מיין יעדן געדאַנק — אַפילו דעם געדאַנק, וואָס איך טראַכט איצט, א ו י ך.

## מיין פעטער האַלט אַ דרשה און דערנאָך שיכורט ער זיך אָן

אין קלייזל איז געווען אַ שטיקל טומל — חברים האָבן זיך געגריסט מיט מיר ווי מיט אַ גאָלדענעם שילד, געטאַפּט מײַנע זייגערלעך, מיך געפרעגט אַלע מאָל וויפל ד ע ר זייגער האַלט און וויפל י ע נ ע ר זייגער האַלט...

איך האָב יעדן גרויסהאַרציק געענטפערט און געשמייכלט און גע־פּעכלט מיט די גלאַנציקע קופּערטעס פון די זייגערס... צום סוף איז געקו־מען עפּעס אַ דריבנע יינגעלע מיט אַ פויל נעזל, געקוקט פאַרחושט אויף מיין אויסציר, געבעטן מיך איך זאָל אים זאָגן וויפל עס האַלט יעדער זייגער באַזונדער. איך האָב אים געזאָגט.

ער האָט אַ ווײַלע געטראַכט. אַריינגעשפּאַרט אַ קליין פינגערל צווישן די פאָדערשטע שיטערע ציין און געפרעגט:

— נו, און וויפל האַלטן אַלע זייגערס אין איינעם?

— חכמל, חכמל, וויש דיר אָפּ ס׳נעזעלע! — האָט דער פעטער איציק געענטפערט פאַר מיר.

דער פעטער האָט מיר מיט גרויס צערטלעכקייט אָנגעטאָן די תפילין, געמאַכט אַ ברכה, דערנאָך זיך אַליין אָנגעטאָן טלית און תפילין, און אַז ס׳איז געקומען, אַז איך האָב באַדאַרפט האַלטן די דרשה, האָט ער אַוועק־געשאַרט מיין רבין אויף אַ זייט, געגעבן אַ קלאַפּ אין טיש און געזאָגט:

— א י ך וועל פאַר אים זאָגן...

אין קלייזל איז געוואָרן אַ שטיקל טומל. דערנאָך איז געוואָרן שטיל, ווי עמעץ וואָלט אַוועקגעגנבעט די לופט. יידן האָבן זיך איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן — פאַרגאַפּט. פון דעסטוועגן האָט זיך די קלויז צעשניטן אין מיטן ווי מיט אַ מעסער און דורכגעלאָזט דעם פעטער איציק צו דער בימה צו.

מיטן טלית איבערן קאָפּ האָט דער פּעטער איציק אויסגעזען ווי אַ הייליקער.

זיין געפּייניקט איידל פּנים איז באַהויכט געוואָרן מיט ריינער פֿרומ־קייט, מיט אַ דורכזיכטיקער גלויביקייט. אין זיינע אויגן איז געווען ס׳פֿייער פֿונעם נר־תמיד.

דער פּעטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן זייער שטיל, מיט פּסוקים אויף לאַטיין און אויף לשון־קודש און אויף דייטש, איז איבערגעגאַנגען צו ציון, צו ד״ר הערצל, צום יידנשטאַט. דערנאָך האָט ער געמאָלן אַ זעונג פֿון אַ יידישער מלוכה, ווו יושר פֿאָרט אין פֿלאַמענדיקן רייטוואָגן, און די שווערד אַקערט די ערד, און דער קעניג האָלט אַ צעפּטער אין האַנט, אָבער זיין צעפּטער איז נישט פֿון גאָלד און נישט פֿון בריליאַנטן, נאָר פֿון חכמה און לייטזעליקייט...

דעם פּעטערס צונג איז געוואָרן ווי די צונג פֿון אַ גלאָק. ער האָט געדונערט וועגן פֿאַלשע טעמפּלען און „וואָס דאַרף איך אייערע פֿאַלשע קרבנות — זאָגט גאָט״, — נישט אייערע קליידער רייניקט, נאָר אייערע נשמות...

אַז אַ יידיש יינגל גייט אַריין אין בונד פֿון יידישקייט — צו וואָס איז דאָס געגליכן? — צו אַ מענטש וואָס ליגט אַ פֿאַרבלוטיקטער הינטער אַ וואָגן מיט בלומען. די וואָס גייען פֿאַרביי זאָגן: זע, צווישן וואָסערע שיינע בלומען דער מענטש ליגט... אָבער דער קלוגערער זאָגט: זעט, ווי אַ מענטש האָט זיך נעבעך אַראָפּגעשלאָגן פֿון וועג, אַפֿילו די בלומען זענען רויט מיט דעם בלוט פֿון זיין אָפֿענער ווונד...

תורה איז דער גרויסער אָדלער, וואָס פֿירט אונדז אין הימל אַריין, אָבער מעשים־טובים זענען די פֿליגל.

קיין ציון, יידן! גענוג געווען בעטלער צווישן קנעכט. מיר זענען בני־מלכים, און אין אונדזער היים רינט מילך און האָניק...

יעדער ייד טראָגט דעם עמוד־האש אין זיינע אויגן — גייט נאָך אייערע אויגן, גייט נאָך דעם בענקען פֿון אייער האַרץ און איר׳ט אָנקומען צו גאָטס שטאָט...

זאָל מיר מיין רעכטע האַנט אָפּדאַרן, אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, מיין ציון!

אַהין, אין לאַנד פון ווייַנטרויבן און פון טייטלען, אין לאַנד וווּ אונ־דזער אָרגל שפּילט, וווּ אונדזער מאָרגנשטערן גלאַנצט...

פון אַלע גלות־קליידער מאַכן מיר אַ הדלקה! אַלע געבויגענע פּליי־צעס שפּאַרן מיר אונטער מיט האָפענונג, אַלע געליימטע געמיטער שפּאַרן מיר אונטער מיט טרייסט... נישט נאָר צו דער מוטער רחלס קבר, און נישט נאָר צו דער כותל־המערבי, און נישט נאָר צו דער מערת המכפלה, נאָר צום לעבעדיקן באַרג לבנון, צו זיעם הויכן כרמל, צו די קוואַלן פון עין־גדי צייט אונדזער האַרץ...

אין קלייזל איז געוואָרן אַ רויש ווי פון אַ טייך ווען דאָס אייז ברעכט. קרענצלעך אויגן האָבן געברענט. מיילער האָבן זיך געעפנט.

דער פעטער איציק איז געוואָרן שטילער, מילדער, וויציקער:

ווען די גויים זאָלן האָבן שכל, וואָלטן זיי אונדז געגעבן אַן אייגן לאַנד — וואָלטן מיר מסתמא דאָרט געהאַט צוויי פּאַרטייען. איין פּאַרטיי וואָלט געהאַנגען יידן דערפאַר, וואָס זיי גייען נישט דאַווענען, די אַנדערע פּאַרטיי וואָלט געהאַנגען יידן דערפאַר, וואָס זיי גייען יאָ דאַווענען. מיט דער צייט וואָלטן אַלע יידן געווען אויסגעהאַנגען.

אין קלויז האָט זיך דורכגעקאַטשעט אַ דונערנדיק געלעכטער.

דער פעטער האָט אויסגעגלייכט זיין הויך געשטאַלט, אַרויפגערוקט דעם טלית העכער און געזאָגט ווי אַ נביא:

— וועכטער, וווּ ביסטו? — דאָס ליכט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז. אונדזער קלייד איז פינצטערניש, אונדזער וועג איז בלאָנדזשעניש.

וועכטער, אָ, וועכטער! וואָס וועט זיין פון דער נאַכט? פון דעם גלות?

ענטפערט דער וועכטער: עס וועט קומען דער פרימאָרגן. די נאַכט אויך. ווייל נאָכן שענסטן לעבן קומט דער טויט... אָבער לעבן דאַרף זיין ווי אַ צירונג אויפן טויט, וואָס איז קעניג, נישט ווי אַ שמאַטע אויף אַ בעטלער!

דעם פעטערס ווערטער זענען געקומען ווי אויף אַ זון. זיי האָבן

דערהויבן און אַוועקגעטראָגן. בעת ער האָט געענדיקט האָבן זיך אַלע יידן געפילט נידעריק קעגן זיין הויכקייט. זיין וואָרט איז געווען אַ פּאַקל אין די הענט פון אַ בלינדן. קיינער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן דערמיט... אָבער אַלע האָבן געפילט, אַז ס'איז ליכטיקער און בעסער געוואָרן...

אָבער איידער דער פעטער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין גרויסער דרשה, האָט עמעצער פון עולם זיך אָנגעבויגן מ'זאָל זיין קאָפּ נישט זען און אַ געשריי געטאָן מיט אַ פאַלש קול:

— מאַריאַשקאַ!

דער פעטער איז געוואָרן בלאַס. פון אונטער דער הויט פון זיין פּנים האָט אַרויסגעשפּריצט אַ קראַנקע ליכטיקייט, וואָס האָט דערשראָקן... זיינע אויגן זענען געווען פול מיט גאַר דעם צער פון דער וועלט און ביטול. מיט ליפּן, וואָס רירן זיך קוים אָן איינס ס'אַנדערע האָט ער געזאָגט:

— פאַרגיב זיי גאָט... זיי וויסן נישט...

דער פעטער איציק האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטביידע הענט אויפן שולחן, דער טלית איבער זיינע אַקסלען האָט געציטערט...

נאָכן דאַוונען האָט מען געטיילט לעקעך און בראָנפן, דער פעטער אַליין האָט געטרונקען אַ היפּש ביסל ביז ער איז געוואָרן שכורלעך, דעמאָלט האָט ער גענומען זידלען אַלע יידן און שרייען אויף דייטש „נאָך ציון, איר שווינן־קערלע!" און ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף יידל דעם שמש און אים געוואָלט שיער דערהרגענען דערפאַר, וואָס ער שמעקט טאַבאַקע. מ'האָט אים קוים אָפּגעראַטעוועט, דעם שמש. דעם פעטער האָט מען אָפּגע־פירט אַהיים אונטער די אָרעמס, ווי שמחת־תורה...

איך האָב נאָכגעטראָגן דעם פעטערס זיידענעם אויבערמאַנטל און זיין טלית־און־תפילין — און די בושה האָט זיך אָנגעטאָן אויף מיר, און די קרוין האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר... מיין פעטער איז געווען אַ געפאַלענער נביא — און איך האָב אים נאָך מער ליב געהאַט... מיט אַ וויינענדיק און פאַרשעמט האַרץ...

# דירעקטאָר מערינאַדי

דער גרויסער (איצט קראַנקער) דירעקטאָר מערינאַדי — איז פון הייזון אַרויסגעוואַקסן. דאָס מזל האָט אים אַ שפּיל געטאָן: איינס, צוויי, דריי: פּיצל, גרויס, ריזיק!

און ווען פּיצל ווערט גרויס איבער נאַכט, איז קיין שיעור נישטאָ ווו דאָס זאָל אויפהערן. די הימלען פאַרשטעלן אים דעם וועג. די ערד דאַרף אים קושן די פיס דערפאַר, וואָס ער טוט איר אָן כבוד און גייט אויף איר.

מערינאַדי האָט אַ מאָל געהייסן חנינטשע. ער איז געווען אַן אָרעם, רירעווודיק ייִנגל, מיט השגות אַריבערצושפּרינגען און אָפּצונאַרן.

ווען חנינטשע איז נאָך געווען אַ ברעקל, אַזוי־די־גרויס, פלעגט ער שוין אָפּנאַרן דער מאַמען און פלעגט איר דערציילן, אַז ער האָט בויכ־ווייטיק, ווען ער האָט אין גאַנצן קיין ווייטיק נישט געהאַט, אָדער גאָר געהאַט קאָפּווייטיק. חנינטשע האָט געוואָלט אַריבערשפּרינגען מיט אַ מאָל, נישט געוואָלט זיך לערנער שפּרינגען, נאָר קומען און אַ שפּרונג טאָן אַזוי אַריבער!

חנינטשע איז געווען אַ געזונטער יונג, אַ „לעפּאַק". ווונדן האָבן זיך אויף אים פאַרהיילט אויף גיך, ווי אויף אַ הונט. ווו מ'האָט אַ ריר געטאָן, איז אים געגאַנגען בלוט פון דער נאָז, — געהאַט צו פיל בלוט הפּנים. פּאַטשט אים אין הינטן, גייט אים בלוט פון דער נאָז. גיט אים אַ שטאָך אין אַ פינגער — גייט אים בלוט פון דער נאָז...

חנינטשע איז נאָז און — בלוט...

דאָס בלוט גייט אָפּ. דאָס בלוט קומט צו. חנינטשען שאַדט עס נישט. ער ווערט נישט שוואַכער. ער ווערט נישט בלאַסער — ער איז איינער און אַ גאַנצער. נישט פון אַנדערע אָפּגעשניטן, נישט פון אַנדערע צובאַ־העפט.

פאַראַן מענטשן וואָס זענען אַ סך, זיי בייטן זיך אַלע ווײַלע, ווערן אַנדערע, פרעמדע — האָבן אַ סך נשמות אין זיך. זענען צעבונדענע

אָרגאַניזאַציעס, קאָמפּליצירטע, אומרויִקע, נישט־מיט־זיך־אַליין־וווּינענדיקע שטיקלעך פּייער פון פאַלנדיקע שטערן. פאַר יענע איז שווער צו דערגיין צו עפּעס, ווייל זיי קענען זיך קיין מאָל נישט צונויפרעדן מיט זייער איך־אָרגאַניזאַציע און באַשטימען אַקוראַט וואָס זיי ווילן...

די אַנדערע זענען איינציקע, גאַנצע, גלייכע — זיי שלעפּן קיינעם מיט זיך נישט, אַ חוץ דאָס ביסל איכיזם, וואָס איז אָנגעבלאָזן און גרינג און ליידיק.

חנינטשע איז אויפגעצויגן געוואָרן אויף דער ניו־יאָרקער איסט־סייד. זיין טאַטע האָט געהאַט אַ קעלער פון זויערוואַרג און די מאַמע האָט געהאַט אַ פּרנסה־הויז, וואָס האָט דערשמעקט אַ טראָפּן פּרנסה אויף מיילן ווייט...

חנינטשע האָט אין דרויסן געהייסן דזשימי. דזשימי איז געווען אַ קינד פון דער „אָרעמער איסט־סייד”, אָבער זיין וועג האָט געפירט — צו בראָדוויי־צו. „גיי אַ ביסל אויף בראָדוויי” — פלעגט אים דער טאַטע טרייבן ווען ער (דזשימי) האָט געהאַט ליידיקע צייט, קוק זיך אַרום דאָרטן... לערן זיך אויס זיין אַ בראָדווייאַרטשיק!...

דער טאַטע, דער זויערוואַרג־הענדלער, האָט זיך אַליין געמאַכט דאָס וואָרט בראָדווייאַרטשיק און האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון דעם וואָרט... מיין זון וועט זיין אַ בראָדווייאַרטשיק — נישט קיין קלינטאָנטשיק... פלעגט ער זאָגן צו די קונים בעת זיי האָבן פאַרזוכט די זויערע אוגערקעלע, פון די הילצערנע לעפלען אַרויס — „מיין דזשימטשיק וועט זיין אַ בראָדווייאַר־טשיק — הלוואַי פון מיין מויל אין — דריי גראַצער אַ זויער אוגערקעלע, ווייבער, זיס ווי צוקער!

חנינטשעס טאַטע האָט נישט געהאַט קיין סך לאָגיק. אָבער אַ היפּש ביסל גרינגן וויץ און חוזק... ער איז געווען אַ פריילעכער און רירעוודיקער. בלויז די הענט זענען ביי אים געווען זויער — פון ליגן אין ראָסל און אין „קריפּ”, אָבער דאָס האַרץ איז געבליבן פריש און זיס און קליינשטעטל־דיק — ווי דאָרטן ביי זיך אין שטעטל, ווו ער איז געווען אַ היטער פון סאָד...

— ווײַבער, אַהערצו, ווייבער, צערייסט מיך! דריי גראַצער אַ פּיקעלע! זויערע פּיקע־לעך, זיס ווי צוקער... ווייבער צערייסט מיך!

חנינטשעס טאַטע האָט הפנים געהאַט אין זיך אַ פונק פון אַ קאָמע־דיאַנט, אַ פריילעכמאַכער, אַ פורים־שפּילער. פלעגט ער טאַקע דערפאַר לייזן מער ווי זיינע קאָנקורענטן. ווייבער פלעגן זיך שטופּן צו זיין קעלערל, צו די צעבערלעך מיט זויערע אוגערקעס, מיט געזייערטע עפּל, מיט פּאָ־מידאָרן...

— ווייבער, טו־מאַיטעס! — פלעגט ער זיך ווערטלען אויפן חשבון פון זיינע זויערע־פאַרכלינעטע טאָמייטאָס, ווייבער, פּיקעלעך, גליקעלעך, שטי־קעלעך... אַהערצו, ווייבער, שלעכט און טייער!... לעבע־דיק!! און גנבעט נישט... העי, דאָרטן, ווייבעלעך, טאַפּט נישט צו פיל... ס'איז גוט... און צו די מאַנצביל־קונים פלעגט ער שרייען: — העי, קלינטאָנטשיקעס פון קלינטאָן־סטריט, ברענען זאָלט איר ווי ראָקפעלערס אויל... קריכט נישט אין ראָסל אַריין — מיט די הענט. — אַז מיין דזשימטשיק וועט אי״ה אויפ־וואַקסן, וועט ער זיין מער לייט פון אייך, אי״ה. ער וועט נישט דאַרפן דרייען די קאַטערינקע אי״ה... ער וועט זיין אַ בראָדוויי־אַרטשיק — וועט ער זיין... וואָדען, ניין? הלוואי! העי, אַ גראַצער אַ שטיקעלע פיקעלע! אַהערצוצוצו־צוטשיטשקו!... נו, לעבעדיק!... גליקעלע, פיקעלע, שטיקעלע!

דזשימי איז געוואַקסן ווי אַ שוועמל — אין דער פינצטערניש, אין דער פייכטקייט. וואָס זון? ווער זון? — ס'קעלערל איז געשמאַק, דער ריח פון זויערע פירות איז גוט צו די נאָזלעכער. דאָס מיסט פון די גאַסן, די ענג־שאַפט, דער טומל — אַלצדינג איז גוט און ווויל וואָס בעסער קאָן נישט זיין.

נאָר דער טאַטע טרייבט אויף בראָדוויי, נאָרט מען ביי אים אויס פּעניס און ניקלס, כלומרשט פאַר־געלט, און מ'גייט אַוועק און מ'קויפט זיך אַ ביליקע נאַשעריי, און מ'קומט אַהיים און מ'רעדט פון בראָדוויי, און — מ'האָט הנאה פון אָפּנאַרן דעם טאַטן....

אַז דזשימי ווערט עלטער, שליסט ער זיך אָן אין אַ „גענג״ — אַ באַנדע וואָס רופט זיך „זיבן־שפּיצן״. — דזשימי איז אַ שטאַרקער און אַ פלינקער. אַהוץ דעם קען ער ריי רן מיט די לעפלעך פון די אויערן, ווען ער וויל נאָר, און זייער וויניק, אַפילו פון די גערעטענע יידישע קינדער אויף „קלינטאָן־סטריט״ קענען דאָס.

דזשימי ווערט אַ פירער, אָבער פירן וויל ער נישט... ערשטנס, האָט ער פיינט געפּאַר. צווייטנס, וויל ער אָפּנאַרן, אַריבערשפּרינגען. נעמט ער געלט ביי זיין „גענג" און שטעלט אָן אַנדערע, וואָס שטעלן איין די קעפּ מיט די פּלייצעס. ער טראַכט און ברעכט זיך דעם קאָפּ ווי אַזוי נישט צו לערנען זיך שפּרינגען און פון דעסטוועגן אַריבערשפּרינגען...

דערווייל איז זומער. דזשימי איז איצט אין גאַס. ער פירט אַ פערד פון שטאַל אין קלינטאָן־סטריט... טראָגט אים נאָך דעם עק און קלאַפּט אין אַ בלעך, און טרובעט אויף די ליפּן, און ווינקט צום פּאָליסמאַן און באַגריסט די פּייערלייט ווען ער גייט פאַרביי זייער סטאַנציע, און קערט איבער אַ פּעסל מיט בוריקעס אין גאַנג און — שטעלט אונטער אַ פוס אַ יידן, וואָס לויפט כאַפּן די „קאַר", און אַז אַ באַקאַנטער גייט פאַרביי און פרעגט: „דזשימי, וואָס טוסטו?" ענטפערט ער: „איך? איך טו? וואָס טו איך דען?" און אַז דער באַקאַנטער דרייט זיך אַוועק אַ ביסל — וואַרפט ער אים נאָך אַ שטיין אָדער אַ ביסל מיסט... און לאַכט — לאָזט נישט אָפּ דעם פערדס עק!

(ווען מען דאָס פערד איז — ווייסט קיינער נישט... סיידן ער — ווי הייסט ער?... אָבער דאָס געזעץ דערלויבט נישט צו דערמאָנען קיין נעמען!).

דזשימי וואַקסט זייער פּראָסט. אָבער די פּראָסטקייט איז פון אַ באַזונדערער קוואַליטעט. עס איז ווי די כינעזישע ציבעלע, וואָס האָט אין זיך אַ בלום! קיין ערד — דאַרף זי נישט, קיין פעסטן שטאָם דאַרף זי נישט — נאָר אַ ביסל וואַסער און אַ שיסעלע, און וואַסער ס'איז ביסל קלימאַט!

היינט קאָן זיך דער גרויסער, איידעלער, קראַנקלעכער טעאַטער־דירעקטאָר מערינאַדי קוים דערמאָנען, ווי אַזוי דאָס איז געווען. אפשר האָט ער זיך אויסגעלערנט שפּילן טעאַטער דורך דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע נייגונג צו זאָגן ליגן, זיך פאַרשטעלן, אָנטאָן זיך אַלע מאָל אַן אַנדער פּנים?

היינט איז מערינאַדי — מערינאַדי. ביי אים אין גאַרדעראָב הענגען קרענץ און עס שטייען בלומען, און עס זענען איינגעראָמט ווינטשעוואַניעס אויף פּאַרמעט און באַגריסונגען אויף לענטעס... אויף מערינאַדין אַליין רוט די שכינה. ער איז אַ דיגניפיצירטער, שיינער מאַן, מיט שטילע מאַניערן,

מיט אַ סך באַהאַלטענע שמייכלען אין זיך — מיט אַ טיפער איבערצייגונג, אַז קיין העכערס פון אים איז נישטאָ, און קיין קליגערס אַוודאי נישט...

מערינאַדי האָט אָנגעהויבן ווי אַ קליין אַקטיאָרל, מיט אַ גויִישער וואָדעוויל־טרופּע. ער האָט געשפּילט אַ יידן, און אָפּגענאַרט אַ דעם עולם, וואָס האָט געמיינט, אַז ער איז אַ גוי וואָס שפּילט אַ ייד (ער האָט זיך גערופן אויפן אַפיש: „מק׳פאַדען״) און דעם יידישן דירעקטאָר פון יענער טרופּע האָט ער אָפּגענאַרט דערמיט, וואָס ער האָט אים פאַרטרויט בסוד, אַז ער איז אַ ייד, אָבער מיט אַזאַ טאָן, אַז יענער זאָל מיינען, אַז ער איז אַ גוי, וואָס וויל זיך איינַיחסענען צו אים מיט זיין יידישקייט...

מערינאַדי האָט נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר דער בינע, פאַר דעם עולם — פאַר קיינעם נישט. איז אים אָנגעקומען זייער גרינג „צו מאַכן קאָמעדיע״. ער האָט נישט באַדאַרפט שפּילן — ער איז שטענדיק געווען נאַטירלעך־פאַלש... אין לעבן ווי אויף דער בינע איז ער תמיד געווען נישט ער, נאָר עמעץ אַנדערש!

די קריטיק האָט אין מערינאַדין דערטאַפּט אַן אוצר. אַ געבוירענער שוישפּילער! אַן אמתער ליגנער... אַן אָפּנאַרער, וואָס נאַרט נישט אָפּ, אַז ער נאַרט אָפּ...

און די קריטיקער זענען חנינטשען נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געפּויקט און געבלאָזן און — כמעט נאָכגעטראָגן אים די שלעפּ, ווי מערינאַדי אַליין האָט אַ מאָל נאָכגעטראָגן דעם עק פון זיין „קלינטאָן־סטריטער פערד״...

שפּעטער האָט מערינאַדי זיך אַליין געגומען אין די הענט אַריין און געזאָגט צו זיך:

— הער נאָר דו... דו מוזט ווערן אַ גרויסער מענטש... אַ וועלט־באַרימטער מענטש...

דאָ האָט זיך מערינאַדי אַליין אַזוי אָפּגענאַרט, אָבער ער האָט געהאַט דעם כוח אָפּצונאַרן אַפילו זיך אַליין. ער איז געווען אַ שוישפּילער — אַפילו מיט זיך אַליין... אַפילו זיין אייגענער נשמה האָט ער דעם אמת נישט פאַרטרויט אַז „דאָס גאַנצע טעאַטער איז אַ שווינדל, אַן אָפּנאַרעריי, וואָס ווערט גרינגער דורך דעם, וואָס מ׳שרעקט איבער די מענטשן נאָך איידער זיי קומען זיך לאָזן אָפּנאַרן״...

מערינאַדי ווייסט פון אַ געשיכטע ווי אַזוי אַ באַרימטער טעאַטער־קריטיקער, וואָס האָט געשריבן עטלעכע אַרטיקלען מיט לויב־געזאַנגען צו אַ געוויסן שוישפּילער מיטן נאָמען מאַרזאַני (ער האָט געשפּילט אין איטאַליעניש, און דער קריטיקער האָט אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען) ווי אַזוי דער זעלבער קריטיקער האָט נישט געוווסט, אַז מאַרזאַני איז אַ טויבער און מוז זיך נאָענט צובייגן צום סופליאָר, און האָט דעריבער אַלץ געלויבט מאַר־זאַניס נייעם מעטאָד פון שפּילן מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט גערעדט נישט צום פּובליקום, נאָר צו דער ערד...

מערינאַדי איז וועלט־קלוג, טעאַטער־קלוג. ער ווייסט, אַז שווער איז נאָר צו בעטן דאָס וואָס עס קומט, אָבער צו פאָדערן דאָס וואָס עס קומט נישט, איז גרינג.

אויך ווייסט מערינאַדי, אַז קונסט איז גאָר עפּעס אַנדערש ווי דאָס־אָ. קונסט איז נישט אַוועקשאַפן זיך אַליין, נאָר זיך אַליין צו באַשאַפן. קונסט איז פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט — און ווי קאָן אַ שוישפּילער זיין אַ קינסטלער ווען זיין גאַנצע חכמה באַשטייט אין נישט זיין קיינער נישט ?... קונסט הייסט זיך אַליין דעם בויך אויפשניידן — שוישפּיל הייסט: ווייזן אַ שיינעם בויך. וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט קונסט ?

מערינאַדי האָט פלינק צעעפנט די טירלעך פון דעם געשמינקטן „קדשי קדשים״, שטילערהייט אַריינגעשפּיגן און זיך געגעבן אַ שבועה אַז — קיינער וועט נישט וויסן דערפון — אַפילו ער אַליין אויך נישט...

דעריבער איז מערינאַדי דיגניפיצירט און חסידיש־איידל און רעדט שטילערהייט ווי מיט אַ זיפץ. און די ברייטע נאַזלעכער זיינע זענען ווי שפּיאָנען, וואָס הערן זיך אונטער. אין דער היים ביי נאַכט רעכנט מען איבער די באַנקביכלעך. מ׳גייט אַריין אין באַדצימער און מ׳קוקט איבער די שפּיצלעך פון די גומענע, רויטע זאַכן וואָס הענגען דאָרטן. מען שפּילט זיך אַ ביסל מיטן נעוואַסטענישן מידל — וואָס גיט זיך אים לשם רעליגיע, לשם גלויבן אין זיין קונסט. מ׳רעדט צו איר גראָבע רייד, מ׳פאַרשוועכט זי — און מ׳הייסט איר קומען מאָרגן איבערשרייבן אַ ראָלע אויף אַ שרייב־מאַשין אָן געצאָלטס, פאַרשטייט זיך, ווייל אונדזער גרויסער קינסטלער האָט פּיינט פּראָסטיטוציע...

# דער פעטער קומט צוריק

דער פעטער איציק איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ און האָט זיך געזאַמט אפשר אַ יאָר.

אַז ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער געבערענגט אַ ניי רענצל מיט גוטן, ברוינעם לעדער, מיט שיב־שלעסלעך און רימענדלעך, אַ נייעם הוט מיט זייער ברייטע קריסעס און מיט אַ שמאָל בענדל, אַ נייעם שטעקן מיט אַ הענטל, וואָס מ׳קען עס אַראָפּנעמען און עס נוצן פאַר אַ ציגאַרן־שפּיץ און — אַ ניי ווייב.

די דאַמע, אַ טונקל־בלאַסע, ווי פון העלפאַנטביין, איז געווען אָנגעטאָן שטייף און דין, האָט געטראָגן אַ שטייפן רייטער־הוט, אַ קריסקע פון שיינע שפּיצן ביים האַלדז, אויבן. זייער הויכע, אויפגעפּוישטע אָרעמס אונטער זייער שמאָלע אַרבל, וואָס האָבן קוים אַדויסגעלאָזט אַ מיידלש הענטל, מיט פיינע פינגער און געפוצטע נעגל... און אַ זון־שירעם.

פאַרפאָרן איז ער פאַרפאָרן מיט אַ פיאַקערל, אָפּגעלאָדן די רענצלעך מיט די אַלע זאַכן, געהאָלפן דער דאַמע אַראָפּטרעטן ס׳שאָקלדיקע טרעפּל פונעם פיאַקערל — זי כמעט אויפגעהויבן אויף די הענט און איר געקוקט אין די אויגן אַריין מיט ליבשאַפט, וואָס האָט קיין סוף און קיין גרענעץ נישט.

אין דרויסן האָט שוין עטלעכע טעג געקאַפּעט אַ רעגן. אין שטעטל איז געשטאַנען אַ ווייס בלאָטקעלע, וואָס אַז מ׳האָט עס לאַנג געטראָגן אויף די שיך, האָט עס פאַרשטיינערט די לעדער (אַ סך באַלעבאַטים זענען כמעט אַרומגעגאַנגען מיט „שטיינערנע״ שטיוול).

דאָס דאַמעלע האָט צעעפנט דעם לימענע־פאַרביקן זון־שירעם, געזוכט אַ סטעזשקעלע, נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, גוטמוטיק געשמייכלט צום פעטער. עפּעס געזאָגט אויף הויכן דייטש וועגן דעם רעגן, וואָס טוט רעגענען, און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט נאָך אַזוי רעגענען...

דער פּעטער האָט צוגעהאַלטן דעם נייעם הוט מיט אַ האַנט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו זייער־נישט־קיין־לייטישן הימל און געזאָגט:

— כ׳מיין, אַז ביז מיטוואָך אין דער פרי... וועט זיך אפשר אויסלייטערן. גענומען דעם שטעקן און אים אַריינגעשטעקט צו ערשט אין דער בלאָטע, ווי אַ שיפס־קאַפּיטאַן, אַ שטייגער, וואָלט געפּרווט די טיפקייט פונעם וואַסער וווּ זיין שיף איז פאַרהאַלטן... אַ קוק געטאָן אויפן מעטאַלענעם „פּיסל״, אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— ס׳וועט זיין רעכט!

דער פּיאַקערניק האָט געטראָגן די רענצלעך די און די פּאַפּירענע קעסטלעך. דאָס דאַמעלע האָט געטראָגן דעם לימענע־פאַרביקן זון־שירעם, און אונטערגעהאַלטן אַ ברעג פון איר לאַנגן קלייד... דער פּעטער האָט געטראָגן דעם שטעקן, געמאָסטן די בלאָטע און אַרונטערגעשמייכלט צום דאַמעלע הינטערן שירעם אַרונטער...

אין פּעטערס שטוב איז איצט געווען קאַלט און טוכלע. די בלומען־וואַזאָנקעס האָט ער געהאַט אָוועקגעגעבן צום דייטשן שכן, ער זאָל אַכטונג געבן אויף זיי. ס׳שטייגל פון דעם קאַנאַריקל איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ ציכל און דאָס פייגעלע איז נישט געווען. דער קוימען פונעם סאַמאָוואַר איז געשטאַנען אויף משקולות גרייט אַראָפּצופאַלן ביים ערשטן קלאַפּ מיט דער טיר... עס האָט נישט געשמעקט קיין געברענטע קאַווע, עס האָט נישט געשמעקט קיין פאַרבאָטענע השכלה, נאָר אָסיען־רעגן, בלאָטע, פאַרלוירנקייט...

— אַך, ווי נעט! — האָט געזאָגט דאָס דאַמעלע, ווי אַ הייליקע, און גאָט מעג איר מוחל זיין פאַר דעם ליגן...

— ס׳עט שענער ווערן — האָט געזאָגט דער פּעטער — מ׳עט נאָר אונטערהייצן און אַריינגעמען ס׳פייגעלע מיטן קאַנינכען און אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר.

— מיר האָבן אַ קאַנינכען אויך? — האָט דאָס דאַמעלע שוין גערעדט בלשון „מיר״.

— געוויס...

— ווי נעט!

ביידע זענען געבליבן שטיין איינס קעגן ס׳אַנדערע און זיך צעלאַכט...

— נאָך רוים — ירושלים!... — האָט געזאָגט דער פעטער אויף זיין אידעלן לשון...

— דאָ איז נישט אַזוי שלעכט! — האָט געזאָגט דאָס דאַמעלע — קיין געפּגרטע הינט אין די גאַסן זעט מען נישט...

— וואַרט אויס ביז ס׳וועט צוטריקענען!

— ווי נעט. כאַ־כאַ!

(דאָס דאַמעלע האָט געלאַכט מיט נאַסע אויגן).

איך האָב געהאָלפן דעם פעטער מאַכן אַ ביסל אָרדענונג, צונויפגעבונדן דעם האַלב־צעפאַלענעם ריטער־בעזעם מיט אַ שפּאַגאַטל, אויסגעקערט די שטוב — נאָך דעם ווי איך האָב צו ערשט באַשפּריצט דעם דיל מיט וואַסער פון בלעכענעם שפּריץ־קענדל (אַזוי האָט מיך דער פעטער געלערנט דאַרף מען טאָן, צוליב דעם, אַז די באַצילן זאָלן זיך נישט צעטראָגן אין דער לופטן). דער פעטער אַליין האָט דערווייל אָנגעלייגט אַ פייער פון האָלץ... און אַז ס׳איז געוואָרן אַ ביסל וואַרעמער, און די לאַנגווייל האָט גענומען באַהאַלטן דעם קאָפּ הינטערן בעט אַרונטער, האָט זיך דער פעטער דערמאָנט און געזאָגט:

— דאָס איז מיין נעפּע... אַ טייערער בחור... ער לייגט שוין —

דער פעטער האָט הפנים געוואָלט זאָגן, אַז איך לייג שוין תפילין, האָט זיך אָבער דערמאָנט אַז זי וועט אפשר נישט פאַרשטיין וואָס דאָס איז. דעריבער האָט ער פאַרקירעוועט און געענדיקט:

ער לייגט שוין געלט אין שפּאַרקאַסע... אַ פּראַקטישער יונג!

— ווי שעהחן! — האָט געזאָגט דאָס דאַמעלע — און דער „שעהחן" האָט ביי איר געהאַט אַלע זיבן חנען און אַלע טויזנט טעמים פון דער וועלט...

— וועסט מיך רופן טאַנט — האָט געזאָגט דאָס דאַמעלע, — נישט וואַהר?

איך האָב זיך פאַרשעמט און רויט געוואָרן און גענומען בלאָזן אויפן ברענענדיקן האָלץ...

— שפּיל זיך נישט מיטן פייער, איכ׳ל עס שוין אַליין טאָן! — האָט געזאָגט דער פעטער, — און זיי נישט קיין שעמעוודיקער. גיי צו צו דער טאַנטע און גיב איר די האַנט און זאָג איר: סערוווס...

איך האָב געזאָגט סערוווּס און דערלאַנגט אַ האַנט און געשטאַמלט מיט אַלע אברים...

— טאַנ — —

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ רעגן און ס׳איז געווען הארבסט...

# מײַן טאַנטע אַנדרעאַ

מײַן נײַע טאַנטע האָט געהײסן אַנדרעאַ און איז געװען גוט אױסער דער באַטור... דאָס קלײנע שטעטל אונדזערס איז אױף איר געלעגן אַזױ ענג װי איר טוניקל... אָבער אַנדרעאַ האָט געשמײכלט, װי סע שמײכלט דער געפּאַנ־גענער, װאָס ס׳איז אים באַשערט כאָטש די צען שפּאַן אין הויף פון זײַן תפיסה.

איצט האָט שוין אין פּעטערס שטוב װידער געשמעקט קאַװע. ס׳פּײגעלע האָט װידער אַ זינג געטאָן, דאָס קאַנינכען האָט אױך עפּטער געהאַט עפּעס װאָס צו זאָגן, אָבער אין דרױסן איז געװען האַרבסט, די װעלט איז געװען צעװײקט און נודנע...

און װײַנען האָט מען געקאָנט װען מען האָט געזען, װי די אײדעלע אַנדרעאַ זוכט אין אַלע זײַטן עפּעס אַ סטעזשקע, אײדער זי באַשליסט אַװעק־צושטעלן איר קלײן פיסל, מיט דעם טײַערן שיכל, און װי עס געדױערט איר אפשר אַ שעה ביז װאַנען זי קומט צוריק פונעם מאַרק, װו זי „קױפט אײַן", און װי די פּלײצע פון איר ענג שװאַרץ יאַקל איז שטענדיק פול מיט קאַלך — פון דעם, װאָס זי האַלט זיך שטענדיק לעבן די װענט, און אונטער די דעכ־לעך — װו די ערד איז נישט אַזױ בלאָטיק.

װאָס טוט דאָ אַנדרעאַ?

װאָס טוט דאָ די שײנע, די פרעמדע, די װײַטע?

איז זי דאָס ליכט, װאָס דאָס מזל שיקט צו אַלע פאַרבלאָנדזשעטע?

איז זי דאָס פײַער, װאָס גיט אַ צײכן, אַז אַ שיף טרינקט זיך?

דער פעטער האָט ליב זײַן אַנדרעאַ — אפשר נישט װינציקער, װי ער האָט ליב געהאַט יענע דאָרטן, װעמענס נאָמען אױף דער מצבה ער האָט געגלעט, װי מ׳גלעט אַ געליבט פּנים אָדער אַ האַנט...

אַנדרעאַ, אַנדרעאַ...

אױף װעלכן שטײן װעט דײַן מזל דיך פאַרשרײַבן?

און איז כאָטש באַשערט אַ געליבטע האַנט זאָל גלעטן דײַן נאָמען אױפן שטײן?

# פלאָרענס קאָלי

אין „ווילעדזש" זענען פאַראַן קולטן אַלערליי — אַ צייטפאַרטרייב פאַר אַ לעבן, וואָס ווערט אַזוי מוטנע אין די טוכלע, איבערגעבויטע, אַלטע הייזער. אַן אָנשטעל — צו פאַרשטעלן די אַנדערע אָנשטעלן — די ערגערע, די מיאוסערע.

איך קען אַ מיאוס־געבוירענעם מענטש — אַ שריפטשטעלער — וואָס האָט אַן אײדעלן זין פאַר שיינקייט און צירלעכקייט. פון דעסטוועגן טראָגט ער שטענדיק שרייענדיק־שלעכטע קליידער, האָט מיאוסלעכע מאַניערן, עסט מיט די הוילע הענט, כאַפּט ביי יענעם פון טעלער, גנבעט אַ גראָשן פון אַ קינד, און דאָס טוט ער אַלץ דערפאַר, ווייל ער וויל מיט זיינע מיאוסע טואונגען אָפּציִען די אויפמערקזאַמקייט פון זיין אמתער מיאוסקייט. ס'איז ווי אַ קלוג מיאוס מיידל אויף אַ מאַסקאַראַד, וואָס טוט זיך אומיסנע אָן די מיאוסטע מאַסקע, כדי מ'זאָל מיינען, אַז זי איז אַ שיינע...

פלאָרענס קאָלי איז אַן איבערגעלעבטע, אויסגעלעבטע, אַלע פאַרגעניגנס דורכגעגאַנגען. אין די יונגע יאָרן איז זי געווען אַ גרויסע שיינקייט — פון אַלעמען באַגערט, פון קיינעם נישט צוריקגעהאַלטן, — אַ מענטש, אָן שום געוויכטיקן אינהאַלט, אָן אומעטישע, אָן אַ פאַנטאַזיע, וואָס זאָל קענען מאָלן די שרעק פון ליידיקייט, פון אומגענוצטקייט, אויסגעברענטקייט — האָט פלאָרענס קאָלי זיך געגעבן כמעט צו יעדן, ביי יעדער געלעגנהייט. ס'איז ביי איר געוואָרן אַ קאַפּריז צו ערשט צו דערגרייכן די צאָל 25, דערנאָך 50, דערנאָך 75, דערנאָך 100.

נאָך אַ משוגענער, טשאַדיקער נאַכט — ווי פון אַ סך צאַנקענדיקע ליכט, וואָס ברענען איינס אויפסאַנדערע אין הויפן — פלעגט פלאָרענס קאָלי פונאַנדערשפּרייטן אַ דופּט פון „לייסאַל", זיך וואַשן און אָנטאָן די גוטע זיידענע אונטערקליידער, זיך באַגיסן מיט אַן אויסלענדישן, פיינעם פאַרפום, זיך אַריינקוקן אין די מידע אויגן, ווי זי וואָלט דאָרט געזוכט אַ סימן פון

הרטה, אָדער זינדיקייט, און נישט געפינען, זיך ווייזן אַ שיינע צונג, שמייכלען צו דער שיינער, הויכער פלאָרענס אין שפיגל אַריין און דערנאָך אַרויסנעמען ס׳נאָטיץ־ביכל און פאַרשרייבן: 61, 62, 63...

מ׳ווייסט דען? אפשר איז פאַרט דאָס גרעסטע גליק דאָס אָפּזאָגן זיך, דאָס קניען פאַר דעם קוואַל און בלויז באַנעצן די ליפּן? ראָטן דאָך קלוגע דאָקטוירים, אַז מ׳זאָל אויפהערן צו עסן אַ קליין ביסעלע איידער מ׳הערט אויף צו זיין אין גאַנצן הונגעריק... — כדי מ׳זאָל נישט אויפעסן דעם אַפּעטיט אויך!

ביי אַ סך מענטשן אָבער איז די פרייד און דאָס גליק — נישט קיין ברויט מיט פּוטער, נאָר וועלשענע ניס, אָדער ווייַנטרויבן. שווער אויפצוהערן צו עסן, ווען דער טעלער מיט פּרוכט שטייט לעבן דער האַנט...

פלאָרענס קאָלי זיצט ביי זיך אין סטודיאָ — זיצט, ווי דער שטייגער איז פון די „ווילעדזשער" — אויף אַ קישעלע אויפן דיל. לעבן איר — אויך אויפן דיל — איז אַ פייגעלע אין אַ שטייגעלע, און אַ גרויסע ליאַלקע, מיט אַ פאַרמאַטערט פּנים, ווי ביי אַ שטאַרבנדיקן קלאָון. די פּופּע טראָגט לאַנגע הויזן פון ווייַן־קאָלירטן אַטלאַס, פון וואַנעט עס שטעקן אַרויס פיס מיט שיך. זי האָט אויך הענט־מיט־פינגער, וואָס נעמען זיך צונויף ווי לעבעדיקע, און מ׳קען זיי אַריינפלעכטן איינס אינס׳אַנדערע: פאַרצווייפלטע הענט פון אַ טויטער ליאַלקע, פון אַן אויסגעשטאָפּטן פּיעראָ...

פלאָרענס קאָליס לעצטער געליבטער איז געווען אַ הינדו. ער האָט געהאַט אַ שטעלע אַלס לערער פון הינדוסטאַנישן פאָלקלאָר. נאָך אַלע עקזאָטישע און פרעמדלענדישע ליבעס (מיט טרעמפּס, ציגיינער, כינעזער און יידן) האָט פלאָרענס זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם הינדו, זיך געפּוצט מיט אים, זיך שטילערהייט געגרייסט מיט דעם, וואָס זי וועט איצט קענען פאַרשרייבן אין איר ביכעלע: „94, הינדו".

דער אינדיער איז געווען אַ שטילער, גוטער, פאַרבענקטער מאַן, און דאָס ווייסע מיידל האָט אים אויסגעזען ווי אַ הייליקע. פלאָרענס קאָלי האָט געהאַט אַ גוטן געשמאַק אין קליידן־זיך, האָט אויך געוווסט ווי אַזוי צוצופּאַסן די פאַרבן פון אירע קליידער צו די מענטשן וואָס זי האָט ליב געהאַט. איצט האָט זי זיך געקליידט אינדיש. גרינג־פלאַטערדיק, ווייס און אַן שמינק

אויפֿן פּנים. נאָר די ליפּן האָט זי געביסן מיט די אייגענע ציין, ביז זי האָט באַקומען דאָס הייסע רויט, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן די דינע, פּערלמו־טערנע ווייסקייט פֿון איר פּנים.

דער אינדיער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט. זי איז פֿאַר אים געווען: אינדיע. דורך אירע ברונעטע אויגן איז אים געווען לייכטער זיך אַריבער־צוטראַכטן ביז אינדיע. אירע גוטע הענט זענען געווען ווי וויעסלעס, וואָס מ׳קען מיט זיי זיך שיפֿן איבערן גאַנגעס...

פֿלאָרענס קאָלי האָט זיך געזעטיקט און פֿאַרצייכנט. די ציפֿערן זענען געגאַנגען אַרויפֿצו, אָבער איר אַפּעטיט איז געגאַנגען אַראָפּצו, געוואָרן קליין, אויסגעצערט...

דער אינדיער איז געווען אַ דענקער, אַ פֿילאָזאָף. האָט ביכער געשריבן — אָבער איצט איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ בוך צו איר... אַ בוך, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ בענקעלע, ווו זי האָט אויפֿגעשטעלט איר קאַפּריזנעם פֿוס און אים דערלויבט צו פֿאַרשנירן איר שוך.

דער אינדיער איז אַוועק און געשטאָרבן.

פֿלאָרענס קאָלי האָט זיך געריבן די אויגן צו וויינען, האָט זיי גענעצט מיט שפּייעכץ, זיי זאָלן אויסזען פֿייכט... האָט צונויפֿגערופֿן פֿריינד און באַקאַנטע און געזאָגט:

— לאָמיר שווייגן אַ 15 מינוט צו ערע פֿון זיין אָנדענק!

אַלע האָבן זיך צוגעזעצט אויפֿן דיל אַרום אַן אָנגעצונדן ליכט אין אַ בראָנדזענעם לייכטער, און מ׳האָט אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געשוויגן.

דאָס שווייגן איז געווען שווער און פֿאַלש, און אַ טייל פֿון די „אבלים“ האָבן געפֿילט זיך צעבראָכן פֿון דעם גאַנצן טעאַטער־שפּיל, פֿון דעם גאַנצן לעבן, וואָס איז אַזוי עלנט — אַז מער ווי טעאַטער קאָן מען נישט שפּילן, סיי אין גוטע מינוטן, סיי, באַהיט גאָט, אין שלעכטע...

אין דער זעלבער נאַכט האָט פֿלאָרענס פֿאַרשריבן „95“ — רומענישער ייד“...

איצט איז פֿלאָרענס קאָלי אַ „קולטיסטין“ און אַ גלויביקע. זי פּראַוועט אַלערליי צערעמאָניעס מיט אָנגעצונדענע ליכט און מיט טרויער און מיט

פּאַסטן. גייט אום באָרוועס, מיט אַ הויך קליידל אויפֿן לייב און אַ מאַנסבילש העמד, און די האָר זענען ביי איר געשוירן אַזוי קורץ, ווי ביי אַ מאַן...

צו פלאָרענסן קומט מען שוויגן.

ביי איר איז אַן אָפענע טיר. אַ ברענענדיק ליכט אין פענצטער איז אַ צייכן, אַז זי איז אין דער היים און מען מעג אַריינקומען און זיך אַוועקזעצן אויפן דיל און שוויגן, אָדער צופן די בלעטער פון בלומען, אָדער ברענען טאַבאַק אין אַ בראָנדזענער ווייררויך־וואַזע (רויכערן מיטן מויל טאָר מען נישט...).

צו פלאָרענס קאָלי קומען עלטערע, אָדער יונג־אַלט־געוואָרענע מיידלעך און לערנען זיך — ליבשאַפטקייט. מ׳רעדט מיט די אָפּנסטע ווערטער פון באַציִונגען. מען רימט זיך מיט פערווערזע זאַכן. אָבער אין דעם אַלעמען איז דער אָטעם פון טרויער, פון מענטשלעכן אומגליק, און אין איינעם מיטן ווייררויך און מיט די ליכט און די צעריסענע בלומען־בלעטלעך איז דאָס — ווי דער שׂכל פון דעם גרויסן אומזין, וואָס פירט דאָס לעבן אונדזערס...

צו פלאָרענס קאָלי איז איצט אַריינגעקומען דער קריטיקער „ז״ און זיך פאַרטרויט, אַז ער איז נאָך — אַ יונגפרוי, אַזוי צו זאָגן, אַ נישט־באַרירטער...

פלאָרענס קאָלי האָט אַרויסגענומען די רעכטע ברוסט פון העמד, אַ קוק געטאָן אויף איר ווי אויף אַ טויב, זי געגלעט, געזאָגט: „פאַר וואָס?״ און אים געוויזן ער זאָל זיך זעצן אויפן דיל.

„ז״ האָט זיך געזעצט. געוואָלט יינגלעריש אַרונטערכאַפּן די פיס הינטער זיך — ווי אַן אָריענטאַל, אָבער ער האָט עס געטאָן זייער לעפּיש און זיך צעשפּרייט, גאָרנישט איידל, און שיער אומגעפאַלן.

פלאָרענס האָט נישט געשמייכלט, נאָר זי האָט געזאָגט: „צו וואָס? מאַך זיך באַקוועם. לייג דיין קאָפּ אַהער?״.

זי האָט געטוליעט זיין האַרט געקרייזלטן קאָפּ צו איר ברוסט און גאָר נישט געפילט, אַחוץ די נייגיר וועגן דעם, וואָס ער וועט דערציילן.

— נאָך קיין מאָל נישט געליבט?

— יאָ, אָבער נישט אַזוי וויט.

ביידע האָבן געשוויגן. דאָס פייגעלע האָט געמאַכט: עפּהי, עמלי, טירמאַ.

— איך מיין, — האָט זיך צו אים אָנגערופן פלאָרענס קאָלי און צוגע־נומען די ברוסט, ווייל די האָר זיינע האָבן געשטאָכן און פון זיין מויל איז געגאַנגען אַ נישט־לויטערער אָטעם — איך מיין, עס זענען פאַראַן גענוג פרויען, וואָס דורשטן נאָך פאַרקער, און איר טאָרט נישט צוריקהאַלטן דעם קוואַל...

דאָ איז „זי" געוואָרן סענטימענטאַל, ווי אַ קליין יינגל און גענומען דערציילן, אַז ער האָט יאָ ליב אַ מיידל, אָבער עמעץ אַנדערש האָט זי פאַר־פירט קעגן איר ווילן... מ׳האָט זי פשוט פאַרגוואַלדיקט...

פלאָרענס קאָלי האָט אַרויסגעשאָסן מיט אַ ווילדן לאַך, האָט זיך אַליין דערשראָקן פאַר איר געלעכטער און געוואָרן ערנסט און איינגעבויגן.

זי האָט אַרונטערגערוקט טיפער די פיס הינטער זיך, אַראָפּגעצויגן ס׳קליידל אויף די שפּיציקע קניען, זיך אַ ביס געטאָן די ליפּ און געזאָגט, ווי אין אַ געבעט:

— נישטאָ אַזאַ זאַך ווי צווינגען אַ פרוי... אָבער אַפילו, אַז זי האָט עס געטאָן מיט איר אייגענעם ווילן, איז אויך גאָרנישט. איר דאַרפט זי נאָך אויך ליב האָבן...

„זי" איז אָבער באַשטאַנען אויף זיינעם, אַז זיין פריינדין איז געשענדט געוואָרן קעגן איר ווילן...

און ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין פאַרפומירט טיכעלע, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין זיין מאַנזשעט און זיך אָפּגעווישט דעם שוויס פונעם פנים...

# וואַלקין

וואַלקינס „הגר" איז אָפּגעגאָסן אין גיפּס און זי איז אַ צוויי מאָל די גרייס פון אַ לעבעדיקן מענטשן. אַז וואַלקין האָט געשפּאָלטן און צע־שטערט ס׳געטרוקנטע ליים נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגאָסן דעם פורעם, האָט ליזאַ געהאַט ס׳געפיל, אַז דאָס צעשטערט מען זי — דאָס צעברעכט מען איר לייב. דאָס זעלבע געפיל האָט ליזאַ געהאַט אין אָנהייב פון דער אַרבעט, ווען וואַלקין האָט אויסגעפונען, אַז זיין אַרמאַטורע האַלט נישט קיין גלייכגעוויכט, און ער האָט מיט אַ פינגער געמאַכט לעכער אין האַלדז און לעבן די אויגן, כדי אריינצושטופּן מער ליים, און יעדעס מאָל ווען ער האָט דאָס געטאָן, האָט ליזאַ אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פון ווייטיק...

וואַלקין האָט איצט געריכערט אַ קאַלטע ליולקע, ווייל ער האָט זיך געפוילט אויפצוהייבן פון בעט און אָנשטאָפּן טאַבאַק. זיינע אויגן זענען געווען אויף דער סטעליע און אין זיין מוח איז געווען גערדאַנקעלעך, גלאַטע און רויקע, ווי בוימל. ער האָט געהאַט אויף די אויגן דעם סופיט מיט דעם אַלטמאָדישן הענגלייכטער, מיט די געדרייטע מעשענע רערן, ווי פון אַ מעשענעם בלאָז־אינסטרומענט. אָבער דאָס אַלצדינג איז געווען גרינג, ווייל סע האָט געמיינט עפּעס אַנדערש. סע האָט געמיינט: „אָ, דו מיין גאָלדענער טרומפּייט! באַלד וועסטו אַרויסרופן מיין זיג. אָ, דו שווערע סטעליע — מיר ווייסן אַז איבער דיר איז אַ גרויס־גרויסער הימל און אין הימל גייען אויף שטערן"...

וואַלקין האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן אַ האַנט, אָנגעשטייפּט די מוס־קולן פון אָרעם, זיך אַ טאַפּ געטאָן אויף דעם אָנגעשפּאַנטן אָרט און גע־טראַכט: „וואָס איז היינט? דינסטיק! ס׳איז גוט צו לעבן דינסטיק!"

די לופט אין סטודיאָ איז געווען נישט אַזוי פריש, עס האָט גע־שמעקט מיט אַלטע ווענט, מיט פינצטערע ווינקלען, מיט ברען־גאַז,

וואָס שפּאַרט ערגעץ אַרויס פון אַ קליינער עפענונג, אָבער ס׳איז געווען דער געדרוך פון מי, פון אַרבעט, פון ערלעכער קונסט, און וואַלקינס נאָז־לעכער האָבן דאָס געטרונקען ווי ווייַן.

אויף דער סטעליע איז געשטאַנען אַ וואַנץ, געזוכט הפּנים זיך אַראָפּ־צוּוואַרפן אויף וואַלקינס בעט (וואַלקין האָט אַריינגעשטעקט אַלע פיר פיס פונעם בעט אין שיסעלעך וואַסער, כדי זיך צו באַוואָרענען פאַר דעם אומפּלייט), זיך געשאַרט צום מיטן־צו, געגאַנגען פּאַוואָליע, פּאַוואָליע, ווי די האָפענונג ביי איינעם, ביי וועמען ס׳לעבן רינט אויס דורך אַן אויפגעעפנטן אָדער...

וואַלקין איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער נאַטור און פון דער נאַטורס קליינע באַשעפענישן און ווידמונגען און פלאַנצן. שעהנלאַנג פלעגט ער (אויפן לאַנד) אָפּזיצן ביי אַ פּלויט ווו אַ הארבוז האָט זיך אַריבערגעוואָרפן צו דער זון־צו און זיך באַפּעסטיקט מיט אַזעלכע קליינע פּעדעמלעך וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון זיך. פאַר וואַלקינען איז דאָס געווען אַ גרעסערער אינטערעס ווי לייענען ביכלעך אָדער גיין אין מו־זייען. דאָ האָט ער געזען די ווונדער פון אַ פלאַנץ, וואָס שיצט איר לעבן מיט אַזאַ טיפן שכל, אַז די אייגענע מענטשלעכע חכמה זעט אויס טעמפּ און פריקרע. אַן אַנדערש מאָל פלעגט וואַלקין (ווען ער איז געזעסן אויפן דאָרף דורך די זומער־חדשים) זיך אַרומשלעפּן איבער פאַרוואָרפענע ערטער, זיך באַקענט מיט די קליינע פעלד־ און וואַלד־חיהלעך, מיט די פייגל, מיט די פליגן, מיט די אַרומבלאַנדזשענדיקע הינט און אַפילו מיט די מייז...

וואַלקין קוקט ווייט אַרום זיך. די שטילקייט זינגט מיט זשומיקייט און מיט קליינע ברעקלעך ווינט! ווי גוט די שטילקייט איז דאָ, נישט ווי אין שטאָט. דאָ איז די שטילקייט אַן אַלטע, אַנגעוואָקסן מיט דער אייבי־קייטס ווייכן מאָך. ער טראַכט: שטימען זענען פאַראַן בלויז עטלעכע, אָבער שטילקייטן זענען פאַראַן אַזוי פיל. און יעדע שטילקייט איז פון אַן אַנדערן מין, פון אַן אַנדערער קוואַליטעט. פאַראַן שטילקייטן, וואָס שרייען, וואָס רופן, וואָס וואָרענען, וואָס בעטן, וואָס געזעגענען זיך... און פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס זענען ווי אַ היילונג, ווי אַ טרייסט, ווי אַ טראַכטן

פאַר אייך, און לאָזן אייך אַליין פינקלדיק לייִדיק, ווי אַ ווייס־גרינלעכער גלאָזבעכער קעגן דער זון...

וואַלקין האָט ליב געהאַט צו זיצן געמיטלעך און לאָזן די וועלט פאַרבייציִען פאַר זיך. און זיין אויג האָט געהאַט אַ זכרון פאַר זיך אַליין — ער האָט אַלצדינג פאַרצייכנט און גערעכנט מיטן אויג.

וואַלקין ליגט מיט דער בלעכענער געקעסטלטער סטעליע אויף זיין בליק. קיינער איז נישטאָ אין שטוב. ליזאַ איז אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן אין שאַפּ, צו העלפן פאַרדינען אַ שטיקל ברויט (אים האָט זי בשום אופן נישט געוואָלט לאָזן גיין אַרבעטן — כאָטש ער האָט זיך געריסן דערצו).

ס׳איז אַרום פינף דער זייגער. דורכן דאַך־פענצטער לאָזט זיך אַריין אַ ביסל קויטיקלעכע זון. אין דרויסן רעדט זיך צונויף קול מיט קול — און אין טומל פאַרשטייט איינער דעם אַנדערן נישט... אַהערצו דערגרייכט עפּעס אַ שטילקייט, וואָס איז דורכגעזיפּט געוואָרן דורך אַ צעריסענער זיפּ.

וואַלקין טראַכט פון דער מלחמה. טראַכט דריי מאָל: „פאַרברענט זאָלן זיי ווערן. פאַרברענט זאָלן זיי ווערן. פאַרברענט זאָלן זיי ווערן״. ער טראַכט פון דער גרויסער לאַנגוויל, וואָס פרעסט אויף דעם מענטשנס לעבן, אַזוי, אַז אַפילו דער טויט איז אַ שטיקל צייטפאַרטרייב. ער טראַכט פון די ציוויליזירטע „קריגער״, וואָס הרגענען מענטשן און עסן אַפילו נישט אויף זייער פלייש, זיי וואָלטן באַדאַרפט פרעסן זייער פלייש. — ווי קאַניבאַלן — טראַכט וואַלקין. וואָלט געווען אַנשטענדיקער. וואָלט כאָטש געווען דערביי אַ שטיקל תכלית, אַ נוצלעכקייט — פאַרברענט זאָלן זיי ווערן!

וואַלקינס אויגן זענען אויף דער וואַנט, וואָס מאַטערט זיך נעבעך צו דערגרייכן איר ציל און ער פורעמט (אין קליינע אָפּגעריסענע שטיקלעך) געדאַנקען וועגן דעם גרויסן ביבלישן פּאַראַדאָקס „דו זאָלסט קיין מאָל און קיינעם נישט הרגענען... און ווער סע הרגעט יאָ — דער זאָל געהרגעט ווערן״...

וואַלקין טראַכט: די וועלט איז שיין, ס׳איז יוני. אויף די פעלדער ווערט צייטיק ס׳ברויט, דער וויין, די אוגערקע. וווּנדער בליִען אומעטום. אָט האָט ער פאַרענדיקט די ערשטע העלפט פון זיין גרויס מייסטערווערק.

זומער־דינסטיק. שטייען דען די מענטשן אין די גאַסן מיט אויפגעהויבענע הענט צום הימל און פּאַטשן בראַוואָ? ניין, זיי זיצן אין טעאַטער, ווו סע שפּילט זיך דאָס גרויסע ספּעקטאַקל און זעען בלויז די ווייסע פלעקן הינטער זייערע נעגל. און אַז זיי זעען ווי די זון גייט אויף, זאָגן זיי נישט „וואָס פאַר אַ וווּנדער" און „בראַוואָ"! נאָר זיי זאָגן: „די זון איז שוין אין דרויסן און די קאַווע איז נאָך נישט פאַרטיק"...

ס'איז מלחמה.

קין־הבל זענען ווידער די סימבאָלן פון דער וועלט־ברודערשאַפט...

וואָלקין דערמאָנט זיך אין דעם שטיקל נייעס, וואָס ער האָט היינט געלייענט אין אַ ניו־יאָרקער בלאַט. ס'האָט געהאַט אַ גרויסע איבערשריפט „באַרבאַרן", און עס האָט זיך דערציילט וועגן דעם, ווי די הונען זענען אַרויפגעקומען אין זייערס אַ סובמאַרין אין מיטן ים און אָפּגעשטעלט „אונדזערס" אַ שיף און געהייסן די מענטשן זיך ראַטעווען אין שיפלעך, זיי האָבן אַ באַפעל צו זינקען די שיף, ווייל זי פירט אַמוניציע. די מענטשן האָבן אַזוי געטאָן. דער ים איז געווען זייער שטורמיק. די שוואַכע סובמאַרין האָט זיך פון דעסטוועגן געהאַלטן אויפן וואַסער און אַפילו געהאָלפן האַלטן אָרדענונג און געזען, אַז אַלע מענטשן זאָלן זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדערער שיף אַריין... ווען אַלע האָבן געהאַט פאַרלאָזט די אַמעריקאַנער שיף און דער שונא איז געווען גרייט צו פייערן אויפן שיף, האָט זיך פלוצעם אויפן דעק באַוויזן אַ פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט און גענומען שרייען מיט פאַרצווייפלטע קולות מ'זאָל זי ראַטעווען. דער ים האָט געקאָכט ווי אַ גיהנום, אָבער דער „שונא" האָט פון דעסטוועגן געהאַלטן פאַר זיין פליכט צו קומען צו הילף דער פרוי מיט קינד — כאָטש די געפאַר איז געווען זייער גרויס... אָבער (ענדיקט די צייטונג) דאָ האָבן אונדזערע אָפּגעטאָן די הונען אויף טערקיש... די פרוי וואָס האָט געשריגן נאָך הילף איז נישט געווען קיין פרוי, נאָר אַ פאַרשטעלטער מאַן, און דאָס קינד איז נישט געווען קיין קינד, נאָר אַ באָמבע... און אַזוי גיך ווי די „הונען" זענען צוגעקומען נאָענט, האָבן זיי באַקומען זייער פאַרציע. אין עטלעכע מינוט אַרום זענען זיי געווען אַ טשאַטע דערטרונקענע מייז...

# וואַלקין טראַכט און... זוכט ספּאַגעטי

וואַלקין לייגט איבער דעם אינצידענט אין זיין מוח און ער שפּייט און זאָגט „פוי", און דאָס האַרץ איז אים ביטער, נאָר אַרויסצושפּייען עס. ער זעט די פּרעסע פון לאַנד ווי אַ משוגענע כשופמאַכערין, וואָס בלאָזט מיט אַ פּאָלע אויפן פייער, וואָס פאַרברענט אירע קינדער.

ס'ווערט טונקעלער אין סטודיאָ. אויף די ווענט קומען אָן גייע שטילע געסט פון ערגעץ זייער ווייט: ס'קאָצל קומט, שאָטנס! פון וואַנעט איז?... און וואָס וועבט און שפּינט דאָרט די משוגע־געוואָרענע וועלט? וואָס איילט זי דאָרט אַזוי? — די באַרישע גרויסהאַלטערין?

די שטילקייט ווערט דינער, דורכגעזיפּטער, די שעפּער האָבן שוין אויסגעשפּיגן דאָס מענטשנוואָרג — אין די טונעלן אַריין, אין די לייקעס אַריין... פון דאָרט צערינט זיך עס איבער אַלע שטאָט־גאַסן, איבער אַלע היימען, גיט יעדן זיין טראָפּן גליק, זיין צעבערל אומגליק, זיין ים — טויט.

וואַלקין טראַכט ברעקלעכווייז, זיין שווער־באַלאָדענער ווונטש הייבט אויף דעם רוקן, ווי אַ קעמל... גלעקלעך קלינגען... דער קאַראַוואַן רירט זיך — אויפן לאַנד ארויס, אויפן פאַראַיאָרנדיקן לאַנד אַרויס; אויף דער שטיל־פאַרוואָרפענער ערד אין קאָנעקטיקוט, ווו ער האָט זיין זומער אויסגעלעבט אין זאַפטיקער קאַלטקייט: ווי די פעלדמייז, די טויבן, די שפּאַרבערס...

וואַלקין טראַכט פון יענעם גוטן שטיקל ערד און לאָזט פאַר זיך פאַרבייגיין אַלערליי רגעס — שימערדיקע, פלאַטערדיקע, פילפאַרביקע. ער זעט זיך ווידער אויפן סטויג תבואה — אַ גרויסע זוניקע לייזדיקייט פאָרויס. „שעפּ", דער הונט, ליגט לעבן אים מיט אַן אַרויסגעטאַלעפּעטער צונג, און מיט איין אייגל אַ פאַרמאַכטס, דאָס אַנדערע קוקט אויף דער פליג, וואָס שטייט אים לעבן דער נאָז, און קריכט אַלץ נענטער, צום צע־יאַטערטן אָרט אין ווינקל פון דעם זעלבן אויג.

די פליג שטעלט זיך אַוועק נישט ווייט פון אויג און עסט זיך איין

אין דער מאַטעריע. דער הונט איז כלומרשט רויִק, ער רירט קוים מיט די אויערן, מיטן אויג, מאַכט אויף און מאַכט צו דאָס אויגנדעקל — אָבער — ער וואַרט רויבגעריק אויף דער רגע, ווען ער וועט קענען אַ מאַך טאָן מיטן מויל „האַם״ און — זי פאַרשלינגען.

וואַלקין איז אויפן לאַנד — ווייט פון דער אַרבעט, וואָס מאָנט ביי אים זיינע כוחות, און שטעלט אים שטענדיק מיטן פנים צו זיך אַליין... ער איז פריי, ער איז אויסגעטאָן, ער איז גרינג, ער איז באַקעט...

די וואַנץ שטייט אויף איין אָרט און ווערט ווי אַ טונקל פלאַך פינטעלע. וואַלקינס זכרון טראָגט אַ לאַמטערן. זי באַלייכט די סצענע ווי שטשערעס גנבענען אַן איי פון אַ קאַטוך אַרויס... ער זעט אַ גרויסן ראַץ מיט אַן אויסגעריבענער פלייצע־פעל און אַן עק ווי אַ קנוט... נישט קיין שפּעטנע קינד... אַ קעשענע־גנב! ער האַלט דאָס איי צווישן די פיסלעך און ער אַליין ליגט זיך איבערגעקערט אויפן רוקן, און חברה שלעפּט אים ביים עק... דער יונג ליגט ווי אַ טויטער. די גניבה איז אים אין די אייגעלעך, אָבער ער מאַכט זיך געפּגרט... ליגט שטיל, ערלעך, סטאַטעטשנע... די אַרבעט גייט צו לאַנגזאַם, וואַלקין שטייט אין שטאַל, קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַרע פון די צערוקטע ווענט און איז פאַרגאַפט. ער זעט ווי חברה שלעפּן דעם ראַץ קונציק אַריבער איבער אַ שטיינערנעם פּלויט, ווערן פאַרשוווונדן...

האָבן מער שכל פון קאַסמערן — טראַכט וואַלקין פון עפּעס אַ קינסטלער מיטן נאָמען קאַסמער... — ער גייט אַרום און שטאַרבט פון הונגער און האָט נישט קיין שכל זיך צו לייגן אויף דער פלייצע און זיך לאָזן שלעפּן...

וואַלקין איז מיד געוואָרן פון אַריבערטראַכטן זיך אין די נישט־נוציקע געוועזנקייטן... אין סטודיאָ איז שוין געווען טונקל. ער האָט זיך אויפגע־הויבן און געמאַכט ליכטיק, אַוועק אָנגענומען אַ טאָפּ מיט וואַסער אוועק־צושטעלן אויפן איוועלע, ווייל ליזאַ האָט באַלד געדאַרפט אַהיימקומען. ער האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם ברודיקן „סינק״־קראַן אויפן הינטער־שטן שטאָק, אַרויסגעדליבעט מיט די הוילע הענט די אָנגעזאַמלטע שליימ־קייט אינעם דורכזייער פונעם באַסיין, און הנאה געהאַט דערפון, וואָס ער

מיאוסט זיך נישט פון גאָרנישט. ער האָט זיך אָפּגעוואַשן די הענט מיט אַן אַלט שוואַרצלעך שטיקל זייף, וואָס איז דאָרט געלעגן, זיך אָפּגעווישט מיט זיין טאַשנטיכל און איז איבערהיפּנדיק אַ טרעפּ איבער אַ טרעפּ אַרויף אויבן...

ער האָט אָנגעצונדן ס׳גאַז־אייוועלע, געטראַכט, אַז פייער איז נישט רויט נאָר בלאָ... „אַ בלאָקייט וואָס איז רויט, אַ רויטקייט וואָס איז בלאָ". האָט ער עס איבערגעזאָגט אין געדאַנק, צוגעדעקט דעם וואַסער־טאָפּ מיט אַ דעקל, געשטאַנען און צוגעהאַלטן ס׳דעקל, כדי עס זאָל זיך גיכער דערוואַרעמען און נעמען זידן... ער האָט געדאַדפּט אַריינוואַרפן ספּאַגעטי, אָבער ער האָט נישט געדענקט, ווו ליזאַ האָט באַהאַלטן דאָס פּעקל מיט ספּאַגעטי. ער האָט זיך געדרייט אַ ווײַלע אַרום זיך אַליין, זיך אונטער־געפּייפט עפּעס אַ לידל מיט אַ פאַלשן טאָן, באַקוקט די פאַרזשאַווערטע קלינגלעך פון די גאַלמעסער, וואָס ער האָט געפונען אויפן בלעך הינטערן גאַז־אייוועלע, געפּרוווט מיט יעדן באַזונדער זיך אָפּראַזירן אַ האָר פון גראָבן פינגער, צו זען צי זיי טויגן נאָך צו עפּעס און זיי סוף־כל־סוף אַוועקגעלייגט דאָרט, ווו ער האָט זיי געפונען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיינער אַ באַקאַנטער ראַזירט זיך אַלע אין דער פרי, און אַז ער האָט זייער אַ סך האָר אין די אויערן...

— זע נאָר, ס׳זידט דאָך — האָט געזאָגט ליזאַ, וואָס איז ערשט אַרונגעקומען. און האָט גלייך געראַטעוועט ס׳טעפּל.

— טאַקע, — האָט געזאָגט וואַלקין — ווו האָסטו אַהינגעטאָן די ספּאַגעטי, ליזעטשקע? און וויפל האַלט דער זייגער, ליזעטשקע? אַיאַ, איך זע אויס מיד, ליזעטשקע?

ליזאַ האָט מיט איין האַנט געוואָרפן די ספּאַגעטי אין טאָפּ אַריין, מיט דער אַנדערער אים אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן... און געזאָגט „גאָט מיינער! וואָס פאַר אַ שלעכטע באַלעבאָסטע דו ביסט!" מען האָט געקענט מיינען, אַז מיט דעם וואָרט „גאָט" מיינט זי דאָס אים — וואַלקינען.

די וואַנץ איז דערוויל אַראָפּגעפאַלן גלייך אויפן בעט אַרויף. איר ציל איז געווען דערגרייכט. אמת, עס האָט געקאָסט מי און כוח, אָבער ס׳איז ווערט געווען. איצט וועט זי ערשט קענען לעבן!

# מלך־מעשיות

# אַפּנאַרערס

דער מלך האָסאַד איז נישט געווען ווי אַלע אַנדערע מלכים — ער האָט געהאַט ס׳אויער ביים טיר־לעכל פון זיין מדינה און זיין אויג האָט ווי בלאָער האָריזאָנט אַלצדינג אַרומגענומען.

איין מאָל איז דער מלך האָסאַד געוואָר געוואָרן, אַז ערגעץ אין אַ ווינקל פון זיין וויטן לאַנד געפינט זיך אַ שטאָט, וווּ די מענטשן האָבן געמאַכט אַ מידה פון ליגנזאָגן — נישט דאָס ווייסע ליגנזאָגן, וואָס קומט פון נויט און גייט צו ברויט, אויך נישט דאָס שוואַרצע ליגנזאָגן, וואָס קער צו די שוואַרצע קינצלער, נאָר דאָס גרויע ליגנזאָגן, וואָס קומט פון אָפּגע־לאָזנקייט און פוילקייט.

נעמט דער קעניג און טוט זיך אָן אין גרויע ציווילע קליידער, ער לאָזט זאָטלען אַ גרוי פערד, עס זאָל זיך נישט צו פיל אָנזען דאָרט און — באַגלייט פון זיין „אַגיטאַנט״ לאָזט ער זיך אין יענער שטאָט אַריין ביים ברעג פון זיין מדינה.

רייט ער זעקס טעג און זעקס נעכט, אויפן וועג נעמען אים איבער גרויסע ווינט־שטורעמס, אויפן הימל העגנען פינצטערע טאָלן אין די לע־כער פון די כמאַרעס, און די לבנה לויפט, ווי אַ געיאָגטע, ווי אַ געהעצטע אין אַ שלאַכטפעלד.

נאָר אַזוי ווי אַלצדינג אין דער וועלט, וואָס הייבט זיך אָן, האָט אַ סוף, איז דער מלך מיט זיין אַגיטאַנט ענדלעך אָנגעקומען נאָענט צו יענעם שטעטל.

ביים אַריינפאָר־שלאַק האָט דער מלך געזען אַ הילצערנע האַנט, וועלכע וויזט, אַז דער וועג קיין עמעסשטאָט (אַזוי האָט זיך די שטאָט גערופן!) איז אַהין און אַהין.

האָט דער מלך אַ קלוגן שמייכל געטאָן אין דער באָרד אַריין און געזאָגט:

— לאָמיר זיך פאַרנעמען אַהער און אַהער — וואָרין אַהין און אַהין פירט מסתם אַרויס פון עמעסשטאָט...

אַזוי איז טאַקע געווען. באַלד איז דער מלך געשטאַנען אין מיטן עמעסשטאָט — לעבן אַ ברונעם, ווו קי און מענטשן האָבן זיך געטאָפּ־טשעט. נישט ווייסנדיק, אַז דאָס איז דער מלך מיט זיין אַגיטאַנט, האָבן זיך אַלע גענומען נאָכפרעגן ווער מען איז און וואָס מען טוט און וואָס דאָס שליחות איז? דעם מלכס אַגיטאַנט האָט געוואָרפן אויף די אַלע פראַגעס אַ נעפּל פון ענטפערס, וואָס זענען געווען אי העפלעך, אי זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט.

רופט זיך אָן איינער פון די אַרומשטייענדיקע — פלימפּנדיק דאָס העגטל פון פלימפּ:

— ביי אונדז איז טאָג — טאָג.

— און נאַכט — נאַכט — פאַרענדיקט פאַר אים דער אַגיטאַנט.

— און וויפל האַלט דער זייגער אין אייערע מקומות? — פרעגט דער עמעסשטאָטער.

— עס ווענדט זיך! — מאַכט דער אַגיטאַנט — אונדזערע זייגערס שטייען נישט אויף קיין אָרט.

— און ביי אונדז זעט איר — מאַכט דער עמעסשטאָטער — איז שטענדיק זייגער צוועלף...

— הם... — מאַכט דער מלך.

— הם... — מאַכט דער אַגיטאַנט.

— הם... — מאַכט דער עמעסשטאָטער — איר מעגט עס טאַקע נאָך אַ מאָל זאָגן, אונדזערע זייגערס בייטן נישט אילע מינוט זייער מיינונג.

— און וויפל איז ביי אייך צוויי מאָל צוויי? — מאַכט דער מאַן פון עמעסשטאָט.

— פיר — ענטפערט דער אַגיטאַנט. — נו און ביי אייך?

— ביי אונדז — ענטפערט דער עמעסשטאָטער — איז ווי אַ מאָל.

עס ווענדט זיך. אויב עס רעגנט אין דרויסן איז צוויי מאָל צוויי — איבער געננג! און אויב די זון שיינט — איז אַ ביסל מער...

— הם... מאַכט דער מלך און שמייכלט. דערנאָך גיט ער אַ פרעג:

— און ווי איז ביי אייך ס׳לעבן ב׳אַלגעמיין?

— ביי אונדז — זאָגט דער עמעסשטאָטער און קייט אַ שטרוי, וואָס ער האָט אַרויסגעצופּט פון אַ פורל — ביי אונדז ס׳לעבן ב׳אַלגעמיין איז נישט שלעכט, און נישט גוט, און נישט מיטלמעסיק, נאָר אַזוי זיך... און אַ מאָל דאָס אויך נישט...

— איר זענט צופרידן מיט אַזאַ לעבן? — פרעגט דער מלך און שפּרינגט אַראָפּ פון פערד און גלעט דאָס איבערן קאָפּ.

— איכ׳ל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת — מאַכט דער עמעסשטאָטער — מ׳קען נישט זאָגן, אַז מיר זענען יאָ צופרידן און מ׳קען נישט זאָגן, אַז מיר זענען נישט צופרידן, נאָר זאָגן ווידער, אַז מיר זענען אומצופרידן קען מען אויך נישט זאָגן, כאָטש אָפּלייקענען עס, איז אויך שווער... ס׳איז ווי איינער טייטשט עס אויס.

— אייער מלך האָט איר אַ מאָל געזען? — פרעגט אים דער קעניג און דרייט זיך מיטן פנים צום אַגיטאַנט אַ ביסל פאַרשעמט פון דער פראַגע...

— ס׳אַ שאלה! מיר זעען אים כמעט אַלע צוויי וואָכן — ענטפערט דער עמעסשטאָטער — ער קומט אַהער צו אונדזער צעפּטער־שמיד פאַרריכטן דעם צעפּטער... און אַז אַ שיף זיינע ווערט צעבראָכן, שיקט ער אַהער נאָך אונדזערע מאַסט־מייסטערס און שטריק־מייסטערס און קאַלקע־מייסטערס.

— ווי אַזוי זעט ער אויס, דער מלך אייערער? — פרעגט דער מלך און ציט זיך אויס אין זיין גאַנצער הויכקייט און לייגט אַוועק אַ צאַרטע האַנט אויף דער לינקער זייט פון זיין טאַליע און די ווייסע האַנט זיינע אויפן בלאָען רייט־ראָק איז ווי אַן אויסגעמאָלענע בלום.

— ער זעט אויס — זאָגט דער עמעסשטאָטער און היקעט און פאַר־פּלאָנטערט זיך אין אייגענעם קול — ווי אַזוי זאָל ער אויסזען? אַ נידעריי־קער אַזאַ, אַ דיקער, מיט אַ הויקערל אויף די פּלייצעס, דערפאַר טאָקע

איז ער אַזאַ בייזער, אַזאַ שלעכטער, — מאַכט ער — ווייל ער איז אַ הויי־קער... אַזוי זאָגט מען — גיט דער עמעסשטאַטער זיך אַ כאַפּ, — איך זאָג עס נישט... איך פון מיין זייט, מאַכט ער, זאָג גאָר נישט. איך זאָג נישט יאָ און זאָג נישט ניין, און אַפילו „אפשר" זאָג איך אויך נישט...

אַז דער מלך האָט דאָס דערהערט איז ער געוואָרן רויט פון בושה און געפרעגט:

— אַז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אמת, פאַר וועלכן מענטשן קעמפן און שטאַרבן, האָט איר געהערט?

— ...פעס יאָ געהערט — מאַכט דער מאַן — און נישט געהערט. וואָס איז דען? ס'העלפט דען צו פּרנסה?

— צו פּרנסה — מאַכט דער מלך — ווייס איך נישט צי סע העלפט, אָבער, אַז איר שטאַרבט פאַרן אמת שטעלט מען אייך אַ דענקמאָל, די וועלט קלינגט מיט אייער נאָמען, מאַמעס בענטשן זיך אין אייך.

— איר זענט פון אונדזערע קאַנטן? — פרעגט דער מאַן — צי פון ווייט?

— פון ווייט...

— אויב אַזוי — מאַכט דער מאַן, דערנענטערט זיך צום מלך און שעפּטשעט אים אַריין אין אויער אַריין:

— זייטס נישט קיין... נאָכן טויט פעלט מיר מער נישט נאָר אַ דענקמאָל... ווען מ'גיט ביים לעבן אַ באַלוינונג פאַרן אמת, זעט איר, וואָלט עפּעס אַנדערש געווען. אָבער נאָכן טויט... (נאָך אַ מאָל) זייטס נישט קיין — —

דער מלך האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געפרעגט די לעצטע פראַגע:

— נו, און באַפרייט זענט איר כאַטש? און צו עסן האָט איר כאָטש?

— שייך?... וואָס דען? — האָט געענטפערט דער עמעסשטאַטער און זיך באַקוקט דאָס האַלב־נאַקעטע לייב — מיר האָבן פלעגנטי צו עסן און צו טרינקען און קיין קליידער פעלן אונדז חלילה נישט... אונדזער לעבן — מאַכט ער, איז איצט אַ סך בעסער און פריילעכער, ווי עס וועט זיין... לאָמיר זאָגן, איבער אַ יאָר... ביי אונדז, מאַכט ער, טאַנצט מען כסדר און

מ׳זינגט לידער... נאָר וואָדען... — מאַכט ער און פאַרהיקעט זיך אַ ביסל.

— נאָר וואָדען? — פרעגט דער מלך.

— זעט איר — מאַכט דער עמעסשטאָטער — ווען איר קענט אונדז צושיקן פון אייער קאַנט אַ פעקעלע מיט עסן אָדער אַ פּאָר הויזן, אָדער אַ העמד, וואָלט איך נישט באַדאַרפט פאַסטן אום יום־כיפור... — און ער האָט זיך געוואָלט צעוויינען. נאָר אַרומקוקנדיק זיך און זעענדיק, אַז מענטשן זעען, האָט ער פאַרשמירט דאָס נישט־אויסגעבראָכענע געוויין מיט אַן אויסגעבראָכן געלעכטערל, און מיט צעריסענע שיך און צעפליקטע הויזן זיך געשטעלט טאַנצן אין דער קאַלטער בלאָטע...

## דער פילאָזאָף בייגט זיך

צום מלך האָסאַד האָט זיך געמאָלדן דער פילאָזאָף אַנקאַרטעס. און ווי די פירונג פון קיניגליכן הויף האָט געפאָדערט, האָט יעדער, וואָס איז געקומען צום מלך, געמוזט קניִען לעבן ערשטן טרעפּל פון טראָן.

דעם מלך האָסאַד איז אָבער נישט אָנגעשטאַנען, אַז חכמה זאָל זיך אַראָפּלאָזן אויף די קני פאַר מאַכט, און ברעכן דאָס געזעץ פון הויף האָט ער אויך נישט געוואָלט, האָט ער געהייסן די ערשטע טרעפּ פון טראָן איבערציִען מיט שפּיגלגלאָז.

אַז דער פילאָזאָף אַנקאַרטעס איז ענדלעך געשטאַנען פאַרן מלך האָסאַד אויף דער קני, און באַלד ווי יענער האָט פאַרענדיקט די באַגרי־סונג, האָט זיך דער מלך האָסאַד צו אים אָפּגערופן:

— אַ דאַנק דיר, מיין גרויסער, געלערנטער פריינד, פאַר דיינע ווער־טער — שטיי אויף!

דער מלך האָט אויסגעשטרעקט דעם צעפּטער, דער חכם אַנקאַרטעס האָט עס אָנגערירט מיט די שפּיץ פינגער און האָט זיך געשטעלט לינקס פון מלכס טראָן, ווי לויט נאָך דער פאַרשריפט.

מאַכט צו אים דער מלך האָסאַד אין גוטן מוט:

— ווייסטו כאָטש צו וועמען דו האָסט געקניט, גרויסער אַנקאַרטעס?

דער פילאָזאָף אַנקאַרטעס האָט זיך דערשראָקן און געענטפערט אונטערטעניק:

— פאַר דיר, מלך האָסאַד!

— האָסט אַ טעות, חכם! — האָט אים דער מלך צאַרטמוטיק געענטפערט — נישט פאַר מיר, וואָס איך שטעל מיט זיך פאַר מאַכט, נאָר פאַר דיין קאָפּ, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר וויסן האָסטו געקניט... גיב אַ קוק וועסטו זען, אַז איך האָב דיר אַ שפּיגל אונטערגעלייגט — דו זאָלסט קניִען צו דיין אייגן געשטאַלט...

דער פילאָזאָף האָט געשמייכלט אין זיין מילכווייסער געקרייזלטער באָרד אַריין, דורכפירנדיק דורך איר זיין האַנט, וואָס איז געווען פול מיט שווערע אָדערן, ווי אַ פידל מיט בלאָע סטרונעס.

שטילקייט.

דערנאָך רופט זיך אָן דער מלך:

— גרויסער פילאָזאָף אַנקאַרטעס, וואָס דיין שם איז ווי בוימל דערשווימען צו מיר אויף די וואַסערן פון צייט, זאָג מיר עפּעס פון דיין חכמה, וואָס זאָל קרעפטיקן מיין האַרץ און מעכטיקן מיין מוח — פון דיין לויטערן קוואַל טרינק מיך אָן, איך זאָל ווערן דערפרישט.

האָט דער פילאָזאָף געטראַכט אַ ביסל און געזאָגט, און זיינע שלייפן האָבן דייטלעך געשיינט מיטן ליכט פון חכמה:

— אדוני מלך, אויף וועלכן פידל זאָל איך שפּילן צו דיר, דעם מעכטיקן האַר? זאָל איך דיר שפּילן אויף אַ פידל פון גאָלד, וועסטו זיך אפשר פאַרקוקן אויפן פידל און נישט הערן די מעלאָדיע. זאָל איך דיר ווידער שפּילן אויף אַ פידל פון האָלץ, האָב איך מורא, אַז דאָס וועט אפשר זיין אַ מינערונג פון דיין כבוד (וואָרין אויף האָלצפידלען שפּילט מען דאָך פאַר בעטלערס אויך!).

דער מלך האָט באַגריפן דעם קלוגן משל און געזאָגט:

— שפּיל פאַר מיר דאָס טיפסטע, וואָס דו האָסט און אויב אויף אַ פידל פון גאָלד, וועל איך די אויגן פאַרמאַכן — איך זאָל נישט געשטרויכלט ווערן אין נאַרישן זעען, דאָרטן ווו עס גילט בלויז דאָס קלוגע הערן.

אַוודאי האָט דער פילאָזאָף גלייך פאַרשטאַנען דעם מיין דערפון, האָט ער גענומען אויסלייגן פאַרן מלך זיין פינקלדיקע חכמה איבערן זין פון לעבן און פון טויט, איבער דעם אייביקן נעפּל, וואָס הילט איין אַלע שליאַכן פון גייסט און וואָס זיין צוועק איז נישט (ווי מענטשן מיינען) צו מאַכן טונקל, נאָר צו מאַכן ו ו י י ך...

ווי פון שפּולן מיט זייד־פעדעם און אַלערליי קאָלירן האָט דער פילאָזאָף אַנקאַרטעס אויפגעוויקלט פאַרן מלך די שפּינונג פון זיין חכמה, עס איז געווען אַזוי דין און אַזוי ליכטיק און עס האָט אַזש שעמערירט, און ווען נישט די נעפּל־ווייכקייט וואָס דאָס זיסע קול פונעם פילאָזאָף האָט גע־צויגן איבער די אַלע בלענדנדיקע געדאַנקען, וואָלט נישט מעגלעך געווען די אויגן אָפּצוהאַלטן.

דער מלך איז געווען פאַרבליפט, ער האָט געזעסן מיט אַן אָפן מויל און געהאָרכט און געהאָרכט, איינשלינגענדיק יעדעס וואָרט מיטן גאַנצן גוף און מיט דער גאַנצער נשמה.

אַז דער פילאָזאָף איז פאַרטיק געוואָרן, האָט דער מלך געהייסן ברענגען וויין און פירות. אַז דער פילאָזאָף אַנקאַרטעס האָט געהאַלטן פאַרן מויל אַ שטענגל מיט בורשטינענע ווייַנטרויבלעך, האָט דער מלך אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— נישט אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט, גרויסער חכם, האָב איך פאַר־שטאַנען. אָבער דעם קלאַנג פון דיין קול האָב איך געפילט דורכויס, און דאָס איז אַזוי פאַרטרעפלעך, אַז איך בין אַנגעשיכורט דערפון ווי פון וויין, אָדער ווי פון שיר־השירים...

שטילקייט.

דעם מלכס ראָסט־בלאָנדע באָרד האָט זיך איבערגעלייגט אויף דער מילכווייסער באָרד פונעם פילאָזאָף — ווי אַ קרייץ וואָס איין שטיק איז פון זילבער און ס'אַנדערע פון גאָלד...

חכמה האָט זיך געקושט מיט מאַכט...

און דער קלאָרער טרעפּ־שפּיגל האָט אָפּגעשפּיגלט דעם נייעם דרך־העולם, דעם איבערגעוווּנענעם...

## דער גאָרטן מיט גאָלדענע עפּל

דער מלך האָסאַד האָט אַ גרויסן פּרוכטגאָרטן, אין וועלכן עס האָבן — אַ חוץ אַנדערע שיינע פּירות — געוואַקסן די בעסטע עפּל אין לאַנד.

דער מלך האָט זייער ליב געהאַט עפּל, ווייל ער האָט געוווסט פונעם שפּריכוואָרט, אַז עפּל זענען די שטיינער, וואָס פאַרטרייבן קראַנקייטן, און — טאַקע אַזוי אויך, אַ חוץ אַלע זאַכן, שטאַרק ליב געהאַט אַריינצובייסן מיט אַלע ציין אין אַ געשמאַקן עפּל, פון וועלכן דאָס ווייסע בלוט שפּריצט אַזש אַרויס, ווי עס וואָלט זיך געפרייט דערמיט וואָס מען טרינקט עס אויס.

האָט דער מלך נאָר געהאַט אַ פרייע מינוט, פלעגט ער זיך אַרויסכאַפּן אין פּרוכטגאָרטן אַריין, אַרומגיין איינער אַליין צווישן די ביימער, באַטאַפּן זייערע שטאַמען און וואָרצלען, באַשמעקן זייערע בלעטער און פאַרזוכן פון דער און פון יענער פּרוכט, אויסשפּייענדיק יענע וואָס איז אים — נאָכן ערשטן ביס — נישט געפעלן, און עסנדיק געשמאַק יענע, וואָס זענען אים געווען צום טעם און צום גוסט.

— מיר האָבן שוין, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז פון אַלע ביימער פון קעניגלעכן סאָד האָט דער מלך געהאַט צום ליבסטן די עפּלביימער, דאַרפן מיר אייך נאָך זאָגן, אַז פון אַלע ביימער האָט דער מלך צום ליבסטן ליב־געהאַט אַ געוויסן איינגעהויקערטן עפּלבוים, וואָס — איינגעהויקערט און שמייכלדיק מיט גרינער זון, ווי ער וואָלט אָנגענומען פאַר ליב זיין לאַסט און וואָלט נאָך געזאָגט דעם הימל און דער ערד אַ דאַנק דערפאַר — איז ער געשטאַנען אָנגעלאָדן מיט גאָלדענע עפּל — עפּל ווי דאָס ריינע גליק באַהאָנגען מיט בורשטינענע גלעקלעך...

אָט־דער־אַ געלייטזעליקטער בוים האָט זיך געפונען אין ווייטסטן ווינקל פון מלכס גרויסן פּרוכטגאָרטן, וואָס האָט פאַרנומען אַ שטח פון העכער אַ תחום־שבת און אַז דער מלך האָט געוואָלט דאָרט פאַרברענגען, האָט ער זיך פאַרגינען אָפּצורייסן עטלעכע שעה פון זיין קאָסטבאַרער, קרוינפולער צייט — אַ זאַך, וואָס ער האָט נישט געקענט טאָן מער ווי איין מאָל אָדער צוויי מאָל דורכן זומער.

זיצנדיק אַ מאָל אונטערן שאָטן פון דעם־אָ בוים, וועלכן דער מלך האָט אין געדאַנק גערופן דער „עץ־החלום״־בוים, און אַרויפקוקנדיק צו עטלעכע הענגלעך עפּל, וואָס האָבן געוואַקסן עפּעס אַזוי ווי וויינטרויבן, אַראָפּהענגענדיק פון די צווייגן אַזוי ווי ס ע י ג ל ס, האָט ער באַמערקט, אַז די עפּל בייטן צייטנווייז — פון זיך אַליין — די קאָלירן, אָט זענען זיי בורשטיניש געל, און אָט בלאָנד ווי גאָלד...

דער מלך האָט זיך אויפגעהויבן פון אונטערן בוים און — נישט אָנרירנדיק די צווייג אָדער דעם עפּל, האָט ער דייטלעך באַמערקט, אַז די עפּל ווערן אונטער זיינע אויגן פאַרוואַנדלט אין גאָלד, שיינענדיק מיט אַ האַרטן, גאָלדענעם שיין פון געקלאָרטן רויטלעכן גינגאָלד.

אַזוי גיך אָבער ווי דער מלך האָט אויסגעצויגן די האַנט צום עפּל און אים אָנגערירט, איז ער געוואָרן צוריק בורשטיניש־געל, באַקומען צוריק זיין נאַטירלעכן עפּל־קאָליר, און אַז דער מלך האָט אַריינגעביסן אין אים איז ער געווען — וואָס דער אמת איז — זייער אַ געשמאַקער עפּל. אָבער — צו ריינעם גינגאָלד איז דאָס נישט געקומען!

האָט דער מלך אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשטאַנען און געקוקט, האָט ער מהרהר געווען ווי יעדער עפּל אויפן בוים, וואָס באַגעגנט זיך מיט זיין בליק, ווערט גינגאָלד, און די שאָלעכץ ווערט האַרט און מעטאַליש, און דאָס וויגן זיך אויפן שטענגל איז אויך אַן אַנדערער, אַ ש וו ע ר ע ר.

האָט ער ווידער אויסגעצויגן די האַנט, און ווידער דאָס זעלבע: איטלעכן עפּל וואָס ער האָט אָנגערירט האָט מיט־דער־מינוט, מיט־דער־רגע, פאַרלוירן די אייגנשאַפט פון גאָלד און איז געוואָרן אַ פּראָסטער עפּל...

האָט דער מלך אַ זיפץ געטאָן און געטראַכט:

ס׳מוז דאָ זיין אַ כישוף...

און קעגן כישוף־זאַכן האָט דער מלך געוווסט אַ שפּרוך־מיטל — דאָס מיטל איז באַשטאַנען נישט אין אָוועקטאָן דעם כישוף — (דאָס קען נישט, ווי באַוווסט, קיין שום בן־אדם!), נאָר ווי אַזוי איבערצובייטן אים, דאָס הייסט: מאַכן ער זאָל איבערבייטן זיינע צוויבער־אייגנשאַפטן אויף פּונקט פאַרקערט, וואָס דער כישופמאַכער איז אויסנגעווען...

דער מלך האָט זיך געפּרווט דערמאָנען אין דעם שפּרוך און ער

האָט נישט געקענט. ענדלעך האָט ער זיך דערמאָנט — נאָר ס'איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען עטלעכע שעה און ס'האָט גענומען צופאַלן די נאַכט. האָט דער מלך אָפּגעזאָגט דעם שפּרוך זיבן מאָל, ווי עס האָט זיך געפאָדערט, און גלייך נאָך דעם גענומען אויסשטרעקן די האַנט, אַראָפּ־געצויגן די צווייג מיט די גאָלדענע עפּל, וועלכע ער האָט צו זיין דער־שטוינונג — באַמערקט, אַז זיי בייטן נישט זייער קאָליר און זיי בלייבן טאַקע גאָלד און גין...

באותו הרגע איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעמווינט, און דער מלך אין איינעם מיטן בוים פון די גאָלדענע עפּל איז פאַרטראָגן געוואָרן אויף אַ ווייספּע.

אין דער ווייספּע איז דער בוים געבליבן שטיין, אויסגעצויגן ווי אַ לעבעדיקער מענטש; זיינע וואָרצלען האָבן גענומען פאַרפלעכן מיט די הענט, זיך איינגראָבנדיק טיף אין דער ערד אַריין, און דער מלך אַליין איז געבליבן הענגען אויף דער צוויַיג פּונקט אין יענער רגע ווען ער האָט זי אָנגעכאַפּט אויף אַראָפּצוקריגן די גאָלדענע עפּל...

די נאַכט איז געווען וואַרעם, פול מיטן ריח פון באַלזאַם, וועלכער איז, דאַכט זיך, געקומען פון די שטערן... די ערד פון דער ווייספּע איז געווען אויסגעבעט מיט אַ גרינעם מאָך ווי גרינוויסער פּוך.

איז דער מלך אַזוי אָפּגעשלאָפן אַ שעה און געוואַרט עס זאָל ווערן טאָג. ער איז אָפּגעשלאָפן נאָך אַ 9 שעה, און נאָך צוויי מאָל 9, און ווידער איז קיין טאָג נישט געווען. ערשט אויף דער זעקס־און־זיבעציקסטער שעה האָט אָנגעהויבן וו̇ערן אַ ביסל ליכטיקער. די פייגל (אַלע פון געשליפענעם גאָלד מיט דימענטענע אייגעלעך) האָבן גענומען שפּילן, און דער מלך האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרוואָרפן אין עק וועלט, ווו די נאַכט גע־דויערט 3 מעסלעס דורכאַנאַנד.

דער מלך איז געווען זייער הונגעריק, ווייל ער האָט העכער 3 מעס־לעס נישט געהאַט גאָר נישט אין מויל. האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער ליגט אונטער אַן עפּלבוים און ער האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן — אָפּצורייסן אַן עפּל.

קוקנדיק וועלכן עפּל אָפּצורייסן פריִער, האָט ער באַמערקט, אַז די

גאָלדענע עפּל ווערן אונטער זיין בליק פאַרוואַנדלט אין געוויינלעכע רענעטן, וואָס מ׳קען עסן און ער האָט זיך ווידער דערפרייט. אָבער אַזוי גיך ווי דער מלך האָט זיי אָנגערירט מיט דער האַנט, זענען זיי געוואָרן צוריק גאָלד...

אפשר הונדערט מאָל נאָכאַנאַנד האָט דער מלך געפּרוּווט אָפּרייסן אַן עפּל צו שטילן זיין הונגער, אָבער די אַלע געשמאַקע, זאַפטיקע עפּל, וואָס זענען אונטער זיין אויג געווען די זעלבע בורשטין־קאָלירטע, מחיה־נפשותדיקע רענעטן, ווּעמענס טעם און ריח ער האָט אַזוי גוט געקענט, זענען אונטער זיין האַנט — געוואָרן גאָלד...

האָט זיך דער מלך דערמאָנט אינעם שפּרוך זיינעם, מיט וועלכן ער האָט איבערגעקערט דעם כישוף, אָבער קיין צוריק־שפּרוך האָט דער מלך נישט געוווּסט. האָט ער פאַרשאָלטן די מינוט ווען עס איז אים אַריין אין זינען זיך צו דערטשעפּען מיט אַ כישוף... און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטראָפט אים דער מלך־מלכי־המלכים פאַר דער זינד פון האָבן גרויסע אויגן, פאַר דער תאווה צו גאָלד און צו עשירות.

האָט דער מלך גענומען זייער שטאַרק וויינען, איז אַראָפּ אַ בליץ פון הימל און צעשפּאָלטן דעם בוים אויף צווי העלפטן אין דער לענג... די לינקע לענג פון בוים איז געפאַלן האַרט לעבן מלכס קאָפּ, וועלכער איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות פון יאוש און פון הונגער...

אַז דער מלך האָט זיך אויפגעכאַפּט איז די וויע פון זיין אויג געלעגן אויף אַ זייער לענגלעכן עפּל, וועלכער האָט געגרייכט ביז צום הימל, און פון וועלכן דער מלך האָט געגעסן און געגעסן — ביז ער איז זאַט געוואָרן און דער עפּל איז אַלץ נישט געוואָרן קלענער און נישט גאָלדענער — ווייל ער איז געווען אונטער זיין אויג...

מיט עטלעכע שעה שפּעטער זענען אָנגעקומען באַריטענע הויפלייט, וועלכע האָבן דעם מלך שטאַרק אַרומגעזוכט די אַלע 4 טעג מיט 4 נעכט. זיי האָבן אים געפונען אַן אָפּגעשוואַכטן, אָבער אַ געזונטן, און זיי האָבן אים אַריינגעזעצט אין אַ קאַרעטע און אַוועקגעפירט צוריק אין פּאַלאַץ אַריין, ווו אַלע האָבן שוין אַרויסגעקוקט אויף אים די אויגן און אים געגריסט מיט פאָנען און מיט געזאַנגען...

נאָר אַז אונדזער מלך האָט אין יענעם טאָג געוואָלט אָנטאָן די גאָלדענע קרוין, איז ער באַשטאַנען דערויף, אַז מ׳זאָל אויפן שפּיץ פון קרוין אַרויפ־שטעקן אַ לעבעדיקן עפּל, צום צייכן, אַז גאָלד איז נידעריקער פון פּרוכט און אַז נישט צו אַלצדינג, וואָס דאָס אויג זעט אין זיין באַשטענדיקן חלום, דאַרף זיך די האַנט אויסציִען...

## פּריוואַטע געדאַנקען

אין מלכס גאָרטן האָט געבלאָזן אַ קילער פאַרנאַכט און די שפּעטע רויזן האָבן זיך געשיילט אין ווינט.

דער מלך מיטביידע הענט אין די ברייטע אַרבל פון זיין אָוונט־מאַנטל — איז געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, לעבן די קאַרטשעס מיט רויזן „סאַמעט־אויגן", „לילפּעכערס" און אַנדערע געבליִונגען. דער דופט האָט זיך געצויגן ווי אַ זיסע דערמאָנעניש פון עפּעס אַ שיינקייט־זאַך, וואָס מ׳האָט קוים־קוים אַ מאָל צום ראַנד פון געדאַנק אַרויפגעבראַכט...

דער מלך האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט געטראַכט. אַן איינ־זאַמע פליס־וואָלענע ווייסע כמאַרע, וואָס איז געלעגן אויפן הימל, ווי אַ געבונדן לעמעלע, וואָס מ׳האָט געבונדן צו דער שחיטה. נאָענט פון אים האָט געגליט אַ לאַנגער פּאַס פון שקיעה, ווי אַ חלף, וואָס איז פאַרבלו־טיקט פון דער כוונה אַליין...

איבער דער גאַנצער ערד איז געלעגן אַ צאַרטע אויפדערנאַכטיקע רויט־בלאָלעכקייט און די שאָטנס פון זאַכן זענען געוואָרן אַלץ קירצער און קירצער, אין דער מאָס, וואָס די בענקעניש פונעם מענטש איז געוואָרן אַלץ לענגער און לענגער.

פּלוצעם האָט דער מלך באַמערקט, ווי אַ הינטל לויפט נאָך דעם אייגענעם האָוקע, האָוקעט אויף דעם און וויל עס כאַפּן, קען עס נישט, האָוקעט עס נאָך מער... עס פאַרפּלאָנטערט זיך אין אייגענעם בילעניש, ווערט בייז ווי אַ רוח, נעמט זיך וואַלגערן אין מיטן שטויב, אויפהייבנ־

דיק די פיסלעך צום הימל, וואָרטנדיק הפּנים, אַז עמעצער — אפשר זיין רייכע באַלעבאָסטע — זאָל קומען אים גלעטן אין בייכל, אים איינגעמען, אים באַרויקן...

אַז קיינער קומט נישט, הייבט זיך ס׳הינטל אויף, מאַכט־אויף ס׳מויל מיטן ווייסן בערדל (אין גאַנצן זעט עס אויס ווי אַ לענגלעך בערדל אויף 4 פוטערנע דינע פּיסלעך) וויל געבן אַ האַווקע, נאָר איז זיך מיישב און טוט עס נישט. עס גיט בלויז אַ פּאַרקער מיטן עקל — אַהין און קריק, ווי אַ פינגער וואָס זאָגט: „איר זאָלט זיך נישט דערוועגן!״ — און קריכט אַוועק ווי אַן אָפּגעשמיסענער פון זיך אַליין.

דער מלך פאָלגט נאָך די אַלע מאַריאָנעטיש־קאָמישע פּלאַסטיק פון דעם הינטל און שמייכלט...

דעם מלך קומט אויפן זינען, אַז פּונקט ווי ס׳הינטל האַווקעט אויפן אייגענעם קול, אַזוי גיט זיך אַ מאָל אויס מענטשן, וואָס לויפן־נאָך דעם אייגענעם טומל, מענטשן וואָס שטעלן זיך אַליין מיט דער פּלייצע צום פּענצטער און שרייען מ׳זאָל זיי נישט פאַרשטעלן ס׳ליכט און אַז די וועלט איז היינט עפּעס טונקעלער ווי אַ מאָל...

דער מלך קוקט אויף דעם וואָלקנלעמעלע אין הימל וואָס איז שוין איצט נישט קיין לעמעלע, נאָר אַ פּאַסטעך־שטעקן מיט אַ קרוק... פאַר זיינע אויגן בייט זיך דאָס וואָלקנבילד.

דער שטעקן ווערט לענגער, גלייכער און דער קרוק ווערט דינער, ווערט מאַטער, ווערט אויסגעלאָשן. פון דעם מיסטישן פּרעגצייכן איז איצט געוואָרן אַן אויסרופצייכן.

דער מלך טראַכט מיט די דין־דינסטע געדאַנקען, ווי שטאָל־ראַדי־רונגען, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן איז נישט קיין שאלה, נאָר אַ תשובה. עס איז נישט קיין געדרייטער קרוק, נאָר אַ גלייכער, שמעקעדיקער פּאַסטעך־שטעקן — אַן אויסרופצייכן ווי אַ בליץ! אין איינעם מיטן אויס־רופצייכן בליצט אַלץ אַוועק — אויך די ביקס פון די חושים, באַלאָדן מיט מיליאָנען שרויט־פּראָגן, ביטערע, טויטלעכע...

דער מלך טראַכט:

צי קען איך זיך אַליין? צי וויס איך ווער איך בין?

און ענטפערט זיך אין ווייכער, קלאַנגלאָזער, ווערטערלאָזער מעלאָדיע:
— מה דאָך, אַז מיינע נאָענטסטע מיניסטוירים און יועצים, וועלכע קענען מיך אַזוי גוט, פאַרשנדיק יעדעס פינטעלע פון מיין לעבן, פון מיינע קאַפּריזן — קענען מיך נישט גוט, טאָ ווי אַזוי זאָל איך מיך אַליין קענען — וואָס איך מוז אָנווענדן מיין גאַנצן כוח אויף צו פאַרשן אַנדערע, און צו באַקענען זיך מיט זיך אַליין בלייבט קוים צייט?!
אין קעניגס גאָרטן האָבן זיך געשיילט די רויזן אין ווינט. דער קנויט פון טאָג איז אויסגעגאַנגען. קליינע ווידערשיינען האָבן בלויז אָנאָטעמדיק־האַסטיק געפלאָמט און געצאַפּלט אין די לעצטע שיינקייט־מינוטן פון לעצטן היינט און די לופט איז געוואָרן קיל...
דער מלך איז אַריינגעגאַנגען צוריק אין פּאַלאַץ אַריין און זיך געזעצט פאַרצייכענען זיינע געדאַנקען ביים ליכט פון דער שפּאָגל־נייער לבנה, וואָס האָט איצט אַריינגעשיינט אין די פענצטער פון קעניגלעכן טראַכט־זאַל...

## דער משפט

דער מלך האָסאַד — פאַרשטעלט אין די קליידער פון אַ בעטלער — איז געזעסן אין געריכט פון אַ פּאַרוואָרפענער שטאָט אין זיין ברייטן לאַנד און זיך צוגעקוקט ווי דאָ וועט פאַרקומען אַ משפט.
דאָס געריכט איז געווען געפּאַקט. פויערטעס מיט קאָשעקעס אונטער די אָרעמס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוואָקעט הענער, און פויערעמלעך מיט באַוואַקסענע פּנימער און מיט גרין־פאַררויכערטע נעז פון שמעקן טאַבעקע, האָבן אָנגעשטאָפּט דאָס געריכט־הויז ביז צו דער טיר — ווי אַ ברודיקן קאַמזויל אַ געבלימלטן...
דעם מלך איז געווען שווער צו פאַרטראָגן די אומריינע לופט, דאָס געשריי און דעם טומל, און געטראַכט האָט ער ביי זיך, אַז נישט אַזוי דאַרף אויסזען אַ געריכטס־זאַל, און אַז פונקט ווי ריינע לופט רייניקט

און שטאַרקט די געדאַנקען פונעם מענטשן, אַזוי שוואַכט די אומריינע לופט אָפּ דעם מוח, פאַרנעפּלט און פאַרמאַטערט אים, און אַרויסגיבן אַ קלאָר־באַזאַכטן משפט אין אַזאַ אָרט איז שוין במילא נישט גרינג, אַפילו ווען די ריכטער זאָלן זיין שלמה המלך אַליין...

אָבער דער ריכטער איז נישט געווען קיין שלמה המלך אַליין. ער איז געווען אַ מענטשל פון פּראָסטן שניט, נישט שטאָלץ און שטאַרק מיט דער ווירדע פון זיין אַמט, נאָר אָנגעבלאָזן ווי אַ נאַרישע פּאַווע, און פּונקט ווי דער פעבער פון דעם גאָלדענעם פויגל פאַרשטעלט אָפּט אירע מיאוסע, נאַקעטע פיס (און אַנדערע טיילן לייב), אַזוי האָט די פאַרביקע אָנגע־בלאָזנקייט פון דעם ריכטער, וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט, פאַרשטעלט די ליידיקייט און נאַקעטקייט פון זיין האַרץ און פון זיין נשמה...

דער מלך האָט שטילערהייט זיך דורכגערעדט מיט זיינע באַגלייטער און כאָטש אויך זיי האָט געמלייעט אויפן האַרצן פון דער פאַרדאָרבענער לופט פון געריכט־הויז, האָט דער מלך פונדעסן באַפוילן צו בלייבן און זעען ווי דאָ ווערט יושר אויסגעטיילט צום געמיינעם פאָלק.

באַלד האָט איינער אַ מענטש אויפן באַלעמער אַ קלאַפּ געטוען אַ האַנט אין שטענדער מעלדנדיק, אַז דאָס געריכט גייט, און אַלע וואָס זענען געזעסן אויף די בענק און אויף די פענצטער־געזימסן האָבן זיך אויפ־געשטעלט און די שטייענדיקע פּויערים און פּויערטעס, וועלכע האָבן געזען די ריכטער אַריינקומען, זענען שנעל געלאָפן פאַרכאַפּן ליידיקע פּלע־צער אויף די בענק, כדי ווען מ׳עט אַ קלאַפּ־טאָן אין שטענדער, זאָלן זיי זיך קענען אויפשטעלן און אָפּגעבן כבוד דעם געריכט, ווייל אָפּגעבנדיק כבוד דעם חוק און משפט פונעם לאַנד, האָבן זיי געשפּירט, אַז זיי טוען אָן די קרוין פון כבוד אויף זיך אַליין — אויף די איינציקע ציגל, וואָס אַלע אין איינעם שטעלן זיי צונויף די הערלעכע געביידע פון יושר און אמת...

נאָכן פייערלעכן אויפהייבן זיך, האָט מען זיך צוריק אַוועקגעזעצט — וואַכעדיק און טומלדיק, ווי פריער... די הינער האָבן ווידער אַרויסגעג־קוואַקעט און די שטרויענע קיישלעך, וואָס די פּויערטעס האָבן געהאַלטן אונטער די אָרעמס און די גרין־פאַררויכערטע נעז פון שמעקן טאַבעקע האָבן ווידער געפוצט די נעגל פון די גראָבע פינגער, ווי לאָפּעטעס אויף

אַריינצושפּאַרן טאַבעקע אין די נאָזלעכער אַריין, וועלכע האָבן גלייך אויפן אָרט טאַקע אַרויסגעגעבן אַ שפּריצנדיק קבלה־צעטל, אַז זיי האָבן דער־האַלטן די סחורה און עס לעבט זיך זיי זייער גוט, הלוואי ווייטער, נאָר מיט פּרנסה...

ביי אַנדערע פּויערים האָבן זיך די מיילער געריוכערט מיט טשאַדנ־דיקע ליולקעס, וועלכע זיי האָבן געשטופּט אין זייערע אייגענע רייד אַריין ווי זיי וואָלטן זייערע אייגענע ווערטער געוואָלט פאַרשטאָפּן ס׳מויל מיט רויך פון טוטין.

דער מלך מיט זיינע באַגלייטער האָבן זיך געפילט זייער נישט גוט אונטער דעם־אַ מישמאַש פון טומל, רויקייט און אומדרך־ארץ, נאָר זיי האָבן שוין געמוזט זיצן און וואַרטן.

באַלד זענען אַרויפגעקומען אויבן אַן דער באַשולדיקער און דער באַשולדיקטער —ביידע אָרעמע פּויערימלעך, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע, פאַרפינצטערטע, מיט אויסגעדייוועטע, נאַקעטע שאַרבנס, פון וועלכע עס האָט אַראָפּגעהאָנגען איבער די שרויפיקע דאַרע נאַקנס לאַנגע פלאַקסענע האָר ווי ביי מתים, — ביי וועלכע מ׳זאָגט, אַז די האָר וואַקסן נאָכן טויט...

— זאָל דער אָנקלאָגער זאָגן אין וואָס ער קלאָגט אָן! — האָט באַ־פוילן דער הויפּט־ריכטער, אַ שטאָלצער, אַ צעגוידערטער, אַ נישט־אויס־געשלאָפענער — אַריינגעגעצנדיק שוין פון אָנהייב אָן אין דער האַנט אַריין, וואָס איז געווען ווי אַ קישעלע אַזוי ווייס, אַזוי פאַרפרעמדט...

דער אָנגעקלאָגטער האָט זיך פאַרשטאַמלט. דער פּראָקוראָר האָט אים אַרויסגעהאָלפן מיט קרייץ־קשיות, וועלכע זענען געגאַנגען אַהער און אַהין, ווי אַ צלם, לאַנג אין דער לענג און שמאָל אין דער ברייט, און דוקא אינעם שמאָלן שטיקל איז עס געווענדט, צי עס זאָל זיין אַ קרייץ, צי אַ תליה, צי גלאַט אַן אונטערשפּאַר פון קליין אונטער גרויס...

נאָך אַ לאַנגן אַרומרעדן מצד ביידע צדדים און נאָך אַ זילבערנעם אַרומטאַלאַפּען מיטן מויל מצד די אַדוואָקאַטן פון ביידע זייטן — איז דעם מלך און זיינע באַגלייטער קלאָר געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן אַ ציגעלע, וואָס איינער זאָגט, אַז ס׳איז זיינס און דער אַנדערער טענהט, ווי? עס איז גאָר זיינס...

נאָך דעם ווי מ׳האָט אויסגעהערט אפשר 20 עדות, וועלכע האָבן צוליב דעם אמת־זאָגן פאַרלוירן אַ טאָג אַרבעט אין פעלד, אָדער אין וואַר־שטאַט (און אַנדערע האָבן זיך נאָך געמוזט שלעפּן פון די דערפער אַרום און פאָרן אַ גאַנצע נאַכט מיט אַקס!) האָט זיך דאָס געריכט צריקגעצויגן אויף אַ קנאַפּער האַלבער שעה און איז דערנאָך אַרויסגעקומען מיטן פּסק־דין, אַז איינער איז גערעכט און דער אַנדערער איז אומגערעכט...

דער מלך איז געווען זייער פאַראינטערעסירט צו וויסן דורך וואָס פאַר אַ סטעזשקע די ריכטער זענען געקומען צו דעם באַשלוס, האָט ער צוגע־רופן איינעם פון די אַדוואָקאַטן און אים געפרעגט, האָט אים יענער צוריק־געפרעגט: איר זענט אַ היגער? האָט דער מלך געזאָגט, אַז ניין, ער איז אַ צוגערייזטער, ער פאָרט דאָ פאַרביי. מאַכט דער אַדוואָקאַט צום מלך:

— פּסט. קיין אַנדערן וואָלט איך עס נישט געזאָגט, נאָר איר זעט זיך אויס צו זיין אַן אינטעליגענט מענטשל — אַזוי לויטן אָנקוק — מעג איך אייך פאַרטרויען, אַז דאָס געריכט איז בלויז ביי אונדז אַזאַ אויסערלעכע פאָרמע — צוליב טראַדיציע, אָבער זעלטן־זעלטן, אַז די ריכטער אַנטשיידן לויטן דין — ווייל מ׳דאַרף זיך גריבלען אין ביכער און די ביכער זענען אַלע מאַליק, פאַרשטויבט און שווער און שמעקן מיט שימל. משפטן ווידער ריין, לויטן שכל, ווילן זיי אויך נישט, ווייל דאָס איז שוין בפירוש קעגן געזעץ... איז אַ חוץ אין פאַלן, וואָס לייגן זיך גרינג אויפן שכל — אַהער אָדער אַהין, ציט דאָס געריכט געוויינלעך קניפּלעך. בפרט אין דינים פון געלט־זאַכן... ווייל וואָס איז דער חילוק ווער ס׳געווינט — דער צד, אָדער יענער צד?

דער מלך האָט נישט פאַרשטאַנען אַקוראַט, וואָס דער אַדוואָקאַט מיינט מיט זיינע ווערטער „וואָס איז דער חילוק?" האָט ער אים איבערגעפרעגט, האָט אים יענער ווידער געפרעגט: „איר זענט אַ היגער?" (ער האָט שוין הפנים פאַרגעסן, אַז ער האָט דאָס געפרעגט מיט אַ מינוט צוריק). מאַכט דער מלך מיט אַ שמייכל: „כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז אַ צוגע־רייזטער". מאַכט דער אַדוואָקאַט:

— אַך, יאָ. אַנטשולדיקט, וואַרט־צו אַ ווײַלע, וועט איר זען וואָס איך מיין. אָט גיט אַ קוק!

### משה נאַדיר

דער מלך גיט אַ קוק צו דער בימה פון געריכט, זעט ער ווי דער געריכט־דינער ברענגט אַהין אַרויף דאָס באַפרייטע ציגעלע און לאָזט עס דאָרטן איבער און ער גיט דעם ריכטער אַ שטריקל...

דאָס ציגעלע האָט געקוקט מיט פאַרחידושטע אויגן אויפן ריכטער און אַרויסגעלאָזט אַ טרוקענעם מעע ווי אַ שפענדל.

און נאָך אַ מאָל:

— מעעע!

און אַז דער, וואָס דאָס געריכט האָט צוגעפּסקנט, אַז ס'איז זיינס, האָט געפרעגט צי ער קען שוין נעמען ס'קאָזעלע מיט זיך, ווייל ער דאַרף שוין צוריקפאָרן אין דאָרף אַריין, ס'איז שוין שפעט, האָט אים דער ריכטער שטרענג און ברענענדיק־קאַלט אָנגעקוקט, געגעבן 3 טרוקענע קלעפּ אין שטענדער און געזאָגט מיט גרויס פּאָמפּ — כמעט דריי מאָל, ווייל ער האָט גערעדט מיט אַלע 3 ווייבערישע גוידערס זיינע... האָט ער געזאָגט אַזוי:

— דיזענעס ציגעלע בלייבט ביים געריכט פאַר פּסק־געלט. אין משך פון 5 טעג ווערןביידע צדדים אויפגעפאָדערט צושטעלן צום געריכט יעדער צו 5 רענדלעך פאַר די איבעריקע געריכט־הוצאות... דער פאַרהער איז געענדיקט!

דאָ האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלטע אויפגעהויבן פון די ערטער. דער טומל האָט זיך גענומען אַרויסקייקלען אין קאַלטן דרויסן אַרויס און נאָך אים די פּויערים און פּויערטעס, פאַרקלאָגטע, פאַרצאָגטע, פאַרביטערטע און דערשלאָגענע, זיך קראַצנדיק אין די קעפּ און הייבנדיק מיט די אַקסלען:

— מנע!

— איז דאָס די ווירדע פון אונדזער געזעץ? — האָט געפרעגט דער מלך ביי זיינע לייט, אַז זיי זענען געשטאַנען אין קאַלטן, נאַקעטן דרויסן אונטער אַ הימל אָנגעבראַקט מיט קויטיקע שטיקער אייז, ווי די ערד אונטן. נאָר איידער עמעצער האָט אים געקענט ענטפערן, האָט דאָס ציגעלע פאַרכאַפּט פאַרויס און געענטפערט אויף זיין שפענדלדיקן קול, וואָס איז געווען ווי דער קול פון אַ נאַכט־לץ:

— מעעעע!

## „גאָט“ זיצט אויבן

אַ מאָל זענען געווען צוויי ברידער. איינער אַ שלעכטער, אַן אויסוואָרף, האָט נישט געטאָן קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, און האָט זיך נאָר געפּי־לעוועטע ס׳בייכל זיינס. ער האָט פאַרמאָגט קאַסטנס מיט גאָלד, קעשענעס מיט דימענטן, פּאַלאַצן און גערטנער, שטייגן מיט בראַזילישע פּאַפּוגעס, וואָס טראָגן אייגענע האָרנברילן, שטאַלן מיט אונגאַרישע פערד; ער האָט פאַרמאָגט סאַמעט און זייד. בלומים און בשמים... קרישטאָלענע כלים און זינגענדיקן וויין אין הונדערט פעסער...

דער אַנדערער ברודער איז געווען אַ דימענטדיקער מענטש. אַ באַלמע־לאָכע — איינער אין שטאָט, אין זיין פּאַך (אַ בענקלמאַכער). האָט געאַרבעט שווער צו דערנערן זיך און זיין הויזגעזינד — געאַרבעט פון אין דער פרי — אַ בליאַסק אויף טאָג, ביז דער קאַלי־לעמפּל מיט דעם שלעכט פאַרשווי־רענעם שפּיץ פלעגט נעמען שלוקערצן און צאַנקען... און מיט דעם אַלעמען האָט ער קוים פאַרדינט אויף אַ שטיקל ברויט. איז געגאַנגען קריע־בליע, מיטן ווייב און מיט די קינדער, נישט פאַרמאָגט זיין אייגנס וואָס אַ פאָדעם האָט די וועלט.

ביידע, אי דער שלעכטער ברודער און דער גוטער, האָבן געגלייבט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, — אַ גאָט, וואָס זיצט אין הימל און האַלט חשבון, ווען יעדער פּלוי און וואָרעם דאַרף צעטרעטן ווערן... אַ טאַטע, וואָס אַנשטאָט אַליין צו זאָרגן פאַר זיינע קינדער און זיי געבן צו עסן (די לעבעדיקע באַשעפענישן) רייצט ער אַן יאָסעלען אויף יאַנקעלען, יאַנקעלען אויף אַ וואַלפיש, דעם וואַלפיש אויף אַ העכט, דעם העכט אויף אַ קורעסל, דעם קורעסל אויף אַ וואָרעם... ביידע ברידער האָבן געגלייבט, אַז גאָט הערט זיך צו צו די תפילות פון דעם אָרעמען און פון דעם רייכן גליך.

ווי אַזוי קען דאָס אָבער געזיין? אַז דער גאָט פונעם רייכן זאָל אויך זיין דער גאָט פונעם אָרעמען, אַז דער רייכער מיטן אָרעמען זענען זיך גאָר שונאים, און דאָס וואָס עס איז גוט פאַר איינעם איז שלעכט פאַר דעם אַנדערן?

דער רייכער ברודער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט. ער האָט נישט געטראַכט, און ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, צו וואָס טויג עס אים? פון טראַכטן קריגט מען גרויע האָר, און דער רייכער ברודער האָט געציטערט פאַר דער עלטער, ווען ער וועט נישט קענען אַזוי פיל עסן, אַזוי פיל טרינקען, אַזוי פיל הנאה האָבן פון דער שיינער וועלט, וואָס איז אַזוי גוט צו אים...

דער אָרעמער ברודער אָבער, וואָס האָט געהאָרעוועט און איז אויס־געריסן געוואָרן פאַר דעם פּיסנעם שטיקל ברויט, וואָס האָט ווינציק וואָס אָנגעזען די וועלט, ווייל ער איז געלעגן איינגעלייגט אין אַ קעלערשטיבל און זיך געבראָכן איבער הובעל־און־האַמער — אים איז יאָ אַ מאָל געוואָרן ביטער אויפן שכל. און אָפט בעת ער פלעגט זיך אויסגלייכן דעם מידן רוקן, פלעגט ער אַרויפקוקן צום הימל דורך דעם קליינעם פאַרשטויבטן פענצטערל פון זיין קעלער־וואַרשטאַט און אַרויפטראַכטן צו זיין גאָט, דעם פוסטעפּאָס־ניק, וואָס האָט אים מאָל אין זיין גאַנצן לאַנגן לעבן אָפּגעאַרבעט 6 טעג, און איצט לעבט ער כסדר אויף פּראָצענט, איז אָנגעשוואָלן מיט הימלען, ווי אַ געשווירל איז אָנגעשוואָלן מיט אַ גראָבן נגיד. האָט דער סטאָליער אונדזערער אַרויפגעקוקט צו אים מיט זיינע פאַרצויגענע, רויט־באַברעמטע אויגן און געטראַכט אַזוי הויך, אַז ס׳האָט געמוזט דערגיין ביז איבער דער זון, און ביז אין גאָטס אויערן אַריין:

— גאָטעניו, גאָטעניו, — האָט ער געטראַכט, — נו זע אַליין וואָס דו ביסט! מיין ברודער דעם רייכן שאַלטיק, דעם פּיאַווקעניק, אים העלפסטו... אים גיסטו קאָלדעס־גוטס אין דער וועלט... שטופּסט אים גאָלד אין האַלדז אַריין. און איך, וואָס איך בין אַזאַ פרומער ייד און וואָס איך בין גוט צו אַלע מענטשן און צו אַלע דיינע לעבעדיקע באַשעפעניש, אויף מיר קוקסטו דיך נישט אום, גאָטעניו, און כאָטש איך האָרעווע אַזוי שווער, האָב איך קיין ברויט נישט פאַר מיינע קינדער... גאָטעניו, גאָטעניו, קוק מיך אָן. קוק אָן מיין הולך און זאָג אַליין, צי איז אַזוי גערעכט?... סי שטייט דאָך געשריבן אין די הייליקע ספרים, אַז דו ביסט פול מיט רחמנות צו אַל דיין באַשאַף... פרעג איך דיך אַליין, גאָטעניו...

דער אָרעמער ברודער האָט זיך געשטעלט דאַווענען... אינעם דאַווענען האָט ער ווידער אַ מאָל (כאָטש אין אַ פרעמדער כלי אַריין!) אויסגעגאָסן זיין האַרץ צו זיין אויסגעטראַכטן גאָט, געוויינט, געוואָיעט, געקליאַנעט־זיך, געשלאָגן זיך אין האַרץ אַריין:

— גאָטעניו, גאָטעניו, זע אַליין וואָס פאַר אַ גאָט דו ביסט... שלעכטע מענטשן העלפסטו... און מיר — ?

אָבער גאָט (דערפאַר וואָס ער איז אין גאַנצן נישטאָ!) איז געווען טויב צו דעם געבעט פון דעם אָרעמען ברודער. ער האָט זיינע געוויין־ווערטער נישט פאַרנומען, זיינע טרערן נישט אויפגעכאַפּט אין דעם זודנדיקן בעכער פון דער וועלטס יסורים...

דעם אָרעמען ברודער איז געגאַנגען אַלע מאָל ערגער און ערגער. דעם רייכן איז געגאַנגען אַלע מאָל בעסער און בעסער. דער אָרעמער ברודער האָט איינגעטריקנט ווי אַ שפּענדל אין דער היץ. דער רייכער האָט זיך צעוואַקסן ווי אַ לאַנג דיק ליכט פון חלב, וואָס סי ברענט הייס און טשאַדיק, און וואָס מער עס דערנענטערט זיך צום סוף, אַלץ מער טאָפּיעט עס אָן אַרום זיך אַ ברייטן פונדאַמענט פון חלב.

דער אָרעמער ברודער, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געגלייבט אין אַ גאָט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַשאַפן מאַזלען און שטאָקיטאַרן אויף קליינע קינדער, און מיט ציילן פליי אין די בעטן, ער האָט אַלץ נישט געקענט פאַרשטיין וואָס דאָ טוט זיך... געזוכט אַ שפּעלטעלע אין דעם שווערן פורהאַנג, וואָס הענגט צווישן מענטש און גאָט... און וואָס מער ער האָט געקלערט, אַלץ ווינציקער האָט ער געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס גאָט זאָל זיין אַזאַ געמיינער יונג און העלפן דווקא דעם רשע־מרושע, דעם נאַר, דעם ליידיקגייער, דעם שאַלטיק, דעם שיקסעניק — און פאַר אים, דעם ערלעכן און גוטן, וואָס ער רייסט די ערד מיט די נעגל, פאַר אים — פאַר אים האָט ער קיין גוט וואָרט נישט, קיין שטיקל ברויט, קיין טראָפּן האָניק — נאַר ביטערניש און שטראָף, ווערעמקרויט און שאָלעכץ פון זיסע, לעפּקע קאַרטאָפּליעס — ווי קען דען געזיין?

אַהאַ! האָט זיך דער אָרעמער ברודער איין מאָל אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערן — איך ווייס שוין! סי מוז דאָ זיין אַ טעות. אַזוי ווי איך בין זייער

ענלעך צו מיין רייכן ברודער, האָט גאָט מסתמא אַנירטים און ער מיינט, אַז איך בין ע ר און אַז ער איז — א י ך. אַנדערש קען דאָ נישט זיין.

ער האָט זיך פאַרדרייט אַ ציגאַר־טיטון אין אַ גראָב שטיקל ציגאַר־פּאַפּיר, אָפּגעלעקט דעם פּאַפּיראָס פון דער לענג, בעת ער האָט אַראָפּגעצויגן דעם לאָקש פּאַפּיר, און אָפּגעצופּט די עטלעכע איבעריקע זערנעס טיטון און זיי באַהאַלטן קריק אין זיין שאַפּן בייטעלע, האָט ער אויסגעפלאַנעוועט אַזוי:

ער וועט נעמען און צובינדן צו דער אויבערשטער פּיטעלקע פון זיין מאַנטל אַ ווייס בענדעלע, כדי גאָט זאָל האָבן אַ סימן, אַז דאָס איז ע ר, נישט דער ברודער זיינער. און נייטיש גאָט וועט נאָר וויסן דעם אמת (האָט ער געטראַכט) וועט איר שוין זען, ווי סי וועט אים אָנהייבן צו גיין דורך־טיר־און־טויער, קאַניינעהאָרע־נישט, און ער וועט שוין האָבן ברויט — אַ ז ו י ו ו י י ט.

אַלבאָ, אַז ס׳איז אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג, און גאָט האָט זיך נישט אַרומגעקוקט אויף דעם אָרעמען ברודערס ווייסן בענדל, האָט ער שוין גענומען ווערן אַ ביסל באַזאָרגט, געטראַכט, אַז דאָס איז אויך נישט קיין פּאָרטל.

— שאַ! — האָט ער זיך ווידער אַ קלאַפּ געטאָן אין זיין קנייטשמע־רישן שטערן — אַזאַ בהמה וואָס איך בין! אַ בענדעלע גאָר! פון וואַנען זאָל גאָט זען מ י י ן ווייס בענדעלע? גאָט האָט טאַקע מער נישט וואָס צו טאָן, נאָר זיך צוצוקוקן צי מ׳האָט אין פּיטעלקע אַ ווייס בענדעלע — כ׳מיין!

ער האָט צוגעמאַכט א י י ן אויג און געטראַכט: אַהאַ, איך ווייס שוין וואָס איכ׳ל טאָן! איכ׳ל מיר אָנטאָן אַ משונהדיקע פּאָר הויזן — אַזוינע, וואָס קיינער טראָגט נישט, דהיינו: איין הויז אַ בלאָען און איינעם אַ געלן... וועט שוין גאָט מוזן דערזען...

נאָר אַז דער אָרעמער סטאָליער האָט זיך אָנגעטאָן די קאָמעדיאַנצקע הויזן, איז געוואָרן נאָך ערגער... קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן אין די גאַסן, געשריגן:

— משו—געגער! משו—געגער!!

— דאָס איז נאָך בעסער! — האָט געשכלט אונדזער אָרעמער סטאָליער, וואָס האָט זיך פאַרלייגט צו מאַכן אַ וואָסער ס'איז אָרדענונג אין גאָט־זאַכן — אַז אַזוי פיל קינדער לויפן אים נאָך אין די גאַסן וועט גאָט מוזן ווערן אויפפאַליק און זיך אומקוקן.

און ער האָט געגלעט די קינדער איבער די קעפּלעך און געשמייכלט מיט לויטער גוטסקייט.

— משו—גע—נער! — האָבן געשריִען די קינדער און אַנטלאָפן פון אונטער זיינע הענט, וועלכע האָבן זיי געוואָלט אַ גלעט טאָן...

פון די שטעטל־שטיבער האָבן יידן מיט יידענעס אַרויסגערוקט די אויבערשטע צי־איכן דורך די פענצטער, געשאָקלט מיט די קעפּ און געזאָגט:

— אַזאַ טייערער סטאָליער, נעבעך, פּלוצים משוגע געוואָרן!

און מ'האָט אימגאַנצן אויפגעהערט אים צו געבן בענקלעך צו מאַכן, אַזוי, אַז ער מיט זיין הויזגעזינד האָבן גענומען געשוואָלן ווערן פון הונגער אַזוי ל י י ט י ש.

— וואָס קען דאָ זיין דאַמעיר? — האָט געטראַכט דער סטאָליער — זאָל איך זאָגן, אַז גאָט האָט נאָך אַלץ נישט באַמערקט, אַז א י ך בין א י ך, און ער מיינט נאָך אַלץ, אַז איך בין מיין ברודער?

ס'איז געווען זומער און וואַרעם. איז ער אַרויסגעגאַנגען הינטער דער שטאָט, אויף די פעלדער אַרויף, ער זאָל האָבן מער אָרט צו טראַכטן...

נאָך אַנדערהאַלבן מייל טראַכטן, אין טיפן בין־השמשות, צווישן די קאָרנזאַנגען, האָט ער זיך מיט אַ מאָל צעשמייכלט און געזאָגט אין דער הויך, אַזוי, אַז צוויי רויטבריסטיקע פייגעלעך מיט געלע יאַרמלקעלעך האָבן געהערט יעדעס וואָרט, און צוגעשאָקלט אויף אַ שפּיץ ביימל מיט זייערע געלע יאַרמלקעלעך:

— נאַר וואָס איך בין! — האָט ער געזאָגט, — פּעטיך וועלעקי! ווי אַזוי זאָל גאָט זען מיינע הויזן, אַז איך טראָג גאָר פון אויבן אַ קאַפּאָטע?

און אַ ביסל שטילער האָט ער געקלערט:

— כ'ווייס שוין וואָס איכ'ל טאָן! איכ'ל גיין אין איין שוך און אין

איין באַרוועס... וועט גאָט מ ו ז ן דערזען, ווייל אַזוי אַנגעטאָן גייט קיינער נישט.

*

ער האָט בשעת מעשה אויפגעהויבן די אויגן צום זומערדיקן הימל, אַהינצו ווו די זון לאָזט זיך אויס, און געזאָגט:

— גאָטעניו, גאָטעניו, אַז דו וועסט זעען אַ יידן מיט איין שוך און מיט איין באַרוועס, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין א י ך, נישט מיין ב ר ו ד ע ר...

צו מאָרגנס, אַז ער איז אַרויס אין שטעטל־גאָס אין איין שוך, און מיט איין באַרוועס, זענען שטאָט־יידן שוין געווען ביי זיך ג אָ ר זיכער, אַז דער סטאָליער זייערער איז משוגע געוואָרן אויף טויט, און מ׳האָט זיך שוין אויף אים אַפילו קיין סך נישט אומגעקוקט, מ׳האָט נאָר גע־מאַכט מיט די קעפּ און געקנאַקט די פינגער:

— אַי־אַי־אַי־אַי, וואָס פון אַ מענטשן קאָן ווערן!

אונדזער סטאָליערל איז אַזוי אָפּגעגאַנגען עטלעכע וואָכן און קיין פאַרבעסערונג האָט זיך נישט געזען, פאַרקערט, ס׳איז אים געווען נאָך ביטערער ווי פריער. איז ער געוואָרן שטאַרק געלייגט ביי זיך, אָנגע־טאָן קריק דעם צווייטן שוך, און ווידער אַרויסגעגאַנגען אין פעלד אַריין טראַכטן.

— אַהאַ! — האָט ער געזאָגט צו זיך ביים צופוסנס פון אַ באַרג, ווו אַ רויט מאָר׳עלן־ביימל האָט אים אַ טשוויקע געטאָן אין די אויגן אַריין — אַזאַ נאַר וואָס איך בין, אַזאַ פּעטיך וועלעקי! — פון וואַנען זאָל גאָט זען, אַז איך גיי מיט איין שוך און מיט איין באָרוועס? גאָט קוקט דען אָפּיר פון אונטער דר׳ערד ווי אַ וואָרעם, חלילה? גאָט זיצט דאָך אין די הימלען און קוקט אַראָפּ פון אויבן!

— נו־יאָ — האָט ער געקייט אַ שפּיץ באָרד — וואָס זשע זאָל איך טאָן? — עמ—עמ—עמ... (דאָ האָט ער זיך צעזונגען אַ ניגונדל) צאָ, איך ווייס שוין וואָס איכ׳ל טאָן... איכ׳ל מיך אָנטאָן אַזוי, אַז גאָט זאָל מיך קענען ז ע ן פון אויבן... ניין. נאָך בעסער: כדי צו זיין גאָר זיכער, וועל איך מיר אָנטאָן טאַקע מיין ברודערס צילינדער־הוט, נעמען זיין שטעקן מיטן

גאָלדענעם קעפּל... זיין גאָלדענעם זייגער, מיטן דימענטענעם באַמבעלע... און כדי צו זיין נאָך זיכערער ווי זיכערער, וועל איך שוין אין איין וועג צונעמען ביי אים די וואָלשטאָפּענע הויזן זיינע... מיטן טייסטער, מיט אַלעמען. איז ממה־נפשך, וועט גאָט באַמערקן מיין צילינדער־הוט, איז דאָך גוט, וועט ער דאָך וויסן, אַז ס׳איז איך און נישט מיין ברודער דער רשע־מרושע, דער ליידיקגייער, דער שיקסעניק. אלא־זשע ווידער וועט גאָט זיך נישט צוקוקן און מיינען, אַז איך בין מיין ברודער — איז דאָך אויך גוט. וואָרין וואָס פעלט דען מיין ברודער?

...און אַזוי איז טאַקע געווען, הערט איר.

נאָך אין דער אייגענער נאַכט האָט זיך דער אָרעמער ברודער אַריינ־געכאַפּט צו זיין רייכן ברודער אין שטוב אַריין און דאָרטן אָנגעמאַכט שוואַרץ־שבת. ער האָט פאַרנומען דעם רייכן ברודער דעם ליידיקגייערס בגדים, דאָס גאָלד, דאָס זילבער, די פּערל, די בשמים, די וואָלשטאָפּן — עס שטילערהייט איבערגעפירט צו זיך אַהיים, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם ברודערס פיינעם שלוס־ראָק, זיין זיידן העמד, זיין פיינעם צילינ־דער, גענומען דעם שטעקן מיט דער גאָלדענער גאַלקע אין דער האַנט אַריין, און געזאָגט צו גאָט:

— גאָטעניו, גאָטעניו, אַז דו וועסט זען אין גאַס אַ יידן מיט אַ שלוס־ראָק און אַ צילינדער און אַ שטעקן מיט אַ גאָלדן קעפּל, זאָלסטו וויסן — —

ער האָט געוואָלט זאָגן „זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין איך". נאָר ער האָט שוין מורא געהאַט איינצושטעלן, צו וואָס טויג עס אים? ס׳איבריקע שטייט דאָך בפירוש געשריבן אין די „הייליקע ספרים", אַז — גאָט האָט אַ טבע צו העלפן בלויז יענע אָרעמעלייט, וואָס העלפן זיך אַליין.

*

...און פון דעם טאָג אָן, מיינע טייערע קינדער, איז טאַקע געשען אַ גרויס וווּנדער: דער אָרעמער ברודער האָט איצט געהאַט ברויט און אַרבעט און כבוד און פּרנסה, און דער רייכער ברודער, דער ליידיקגייער, וועלכער איז איצט געווען אַן אָרעמער פּוסטעפּאַסניק, האָט זיך אַרומגע־דרייט איבער די שטעטלדיקע גאַסן, זיך געשלאָגן אינעם פּעטן האַרץ

אַריין און געשריגן: „דאָס אַלצדינג וואָס מיין ברודער האָט, איז מיינס, ווי קומט צו אים גאָלד מיט זילבער און פּערל און איידלשטיינער? ער איז דאָך נישט מער ווי אַ באַלמעלאָכע״.

אָבער ווייל ער איז געגאַנגען כמעט נאַקעט, אָן דעם שיינעם צילינ־דער־הוט אַפילו, האָבן אַלע געזען ווי מיאוס און ווי פעט ער איז, און זיי האָבן געפילט דעם טעם פון אַ טשאַד, וואָס גייט אַרויס פון אַ צעשמאָלצן ליכט, האָבן זיי אויפגעמאַכט די פענצטער, געשמייכלט און זיך איבער־גערעדט אין דרויסן אַרויס:

— אַ פּוסטעפּאַסניק!...

— אַ שיקסעניק!

— אַ מצווה אויף אים!

— אַ שיינע ריינע כפרה!

און די קינדער זענען אים נאָכגעלאָפן, אים געקיצלט אינעם נאַקעטן נאַפּל מיט שטרויעלעך, און געשריגן:

— משו—גע—נער! משו—גע—נער!!

## זון און גאָלד

דער מלך האָט ליב געהאַט ליכטיקייט, די פלעק־טראָפּנס פון דער זון, וואָס פאַלן צווישן בוים־בלעטלעך, איז אים געווען די גרעסטע פרייד, די גרעסטע טרייסט. דעם מלכס פרוי, די בלאָנדע קעניגין, איז אויך געווען אַ שטיקל טרייסט. אָבער דער מלך האָט זיך וועגן איר אַ מאָל אויסגעדריקט, אַז זי האָט אין זיך די מעלות פון צוויי קעגנשטאַנדן — גומי און שטיין: אַז ער וויל זיך אָנשפּאַרן אויף איר געטריישאַפט, איז זי אַ שטעקן פון גומי, און אַז מען לייגט זי צו צום האַרץ, איז זי — שטיין.

איז געבליבן די זון...

די זון האָט ער טאַקע ליב געהאַט, דער מלך, בלב ונפש, מיט האַרץ און זעל, מיט ליפּ און לייב, מיט וואָרט און וואָר.

וואָס איז דאָס נאָענטסטע צו זון? פאַרשטייט זיך, אַז גאָלד. האָט דער מלך זיך געלאָזט אויפשלאָגן אַ געצעלט פון גאָלד, און זיין געליבטע האָט געטראָגן גאָלדענע העמדלעך, גאָלדענע האָר־נעצן און גאָלדענע ציטער־שפּילקעס אין איר בלאָנד־גאָלדענער פריזור.

דורך אַ געל שייבל אין דאַך פון גאָלדענעם געצעלט האָט אויך די לבנה אַריינגעשיינט ווי אַ זון, און די בלויע שטערן אויך..

נאָר אַז נישט זון, נישט לבנה, נישט שטערן האָבן זיך באַוויזן אויפן הימל, איז דער מלך אַריין אין אַ מרה־שחורה און גענומען קלעטערן צו די באַרג־ריסן, וווּ טיפע אָפּגרונטן האָבן געגענעצט מיט פינצטערניש.

איז זיין סוויטע געשטאַנען אַרום אים פאַרפינצטערט, באַטריבט, נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

האָט דער מלך געפרעגט ביי זיי:

— וואָס זעט איר איצט?

האָבן אַלע געענטפערט מיט אַ מאָל:

— מיר זעען איצט גאָרנישט, אדוני מלך, אַחוץ די פינצטערניש און דעם אָפּגרונט...

דער מלך האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט צום ראַנד פון באַרג־סקאָס, וואָס פירט צום אָפּגרונט און געזאָגט:

— לאָמיר אַלע צומאַכן די אויגן, וועלן מיר נישט זעען ווי פינצטער עס איז!

האָבן אַלע אַזוי געטאָן. צוויי פעסטע לייבוועכטער האָבן דעם מלך צוגעהאַלטן פון ביידע זייטן, ער זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין דער פינצטערניש אַריין, אין תהום אַריין.

אַרום 7 מינוט איז מען אַזוי געשטאַנען מיט צוגעמאַכטע אויגן — פינצטער און שטיל. דערנאָך האָט דער מלך אַ ציטער געטאָן מיט אַלע אברים און געזאָגט ווי איינער, וואָס איזדערוועקט זיך פון שלאָף:

— גענוג, מ׳קען שוין אויפמאַכן די אויגן און גיין צוריק אַהיים, אפשר איז שוין אויפגעגאַנגען די לבנה.

האָבן אַלע אויפגעמאַכט די אויגן, נאָר אַז זיי האָבן זיך געכאַפּט צו די קעשענעס און געוואָלט זען אומיסנע ווי לאַנג זיי זענען אַזוי געשטאַנען

מיט צוגעמאַכטע אויגן אין דער טיפער פינצטערניש ביים ראַנד פון אָפּ־גרונט, ווו דער מלך אַליין אין שיר־נישט אַריינגעפאַלן (ס׳איז זיי געגאַנגען אין רעקאָרד!), האָבן זיי באַמערקט, אַז זיי האָבן נישט די גאָלדענע זייגערס...

בלויז איינער — אַ געוויסער בעל־פּחד, וועלכער האָט זיך אַוועקגע־גנבעט פון דער סוויטע, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו שטיין אין דער טיפער פינצטערניש ביים טיפן אָפּגרונט — האָט געפונען ס׳גאָלדענע זייגערל ביי זיך אין קעשענע נישט גערירט, האָט ער עס אַרויסגענומען און אַלעמען געזאָגט וויפל די נאַכט האַלט...

און ביים שיין פון דעם־אָ גאָלדענעם זייגערל זענען אַלע געגאַנגען צוריק אַהיים.

די לבנה האָט נאָך אַלץ נישט געשיינט!

## די זון און די ערד

דער מלך האָסאַד האָט אַ מאָל געהאַלטן אַ רעדע פאַר די הויפלייט, און אַזוי געזאָגט:

— אַלצדינג, וואָס ס׳איז דאָ אויפן הימל איז אויך דאָ אויף דער ערד. נאָר אויף דער ערד איז דאָס אַ ביסל חשובער, ווייל עס ליגט אונטער די פיס.

— נעמט, למשל, גאָלד. וואָס איז גאָלד? גאָלד איז דער ערדס זון. אַז די שטראַלן פון דער זון — וועלכע זענען דעם זונס אָדערן, ווערן פאַר־האַרטעוועט פון אַלטקייט, שטאַרבן זיי אָפּ, בלייבן ליגן אויף דר׳ערד אין די וואַסערן, אין די זאַמדן, אין די טיפענישן, אין די הויכן, און פונקט ווי ווען טרויבן הייבן אָן פוילן, ווערן זיי ווייַן, אַזוי אַז די שטראַלן פון דער זון ווערן איבערגעפוילט, ווערן זיי גאָלד...

— גאָלד — זאָגן אַלע נאָך און עס קלינגט ווי „אמן!“.

— ס׳זענען פאַראַן טייכן אין די צפון־לענדער — זאָגט דער מלך —

וואָס זייערע גרונטן זענען אָפּגעדעקט מיט גאָלד, און ס׳זענען פֿאַראַן הימלען, וואָס אַז עס פֿלאַמען די שענסטע אויפֿדערנאַכטן, איז אַ סימן, אַז ס׳עט זיך אַ שטורעם און שיפֿן וועלן אונטערגיין.

און דער מלך פֿירט אויס אַזוי:

— גאָלד איז דער ערדס זון, נאָר דער מענטש קאָן נישט עסן נישט קיין זון און נישט קיין גאָלד. פֿאַרקערט — ברויט דאַרף האָבן שוואַרצע ערד, בלאָטיקע... און די גילדענע זאַנגען, וואָס גייען אויף פֿון דער שוואַרצער ערד, טראָגן אין זיך יענע בינטלעך זון וואָס מ׳דאַרף צערייבן אויף ווייסע לבנות און דערנאָך אויסגליען אין פֿייער, זיי זאָלן באַקומען דעם מיש־מאַש־קאָליר פֿון נישט־ווייס און נישט־גאָלד, און דערנאָך ערשט דאַרף מען עס באַשיטן מיט זאַלץ, וואָס איז שטיין און באַנעצן מיט טרערן, וואָס איז וואַסער...

אַלע הויפֿלייט האָבן געשוויגן שטיל, אַנגעשפּאַרט אויף די הענטלעך פֿון זייערע שווערדן, וועלכע זיי האָבן אָוועקגערוקט פֿון זיך אויף הינטנצו, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט מיט זיי. און דער מלך האָט געענדיקט אַזוי:

— גאָלד איז ש י י נ ק י י ט און זון איז ל י כ ט י ק י י ט, אָבער די שענסטע ליכטיקייט איז די ליכטיקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פֿון דער זאַנג, בעת זי ווערט געטראָטן פֿון גרויזאַמען מילשטיין...

## קיניגלעכע וויצן

דער מלך האָסאַד, אַז ער איז געווען גוט געלוינט, האָט ער ליב געהאַט צו מאַכן זיך וויצן. אַ טייל פֿון זיי זענען דווקא געווען נישט שלעכט, כאָטש זיי זענען געווען צו פֿיל משלמעסיק.

מיר וועלן דאָ איבערדערציילן איינעם פֿון זיי:

אַ מאָל איז געווען אַ מלך, אַ מלך טיפּש... דער עצם ענין פֿון דעם קיניגן איבער אַנדערע איז אייגנטלעך אַ טיפּשדיקער, וואָרעם וואָס קען זיין מער קרוין ווי דער קאָפּ פֿון מענטש אַליין, מיט אַלע דימענטן

פון געדאַנק אינעווייניק, און מיט די אַלע ליכטן און צירונגען פון באַשאַף פון אויסנווייניק? וואָס קען זיין מער צעפּטעריש ווי די אויפגעהויבענע האַנט, וואָס באַפעלט דעם בוים צו ווערן אַ באַלקן, אַ צאַנשטעכער, אַ בלייפעדער, אַ שיף — און באַפעלט דעם שטיין צו ווערן אַ מילראַד און מאָלן אונדזער ברויט; צו ווערן אַ פּאַלאַץ, אַ דענקמאָל?...

פאַרשטייט זיך, זאָגט דער מלך מיט אַ שמייכל, אַז מיר אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ־אָ, זענען די סאַמע קליגסטע און בעסטע מענטשן אין דער וועלט — הלוואי וואָלטן אַלע מענטשן געווען אַזוי, וואָלט שוין געווען גאָר גוט...

איז יענער מלך האָט אויסערגעוויינלעך ליב געהאַט פּאָמפּ און פּאַראַד. מ׳קען דאָך נישט זאָגן, אַז אַלע מלכים האָבן געוויינלעך פיינט פּאָמפּ און פּאַראַד, נאָר יענער איז גאָר געווען אַריינגעטאָן אין דעם מיט דער גאַנצער נשמה. וואָס האָט ער געמיינט? ער האָט געמיינט, אַז וואָס מער אַ מלך גיט זיך אַליין אָפּ כבוד, אַלץ מער כבוד פאַרדינט ער ביים עולם...

ווי די זאַך איז שוין געווען: ווו ער איז געגאַנגען איז ער געגאַנגען אונטער פאָנען און פלאַגן, באַנערן און שטורעמפענער... זיין גאַנצער גאַנג איבער דער ערד איז געווען, הייסט דאָס, אויסגעשפּרייט מיט דעם פייף פון טרומייטערס, מיט דעם פלאַטער פון פאָנען, מיט דעם געבלישטש פון פּאַנצערשילדן...

האָט ער באַדאַרפט אַריבערגיין פון איין גאַס אין דער אַנדערער, האָט מוזיק געשפּילט, פלאַגן האָבן געפלאַמט אין דער לופט און די ערד איז געווען אויסגעשפּרייט מיט סאַמעטענע דיוואַנען, אויף וועלכע עס זענען געווען צעשאָטן פרישע, שמעקעדיקע בלומען...

צו טרעטן אויף די בלומען, צו רייטן צו דער באַגלייטונג פון „הוראַס״; אַנשטאָט מענטשלעכע פּנימער, צו זען בלויז זייערע געבויגענע הינטער־טיילן, וועלכע האָבן אים כבוד אויסגעקניט — דאָס איז ביי אים געווען דער גרעסטער נחת־רוח.

פּאַסירט אַ מאָל, אַז ער דאַרף אַריבערגיין אַ הויכע בריק איבער אַ

קאָכעדיקן שטראָם. נאַטירלעך האָט מען די בריק געדעקט מיט סאַמעטענע טעפּיכער (און דעם וועג צו דער בריק אויך) און אויף דעם סאַמעט — בלומען...

אַז דער מלך טיפּש איז צוגעקומען ביז צום מיטן פון דער געוועלב־טער בריק, איז ער געבליבן שטיין און אַראָפּגעקוקט אויף די זידנדיקע, ווייסע שוימען פונעם גרין־קאָכעדיקן וואַסער.

פּלוצים האָט ער דערפילט, אַז דאָס שפּייעכץ קומט אים אין מויל אַריין און ער האָט געוואָלט אַראָפּשפּייען אין וואַסער אַריין, אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ גלאַטן, האַרבאַטן פעלדזנשטיין, וועלכער האָט אַרויסגע־סטאַרטשעט פון דעם צעקאָכטן קעסל־גרוב.

נאָר שפּייען אַזוי אויפן נאַקעטן, נישט־אונטערגעשפּרייטן וואַסער, איז געווען אונטער זיין כבוד. האָט ער געגעבן אַ באַפעל צו זיינע לייב־וועכטער, אַז דאָס אָרט וווהין ער וויל אַרונטערשפּייען זאָל באַדעקט ווערן מיט סאַמעטענע טיכער און מיט בלומען...

זענען עטלעכע לייבוועכטער אַוועקגעריטן אין גאַלאָפּ און געבראַכט אַ רעדל סאַמעט און אַ וועגעלע בלומען...

דעם סאַמעט האָט מען געפּרוווט אַראָפּלאָזן פון דער בריק אין וואַסער אַריין, נאָר אַזוי ווי דער שטראָם איז געווען זייער אַ שטאַרקער און אַ ברייטער, און דער האַרבאַטער פעלדזנשטיין, אויף וועלכן דער מלך טיפּש האָט געוואָלט אַראָפּשפּייען איז געלעגן אַ ביסל וויַיטלעך, האָט מען בשום אופן נישט געקענט קומען צו קיין תכלית...

די בלומען האָבן דערוויַיל געוואַרט אין וועגעלע, און דאָס גאַנצע פּאַראַד־מיליטער אויך. בעניביי זענען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן פון דער גאַנצער שטאָט זען, וואָס ס'עט ווערן דערפון. דער מלך טיפּש האָט דערוויַיל צונויפגעזאַמלט ס'שפּייעכץ אין מויל, עס זאָל כאָטש זיין אַ גראָ־בער שפּיי (אַז עס קאָסט שוין יאָ אַזוי פיל מי און בלוט!), אָבער — שריי געוואָלט. מ'האָט אָפּגעאַרבעט אפשר זיבן שעה אויפן זייגער און מ'האָט גאָרנישט אויסגעפירט ביז דער מלך טיפּש האָט געפרעגט:

— וועלכע צוויי פון זיינע געטרייע דינער ווילן מפקיר זיין ס'לעבן, זיך אַראָפּלאָזן אין שרעקלעכן שטראָם אַריין, אויסשפּרייטן דעם טעפּיך,

אויף וועלכן מ׳זאָל אַרויפּוואַרפן די בלומען, כדי מלכות זאָל קאָנען אַראָפּשפּייען ?

פאַרשטייט זיך, אַז עס האָבן זיך געפונען צוויי העלדישע ריטער, וואָס האָבן איינגעשטעלט ס׳לעבן פאַר זייער קעניג. מיט גרויס סכנות־נפשות האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין שטראָם אַריין, מיט שטריק אונטער די אָרעמס, וועלכע מ׳האָט פאַרהאַלטן אונטער דער בריק און ווען האַלב־דערטרונקענע און פאַרמוטשעטע איז זיי ענדלעך געלונגען אויפצושפּרייטן דעם דיוואַן, אויף וועלכן מ׳האָט (פון דער בריק אויס) אַרונטערגעוואָרפן די בלומען, האָט דער מלך טיפּש געטאָן אויף גיך נישט איין שפּיי, נאָר צוויי — איינס נאָכן אַנדערן... אָבער אַזוי ווי עס איז געווען אַ ווינט, זענעןביידע שפּייען פאַרטראָגן געוואָרן אויף די פּנימער פון די צוויי העלדישע ריטער, וועלכע האָבן זיך פון גרויס בושה און עגמת־נפש אַליין דער־טרונקען...

דער דערציילער איז שטיל געבליבן.

אין אויפדערנאַכטיקן לייכט־גאָלדענעם יוני־דרויסן האָט אַ קלוגער פויגל געקנאַקט עפּעס אַ פּזמון, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט די קלאַנגווערטער :

— ציפּצעם, צאָלצאָל, בים...

# דאָס שיכורע פעסל

דער מלך איז געשטאַנען ביים פענצטער פון זיין פּאַלאַץ און געזען ווי אַ שיכור פעסל מיט וויין האָט זיך געקאַטשעט פון זיך אַליין אין גאַס, אַט אויף רעכטס און אַט אויף לינקס, בלעזלענדיק און לאַכנדיק מיטן צאַפּן־שפּונט. איינציקע בלאָע טראָפּנס זענען אים אַרויסגערונען פון מויל, ווי אַפּעטיט־שפּייעכץ פון איינעם, וואָס פאַרכלינעט זיך אַזש מיט פרייד איבער זיין פלוצעמדיקער פרייהייט.

— לאָז מען פֿאַרהאַלטן דאָס פּעסל... עס איינזעצן! — האָט דער מלך באַפֿוילן מיט אַן אָפּגעוואוויגן קול.

אַ לויפֿער איז גלייך אַוועקגעלאָפֿן אויף אַ פֿערד און איבערגעגעבן אין וואַכטהויז דעם מלכס באַפֿעל.

עטלעכע געזעצוועכטער האָבן גלייך באַריטן די פֿערד און זיך געלאָזט נאָכן פּעסל, וואָס האָט זיך געקאַטשעט פֿון פֿרייד, פֿאַרשפּריצנדיק טראָפּנס ווייַן פֿון געלעכטער.

דאָס פּעסל האָט זיך דערווייל אַוועקגעקאַטשעט אַ היפּש שטיקל וועגס פֿונעם קעניגס פּאַלאַץ. ס'איז אַריין אין אַ זייטיק געסל מיט צעבליטע, פֿאַראַסאַליקע קאַשטאַנביימער און מיט צעצוויטעטע בלומען ווי אָפּגע־הויכט מיט לבנה־בלאָ מיט אַזוינע ראָז־גאָלדענע בלעטער, וואָס מען קאָן עס גאָרנישט באַשרייבן.

אַז די באַריטענע געזעצוועכטער זענען אָנגעקומען נאָענט צום שיכורן פּעסל, האָט עס נישט בלויז געלאַכט אַזוי ווי פֿריער שפּריצנדיק מיט טראָפּנס ווייַן פֿונעם צאַפּן־מויל, נאָר ס'האָט געטאָן נאָך בעסער: ס'האָט געפּייפֿט מיטן מויל־צאַפּן, געפּייפֿט ווי אַ שייגאָץ און זיך ווייטער גע־קייקלט, קאָן מען זאָגן, פֿון געלעכטער, גלייך ווי נישט אים מיינט מען, כאָכאָטשענדיק „היהאָ!" און „היהאָ!".

— וואָסער „הי־האָ" אויף דיר, וואָסער „האָ־האָ"? — האָט אַ וואַכ־מאַן געפֿרעגט און איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון פֿערד און געוואָלט דעם פּעסל פֿאַרשטעלן דעם וועג מיט אַ פֿוס. דאָס שיכורע פּעסל איז אָבער געווען שטאַרקער פֿון וואַכמאַנס פֿוס, האָט זיך עס פֿאַרהאַלטן אויף אַ קליינער רגע, דערנאָך האָט עס זיך געגעבן אַ ריס אויס און זיך ווייטער געקייקלט באַרג אַרויף צום וועלדל.

דאָס פּעסל קייקלט זיך און די באַריטענע וואַכמענער לויפֿן נאָך און מען שרייַט: פֿאַרהאַלטס דאָס פּעסל, פֿאַרהאַלטס עס! עס איז אַר'עסטירט אויפֿן באַפֿעל פֿון זייַן עקסעלענץ דעם קעניג!

אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט ביז מען האָט עס אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן און אָפּגעשטעלט.

אָפּגעשטעלטערהייט האָט זיך דאָס פּעסל נאָך אַלץ געצאַפּלט און גע־וואָרפֿן, ווי עס וואָלט זיך געוואָלט אויסרייסן פֿון זייערע הענט, אָבער אַ דיקער וואַכמאַן אין גרינע זייער ענגע הויזן האָט זיך אַרויפגעזעצט דערויף רייטנדיק און עס צוגעהאַלטן ביים צאַפּן ווי ביי אַ מויל (די האַנט איז ביי אים נאָס געוואָרן מיט טראָפּנס ווייַן!). דערנאָך האָט מען עס געבונדן מיט שטריק אַרום די רייפן מחמת די רייפן האָבן זיך שיכורערהייט געדרייט אויפן דרייענדיקן פּעסל, ווי אַ רינג, וואָס איינער דרייט אויף אַ דרייענ־דיקן פינגער, און סוף כל סוף האָט מען דאָס געבונדענע און געקאָוועטע פּעסל געבראַכט צום קעניג אין פּאַלאַץ אַריין — דאָס הייסט, עס רעדט זיך אַזוי ג ע ב ר אַ כ ט! מען האָט עס אַרויפגעלייגט אויף צוויי שווערע דראָגנעץ. פיר מענטשן האָבן עס געטראָגן אויף די אַקסלען און צוויי מיליטער־גיבורים זענען געגאַנגען אין דער מיטן פון ביידע זייטן — און עס צוגעהאַלטן עס זאָל נישט אַראָפּשפּרינגען.

אָפּגעשטעלט דאָס פּעסל אין פּאַלאַץ און עס צוגעהאַלטן מיט די פיס עס זאָל נישט אַנטלויפן, האָט מען אַריינגערופן דעם מלך און אים געפרעגט וואָס ער וויל עס זאָל געטאָן ווערן צום פּאַרריקטן פּעסל? זאָל מען עס משפּטן פאַר שיכרות? אָדער פאַר שטערן די אָרדענונג, אָדער פאַר איבער־שרעקן דערוואַקסענע מענטשן און פערד? (קינדער האָבן דווקא הנאה געהאַט דערפון. זיי זענען נאָכגעלאָפן און געשריגן הוראַ!).

ווי דער שטייגער איז, האָט דער מלך אַ ווײַלע געשוויגן, זיך באַראַטן מיטן אייגענעם געדאַנק. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן צו די וואַכלייט זיי זאָלן אים פאַרלאָזן. ער וויל בלייבן איינער אַליין מיטן פּעסל און אים עפּעס פרעגן...

(„עפּעס פרעגן אַ פּעסל!" — האָבן אַלע געמורמלט שטילערהייט, „וואָס קען מען פרעגן אַ פּעסל? און זינט ווען פרעגט מען ביי פּעסלעך? וואָס קען וויסן אַ פּעסל? בפרט אַז ס'איז שיכור ווי לוט!").

נאָר אַז דער מלך הייסט גיין — גייט מען און מ'פרעגט נישט קיין פּראַגעס, נישט נאָר מ'גייט, נאָר מ'רוקט זיך אַרויס הינטערוויילעכץ און מען נייגט זיך און מ'נייגט זיך, און מ'בוקט זיך און מ'בוקט זיך...

וויפל געדויערט עס? אַ מינוט. אין דער אַנדערער מינוט שטייען שוין אַלע אויף יענער זייט און ס׳פּעסל צעקייכט זיך מיט אַ ווילדן געלעכטער כאַכאַכאַכאַכאַ און כאַכאַכאַכאַכאַ!

גייט צו דער מלך שטילערהייט צום פּעסל, טוט אים אַ גלעט איבערן צאַפּן און פרעגט:

— וואָס לאַכסטו, פּעסוניו? וואָס איז דאָס געלעכטער אויף דיר אַזוי גרויס, כ׳בעט דיך?

— איך לאַך — זאָגט דאָס פּעסל — צוליב פיר טעמים.

נומער איינס, ווייל אַלע מיינען אַז פּעסלעך קאָנען נישט לאַכן און נישט רעדן און אַז פּעסלעך האָבן נישט קיין נשמות. נומער צוויי, ווייל די לייט, וואָס האָבן זיך געבוקט צו דיר אַרויסגייענדיק, הינטערווייַלעכץ, וואָלטן שיין אויסגעזען ווען אַן אַנדערער מלך קומט זיין אַן פונפאַרגט! נומער דריי, לאַך איך, ווייל איך האָב באַמערקט צווישן מענטשן, אַז אַלע זענען שוואַך קעגן יענע, וואָס זענען שטאַרקער פון זיי, און שטאַרק קעגן יענע, וואָס זענען שוואַכער פון זיי. איך, אדוני מלך, בין פונקט פאַרקערט. קעגן שוואַכע בין איך שוואַך, אָבער קעגן שטאַרקע בין איך נאָך שטאַרקער. מיט שטאַרקייט וועסטו ביי מיר גאָר נישט אויספירן, קעניג לעבן. פערטנס, לאַך איך, ווייל איך בין בלויז אַ מעשה, און אויב אַ מעשה, איז גוט אַ לאַכעדיקע און נישט קיין וויינענדיקע.

מאַכט דער מלך:

— פאַר וואָס, מיינסטו, האָב איך דיך געהייסן פאַרהאַלטן און כלומרשט איינזעצן? איך וויים דען נישט, מיינסטו, — מאַכט דער מלך (און די קאַלירן פון קול בייטן זיך ווי פאַרביקע פייערוועךק) — אַז דו ביסט בלויז אַ מופת־מעשה פאַר קינדער און פאַעטן?

ס׳פּעסל ענטפערט נישט, נאָר עס גיט זיך אַ דרעהנע און אַ געוועץ — אין זיך אַריין: — אָווהאָ־האָאָ...

רופט זיך אָן דער מלך:

— כ׳האָב דיך פאַרהאַלטן ווייל איך האָב דיך געוואָלט פרעגן אַ רעטעניש.

— אדרבא, אדוני מלך — מאַכט דאָס פּעסל און גיט אַ בלעזל מיט דער הילצערנער נאָז: גיב אַ פרעג, לאָמיר הערן.

דער מלך קלאַפּט אָן דריי מאָל מיט אַ פינגער אינעם קאָפּ פונעם פּעסל און מאַכט:

— הער נאָר דו, וואָס איז שווערער ווי אַ פּאָס מיט בליי?

— דאָס לעבן — מאַכט דאָס פּעסל.

— ריכטיק — זאָגט דער מלך — און וואָס איז גרינגער ווי אַן אַוועק־געפלויגענע פעדער?

— דאָס זעלבע לעבן וואָס איז שוין נישטאָ! — מאַכט דאָס פּעסל אַ ביסל הייזעריקלעך.

— ריכטיק — זאָגט דער מלך — טרעפסט בעסער ווי אַ מענטש, ווייל דו ביסט שיכור. אַ גאַנצער שיכור — גיט ער צו — איז אַ האַלבער נביא.

— בלילל, בלאַלל — בלעזלט דאָס פּעסל אין זיך אַריין מיט צו־נישט־מאַכונג.

— און איצט — זאָגט דער מלך — וויל איך דיך פרעגן נאָך אַ רע־טעניש.

— פרעג, אדוני מלך, — מאַכט דאָס פּעסל, איך וועל דיר אַלצדינג ענטפערן, ווייל איך בין אַ מעשה פון משה נאַדירס מעשה־ביכל אַרויס, און קיין אוממעגלעכס איז ביי מיר נישט פאַראַנען.

— כ׳פאַרשטיי, — זאָגט דער מלך — דערפאַר פרעג איך דיך טאַקע: עס האָט צוויי פיס און צוויי הענט און צוויי אויגן און בלויז איין נאָז — וואָס איז דאָס?

— אַ מענטש — ענטפערט דאָס פּעסל נישט טראַכטנדיק.

— ריכטיק, — מאַכט דער מלך, — ביז איצט האָסטו, פּעסל לעבן, אַלצדינג געטראָפן, ווי פון אַ רייסטער אַרויס, אָבער ווי אַזוי הייסט דער מענטש?

דאָ בלייבט דאָס פּעסל געשטאָקט, פאַרקאַטשעט דעם נאָז־צאַפּן אַרויף־צו, ווי עס וואָלט געקוקט צום מלך אין די אויגן אַריין, און עס ענטפערט פאַרשעמטלעך:

— זעסטו, מלך־לעבן, דאָס ווייס איך שוין נישט.

— כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז שוין צו פיל פאַר דיר, — מאַכט דער מלך מיט אַ שמייכל, — וואָרין אַפילו אַ מעשה מיט אַ פעסל וואָס קאַטשעט זיך פון זיך אַליין איז אויך נישט אָן אַ גרענעץ. יעדע פאַנטאַזיע האָט אַרום זיך אַ פעסטן ראַם, ווי יעדער לויפנדיקער שטראָם האָט אַרום זיך צוויי פעסטע ברעגן, אַניט וואָלט דאָך קיין סוף נישט געווען צו די פאַנטאַסטישע געשיכטן — אמתע און ליגענע — וועלכע באַהערשן די וועלט אַלץ מער און מער.

ביי די ווערטער האָט דער מלך אויפגעהויבן די דאָלאָניע פון זיין ווייסער האַנט, מיט וועלכער ער האָט אויף אַ ווייל געהאַט צוגעהאַלטן דעם פעסלס לאַכנדיק מויל, אַ פאַרזוך געטאָן די בלאָע טראָפּנס אויף דער האַנט און געזאָגט צו זיך אַליין:

— עס איז לבנה־סם אויף אויסצוניכטערן די שטאַרבנדיקע און איינ־צושלעפערן די לעבעדיקע...

דער מלך האָט געוואָלט אַ שפּיי טאָן צו דער לבנה, אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויב נישט אויף זיין קאָפּ, וועט דאָס שפּייעכץ צוריקקומען צוריק אויף דר׳ערד — די זעלביקע ערד, אין וועלכער ער וועט רוען ביים סוף פון זיינע טעג, אין אַלע אומענדלעכע אייביקייטן —

האָט ער שוין נישט געשפּיגן...

## הינערשפּראַך...

דער מלך האָט געהערט, אַז אַן אַנדערער מלך פ א ר אים, זאָל האָבן פאַרשטאַנען די שפּראַך פון עופות, און בהמות, האָט ער זיך אויסגעלאַכט דערפון און געזאָגט:

— ש׳מעגלעך! חיות און עופות רעדן נישט, ווייסיך וואָס! און אויב זיי רעדן אַפילו יאָ, איז נישטאָ קיין שום שליסל צו זייער שפּראַך ביי אונדז מענטשן, אַפילו נישט ביי די גרעסטע חכמים און שטערנזעערס.

איז אָבער באַשערט געווען אַז —

איין מאָל שטייט אַזוי דער קעניג ביי זיך אין גאָרטן, הערט ער ווי צוויי הינער רעדן צווישן זיך אַזוי:

ערשטע הון: קהאַ, קהאַ... איך גיי באַלד לייגן אַן איי, גיי איך באַלד.

— סאָ וואַט? — פרעגט די צווייטע הון — וואָס זשע באַרימסטו זיך אַזוי?! מאַלע וואָס אַ הון לייגט אַן איי! גלויב זשע דו מיר, שוועסטערקע, דו ביסט נישט די ערשטע און נישט די לעצטע הון, וואָס לייגט אַן איי. איך לייג אויך — ענד האו! לויט דער לעצטער סטאַטיסטיק, וואָס איך האָב געהערט אויף דעם „פאַרם ענד האָום" ראַדיאָ־פּראָגראַם, האָב איך לעצטן יאָר געלייגט אַרום 180 אייער, און וואָס האָב איך דערפון? קדחת מיט כשרן פּאָדעם! וואָס גיט מען מיר דערפאַר צו עסן? עפּעס אַזאַ מין מאכל מיט שטיינדלעך, וואָס זיי רופן אויף ענגליש „סקרעטש".

— „סקרעטש"? — זאָגט די צווייטע הון און נעמט אַרויס אַן ענג־ליש ווערטערביכל פון אונטערן פליגל — „סקרעטש"... סקרעטש... סקרעטש... פּי, קיו, אַר, עס... סאַמבאַדי; סאַנקשען; סאַרקאַפאַג; סקרעטש... קראַצן, קראַצן־זיך! אַזאַ הינער־שפּייז, געמישט מיט שטיינדלעך צו שאַרפן די שנאָבלען און העלפן פאַרדייען דאָס עסן...

— אַ ליגן די מעשה! — זאָגט די אַנדערע הון אַרויסרייסנדיק ביי דער ערשטער הון דאָס ווערטערביכל. נעמט אַרויס פון אונטער אַ פליגל אַ פּאָר שפּאַקולן, באַהויכט זיי, ווישט זיי אויס מיט די קני־פעדערן פון רעכטן פיסל און דערנאָך לייגט זי צו דאָס ווערטער־ביכל זייער נאָענט צו די אויגן, ווייל זי איז קורצזיכטיק, און גיט אַ מאַך:

— דאָס מוז זיין אַ וועבסטערל. אַן אַלט נח־וועבסטערל! איך האָב אין דער היים אַ בעסערס, אַ מאָדערנערס. מיינס איז אַן אָקספאָרד־ווער־טערביכל, איינגעבונדן אין גרינעם סאַפיאַן און מיט גאָלדשניט.

— וויפל האָסטו באַצאָלט דערפאַר? — פרעגט די ערשטע הון.

— וויפל, דענקסטו, האָט עס די ווערט, לאָמיר הערן?!

— איך ווייס, — מאַכט די אַנדערע — אַרום אַ דאָלער מיט 19 סענט!

— וואָדען? — מאַכט די ערשטע — מ'עט דיר אַהיים שיקן! פאַר

אַ דאָלער מיט 19 סענט וועט מען דיר געבן אַן אָקספּאָרדל מיט גאָלד־שניט... טיו, מאַכט זי, אויף דיר, דו גאָלדשפּינערין!

— ביסט אַליין אַ גאָלדשפּינערין, — זאָגט די ערשטע, — נישט נאָר אַ גאָלדשפּינערין, נאָר אַ ליגנערטע, אַ שקר־וכזבניצע... אַט וואָס דו ביסט! ווען איך בין אַ מענטש, הערסטו, נעם איך און קוילע דיך אויף מיטוואָך און מאַך פון דיר אַ טשיקען־פּריקאַזי אַ גוטע, דאָס וואָלט דיך, זאָגט זי, אָנגעלערנט אויף אַ צווייטן מאָל נישט צו פּלוידערן וואָס עס קומט דיר אין דיין נאַרישן הינערקאָפּ אַריין! בפרט, מאַכט זי, אַז עס שטייט הוד־מלכות, דער קעניג אונדזערער אַליין, לאַנג, זאָגט זי, זאָל ער לעבן, און לאַנג, זאָגט זי, זאָל פּלאַטערן זיין פאָנע, הוראַ! שטייט, מאַכט זי, לעבן פּלויט נישט ווייט פון אונדזער קאַטוך און הערט זיך צו יעדעס וואָרט וואָס מיר רעדן...

און ווי די צוויי הינער קריגן זיך אַזוי, קומט אונטער אַ לאָשיקל אין גאַנצן אַ גרינס מיט ווייסע פלעקן ביי די פיס, ווי עס וואָלט געטראָגן ווייסע שקאַרפּעטקעס. אַז דאָס גרינע לאָשיקל דערהערט ווי די הינער רעדן, גיט דאָס אַ הירזשע מיט די נאָזלעכער און שיסט אויס מיט אַ גוואַלדאָוונע געלעכטער, זאָגנדיק דערביי אויף קלאָרן יידיש, מיט אַ פּויליש אַקצענט:

— הער נאַר, הער, זאָסטמאָ זאַהן געזינט! הינער רעדן שוין גאָר! און דער קעניג דער נאַר, דער פּעטאַך, שטייט און הערט זיך צו און מיינט אַז ס׳איז תורות־לאָקשן מיט יויך... און האַלט זיך נאָך פאַר אַ גאַנצן חכם, האַלט ער זיך נאָך!

ביי די ווערטער איז דער קעניג אַוועק אַ פאַרשעמטער און... — ס׳רעשט פון זיין לעבן, אַז דער קעניג פלעגט עפּענען אַן איי אויף פרישטיק, פלעגט ער עס אַ זעץ געבן איבערן קאָפּ מיט אַזאַ כעס, אַז אָפט מאָל פלעגט דאָס געלעכל פאַרשפּריצן די גאָלדענע סטעליע, און דער הויפנאַר האָט געמוזט קומען, זיך אַוועקשטעלן אויף אַ הויכער לייטער און דאָס אָפּלעקן (אַנדערש האָט דער קעניג נישט געוואָלט!).

ביי אַזאַ פּאַסירונג, וועלכע פלעגט פּאַסירן רעגלמעסיק זיבן מאָל אַ וואָך, פלעגן זיך די מיניסטוירים און הויפּלייט דערשרעקן אויף טויט,

בלאָס ווערן ווי מירמלשטיין און מורמלען איינער צום אַנדערן די צווייווערטער:

— א י י ע ר ־ נ ע כ ט ן!...

מיינענדיק דערמיט אויסצודריקן דעם געדאַנק, אַז דעם קעניגס באַציִונג צו אייער, אילוסטרירט דעם פילאָזאָפישן געדאַנק, אַז דער אייער־נעכטן איז געווען בעסער ווי נ ע כ ט ן; אַז דער נעכטן איז בעסער ווי דער היינט, און אַז דער היינט איז בעסער ווי דער מאָרגן, אונטער אַלע, מאַכט ער, אומשטענדן: הינערישע, אָדלערישע, פּאַווישע...

## דער בירגער

אַלע עטלעכע חדשים, ווען דאָס וועטער איז געווען גינסטיק, פלעגט דער מלך האָסאַד זיך איבערטאָן אין פּראָסטע קליידער און זיך אַוועקלאָזן אין פאַרשידענע טיילן פון זיין מדינה, אויסצוגעפינען ווי אַזוי דעם פאָלק לעבט זיך.

היינטיקס מאָל האָט ער אויך אַזוי געטאָן. ער האָט זיך איבערגעקליידט אין די מלבושים פון אַ פּראָסטן בירגער, און בלויז מיט צוויי באַגלייטער, וועלכע זענען אויך געווען אָנגעטאָן ווי נישט־פאַרמעגלעכע ציוויל־בירגער, האָט מען זיך אַרויסגעלאָזט צום ערשטן אין דער נאָענטסטער שטאָט אַריין, און דערנאָך ווייטער, פאַרשטייט זיך.

ס'איז שוין געווען אויפדערנאַכט און ס'האָט גענומען קראָפּען אַ רעגן. האָט דער מלך פאַרגעלייגט, מען זאָל אַריינגיין אין דעם ערשטן בעסטן קרעטשמעלע, וואָס מ'וועט אָנטרעפן, און דאָרטן איבערפאַרברענגען די נאַכט, ווי מ'וועט קאָנען.

מען גייט אָפּ אַרום אַ מייל, טרעפט מען אַ קרעטשמעלע, מיט אַ צעדרייט קוימענדל, צעדרייטע דימענט־פורמדיקע פענצטערלעך, אַ צעדרייט, קרום טירל, וואָס איז אַזוי נידעריק, אַז מען דאַרף זיך איינבייגן, אַז מ'וויל אַריינגיין.

לאָזט מען, פאַרשטייט זיך, דעם מלך גיין פאַרויס, איינער אַליין, עס זאָל הייסן, ער בייגט זיך פאַר זיך אַליין און נישט פאַר קיינעם...

נאָך אים קומען אַריין זיינע באַגלייטער. מען זעצט זיך צום דעמבע־נעם, ערטערווייז צעשניצטן און צעליפּעטן און פון ווער־ווייסט וויפל עלנבויגנס אויסגעגלאַנצטן טיש, מיט פילברען־גריבלעך ביי די צעלעכ־צטע האָלץ־שפּאַלטן, ווי וואָיל־חנעוודיקע פּאָקן.

דערווייל איז געהאַט צוגעפאַלן די נאַכט — די אומעטיקע איינ־זאַמע נאַכט אין פוסטן פעלד, ווו דאָס פאַרוואָרפענע קרעטשמעלע באָדט זיך אין פינצטערניש.

אין שטיבל קאַפּעשעט זיך אַ קליין קאַנעצל. עס שלוקערצט משונהדיק און וואַרפט צעדולטע שאָטן־שטיקערייען אויף די ווענט, וועלכע העצקען זיך אין איינעם מיט די שאָטנס, פלעכטן זיך צונויף עפּעס אין אַ קרום פינצטערן חושך, ווי פון אַרויסגעשטעלטע שדים־צונגען... די פינצטער־ניש, וואָס איז צוגעפאַלן צו די פענצטער־שייבלעך, איז געדיכטער פון סמאָלע. עס דוכט זיך: מ׳קאָן זיך דערמיט אָפּשוואַרצן די שטיוול, וועלכע זענען ווייס פון וועג־שטויב... נאָך ערגער איז, וואָס די פעכיק־קלעפּיקע פינצטערניש קריכט אין דער נשמה אַריין, פאַרשמירט דאָרט יעדן שטרי־כעלע פון האָפענונג, קלעקט־אויס אַלע פינטל־שטערן, וואָס האָבן זיך אָט־ערשט נישט לאַנג געמינעט אין הימל פון האַרצן.

באַשטעלט מען עפּעס צו עסן און מען קוקט זיך אַרום.

ביסלעכווייז ווערט מען איינגעוווינט צו דעם שלוקערצדיקן נויט־לעמפּל און מען זעט:

אין אַ ווינקל, ביי אַ טיש, זיצט אַן אַלטינקער מאַן, מיט נאַסלעכע, לאַנגע, גרוי־פאַרפּלאָנטערטע האָר. שניידט מיט אַ רויט קניפּיקל אַ שטיק דאַר ברויט, באַזאַלצט עס, שיילט אָפּ אַ ציבלקעלע און נעמט עסן דאָס אָרעמע אָוונטברויט, דאָס אַרבעטאָרערישע.

זאָגט דער מלך: לאָמיר אַריבערגיין צו יענעם טיש און זיך דאָרטן אַנידערזעצן עסן — אויב נישט מ י ט אים, איז כאָטש ל ע ב ן אים.

אַהין־אַהער. מען זעצט זיך אַנידער. מען צערעדט זיך „גוט־נאָוונט, גוט־יאָר". „פון וואַנען איז מען ?" „פון דאָרטן און דאָרטן". „וואָס טוט ער

דאָ ?" „ער פאָרט אויפן יאַריד, האָט אים פאַרכאַפּט די נאַכט, בלייבט ער דאָ איבערנעכטיקן..." „נו, און איר ?"

„מיר — זאָגט דער מלך, און טראַכט ביי זיך, אַז ס'איז גוט וואָס עס איז פינצטער, וועט דער פרעמדער נישט קאָנען זען ווי די רויז פון בושה צעבליט זיך אויף זיין איידל־בלאַסן פנים — „מיר פאָרן אויך אויף די יאַרידן פון דער וועלט".

— „מיט וואָס האַנדלט איר ?" — פרעגט דער פרעמדער און שיט קויטיק זאַלץ אויף דעם ברויט.

„מיר" — זאָגט דער מלך און פאַרשעמט זיך נאָך מער — „מיר האַנד־לען מיט... (ער טראַכט) וואָס עס מאַכט זיך".

מאַכט דער פרעמדער : „איך האָב אויך אַ מאָל געהאַנדלט מיט וואָס עס מאַכט זיך. נאָר עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז איך האָב דערלייגט געלט דערצו, און איך בין געבליבן ד אַ ר ו נ ט ע ר. האָב איך מיך מיישב געווען : איכ'ל בעסער האַנדלען מיט עפּעס אַנדערש".

„נו, האָט איר כאָטש אויפן טאָג אויסצערונג ?" — פרעגט דער מלך מיטפילנדיק — „אויפן שטיקל ברויט ?"

„אויף ברויט" — זאָגט דער מאַן מיט אַ וויציק שמייכעלע — „האָב איך. נאָר אויף זאַלץ און אויף אַ ציבלקע" — מאַכט ער — „האָב איך שוין נישט. עס טראָגט נישט".

דער מלך קוקט זיך איבער מיט איינעם פון זיינע צוויי באַגלייטער. דערנאָך גיט ער אַ פרעג :

„אייער מלך קענט איר ?"

דער פרעמדער מעסט־אָפּ דעם פאַרשטעלטן מלך מיט אַן אויג, ווי ער וואָלט אים גענומען אַ מאָס אויף אַ גוט־שבת. ער ווישט זיך אָפּ דאָס מויל מיטן אַרבל, שטעלט זיך אויף, גייט צו נענטער צום מלך, שיילט אָפּ פון זיך דעם צעריסענעם ראָק, דאָס צעפליקטע היטל, פאַרקאָשערט זיך דעם איינעם אַרבל פון זיין קויטיקן, גראָבן העמד, צעכראַסטעט זיך די האָריקע ברוסט, וואָס זעט אויס ווי אַ פאַראַיאָריקע נעסט פאַר פייגל, און גיט זיך אַזוי אַ זאָג :

„באַטראַכטס מיך, זייט־זשע מוחל, פון אַלע זייטן, ווען איר עפּעס זען..."

מען ברענגט צו ס׳קאַניצל, מ׳שטעלט עס אַוועק נאָענט פון אים. זעט מען ברוינלעכע צייכנס אויף דער לינקער האַנט. אַ קנופּיקן שראַם אויפן קאָפּ, אַן אויסגעזעצט אויג, ווי אַ חרובער ליכט־טורעם, און די רעכטע האַנט איז אין גאַנצן נישטאָ...

ווערן אַלע פאַרציטערט. בפרט דער מלך. און ער פרעגט הייזעריקלעך:

„וואָס איז דאָס?"

„דאָס איז פונעם מלך פון אונדזערן", — מאַכט דער פרעמדער, — „מתנות אַזעלכענע"...

און ער נעמט דערציילן:

יינגלוויז האָט מיך די מאַמע געטראָגן אויף די הענט אין מאַרק אַריין, איך זאָל זען דעם טויטן־פּאַראַד פון אונדזער אַלטן קעניג — דעם איצטיקנס זיידע! — האָב איך געזען פאָנען און בלויע זעלנער. איך האָב געהערט ווי גלעקער קלינגען און פויקן שיטן מיט גאָלדענע אַרבעסלעך. האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ קינדערישע פרייד און איך האָב מיך צעלאַכט. האָט מיר די מאַמע אויסגעקניפּט שטיקער פלייש — איר זעט די סימנים אויף דער לינקער האַנט?! — און געזאָגט „לאַך נישט, ממזר איינער, לאַך נישט! ווּעסט מיך נאָך אַריינברענגען אין אַן אומגליק — אַנשיקע־ניש מיינער!" האָט זי מיך אַזוי לאַנג געקניפּט מיט אירע שאַרפע נעגל, ביז איך האָב גענומען יאָמערן אויפן קול, צאַפּלען זיך, היילן ווי אַ וואָלף... האָט זי מיך ווידער געקניפּט, איך זאָל אויפהערן שרייען, איך זאָל בלויז וויינען שטילערהייט... אָט אַזוי, מיינע ליבע פריינד, האָב איך מיך יונגער־הייט באַקענט מיט אונדזער קעניגלעכער משפּחה — לאַנגע יאָרן צו זיי, אָמן!

שטילשווייגן.

„און דאָס־אָ" — מאַכט דער פרעמדער, אָנווייזנדיק אויף זיין קאָפּ־שראַם — „דאָס איז אויך פון אונדזער קעניג, לעבן זאָל ער און לאַנג זאָל ער גלאַנצן. עס איז געווען די קאָראָנאַציע פון דעם נ י י ע ם מלך. האָבן זיך אַלע געשטופּט אַ קוק צו טאָן, האָב איך מיך אויך געשטופּט, נאָר

אַזוי ווי איך בין געווען אָרעם אָנגעטאָן, האָט אַ פּאָליציי־מאַן מיר דער־לאַנגט אַ זעץ איבערן קאָפּ מיט דער שאַבליע — האָבן מיר נומער צוויי"...

„און דאָס אויג מיינס, דאָס בלינדע — איר זעט? — דאָס האָב איך צו דאַנקען דעם אַלטן קעניג אונדזערן — גאָט זאָל אים שיצן און באַ־וואַכן! נאָר דאָס איז שוין גאָר אַ פרישע מעשה. דאָ האָט שוין אונדזער געוועזענער מלך דווקא געפּרוווט זיין גוט און יושרדיק צו אונדז. אַז מיין טאַטע איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה, האָט מיין מאַמע, די וועשע־רין, באַקומען אַ מעדאַל אַלס אַ „קריגס־אַלמנה". איז זי געווען זייער שטאָלץ דערויף, און ביי יעדער געלעגנהייט דעם מעדאַל געטראָגן מיט זיך. איין מאָל בין איך פאַרשלאָפט געוואָרן, האָט מען מיך געדאַרפט טראָגן אויף די הענט צום דאָקטאָר (קומען צו אונדז האָט ער נישט גע־וואָלט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן!) האָט זיך די מאַמע אָנגעהאָנגען דעם מעדאַל אויף דער ברוסט, כדי צו באַווייזן דעם דאָקטאָר ווער זי איז... מיך איינגעוויקלט אין שמאַטעס און זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין צום דאָקטאָר. אַקוראַט וואָס עס האָט פּאַסירט, ווייס איך נישט ביזן היינטיקן טאָג. איך ווייס בלויז, אַז אויפן וועג האָט זיך די מאַמע אויס־געגליטשט אין דער בלאָטע אַריין. זי איז געפאַלן מיטן מעדאַל אויף מיין אויג, און דאָס אויג איז אויסגערונען — אַלץ אַ דאַנק אונדזער קעניג — גאָט זאָל שטאַרקן זיינע לענדן און זיינע זאָמען!"

דער מלך האָט אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן גוף און עס האָבן אויף אים גענומען אַרויסשלאָגן אַנגסטן.

נאָר יענער האָט ווייטער גערעדט:

„דער לייזיקער אָרבל — איר זעט אים? — דאָס איז מיר געקומען פון ערלעכער אַרבעט. אַ מאַשין־ראָד האָט אים צעקייעט און אויסגעשפּיגן. פאַרן פּרייז פון די לעצטע 5 גאָלד־רענדלעך, וואָס איך האָב נאָך פאַר־מאָגט, האָט דער כירורג דעם אָרעם אָפּגעזעגט, ביז אַרויפצוצו, עס זאָלן זיך נישט נאָכשלעפּן קיין צויטן... פאַרשטייט איר מיך! ער האָט געמאַכט אַ גוט שטיקל אַרבעט, דער כירורג. קיין רעכטע האַנט, ווי איר זעט, האָב איך שוין נישט. דערפאַר אָבער, אַז אין דרויסן איז קאַלט און רעגנדיק,

דער־פֿיל איך אַ ווייטאָג אין דער האַנט, וואָס ליגט שוין לאַנג אין דער ערד... אויף ווי־צו־מאָן איז זי נאָך פֿריש און לעבעדיק — די אָפּגעריסענע טויטע האַנט מײַנע... שענקט עפּעס אַ נדבֿה, ליבע מענטשן — וועל איך אײַך פֿאַרווײַלן נאָך מיט אַנדערע צרות מײַנע!"

דער מלך האָט געהייסן נעמען דעם מענטשנס נאָמען און אַדרעס. דערנאָך איז ער אַרויס אין דרויסן אַרויס, און הערנדיק ווי אַ טשאַטשע הינט בילן זייער הויך, האָט ער זיך אַליין אויך פֿאַרגונען צו וויינען אויפֿן קול אין דער ביטערער נאַכט אַריין, ווען פֿינצטערניש עס איז געווען געדיכט ווי סמאָלע און מען האָט געקאָנט מיט איר אויסשוואַרצן די שטיוול, וועלכע זענען געווען ווײַס פֿון וועג־שטויב...

# „דער קליינער איזי"...
# און אנדערע קליינינקייטן

## „דער קליינער איזי"...

מ'האָט אים גערופן „דער קליינער איזי", ווייל ערגעץ אין דער באַרג־געגנט, ווו דער איזי שאַלקעס, דער רומענישער ייד האָט געהאַט זייך זומער־האָטעל, האָט זיך מסתמא געפונען אַן אַנדערער איזי, און יענער איז מסתמא געווען אין געוויקס נישט אַזוי קליין און דאַר, ווי אונדזער איזי, מיטן פנימל פון אַ טרוקענער האָזענער נוס, מיט אַ שוואַרץ ברוין מאַשל אונטערן קויטשעקענעם קראַגן, און וואַנצעלעך כמעט פון זעלביקן נומער און קאָליר, ווי זיין שניפסל.

„דער קליינער איזי" האָט אַנגעהויבן זיינע ביזנעס מיט די הוילע צען פינגער: „פראָם סקרעטש". מיט 18 יאָר צוריק, ווען „דער קליינער איזי" איז נאָך געווען אַ שאַפּ־אַרבעטער, האָט ער זיך גאָר נישט געריכט, אַז אין קורצן וועט ער אַזוי אויפגעריכט ווערן מיט אַ האָטעל, וואָס קאָן באַדינען העכער 300 געסט, און אַז ער'ט קאָנען אויסשטעלן אַ טשעק אויף פינף ציפערן און ער וועט „געהאָנאָרט" ווערן אין דער נעשאָנאַל־־באַנק פון גרינוויל, גליך גאָרנישט: מ'עט זיך אַפילו נישט אָפּווישן די ליפּן.

ס'איז אַ קלאָרער יולי־טאָג אין די בערג. די פליגן דערקוטשען אַ ביסל — אַרומען הינטערשטן טייל פונעם האָטעל, ווו די אַרבעטער, די קיך, דאָס עסן און דאָס מיסט געפינט זיך, איזיס האָטעל־באָל פליט צום סטעי־שאָן און צוריק. די רעדער זענען פאַרשפריצט מיט בלאָטע... ביים אַרייג־פאַר, ווו דער טויער איז מיטן גרויסן אויפשריפט „ליטל איזיס ביג האָטעל", שטייט אַ רויך פון שטויב. געסט אין אייגענע אָטאָמאָבילן פאַרפּלאָנטען זיך ביים שמאָלן וועג פונעם אַריינפאָר. די אויטאָ־האָרנס פייפן מיט אומגעדולד. אַ „בוירס" לויפט אַרויס פון שפּיטאָל־באַנגאַלאָ, מיט עפּעס אַ זאַך איינגעבונדן אין אַ ווייסן האַנטעך, פון וועלכן עס זעט זיך אַרויס אַ רויט שפּיצל. אַן איינגעבויגענער, קורצער יונג מיט בלאָטפיס, אַ שמשון־הגיבור אין דער ברייט, שלעפּט אויף די פּלייצעס אַ שווערן קופערט,

קוקט זיך אַלע מאָל אום צו די אָנקומענדיקע קאַרס און פייפט זיך צו דאָס האַלב־יידישע לידל „ביי מיר ביסטו שיין", וואָס האָט היינטיקן זומער אַרומגעכאַפּט גאַנץ אַמעריקע. אַ יונג בוהאַיטשיקל מיט אַ קייט אויפן קאַלטן שטערן — שלעפּט אַרום די קייט אויף יענער זייט פּלויט, ווו די פּי־טאַשע איז אָפּגעטיילט פונעם גאָלף־פעלד מיט אַ צוים פון דראָט. מענער־געסט אין העלע קאַשקעטן מיט לופט־לעכלעך און פּרויען אין הויזן און מיט קאָלירטע בריסט־האַלטערס, ווי לייוונטענע נעסטן פאַר וויס־ראָזע גן־עדן־פייגל, דרייען זיך אַרום זאַטע, דערוואַרטנדיקע „גוס־טירנדיקע". די קיילעכדיקע זון אויפן שפּיץ הימל איז ווי אַ גוואַלדיקער שעפּלעפל, וואָס מישט אויס דאָס ווייבערישע מין מיטן מאַנצבילשן אין אַ פלאַמעדיקן, פלאַטערנדיקן, הוזשעדיקן קעסל־שטראָם פון תאווה און גלוסט.

פון אונטערן בערגל, ווו די „פּריוואַטע באַנגעלעך" זענען, הערט זיך ראַדיאָ־מוזיק, געלעכטער... אויסגעפּוצטע קינדער מוטשען אַ יונג קעלבל, וואָס פלאָנטערט מיט אַלע פיר פיסלעך מיט אַ מאָל און וויס נישט ווו זיי אַהינצוטאָן. זיי טרייבן עס מיט גאָלף־שטעקנס און מיט טעניס־לאָפּעט־קעס... אַ פעטער הונט ליגט אונטער אַ פאַראַסאָל־בוים, וואָס איז כמעט שוואַרץ פון זיין אייגענעם שאָטן. ער דרימלט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט אָפענע בלעטער־אויערן, וואָס ציטערן אַלע ווײַלע און וועקן אים...

ס'איז „דער סאַמע ברען" פון פלעזשור־סעזאָן. „מ'דאַרף" — טראַכט דער קליינער איזי, שטייענדיק אויפן פאַרטש, העט־אויבן ביים הויכן טרעפּ־קאַסטן, וואָס פירט אַרונטער פונעם הויפּט־הויז צו די צוגעבויטע הייזלעך און באַנגאַלאָס, וואָס זענען צעזייט אונטן, אויפן פלאַך — „מ'דאַרף אַריינשאַרן ס'ביסל קעש, אַזוי לאַנג ווי די זון שיינט... אַזוי ווי די הײ".

דער קליינער איזי שטעלט איבער מיט דער צונג דעם גראָבן, שמעקעדיקן ציגאַר פון דער רעכטער זייט מויל אויף דער לינקער, דערנאָך נעמט ער אים אַרויס, באַקוקט דעם אָפּגעקייטן זאַפּטיקן פּיען, שפּייט אויס און שטעלט אים צוריק אַריין אין שפּאַלט פונעם מויל.

אַ קאַסטימער מיט אַ ליסע־קאָפּ און מיט איין אַראָפּגעלאָזטער שלייקע איבער אַ פרייכנדיקן, בכבודיקן בויך גייט פאַרביי און באַגריסט איזין מיט

אַן אומגעריכטן קיצל אונטער דער פּאַכווע: „איזילע גנב״. איזיס פּנים ווערט אויטאָמאַטיש בייז. נאָר אַז ער דערזעט, אַז ס׳איז אַ קאַסטימער, צעשמייכלט ער זיך מיטן גאַנצן פּנימל, ווי מיט אַ העמערל. ער נעמט אַרויס דעם ציגאַר, פרעגט, צי ער האָט שוין געטרונקען זיין „זויער־שטאָף״ — דאָס דאַרף הייסן: די גלעזער מיט זויערער מילך, וואָס מען סערווירט ביי איזין אין האָטעל, אַלס אַ ספּעציאַליטעט, און צי עס האָט געווירקט „אַלס טרייבקראַפט״...

ביים קאַסטימער גיסט זיך אויס אַ רויטלעך געלעכטער, וואָס קנייטשט אים איין דעם פּליך. אַנדערע געסט אַרום לאַכן, כאַטש דעם וויץ מיטן „זויערשטאָף״ און „טרייבקראַפט״ האָבן זיי שוין געהערט פונעם קליינעם איזי אַליין אפשר טויזנט מאָל...

אָפּגעזאָגט דעם וויץ, גייט זיך דער קליינער איזי פּאַוואָלי אַוועק הינטערן גרויסן הויז, טיף אין טאָל אַריין, ווו סע קוועליקט אַ קלאָר, קאַלט שטראָמל, פון וועלכן די קאַסטימער ווייסן גאָרנישט. דאָס איז איזיס פּריוואַט־מקווהלע... ער וויל זיך נישט מישן מיטן „וואָלגאַר קראַוד״ דאָרטן, ווו ס׳איז נישט אַבסאָלוט נייטיק. „זיי מיר נישט קיין פעטער און רוף מיך נישט קנאַקניסל״ — מישט ער צונויף אין געדאַנק צוויי יידישע ווערטלעך...

דער „קליינער איזי״ טוט זיך אויס צום באָדן. דאָ קאָן ער זיך באָדן נאַקעט. קיינער קומט אַהער נישט, ס׳איז טיף אין טאָל, מ׳דאַרף אריבער־גיין עטלעכע פאַרדראָטעוועטע צוימען.

דער קליינער איזי שטייט שוין נאַקעט. ער באַקוקט זיך אויף דער דאַרער ברוסט, באַוואַקסן מיט אַ טשוב פון ברוין־שוואַרצע האָר. די אַקסל ביי אים האָבן גאַנצע בערד — געגרייזלטע. „האָר איז געזונט״, טראַכט ער, „און מיר איז גוט...״

ער דערמאָנט זיך, אַז זיינער אַ קאָנקורענט אין די „זומער־ביזנעס״, אַדווערטאַיזט, אַז „גאָטס וועלטל איז זייער שיין״, און אים פאַרדריסט, וואָס עס איז אים נישט איינגעפאַלן פ ר י ע ר... געוויינלעך פאַלן אים אַלע קלוגע זאַכן איין פריער ווי די שכנים זיינע, וועלכע ער „ביט״ זיי אין

„פּיסעס‟, כאַטש איך אָנהייב האָבן זיי געלאַכט פון אים — די יאָלדן וואָס זיי זענען!

זיי האָבן געלאַכט פון אים, די „קאָנסאַמפּשעניקעס‟! וועמען פאַר־ציילן זיי מעשיות? און פאַר וועמען גוידערן זיי זיך? מ׳ווייסט יאַקאָש, אַז אַ העלפט פון די גליקן אין סאַליוואַן קאונטי זענען געבויט אויף „קאָנ־סאַמשאָן‟, אויף שווינדזוכט... יידעלעך זענען געזעסן אין שאַפּ און גענייט הויזן, העמדער און קלאָוקס, און פאַרשוואַרצט געוואָרן אַזוי כדבעי... איז מען קראַנק געוואָרן און געקראָגן אַ „טאַטש‟ אויף די לונגען. האָט דער דאָקטאָר געהייסן פאָרן אין די בערג — ראַטעווען ס׳לעבן. איז מען געפאָרן, אַרומגעקוקט זיך. צוריקקומען אין שאַפּ אַריין האָט מען שוין נישט געטאָרט. האָבן פריינד, לאַנדסלייט און לאַדזשנברידער צושטייער געגעבן און מ׳האָט געדונגען אַ שטיקל פאַרם — דאָס הייסט אַ „רומינג־הויז‟... און אַזוי ביסלעכווייז־ביסלעכווייז, ווי די יאָרן זענען געגאַנגען, האָט מען זיך פּאַוואָלי אַרויפגעאַרבעט אויף ריזיקע האָטעלן — מיט ווינטערדיקע בראַנשעס אין לעיקוואוד, אין מיאַמי, אויף ביזנעסן פון הונדערטער טויזנ־טער דאָלאַר אַ יאָר...

„דער קליינער איזי‟ שטעלט אַריין אַ פּוס אין קאַלטן שטראַמעלע, בייגט זיך אָן און גיט אויף זיך עטלעכע ווייבערישע שפּריץ מיט וואַסער און אַ מאַך „אַה!‟. עס שמעקט דער מיטן־העלער־טאָג, דאָס רעדל אויפן הימל שמייכלט, ווי ס׳רעדל פון אַ טייערן, גאָלדענעם אויטאָמאָביל. פונעם געבלעטער פון די קוסטעס שפּרינגט אַרויס אַ וועוועריקל, בלייבט שטיין אויף צוויי פיסלעך, מיט אָנגעשפּיצטע, ציטערדיקע אוירעלעך. „גאָטס וועלטל איז שיין!‟ — טראַכט דער קליינער איזי, זיצנדיק אין זיין מקווהלע, אַ צונויפגעקוטשקעטער, ווי אין אַ שיסל וואַסער... „גאָטס וועלטל‟ — טפו זאָל עס ווערן... ער חזרט איבער זיין קאָנקורענטס ביזנעס־מאַטאָ, חזרט ער דאָך גאָר איבער...

זיין קאָנקורענט — אַ גרויסער חכם איז ער! מיט זיין חכמה — טראַכט איזי דער קליינער — קאָן מען פאַרשטעקן דעם קוימען. אַ קאָפּ־מענטש — אַ גרויסער... טסע!

איזי וואַשט זיך די פיס, צווישן די פינגער. ער פאָרעט זיך מיט די

הענט־פינגער אין די פיס־פינגער, דערנאָך באַשמעקט ער די הענט, פאַר־קרימט די דאָרע נאָז, וואָס זעט אויס ווי געשניצט פון קראַנקן פישביין. ווי ס׳קלאָרע קוואַל־וואַסער רינט אַזוי אונטער אים, דערמאָנט ער זיך, ווי אַזוי אַ סך־הכל מיט 6 יאָר צוריק האָט ער נאָך געהאַט אַ רומינג־הויז... דערנאָך האָט ער געדונגען אַ קליין האָטעלכל, ווו ער איז געלעגן אין דר׳ערד ווי אַ באַרג, קוים געמאַכט די „עקספּענסעס". וואָס־זשע טוט גאָט? גיט ער אַריין זיין שכן — דעם פון „גאָטס וועלטל" — אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, ער זאָל אַרויסלאָזן אַ קלאַנג, אַז ביי אים, ביים קליינעם איזין אין האָטעל געפינען זיך פרויען און מענער, וואָס גליבן אין פרייער ליבע, אַנאַרכיסטן גאַנצע... און ס׳איז נאָך אַ וויסטינקער בזיון, אַז אין אַ יידישן האָטעל זאָל אַזוינס פאָרקומען...

דער־אַ קלאַנג, וואָס איז אַרויס קיילעכדיק און קליין, ווי אַ פּראָסט שטיינדל, האָט זיך געקייקלט און געקייקלט דורך אַלערליי רכילות־מויי־לער, ביז וואַנעט ער איז געוואָרן אַ גאַנצער מיל־ראָד. דער נעמלעכער מיל־ראָד האָט זיך געקייקלט דורך ברוקלין, ניו־יאָרק, בראָנקס און בראָנז־וויל, ביז ער האָט — נאָך דעם זעלבן סעזאָן — דערגרייכט די אויערן פון די מענער און פרויען, וועלכע האָבן געהאַט פרויען און מענער אין דער קאַנטרי, ביים „קליינעם איזין".

ניו־יאָרק, בראָנקס, ברוקלין, בראָנזוויל האָבן זיך געוויגט — אויף די אַנטריסטעטע, ווי מ׳זאָגט, מאָראַלישע פונדאַמענטן. ביים קליינעם איזי אין האָטעלעכל איז באַלד געוואָרן — ביזי. מ׳האָט די הענט נישט געהאַט. יונגע פרויען, מיידלעך, בחורים און מענער זענען געקומען — אומיסנע אַ קוק געטאָן, צי איז מעגלעך, אַזאַ זאַך ביי יידן, אין די כשרע יידישע בערג! ווייבער זענען געקומען געוואָר ווערן צי זייערע „קראַנקע שלעמיאלס", וועלכע זיי האָבן אַוועקגעשיקט אין דער קאַנטרי אויף „לופט און מילך", האָבן זיך נישט צעהוליאַיעוועט, און מאַנצבילן, וואָס האָבן שווער געאַרבעט אין שעפּער און געשיקט זייערע פרויען אין קאַנטרי, ווייל אַזוי פאָדערט די אַמעריקאַנישע מאָדע פון „לעידיס פוירסט" — זענען געקומען זען, צי זייערע פרויען זענען חלילה נישט אַוועק אויף די „שיינע וועגן"...

אויך פון די שכנישע האָטעלן זענען געסט איבערגעגאַנגען צו איזין „אומיסנע אַ קוק טאָן פאַר טשיקאַוועסט"...

אָבער די מענער, וועלכע זענען געקומען אַהער־צו־לויפן מיט אַ חשד און מיט אייפערזוכט, האָבן אויסגעפונען — צו אַלעמענס גרויס־צופרידנקייט — אַז זייערע אייגענע פרויען פירן זיך דאָ אויף פונקט אַזוי אַנשטענדיק ווי אין דער היים. אַי, די אַ נ ד ע ר ע פרויען — נו, כ'ווייס... וואָס איז מען עפּעס גאָטס סטראַפּטשעס?! יונגע ווייבלעך און מיידלעך ווילן זיך פאַרברענגען — זאָלן זיי. אדרבא! וועמען אַרט עס?

די פרויען ווידער, וועלכע זענען געקומען צו פליִען אויף אַ קאַ־טשערע, פון אייפערזוכט, צו זייערע „קראַנקע שלימזלס", האָבן אויסגע־פונען, אַז די „פּגרים" זייערע בעסערן זיך כמעט אַלע, זענען מונטער און פריילעך, האָבן צוגענומען וואָג און האָפענונג... איז זיי אַליין — די ניו־יאָרקער אָרעמע ווייבלעך — אויך געוואָרן גרינגער אויפן האַרץ, און אַזוי ווי די „שלימזלס" זייערע זענען איצט געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט ביי די פרויען אויך אָפּגעלאָזן די ביטערקייט און שווערקייט פון אָרעמען לעבן, און אַז מ'איז שוין געקומען אין „קאַנטרי", האָט מען שוין פאַר־בראַכט נאָך אַ וואָך, צוויי און דריי... און אַזוי איז „איזי דער קליינער" מיט אַ מאָל געוואָרן אַ „סוקסעס"... און ווי הייסט אַ „סוקסעס"?! דאָס אַנדערע יאָר האָט ער שוין געדונגען אַ האָטעל פון 100 רומס... אויפן פערטן יאָר האָט ער שוין געהאַט דאָס גרויסע הויז דאָ־אָ. און איצט — „פרי און קליר" (פריי און ריין), אַן אַ שטיקל מאָרטגעדזש... און מ'רייסט זיך: „מיסטער שאַלקעס" אַהער, „מיסטער שאַלקעס" אַהין... ער איז שוין אַ דעפּיוטי־שעריף אין ווילעדזש.... אַז גאָט וועט געבן געזונט, וועט ער איבעראַיאָר, אַז מען וועט דערלעבן, ווערן אַן אמתער שעריף, און אפשר גאָר אַ דזשאַדזש...

„בכלל", האָט זיך „איזי דער קליינער" אַ וואָש געטאָן ס'פּנים מיטן קלאָרן, קאַלטן וואַסער, וואָס איז גערונען אונטער אים אויף אַ קיילעכ־דיקן שטייך, וואָס האָט אים געדינט פאַר אַ זיץ־בענקל — „בכלל... גאָטס וועלטל איז..." „איזי דער קליינער" האָט געוואָלט זאָגן „שיין", אָבער ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין קאָנקורענט. איז ער אויפגעשפּרונגען פונעם

## דער קליינער איזי...

קיילעכדיקן שטיין, און אַוועקבלאָזנדיק פון פנים אַ לאָק, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן איבער דער פיש־ביינערנער נאָז, האָט ער זיך גענומען רייבן די פּלייצע מיט אַ טערקישן האַנטעך, וואָס איז דאָ געהאָנגען אויף אַ בוים, און לאַכנדיק צום גאָלדענעם רעדל פונעם הימלס בלאָעם „סטרים־לאַינטן" אויטאָמאָביל, האָט דער קליינער איזי ווידער געוואָלט טראַכטן „גאָטס וועלטל איז שיין", נאָר ער האָט זיך פאַרכאַפּט אין צייט און גע־טראַכט:

— אַ מעכאַיע צו לעבן אויף דער וועלט!!

1938

# איז דאָך, דאַכט זיך, גוט?

דער יידישער שרייבער, יחיאל מעדריש, איז זייער אַ פּראָדוקטיווער מענטש. אַנדערע שרייבער קווענקעשן זיך, האָבן גרויס חבלי לידה. אַז זיי גייען צו־קינד, טוט זיך — ביז אין הימל אַריין. די „ליטעראַרישע שריפטן" מעלדן, די „קולטור־העפטן" פאָטאָגראַפירן דעם ערשטן געשריי פונעם ניי־געבוירענעם עופהלע. די „ליטעראַרישע נייעסן" פאַרברייטערן זיך איבער דעם, גיבן איבער גענוי דאָס וויפלטע עס איז שוין זינט די לעצטע עלף יאָר — בקיצור: מען מאַכט אַ וועזן.

יחיאל מעדריש אָבער „גייט צו־קינד" — שטילערהייט. אַ פויגל גיט נישט קיין פּיפּס און אַ קאַץ גיט נישט קיין מיאַוקע. זיין אייגענע פרוי הערט נישט און זעט נישט, ווען עס ווערן ביי אים געבוירן די פילע נאָוועלן, סקיצן און עסייען, וועלכע שפּרינגען אים פּשוט אַרויס פון שטערן.

יחיאל מעדריש אַליין זאָגט וועגן דעם, אַז נישט־צו־שרייבן, זאָגט ער, איז דאָ אַזוי פיל! אַ וועלט, אַ וועלט! אָבער שרייבן קאָן מען בלויז צענדליקער בלעטלעך אַ טאָג, אָדער העכסטנס 50 ביכער אַ גאַנץ לעבן.

ביי אַנדערע שרייבער וואָלט די גרויסע פּראָדוקציע, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע מעלה: — ערשטנס, סחורה פאַרן מאַרק און געלט אין קעשענע; צווייטנס — רום, אומשטערבלעכקייט מיט אַ ברייטער האַנט. פּרויען פון אַנדערע שרייבער, אַז זיי טרעפן זיך, איז:

— נו, וואָס הערט זיך, שרה־רבקה, אייער מאַן שאַפט עפּעס די צייטן?

— מיינער איז די לעצטע צייט, דאַנקען גאָט, זייער פּראָדוקטיוו. הלוואי עס זאָל נאָר אָנהאַלטן.

— מיינער, זאָל געזונט זיין, האָט לעצטנס פאַרטראַכט אַ גרעסערע אַרבעט.

— בײ מײנעם איז עפּעס די לעצטע צײט פֿאַרזיגלט געוואָרן דער קוואַל...

— סע וועט זיך מירטשעשעם אויפֿזיגלען, האָט קײן מורא נישט... עס וועט לאַנג נישט געדויערן. בײ מײנעם קומען אויך אַזעלכע פּעריאָדן (מיט אַ זיפֿץ).

מעדרישעס ווײב ווײסט פֿון אַזוינע זאַכן נישט. נישטאָ בײ מעדרישן קײן לאַנגע שוואַנגער־פּעריאָדן. פֿון פּרוכטלאָזיקײט איז שוין גאָר אָפּגע־רעדט... עס קוואַלט און עס קוואַלט, און וואָס מער עס קוואַלט, אַלץ טיפֿער ווערט דער ברונעם זײנער. עס ווערט אַ פּראָבלעם — נישט פֿון טרוקעניש, נאָר פֿון איבערפֿלוס, פֿון פֿאַרפֿלײצונג...

און יחיאל מעדרישעס הויז זענען אַלע שופֿלאָדן, קאָמאָדן, אַלע שאַנקען, אַלע קאַסטנס, דער „מענטלפּיס" איבערן מירמעלנעם קאַמין פֿול מיט מאַנוסקריפּטן, פֿאַרגעלטע, פֿאַרעלטערטע, אין וועלכע די שפּילקעס אָדער קלאַמערס, וואָס האַלטן־צענויף די בלעטלעך, זענען שוין פֿאַר־זשאַווערט פֿון אַלטקײט.

מעדריש איז נישט קײן „רעגולער ליטעראַט"; קײן מיטאַרבעטער פֿון אַ צײטונג איז ער אויך נישט. קײן אָפֿיציעלע פֿאַרבינדונג מיט וועלכער ס'איז פֿון די ליטעראַרישע גרופּעס האָט ער אויך נישט, כאָטש אָפּט דרוקט מען אים אויפֿן סאַמע שפּיגל־פּלאַץ. אויך די קריטיק האָט זיך וועגן אים שוין זײער וואָרעם אָפּגערופֿן. יחיאל מעדריש געדענקט נישט אַקוראַט, וואָס זײ שרײבן, די קריטיקער. אים דאַכט זיך, אַז דאָס אַלץ, וואָס די קריטיק זאָגט וועגן אים, האָט מיט אים פּערזענלעך גאָרנישט יוּאָס צו טאָן. ער, מעדריש, איז בלויז אַ טעמע, אויף וועלכער יעדער אײנער שרײבט ווי ער קאָן. אַ מין סאָרט „מאָדעל", וואָס אײנער מאָלט אין פֿולן פּנים, דער אַנדערער ווידער הײסט זיך אים אויסדרײען מיטן פּנים צו דער וואַנט... יעדער קריטיקער, דאַכט זיך מעדרישן, כאַפּט בײ אים פּונקט יענע ליניע, וועלכע ער (דער קריטיקער) האָט טאַלענט אָפּ־צומאָלן. און אַפֿילו די אײנציקע שטריכן, ווײזט זיך מעדרישן אויס, קומען אויך אַרויס אַזוי ענלעך צו אים, ווי אַ הילצערנער צלם, למשל, איז ענלעך

צו אַ מענטשן, וואָס צעשפּרייט די מידע הענט אין שטורעם און פרעגט: „גאָט מיין גאָט, וואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן".

מעדריש האָט זיך אַן אייגענעם שטילן גאַנג אין דער ליטעראַטור. ער קומט נישט מיט קיין פויקן פון רעקלאַמע. אויך נישט מיט די גילדענע גלעקלעך, וואָס די „באַשיידנקייט" טראָגט אויפן זוים פון איר קורצן אונ־טערקליידל. מעדריש איז כסדר פאַרנומען מיטן סאַמע פּינטעלע פון די ציטערדיקע כוואַליע־רינגען, וועלכע זענען דער ברויז פונעם מענטשס טיפע ליידנשאַפטן, זיינע פריידן און פּיינען...

וואַקסט די שפע פון שאַפונג ביי מעדרישן, נאָר קיין פאַרלעגער זעט זיך נישט — נישט אין אויסלאַנד און נישט הי. אַפילו עלטערע, באַוווּסטע יידישע שרייבער — אַזוינע, וואָס האָבן אָפּגעדרוקט אַ פינגער־שטעמפּל אויף די קליאַמקעס פון די צוקונפטיקע דורות — אויך יענע מוזן נע־ נדעווען, זוכן היינט אַלערליי מיטלען כאָטש נישט צו דערלייגן צו זייערע געדרוקטע ביכער. און וואָס איז שוין דאָ צו שמועסן וועגן אַזאַ שלימזל ווי אונדזער יחיאל מעדריש?

העלפט אָבער גאָט, און — לאַנדסלייט־חברות פון אַלערליי שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט, גענומען רייבן די אויגן און דערזען דאָס ליכט פון יידישער קולטור. זיי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אינטערע־סירן מיט זייערע קולטור־שאַפער, מיט זייערע שרייבער. זיי האָבן אַפילו אָנגעהויבן אַרויסגעבן ביכער פון זייערע לאַנדסלייט.

אָבער יחיאל מעדרישעס לאַנדסלייט זענען פאַרוואָרפן אַזש אין דער סאָוט — אין דזשאָרדזשיאַ. דאָרטן האָבן זיך אין אַ געוויסער שטאָט געפונען איבער 200 פון זיינע לאַנדסלייט.

אין אַ שיינעם טאָג קריגט מעדריש אַ בריוו פון זיין דזשאָרדזשיער לאַנדסמאַנשאַפט־סאָסאַיעטי, מיט אַ באַן־בילעט אַהין־און־צוריק, און מיט אַ טשעק פון 50 דאָלאַר אויף זייטיקע עקספּענסעס, און מ׳בעט אים, ער זאָל גלייך קומען צו פאָרן, ווייל זיי האָבן געהערט, אַז ער איז אַ גרויסער שרייבער, און זיי ווילן האָבן דעם כבוד פון „פּאָבלישן" זיין בוך — זיי האָבן געהערט, אַז ער האָט אַ נייעם בוך, האָבן זיי געהערט!

האָט זיך יחיאל מעדריש געזעגנט מיטן ווייב און מיט זיינע צוויי דערוואקסענע קינדער, און איינפּאַקנדיק דעם מאַנוסקריפּט פון זיין נייעסטן בוך אין אַ באַזונדערער טעקע, מיט אַ רינגעלעביים סוף „זיפּער” אין וועלכן ער האָט, פון זיכערקייט־וועגן, די גאַנצע צייט פון דער רייזע געהאַלטן אַריינגעשטעקט אַ פינגער, האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין קיין דזשאָרדזשיאַ.

יחיאל מעדריש האָט פון זיינע לאַנדסלייט געקראָגן דעם פיינעם קבלת־פּנים — טאַקע ווי אין יוראָפּ! מ׳איז אים אַנטקעגנגעקומען צום וואָקזאַל מיט בלומען און... שיר נישט מיט מוזיק — ווען ס׳זאָל נאָר געווען זיין אין שטעטל יידישע קלעזמער! איז אָבער נישט געווען.

די גאַסטפריינדלעכקייט איז געווען איבער דער נאָטור! אין שטוב ביים שיך־הענדלער, מר. פרענק ספּיטנער, ווו מעדריש איז איינגעשטאַנען, האָט כסדר געקלונגען דער טעלעפאָן. די טעלעפאָן־דראָטן האָבן פּשוט געסמאַלעט פון אויפרעגונג. אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין האָט מען מער נישט געהערט, נאָר:

„וואָס מאַכט אונדזער ליבער גאַסט? האַו איז הי? ער שרייבט, האַ? אָלרייט, באַדערט אים נישט... רופט אים נישט אָראָפּ. ער דרימלט אַ ביסל, האַ? איז הי אָלרייט? אָלרייט, לאָזט אים דרימלען... שטערט אים נישט... גיט אים איבער אונדזער האַרציקע גרוסן, גיוו הים אַור בעסט לאַוו. פרעגט אים, צי וויל ער אפשר מאָרגן אַרויספאָרן מיט אַ קאַר ערגעץ. האַ? ער האָט שוין אויף מאָרגן אַ קאַר? איז אפשר וועט ער אַזוי גוט־זיין און כאַטש קומען צו אונדז עסן מיטאָג? — האַ? ער איז שוין „געדעיטער” אויף אַ גאַנצער וואָך? נו, וועלל... אָלרייט, גיוו הים אַור לאַוו... מירן שפּעטער ווייטער קלינגען”...

אַט־אַזוי־אָ האָט מען אים פּשוט צעריסן — אונדזער מעדרישן. אויפן טישל ביי אים אין צימער האָט מען אַלע טאָג געביטן די בלומען. דער באַרנומענער יחיאל מעדריש האָט זיך אַפילו די מי נישט גענומען איבערצולייענען די צעטעלעך אויף די בלומען־בוקעטן. וואָס איז דער חילוק ווער עס שיקט זיי? לאַנדסלייט שיקן, ס׳שטעטל זיינס שיקט! דזשאָרדזשיאַ שיקט, אַמעריקע שיקט!

באַלד איז געשאַפֿן געוואָרן אַן „ענגער קולטור־קאָמיטעט“, וועלכער איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט פֿון אַרויסגעבן דאָס בוך.

אַ יידישע דרוקעריי איז אין שטאָט געווען, האָט מען באַשלאָסן דרוקן עס טאַקע דאָ־הי אויפֿן אָרט, כדי דער מחבר זאָל מוזן בלייבן מיט די לאַנדסלייט כאָטש נאָך עטלעכע וואָכן.

פֿון געלט איז געווען אָפּגערעדט. מע'ט געבן וויפֿל מען דאַרף, און נאָך מ ע ר — מיט אַ סמיטשיק אַריבער! זאָל די וועלט, זאָל ניו־יאָרק, זאָל אַמעריקע זען, וואָס עס הייסט אמתע קולטור־אַרבעט! מעדרישעס בוך וועט אַרויס אין אַ דע־לוקס אויסגאַבע, געזעצט מיט דער האַנט, געדרוקט אין עטלעכע קאָלירן, אויפֿן בעסטן פּאַפּיר, אין אמתער רויטער מאַראָקאָ־לעדער.

דאָס שטעטל האָט געזשומעט מיט קולטור־אַרבעט, ווי אַ בינשטאָק. אָט־די־אָ ערשטע קולטור־אַקציע אויפֿן געביט פֿון יידישער ליטעראַטור, האָט אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס אויך ביי די יידן פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. זיי האָבן פֿאַרגעשלאָגן זייער מאָראַלע און פֿינאַנציעלע הילף. אויך פּרויען האָבן זיך אָנגעשלאָסן. און אויך אַזוינע, וואָס לייענען בכלל נישט קיין יידיש. די שטעטלדיקע ענגלישע צייטונג האָט געשריבן וועגן דעם פענאָמען, האָט געגעבן בילדער פֿון דעם „יידישן מאָפּאַסאַן“ און דערביי — אַרום אים טאַקע, אין דער פֿאָרעם פֿון אַ קראַנץ — די חשובע מענער און פרויען פֿון דעם קולטור־קאָמיטעט.

עס האָט זיך אַזוי געטומלט און געמעדרישט אַרום דריי וואָכן. אין פֿאַרלויף פֿון דער צייט איז צונויפֿגעזאַמלט געוואָרן דורך „סובסקריפּשאָנס און מתנות“ אַרום אַכט הונדערט דאָלאַר — אַ ריזיקער נצחון סיי פֿאַר יחיאל מעדרישן פּערזענלעך און סיי פֿאַר דער גאַנצער יידישער ליטע־ראַטור. יחיאל מעדריש האָט וועגן דעם טאַקע אַהיימגעשריבן צו זיין ווייב־און־קינדער אין ניו־יאָרק, ווי אַזוי עס איז געקומען אַ מין ווידער־אויפֿוואַכונג, אַ רענעסאַנס, אַ תחית־המתים פֿון די טרוקענע ביינער, ווי אין פּסוק שטייט אאַ"וו.

אויף דער פֿינפֿטער וואָך ערשט, אַז מ'האָט שוין באַדאַרפֿט געבן דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק, האָט זיך יחיאל מעדריש געכאַפּט, אַז

אייגנטלעך האָט אים ביז היינט נאָך קיינער נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַ סאָרט בוך ער האָט אָנגעשריבן. קיינער האָט נאָך ביז איצט זיך נישט פאַראינטערעסירט צו בעטן ער זאָל עפּעס פאָרלייענען פון דעם ווערק, ביי וועלכן זיי דאַרפן זיין די „אונטערפירערס". מעדריש האָט געביסן אַ שפּיץ פון אַ נאָגל, זיך שטיל און טיף פאַרטראַכט, דערנאָך איז ער — אין גרינעם שלאַפראָק נאָך — שטיל אַרונטערגעגאַנגען צום טעלע־פאָן אונטן, שטיל אויפגעהויבן דעם „רעסיווער" און שטיל אָפּגערופן דעם פאָרזיצער פון „ענגן קולטור־קאָמיטעט":

— הערט, העלאָו, יעס... דאָס רעדט מעדריש — יעס, מעדריש... הערט, איר וואָלט געוואָלט הערן מיין ניי ווערק? האַ? איך הער נישט!... איך זאָג: איר האָט דאָך נאָך מיך גאָרנישט געפרעגט, וואָס פאַראַ בוך איך האָב אַרויסצוגעבן... האַ? וואָס זאָגט איר, איר גלייבט מיר אויפן וואָרט? איר פאַרלאָזט זיך אויף מיר?... איר גלייבט נישט, אַז מ'דאַרף זיך וועגן דעם באַדערן? האַ, וואָס איז דער דיפערענץ... — דער חילוק? אַ בוך איז אַ בוך... איר הערט נישט? אויב ס'איז אַ לאַנדסמאַנס אַ בוך, איז עס אָלרייט ווהיט יו?... הממם... אָלרייט, נו, גוד־באַי!...

— — — — — — — — — — — — —

און מעדריש איז אַרויף צו זיך אין צימער, זיך אָוועקגעשטעלט לעבן דער וואַזע מיט די פרישע רויזן און האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד. — —

1938

# אַ שטאַרקע מעלאָדראַמע

שלום פעכטער איז געווען אַ שטיקל דראַמאַטורג.

פון דער נאַטור אַ גוטער מענטש, האָט ער — צו זיין אומגליק — געהאַט אַ בייז פּנים, מיט בייזע קרימלעכע אויגן און אַ קול, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגן, געגעבן פּעטש.

אָבער ס׳האַרץ זיינס איז געווען — גאָלד מיט זילבער.

באמת, אַ מענטש אָן אַ גאַל.

טראַגנדיק אויף זיך אַ בייז פּנים אַ פרעמדס (גאָרנישט זיינס!), וואָס האָט זיך לחלוטין נישט אָנגעקערט מיטן דראַמאַטורג שלום פעכ־טער, און רעדנדיק מיט אַ קול, וואָס האָט אים אַליין אין די אויערן געגרילצט, איז פעכטער אַריין אינעם לעבן — מיטן לינקן פוס.

איינער ווערט געבוירן אין אַ גאָלדן העמדל, אַ צווייטער — אין אַ לייוונטענעם העמד און אַ דריטער ווערט געבוירן „נאַקעט און הויל ווי די מאַמע האָט אים געהאַט״. אָבער שלום פעכטער איז געבוירן געוואָרן נישט נאָר אָן שום אויסשטייער מצד דעם בלינדן מחותן מיסטער „מזל״, נאָר פאַרקערט: ער איז נאָך געווען אַ בעל־חוב: מיט אַזאַ פּנים און אַזאַ קול האָט שלום פעכטער געהאַט אַלץ צו פאַרלירן און גאָרנישט צו געווינען.

באַוווסטפּול פון דעם פאַקט, אַז ער דאַרף טאָן פאַרשידנס, כדי „אַראָפּצואַרבעטן״ פון זיך דעם איינדרוק, וואָס זיין פּנים און קול האָבן געמאַכט אויף מענטשן, האָט זיך פעכטער אָנגעשטרענגט צו זיין אויי־סערגעווינלעך גוט צו אַלעמען, כמעט אָן שום אויסנאַם.

צום אייגענעם ווייב אויך.

צו זיין עדנאַ.

עדנאַ — אַ פּשוט מיידל פון אָרעמע עלטערן, וועלכע האָט פאַר דער חתונה פיל געלייענט וועגן „ליבע און הייראַט״, האָט באַשלאָסן צו מאַכן

פון זיך אַן אמתן קלאָנדייק. באַשלאָסן איינצוקאַסירן אויף דעם גרויסן אור־קאַפּיטל, וואָס הייסט פּרויען־ליבע. אָבער אַזוי טאַקע מיט אַלע כוחות, לויט אַלע קונציקע, סטראַטעגישע פּאַרברייטונגען. נישט נאָר האָט זי זיך פּאַרנומען צו מאַכן פון איר „הייראַט״ אַ דערפאָלג, ווי אַ געווייטלעכער סאָלדאַט אין אַן אַרמיי פון מיליאָנען פרויען, נאָר ווי אַ גענעראַל, ווי אַ פעלדמאַרשאַל.

זי האָט זיך געגרייט איר באַשערטן אַרומצורינגלען פון אַלע זייטן, אַזוי, אַז ער זאָל זיך געבן איין גרויסן טרעסע און פאַלן ווי... אַ באַשאָסענע פעסטונג, נאָך אַ לאַנגער באַלאַגערונג...

לויט עדנאַס גרויסער קענטעניש און לויט דער סטראַטעגיע פון ליבע, לויט איר גרויסער פּאַרברייטונג אַרומצורינגלען און צו פּאַראַליזשירן די אַלע ווידערשטאַנד־כוחות פון איר באַשערטן, האָט זי באַדאַרפט האָבן כאָטש אַ גאַנצע אַרמיי מיט געליבטע, נישט בלויז דעם קליינטשיקן, דאַרן שלום פעכטער מיטן פּנים פון אַ מערדער און מיטן האַרץ פון אַ מלאך.

עדנאַ האָט שלומען אַרומגערינגלט — שוין אַ ביסל צו פיל, אַזוי, אַז נישט נאָר האָט ער אין גיכן אַ ציטער געטאָן אויפן מאַראַלישן פונדאַמענט און געפאַלן, נאָר — ער האָט זיך שיר נישט דערהרגעט פון דעם פאַל. אַזאַ פאַל האָט ער געטאָן צו עדנאַן — אין די שמעקעדיקע ווייצראַזעווע געפּודערטע אָרעמס אַרייַן, וועלכע האָט אים אַרומגענומען מיט אַ קראַפט פון 640 מאַגנעטן (אַ חוץ קייטן, צוואַנגען א. אַז. וו.).

אַז שלום פעכטער איז געפאַלן — האָט ער זיך שוין מער, קאָן מען זאָגן, נישט אויפגעהויבן. ער איז שוין געבליבן ביי עדנאַן אין די ווייכע אָרעמס און אין די האַרטע הענט. זי האָט אים „געמענעדזשעט״ אַזוי ווי סע דאַרף צו זיין. זי האָט אים געמענעדזשעט אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז וואַנעט ער האָט דערפילט, אַז ער וועט זיך שוין פון איר נישט ראַטעווען מיטן לעבן, און ס'איז פאַרפאַלן!

איבערקוקנדיק — אין געדאַנק — זיין פּערזענלעכע לאַגע, איז דער דראַמאַטורג שלום פעכטער געקומען צום באַשלוס, אַז פאַר אים זענען געבליבן בלויז דריי אויסוועגן: 1) ענטוועדער דערהרגענען אים, ווי

הייסט ער — דעם אינטריגאַנט, דעם ליובאָוויניק אירן, אָדער 2) זי, אָדער 3) (אין לעצטן פאַל אפשר) זיך אַליין.

פאַרשטייט זיך, אַז זיך אַליין האָט שלום — ווי אַלע שכלדיקע מענטשן — געלאָזט אויפן לעצטן פלאַן. מילא אַנדערע, ווי אַנדערע (אַזוי האָט פּעכטער אונטערגעסופּלירט זיינע געפילן), אָבער פּערזענלעך שטאַרבן — דאָס האָט מען צייט „עניטאַים", עס ברענט נישט, מ'עט זיך אומקוקן.

*

דערווייל — איידער וואָס ווען — האָט זיך שלום פּעכטער אָוועקגעזעצט און גענומען שרייבן אַ נייע פּיעסע.

אַ גוואַלדיקע דראַמע.

אַזוי שטילינקערהייט, ווי איר קוקט אים אָן, אונדזער שלומען, האָט ער אויסגערעכנט אַזוי:

„איך וועל אויסנוצן די מאַטעריאַלן פון מיין אייגענעם לעבן און דאַטסאַל. וועט עס זיין אי רעאַליסטיש, אי שטאַרק און — פון דראַמאַטיש איז שוין אָפּגערעדט. און עס קאָן זיין נאָך אַ מאָל, אַז אַזאַ פּיעסעלע זאָל דווקא זיין אַ גרויסער דערפאָלג — סטענדינג־רום אַ דאָלאַר מיט 10 סענט... באַזאָרגט זיך מיט בילעטן 4 וואָכן פאָרויס, ווייל ס'טעאַטער איז אויספאַרקויפט ביזן לעצטן פּלאַץ. פאַר בענעפיס־טיקעטס זיך צו ווענדן"... אאַ״וו.

*

דאָס אָנשרייבן די דראַמע פונעם אייגענעם לעבן האָט געדויערט אַ גאַנצן זומער. דורך דער צייט האָט שלום פּעכטער דערווייל זיך אָפּגעהאַלטן „פון באַגיין אַ טאַט". ער האָט גערעכנט, אַז ערשטנס איז שוין זיין לעבן סיי ווי נישט ווערט קיין האַלבן גרייצער. צווייטנס, אויב יאָ עפּעס אָפּטאָן (דאָס האָט געמיינט מאָרד אָדער זעלבסטמאָרד), וועט ער אָפּטאָן שפּעטער. צום ערשטן וועט ער פירן פאַרהאַנדלונגען וועגן דער פּיעסע, זי פאַרקויפן, זי שטעלן, איינמאָנען די געלטער, וואָס אים

קומט, דערנאָך — וועט׳ן זען ווייטער. לעבן מיט עדנאַן וועט ער נישט — וואָרין ס׳וואָסער איז שוין ביז צום האַלדז, איז שוין ס׳וואָסער... ווי ער ברענגט דאָס זייער ריכטיק און קונסטפול־דראַמאַטיש אַרויס אין סוף פון צווייטן אַקט. אַ פּראַכטפולער שלוס־אַקט... דאָ מוז זיכער פּאַלן — האָט ער געטראַכט — אַ דאָנער־אַפּלאַז... מ׳עט שטורעמען ס׳טעאַטער! מ׳עט עס שיר איינברעכן! מ׳עט שרייען: אוי־טאָר! פּעכ־טער! ספּ־יטש! און ער — פּעכטער, וועט אַרויסקומען מיט זיין ביז קול און מיט זיין בייז פּנים — נייך, ער׳ט נישט אַרויסקומען... לאָזן זיי קלאַפּן פון היינט ביז מאָרגן. ער האָט זיי ערגעץ אַנדערש! ער האָט אויף זיי לענגער געוואָרט... ער׳ט אַרויסשיקן מ׳סטאָר זאָגן אַ פּאָר ווערטער — — —

שלום האָט כמעט פאַרענדיקט די גאַנצע פּיעסע, דאָס הייסט, די דראַמע איז געווען פאַרטיק, מיט 85 געטאַיפּטע בלעטלעך, ווי עס פאָדערט זיך פאַר אַ פולער פּיעסע. געפעלט האָט אים בלויז דער סוף פון לעצטן אַקט — דער פינאַל, דער קנאַק.

ווער ס׳האָט אַ מאָל געשריבן פאַרן טעאַטער ווייסט, אַז דער גורל פון אַ פּיעסע הענגט זייער אַ סך אויפן „לעצטן פאָרהאַנג״. די ערשטע צוויי שלוס־אַקטן זענען אויך זייער ערנסטע פונקטן, נאָר דער סאַמע לעצטער אויסגאַנג, דער סאַמע פינאַל איז גאָר געפערלעך! נישט איין דראַמאַטורג איז געגאַנגען יונגערהייט פון דער וועלט, זיצנדיק גאַנצענע נעכט און אויסברענענדיק מ׳לאָמפּ פון מאַרך וועגן אַ פּאַסיקן „דריטן פאָרהאַנג״. וועגן אַ געוויסן דראַמאַטורג, וועלכער טראָגט אַ יאַרמלקע, דערציילט מען, אַז אין די טעג ווען ער פאַרענדיקט אַ פּיעסע, טאָר ער די יאַרמלקע אויפן קאָפּ נישט האַלטן, ווייל זי הייבט אָן צו סמאַליען...

נוצנדיק, ווי מיר ווייסן, די דראַמע פון זיין אייגענעם לעבן פאַר אַ טעמע, האָט פּעכטער ענדלעך באַשלאָסן צו ענדיקן דאָס שטיק מיט דעם, וואָס דער העלד (ער אַליין, הייסט דאָס, נאָר אונטער אַן אַנדערן נאָמען, אַ פאַרשטעלטן) שיסט דעם אינטריגאַנט, זאָגנדיק דערביי „דאָס באַפרייט מיך פון מיין באַטריגערישן פריינד און מיין באַטריגערישן פריינד פון מיין באַטריגערישער פרוי״. און יענער ענטפערט (פאַלנדיק אויף דרערד) „יעס... איך האָב געזינדיקט קעגן גאָט, אַלס אַ גאָט, קעגן דיר, אַלס אַ

מענטש... אָבער קעגן דער ליבע אַלס אַזעלכע האָב איך נישט געזינדיקט. פאַרצייהע מיר!״

דעם לעצטן דיאַלאָג איז פּעכטער איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָל, אים גוט אַרומגעשלייפט, אויסרעכנדיק אויפן עפעקט פון זיין אייגענער גוטסקייט צום פאַרפירער פון זיין פרוי, וועמען ער באַשולדיקט נישט צו פיל, ווייל היינט איז אַ מאָדע אין דער דראַמע, אַז אינטריגאַנטן טאָרן נישט זיין אין גאַנצן שוואַרץ, נאָר ברוין, אַזוי ווי, למשל, קאַווע מיט מילך...

אַז פּעכטער האָט געלייענט די דראַמע פאַרן „מענעדזשער״, זענען אַלע געווען באַגייסטערט און דאָס שטיק איז שוין געווען אַזוי גוט ווי פאַר־קויפט, נאָר דאָ האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל מניעה צוליב דעם שלוס. דער מענעדזשער, דעם מענעדזשערס אַסיסטענט און דער הויפּט־סטאַר (וועלכע האָבן נישט געוווסט, אַז די דראַמע איז פון פּעכטערס אייגענעם לעבן) האָבן געהאַלטן, אַז אויב שיסן דאַרף דער העלד שיסן זיך אַליין און נישט דעם אינטריגאַנט, ווייל דער אינטריגאַנט איז דאָ גאָר נישט שולדיק. ער איז אַ מאַן ווי אַלע מענער. נישט ערגער און נישט בעסער. אַ מענטש האָט אַ טבע, אַז מ׳גיט — נעמט מען. ווידער זשע שיסן די פּרוי, איז סתם נישט סימפּאַטיש, ווייל אַ פרוי האָט מער רעכט אויף ליבע ווי דער מאַן.

— איז דאַרף דער מאַן שיסן זיך אַליין, הייסט עס, נאָך אייער מיינונג נאָך? — האָט זיך פּעכטער גענומען ווערן קעגן דעם משפט פון דער „עפנטלעכער מיינונג״.

— יעס, שור — האָט דער מענעדזשער געזאָגט — וואָדען? אַנע צווייפל!... אויב ער שיסט זיך נישט, איז ער אַ יאָלד, אַ שמאַטע, אַ טוי־געניכטס. ער פאַרלירט די גאַנצע סימפּאַטי פון פּובליקום...

פּעכטער האָט זיך נאָך אַ ביסל געראַנגלט. ער האָט זיך געפּרוווט אָפּבעטן: אפשר קאָן מען זיך אין גאַנצן באַגיין אָן שיסן... אפשר זאָל דער מאַן זיך איבערבעטן מיט דער פרוי און דער אינטריגאַנט זאָל אַוועקפאָרן קיין שיקאַגאָ... אָדער אפשר, כ׳ווייס?... אפשר עפּעס אָן אַנדערן פינאַל...

## דער קלײנער איזי...

אָבער אַלע זענען צוגעשטאַנען, אַז אָן זעלבסטמאָרד מצד דעם מאַן וועט די פּיעסע זײַן אַ קאָמעדיע, נישט קײן דראַמע — און אַז דאָס איז דער אײנציקער אויסוועג און... אויב מיסטער פּעכטער וויל איבערשרײַבן דעם פינאַל — קריגט ער באַלד אָן אַדערויף מזומנע 500 דאָלאַר און זאָל זײַן מיט מזל...

אַ טויט־בלאַסער האָט שלום־פּעכטער, מיט ציטער־נדיקע הענט, צוגענומען מ׳טשעק אויף די 500 דאָלאַר און...

קײן זעלבסטמאָרד, זאָגט מען, איז ער נישט באַגאַנגען, אָבער אַ קענדי־סטאָרקע אין די בראָנקס האָט ער יאָ געעפנט...

און סע גײט אים דווקא נישט שלעכט...

1938

## דימענטן...

אַרונטערגייענדיק פון 3טע עוועניו „על״, איז מיסעס שאַרגל פּאַוואָליע צוגעגאַנגען עטלעכע בלאָק — פון אַ זייטיקער גאַס, אין די ניינציקער, און אָנגעקלונגען ביים האַרץ־פּראָפעסאָר, וווהין איר לאָדזשן־דאָקטאָר האָט זי געשיקט מיט אַ צעטעלע.

אַרונטערגעלאָזט זיך אין מאַרמאָרן טרעפּל, און אַ קוועטש געטאָן ביים קוועטשער דריל־דריל־דריל, האָט זיך דער אינעווייניק געעפנט מיט פריינדשאַפט און כבוד אין געשטאַלט פון אַ נאָכלאָזנדיקער טיר, און אַ „שוועסטער״, אין גאַנצן ווייס און זויבערלעך, ווי דער געדאַנק פון אַ רפואה־שלימה.

— קאָמען זי העריין! (אויף אַ בלאָנד, קיל, טאַלקום־פּודער קול, מיט שוואַרצלעכע וואָרצלען ביים סוף האָר).

דער האַרץ־פּראָפעסאָר איז נאָך הפּנים נישט געווען צוריק פונעם האָספּיטאַל, וווּ ער האָט האָספּיטאַלירט עטלעכע שעה אַ טאָג צום גונסטן פאַן די אָרעמע... זאָ־זאָ. אין „ווייטיג״־רום איז געווען שטיל און קילבלעך — גאַנץ אָנגעגנעמלעך לויט אַזאַ הייסן טאָג, אַזש פון די בראָנקס...

מיט צוויי געציילטע פינגער האָט די נוירס צוגענומען דאָס בריוול פון איר „היימישן דאָקטאָר״, עס געעפנט דורך אַן אַריינרוק פון איר מינדסטן פינגערל אין אַ מויל־ווינקל פונעם קאָנווערט, עס אַדורכגעשטודירט — האַלטנדיק עס ווייטלעך פון איר טויט־בלאַסער נאָז — און זיך אָנגערופן:

— הם־ע... יעעעס!

דאָס האָט געהייסן, אַז זי ווייסט שוין. דערנאָך האָט די נוירס אַ ביסל אָנטקראָכמאַליעט איר אויסגעפּרעסט פּנים און זיך געזעצט אויסשרייבן די „קעיס״, אויף אַ קליין, האַרט קאַרטעלע, באַלד אַזוי די גרייס ווי אַ פּאָסט־קאַרטל, נאָר אָפּגעווירעט.

## דער קליינער איזי...

— אייער פאָטער פון וואָס איז געשטאָרבן?

— א ו י ך פון האַרץ! — האָט זיך די מיסעס שאַרגל פאַרקרימט, גלייך זי אַליין, הייסט דאָס, איז שוין די צווייטע אין איר משפחה, וואָס איז געשטאָרבן פון אַ האַרץ־קראַנקייט.

— נו, גוט. זיצן זי. אָווער דהער.

מיט איבערגעטריבן־קלייניקע טריטעלעך, ווי זי וואָלט זיך שוין אָנגעהויבן צו פּיעשטשען ביי דער הוילער לופט פונעם האַרץ־פּראָפּע־סאָרס „וועיטיג"־רום, האָט די מרס. שאַרגל, ביי דער האַלב־טונקלקייט פון אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן, זיך אַנידערדאָביוועט צו אַ וויכן, גרין־לעדערנעם זעסל, אַוועקגעלייגט איר האַנט־טאַש אויף אַן אַנדער זעסל דאָ־דעביי, צעגומען אַ ביסל די קני‍ען און איבערגעקרייצט די פיס און די אויסגע־דאַרטע, רחמנות־אַרויסרופנדיקע שוואַרצע, קעלבערנע שיך, מיט אַלט־מאָדישע שניר־בענדלעך.

— אוי איז מיר נישט געשען!

אָפּגעזיפּצט צו זיך אַליין, האָט זי זיך אַרומגעקוקט אַרום־און־אַרום: קיינער נישטאָ. די קעלערהאַפטע ווענט זענען נישט צו־הויך, גוט אַרומ־געווישט פון שטויב... עס שמעקט פרישער פאַליטור־אייל, מיט וועלכן אַ „מאָפּ" האָט ערשט־וואָס דורכגעווישט די האָלצן אַרומען דיל, פענצטער־און טיר־קאַסטן, דעם דיל אַליין — דאָרטן ווו ער שטעקט רעמלדיק אַרויס פונעם קאָרפּעט... אונטער דעם קאָרפּעט איז פּאַרקעט — „פּאַר־קעט־פלאָרינג"...

אויף אַ קליין טישל ליגן היפּשע זשורנאַלן מיט גלאַנציק־פּריילעכן גאָלד־לייש, מיט אינטערעסאַנטע בילדער, צייכענונגען, פאָטאָגראַפיעס — זשורנאַלן פאַרן אויג, גרינג צו פאַרווײלן דעם פּאַציענט, ער זאָל פאַרגעסן זיינע צרות.

מיסעס שאַרגל הייבט אויף איין בלעטערפולן זשורנאַל, אַ צווייטן, טונקט איין אַ פינגער ביי דער לעבערנער ליפּ אויף אויפצומישן, פאַר־געסט זיך, לייגט אַוועק — נישט ווויסנדיק, אַז זי האָט געהאַלטן עפּעס אין דער האַנט.

ס'איז איר נישט גוט, נעבעך.

דורך דער געגנט פון האַרץ פליִען פאַרביי שאַרפע, קורץ־פלינקע יסורים־בליצן — נישט קיין טיפע, נאָר דערשרעקנדיקע. דאָס הייסט, זי, די מיסעס שאַרגל (אַלס מיסעס שאַרגל, ווי מ׳זאָגט) דערשרעקט זיך נישט, נאָר דאָס האַרץ דערשרעקט זיך. עפּעס ווי עס וואָלט אונטערגעזאָגט, סיג־נאַליזירט מ׳זאָל קומען און ראַטעווען! וואָס קאָן זי טאָן, די מרס. שאַרגל, דער צעבראָכענער שאַרבן? זי איז געגאַנגען צום האַרץ־פּראָפעסאָר. 10 דאָלאַר איז 10 דאָלאַר — אַ כּפּרה 10 דאָלאַר פאַרן מינדסטן נאָגל. אַ מענטש ווערט נישט געבוירן מיט קיין 10 דאָלאַר און ער שטאַרבט נישט מיט קיין 10 דאָלאַר — 10 דאָלאַר...

10 דאָלאַר — אַ שלל מיט געלט...

נישטאָ קיין געלט. אוי, געלטעניו! אַז מ׳האָט געלט, האָט מען די וועלט, — פלעגט די מאַמע זאָגן... האָט מען ביידע וועלטן, — פלעגט דער טאַטע אונטערהוסטן... מיט געלט קאָן מען טאָן צדקה, קאָן מען זיך אויסבעטן אַ געלעגער אין גן־עדן, ס׳זאָל זיין אויף וואָס צו ליגן, ס׳זאָל נישט קוועטשן... (אַזוי מיט אַ וויץ, עליו השלום...).

די מיסעס שאַרגל איז אַלט 58 יאָר. זי איז אַן אַלמנה. זי האָט דריי אויסגעגעבענע קינדער: איינער אַ לאָיער, איינער אַ ביזנעסמאַנטשיק און איינער מאַכט אַ לעבן. שפּאַרט זי זיך איצט אָן אַן עלנבויגן אויף דער רעכטער קני, לאָזט אַראָפּ דעם גרוילעך־צעפּאַטלטן קאָפּ און פאַרטראַכט זיך — שטילע, שטרויענע געדאַנקעלעך, גרינג ווי אַן אויסגעבלאָזן איי. מנע. ס׳וואָלט געקאָנט זיין גוט. מילא, ווי אַזוי מען לעבט שוין, — ווען נישט דאָס האַרץ כאַטש — אוי!

סע שפּינט זיך עפּעס אָפּ פון אַ קלעצעלע געדאַנקען־פּאָדעם — ס׳איז קאַלירט און דינטשיק, אַזוי ווי בליטשקע... אַזוי ווי צווירן. סע טוט נישט קיין סך וויי — אַ ביסעלע!... אַ ביסיטשקע... ווען ס׳האַרץ זאָל זיך נאָר נישט שרעקן פאַר זיך אַליין... ווער וועט דיר דען עפּעס טאָן, האַרץ? שרעק דיך נישט!... באַלד וועט קומען דער גאַנץ־גרויסער האַרץ־פּראָפע־סאָר. 10 דאָלאַר. ס׳איז ווערט. כאַפּט אים דער רוח — כאַפּט אים... מ׳נוצט אויס דעם אָרעמאַן... אומעטום!

אַז עס האָט איר שטאַרק ווייִ געטאָן אַ צאָן, דער מיסעס שאַרגעל, האָט זי געמיינט, אַז קיין ערגערס ווי צאָן־ווייטיק איז שוין גאָר נישטאָ. האָט זי געבעטן גאָט: „גאָטעניו, ג אָ ט ע נ י ו... אַבי נישט קיין צאָן־ווייטיק" — האָט זי טאַקע אויף מאָרגן אָנגעכאַפּט ס'אויער, איז געווען נאָך ערגער... האָט זי שוין געטראַכט: וואָס איז צאָן־ווייטיק?... אַ צאָן־ווייטיק גייט אַריבער, אָבער אַן אויער?...

ס'אויער האָט אויך אויפגעהערט, נאָר ס'האַרץ. שטאַרק ווייִ־טאָן, מ'זאָל זאָגן, טוט עס נישט ווייִ... נאָר עס בליצט מיט שנעלער דערשראָקנקייט: אַ שטאָך און אַ דערשרעק, ווי אַ פינצטערע בשורה וואָלט געגאַנגען איבער די אָדערן פון האַרץ — אַ טעלעגראַמע פונעם טויט אַליין, נישט דאָ געדאַכט...

וואָס האָט ער געזאָגט, דער לאַדזשן־דאָקטאָר? ענדזשאַינע פּעקטאָריס — דער גאַנצער אינדזשיק, די גאַנצע פּעקטאָרי פון האַרץ, הייסט דאָס, איז קאַליע... ס ד ה כ ל!!! מממאַ! טאַטעלעך אין הימל, פאַר וואָס קומט דאָס מיר? מיט וואָס האָב איך אַזוי געזינדיקט. איך, אָרעמער מענטש, ווייבספּאַרשוין נעבעך... אַלמנה...

די מיסעס שאַרגל לאָזט אַראָפּ דעם אַלמנה־קאָפּ טיפער, מאַכנדיק שנעלע גרימאַסן פון ווייטיק, לויט די בליצן, וואָס לויפן נאָך דער לינקער זייט פון איר לעבן.

מיט אַ מאָל האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן אין אַ ווינקל פון דיל — ווו די איינגעזעסענע סאָפּקע שטייט. זי שטייט אויף, שלייאָנדערט־צו, הייבט־אויף: אַ בראָש!... אַ דימענטענע בראָשקע — מיט זעקס ברילייאַנטן, דאַכט זיך. די שפּילקע איז נאָך וואַרעם־אָפּן, ווי אַ ליפּ, וואָס האָט נאָר־וואָס עפּעס געזאָגט...

מיסעס שאַרגלס האַרץ גיט זיך אַ ריס — צום אָפּרייסן. אַ רויטער שטרייף גיט איר אַ לויף איבערן פּנים, צום איינגעפאַלענעם האַלדז אַרונטער. אַ פלעמל פון גליק און שרעק גיט אַ צוק אין די אויגן, אונטער וועלכע עס ליגן בלאָע שאָטנס פון דאגה און פון צער...

— אַ פאַרמעגנס... האָט עמעצער פאַרלוירן... אַ רייכע פרוי מסתמא.

צום האַרץ־פּראָפעסאָר קומען מענטשן פון גאַנץ ניו־יאָרק... פון פּאַרק עוועניו אויך... די סאַמע רייכסטע...

צי האָט נישט עמעצער באַמערקט?

ניין. ס׳איז קיינער נישטאָ. עס האָט קיינער נישט באַמערקט. ס׳איז נישט קיין אָפיס־שטונדן. איר לאַדזשן־דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ פּריוואַטן אַפּאָינטמענט, ווייל ס׳איז איר שווער צו קומען פון די בראָנקס, פאַרנאַכט, ווען מ׳דאַרף צוגרייטן סאַפּער פאַרן יינגסטן זון פאַר אירן... דער האַרץ־פּראָפעסאָר איז איר לאַדזשן־דאָקטאָרס טאָקע אַ שוואָגער... מיט ציטער־דיקע הענט גיט זי אַ כאַפּ אַריין דאָס געפונענע הינטער איר אַלטן האַנט־בייטל, וועלכן זי האָט אַוועקגעלייגט אויף אַ זעסל, ווו איר דאַכט זיך, אַז ס׳וועט זיך דאָרט קיינער נישט זעצן, ווייל ער איז פאַרשטופּט אין אַ זייטיק ווינקל אַ טונקלס, צווישן ראַדיאַטאָר און דעם פאַרגראַטעטן פענצטער, וואָס גייט אַרויס צום טראָטואַר...

עס גיט אַ שוועב פאַרביי דאָס ווייסע מיידל און ווינקט מיט צוויי זיסע, בלאָנדע צוויבאַק־פינגער און מיט אַן אויסגעוואַשן אויג, אַ רויִקס, ווי אַ וועלשענע נוס.

בעת דער האַרץ־פּראָפעסאָר טוט זיך אָן דאָס ווייסע פאַרטעך, וואָס די נוירס פאַרקנעפּלט אים פון הינטן, שושקעט ער זיך מיט דער נוירס:

— ...דזשאַינאַ?

די מיסעס שאַרגל הערט נישט גאָרנישט. איר געדאַנק איז ביי דער בראָשקע, ביי די 6 בריליאַנטן אונטער איר האַנט־בייטל. אַ פאַרמעגנס... אַ בליאַסקענדיק פאַרמעגן אַ געפונענס... גאָט האָט איר צוגעשיקט... רבונו של עולם...

— זי זענען נערוועז, זע איך! — זאָגט דער האַרץ־פּראָפעסאָר, צו־שטעלנדיק אַזאַ עלעקטרישע זאַך צו אירע פיס, וואָס דערמאַנט אין עלעקטרישן טשער.

— י־יעס...

— ז י י ע ר נערוועז, זע איך! — שטרייכט דער פּראָפעסאָר אונ־טער. — דאָס איז פאַר אינען נישט גוט... זי מוזן זיך האַלטן רויִק. קיינע אויפרעגונג... דאָס איז פאַר אינען ז י י ע ר שעדלעך.

נאָך אַ 20 מינוט אונטערזוכן, האָט דער פּראָפעסאָר אַרויסגעבראַכט דעם דיאַגנאָז אויף קאַלטן לאַטייניש:

— „ענדזשאַינע"... אָבער שרעקן זי זיך נישט, ליבע פרוי... איך וועל זען וואָס איך — —

גאָר מיסעס שאַרגל האָט זיך געשראָקן גאָר פאַר עפּעס אַנדערש...

די בראָשקע מיט די דימענטן... צי האָט נישט עמעצער שוין דער־זען, אַז זי ליגט אונטער איר בייטל? וועט מען זי נאָך כאַפּן אפשר און אָנקלאָגן אַלס גנבטע?

איר גאַנץ לייב ציטערט אויף איר. אין גריבל פון דער אונטערשטער ליפּ שטייט אַ טראָפּן אַנגסט־שווייס און קלערט, צי ער זאָל אַראָפּפאַלן.

זי ברענגט קוים אַרויס פון זיך:

— איך קום באַלד אַריין מיטן געלט! וויפל קומט אײַנען?

— אַך, נײַן, נײַן, נישט מ י ר — מיין בוירס... — זאָגט דער פּראָפע־סאָר ווירדיק, זיך וואַשנדיק די קאָסטבאַרע הענט ביי אַ קראַן.

די מיסעס שאַרגל באַברעט זיך צוריק צום צימער, ווו איר האַנט־טאַש ליגט, אונטער אים דער פינקלדיקער אוצר פון גאָט. דורכן האַרץ שיסן בליצן אָפּט און אָפּטער... דורכן קאָפּ אויך. אָט, אַ גאַס־צווייי, אַז זי גייט אַוועק מיט דעם געפונענעם, איז זי געראַטעוועט... ראַטעווע... רבונו של עולם, העלף מיר! וואָס דאַרפן די רייכע אַזוי פיל, און מיר גאָרנישט?... צוויי בלאָקעלעך... צוויי קליינע בלאָקעלעך, גיט זי זיך אַ דריי אַוועק און ווערט פאַרשווונדן... זי דאַרף באַצאָלן די 10 דאָלאַר. אָט־אָט איז דאָס צענערל... נאָך פון פריער אָנגעגרייט... און פאַר וואָס זאָל מען נישט טאָרן? אַן אָרעמע האָט נישט פאַרלוירן... אַ רייכע הולטאַיקע מסתם פון פּאַרק עוועניו... מיט הינטלעך, מיט „באַטלערס" — וואָס זיי פאַרשפּילן אַ נאַכט אין „ברידזש"... בלויז צוויי בלאָקעלעך, ווען איך דערשלעפּ מיך...

אָבער אין האַרץ בליצט אַזוי... די ענדזשין־פּעקטאָרי איז שטאַרק קאַליע. אָבער איצט וועט זי זיך קאָנען ראַטעווען — אַזוי פיל דאַימענדס... דאַימענדס!!! אפשר זעקס אָדער מער... אַ פאַרמעגנס... אָט איז שוין

אַ האַלבער בלאָק, דרייפערטל בלאָק — אָט... ס׳איז עפּעס פינצטער געוואָרן... פון דימענטן זאָל גאָר ווערן פינצטער מיט אַ מאָל... און אַזוי ווייך, אַ מע־כאַ־יע... אָט עפּעס אַ ראָד פון קאָלירטע בליצן האָט זיך אָפּגעריסן און עס דרייט זיך, דרייט זיך, דרייט זיך — אוי, לעש דיך נישט אויס, ראָד! לעשט איך נישט אויס, דאַימענדס, פּליז, אוי, דאַימענדס מיינע!

*

דער זעלבער האַרץ־פּראָפעסאָר האָט דערקלערט (אין מיטן גאַס), אַז זי איז טויט, און קיין געלט האָט ער שוין דערפאַר נישט גענומען... כאָטש זי איז געווען גאָר רייך: ביי איר אין האַנט־בייטל האָט גערוט די בריליאַנטענע בראָשקע מיט די 6 בלאָע, שטילע פייערן... און דאָס שפּילקעלע איז געווען פריש־אויפגעמאַכט, ווי אַ מויל, וואָס האָט נאָר וואָס עפּעס געזאָגט...

1938

# די שרייב־קונסט

ער האָט מיך געשכנט. דורכויס, מיט אַלע פליטערלעך און פּינטעלעך. אַפילו שוין צו אָפּט. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער אַריינשיקן ס׳על־טער׳ע יינגל זיינס זאָגן „גוט מאָרגן״, זיין יונג מיידל פלעגט האָבן אַן אויפגאַבע מיר צו זאָגן „גוטן אָוונט״, און דאָס מיטלסטע יינגל זיינס פלעגט האַלטן אין איין אויסריפּען דאָס ביסל וואָרעמקייט פון דער שטוב און זאָגן „טהענקיו״.

ער איז געווען אַ העפלעכער מענטש, מיין שכן. אפשר צוואַנציק מאָל אַ טאָג פלעגט ער מיך אָפּשטעלן און מיר דריקן די האַנט. פון זיין אָפּטן שלום־עליכם האָט זיך ביי מיר אין אַ צייט פון עטלעכע חדשים אַנטוויקלט געזונטע מוסקולן. צוליב דער פרישער לופט, וואָס איך פלעג איצט „גע־ניסן״ דורך זיין אומענדלעכן אויפמאַכן־און־צומאַכן די טיר פון מיין שטוב איז מיין אַפּעטיט געוואָרן זייער פאַרשאַרפט: עס האָט מיך גענו־מען אַריינטרייבן אין גוואַלדיקע הוצאות.

מוסטערן פון מיין שכנס העפלעכקייט:

ער פלעגט אַריינשרייען „גוט מאָרגן״ דורך דער טיר — אַז איך בין נאָך געשלאָפן.

ער פלעגט אַרויסנעמען אַלע בריוו פון בריווקעסטל (זיין שליסעלע האָט געעפנט ביידע בריווקעסטלעך) און ער פלעגט זיי מיר דערלאַנגען שוין איבערגעלייענטערהייט, כדי מיר צו פאַרשפּאָרן די אַרבעט.

אין די זומערדיקע טעג פלעגט ער מיר אַראָפּשרייען פונעם דאַך, אַז ער לייענט קאַרליילן און וואָס דענק איך וועגן קאַרליילן?

די פריינדלעכקייט פון מיין שכן איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיר גענומען נאָכמאַכן, נאָכטאָנען, נאָכלעבן, ער איז געוואָרן מיין לעבעדיקער שפּיגל. אַז איך בין געווען גוט אויפגעלייגט האָט ער גע־

שמייכלט, און אַז מ׳האָט מיר אַרויסגעשלעפּט אַ באַק־צאָן, האָט ער זיך געהאַלטן ביי דער באַק.

איין מאָל האָט ער דערזען, אַז איך זיץ און שרייב. האָט ער פאַר־קאַטשעט זיין שטערן און גענומען טראַכטן.

ער האָט געטראַכט און געטראַכט און צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַ הוסטל: האַ? — אַ לעבן אויף אייך! איר שרייבט?

— איך שרייב.

— שוין לאַנג, ענכע, אַז איר שרייבט?

— שוין עטלעכע יאָר.

— און ס׳אַרט אייך נישט?

— עס אַרט מיך נישט.

— טצע־טצע — גיט ער אַ קנאַק מיט דער צונג און פאַרקאַשערט ווייטער דעם שטערן — מ׳דאַרף זיך אויך אַ נעם טאָן שרייבן...

צוויי נעכט שפּעטער האָט ער מיר געבראַכט אַ מאַנוסקריפּט, מיך געבעטן איך זאָל אַזוי גוט זיין, ער בעט מיך זייער, לאָמיך אים טויזנט מאָל אַנטשולדיקן. און יאָ, אפשר קאָן מען דאָס אָפּדרוקן?

איך האָב איבערגעליינט די מעשה און אַרויסגעגעבן מיין פּסק־דין:

— שוואַך!

האָט ער זיך צעפּריינדלט אויפן גרעסטן אופן, שיר נישט געוואָלט וויינען, און געפרעגט:

— וואָס טוט מען?

— ווייסט איר וואָס? — האָב איך געזאָגט — פּרוווט עס אַוועק־טראָגן אין דער רעדאַקציע פונעם „בלייגיסער״.

— וועט זיין, איך בעט אייך זייער, אָלרייט, מיינט איר?

— איך מיין אַזוי.

ער איז אַוועק און צוריקגעקומען אַ דערשלאָגענער.

— וואָס איז?

— מ׳זאָגט, אַז ס׳איז שוואַך, איך בעט אייך זייער.

און ווידער אַ מאָל:

— וואָס טוט מען? אַי, וואָס טוט מען?

## דער קלײנער איזי...

איך האָב אָפּגעמאָסטן דעם מענטש מיט די אויגן, געזען, אַז ער גײט נעבעך אָנגעטאָן קריע־בליע, האָב איך מיך אָנגערופן:

— נעמט און טראָגט נאָך אַ מאָל אַוועק די זעלבע סקיצע צום „בלײ־גיסער".

— וועט זײן אַלרײט, מײנט איר, איר זאָלט אַזוי זײן געזונט. איך דאַנק אײך!

— כ׳מײן אַזוי.

— וואָס דאַרף איך אויסבעסערן אין דער סקיצע?

— איר דאַרפט גאָרנישט אויסבעסערן אין דער סקיצע. איר דאַרפט נאָר אויסבעסערן זיך אַלײן — אײער אויסזען. איר דאַרפט בלויז אָנטאָן אַ נײ פּוטערל, וועט זײן אַלרײט.

— איר מײנט אַזוי?

— איך מײן אַזוי.

צומאָרגנס איז ער אַוועק מיט מײן פּוטערל און מיט זײן סקיצע. אין אַ שעה אַרום איז ער געווען צוריק.

— מ׳זאָגט, אַז ס׳איז שוין אַ ביסל בעסער, אָבער ס׳איז נאָך אַלץ נישט דאָס וואָס סע דאַרף זײן. מ׳האָט מיר געראָטן, איך בעט אײך זײער, איך זאָל אַ ביסל אויסבעסערן, וועט מען עס דרוקן.

— איר דאַרפט נישט אויסבעסערן גאָרנישט, האָב איך געזאָגט, איר דאַרפט נאָר נעמען מײן שטעקן מיטן גאָלדענעם הענטל — פאַרשטאַנען?

— כ׳מײן ווו? — צעשמײכלט ער זיך ווידער ווי אײנער, וואָס האָט בדעה צו ווערן אַן אידיאָט.

— כ׳מײן... טוט ווי מ׳הײסט אײך! נעמט מײן שטעקן מיטן גאָלדע־נעם הענטל און — טראָגט נאָך אַ מאָל אַוועק די סקיצע.

ער האָט מיך געפאָלגט.

אויפן אַנדערן טאָג קומט ער אַרײן צו מיר.

— נו?

— ס׳איז שוין נישקשה, איך בעט אײך זײער. מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז מען קען עס שוין דרוקן — נאָר מ׳האָט מיך געהײסן איבערשרײבן

דעם סוף, ס׳איז נישט גוט פאַרענדיקט. וואָס זאָגט איר, איך בעט אייך זייער? — זאָל איך איבערשרייבן, האַ?

— איר דאַרפט נישט איבערשרייבן, — האָב איך געזאָגט. — נאָט, טוט אָן מיין דימענטענע קראַוואַט־שפּילקע און טראָגט נאָך אַ מאָל אַוועק די סקיצע.

— כ׳מיין ווע? — אין דער זעלבער רעדאַקציע? — האָט ער צעריבן אַ שמייכעלע צווישן די ליפּן.

— אין דער זעלבער! — האָב איך געזאָגט, — און טוט ווי מ׳הייסט אייך.

ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין.

— הערט! — האָב איך אים צוריקגערופן: איר ווילט דאָך מסתּם געצאָלט אויך!

— ס׳וואָלט אַוודאי נישט געשאַדט, איך בעט אייך זייער!

— אויב אַזוי — מוזט איר צופאָרן אין רעדאַקציע אין אַן אויטאָ־מאָביל...

— כ׳מיין ווע? איר ראָט מיר אַזוי, צי איר לאַכט, איר זאָלט אַזוי זיין געזונט?

— איך לאַך נישט. איך בין זייער ערנסט. אַ סך יידישע רעדאַקטאָרן שאַצן אַ שריפטשטעלערס טאַלאַנט לויט די קליידער וואָס ער טראָגט... אַ מיטלמעסיקער שרייבער מיט אַ גוטן „סטעטסאָן״־קאַפּעליוש און מיט אַ טייער פוטערל האָט צען מאָל מער שאַנסן צו פאַרקויפן זיינע זאַכן, ווי דער בעסטער שרייבער מיט אַן אָפּגעריבענעם מאַנטל.

— כ׳דאַנק אייך טויזנט מאָל...

— נישטאָ פאַר וואָס. קומט מאָרגן ווידער און טוט ווי מ׳הייסט אייך!

געקומען. אַ צעפריילעכטער, אַ צעשמייכלטער, אַ שטיק ברכה־פון־גאָט אויף צוויי פיס.

— נו?

— אַכט טולער — האָט ער מיר געוויזן אַ פינפערל און דריי איינציקע אַסיגנאַציעס.

### דער קליינער איזי...

— ווי אַזוי איז עס געשען? דערציילט — בין איך געוואָרן פאַר־אינטערעסירט.

— כ׳האָב געטאָן ווי איר האָט מיך געהייסן, איר זאָלט אַזוי זיין געזונט. כ׳האָב געדונגען אַ שיינעם אויטאָמאָביל און בין צוגעפאָרן צו דער רעדאַקציע פונעם „בלייגיסער”. אַז כ׳בין צוגעקומען צו דער טיר, האָב איך געהייסן דעם שאָפער דערלאַנגען אַ שאַרפן פייף, כדי מ׳זאָל הערן דאָרט אינעווייניק. באַלד האָבן זיך דערזען עטלעכע מענטשן ביים פענצטער פון דער רעדאַקציע. איך בין אַנגעטאָן אינעם נייעם פוטער, וואָס איך האָב ביי אייך אַנטליִען. אין קראַוואַט האָב איך געטראָגן אייער דימענט־שפּילקע און אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן אייער שטעקן מיטן גאָלדענעם הענטל. אַז דער זעלבער רעדאַקטאָר פונעם „בלייגיסער” האָט מיך דערזען אַרויסקומען פונעם אויטאָמאָביל, איז ער מיר אַנטקעגן געגאַנ־גען און מיך געפרעגט צי איך האָב ביי זיך די נעכטיקע סקיצע. ער האָט זיך, זאָגט ער, מישב געווען, אַז נאָך אַלעמען איז עס אַ גאַנץ געלונגענע זאַך.

און ער האָט מיר באַלד דערלאַנגט מזומנע אַכט טולער און... מיר אפשר טויזנט מאָל געדאַנקט.

כראָניק: היינט האָט שוין מייך שכן אַן אייגענעם פוטערל, אַן אייגע־נעם שטעקן פון שלאַנגענהאָלץ, און אַן אייגענע דימענט־שפּילקע פאַר דריי הונדערט טולער. זיינע נאָוועלעס דרוקן זיך אין די בעסטע זשורנאַלן פון לאַנד.

1938

# צו גאַסט ביי אַ לייענער

דער הומאָריסט ציפּערמאַן איז אַרומגעגאַנגען אַ שטיק צייט אָן אַרבעט. מיט יאָרן צוריק, בעת ציפּערמאַנס שטערן האָט גענומען אויפגיין, האָט ער געהאַט פאַר זיך אַן אָפענע פּרעסע. די יידישע צייטונגען און זשורנאַלן פון יענער צייט האָבן גערן געדרוקט ציפּערמאַנס אַ פעליעטאָן, עסקיז, און זיינע הומאָריסטישע ראָמאַנען האָבן זיך גאָר קונה־שם געווען פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער. ציפּערמאַן האָט געהאַט אַ סטיל, וואָס די קריטיק האָט באַצייכנט אַלס „דורכזיכטיק״, און די נעמלעכע „דורכזיכטיקייט״, וואָס האָט — ביים אָנהייב פון זיין ליטעראַרישער קאַריערע — אים אויפגעהויבן אויף די פליגל, האָט אים שפּעטער דערקוועטשט מיטן קנאַפּל. אַ דאַנק דער דאָזיקער „דורכזיכטיקייט״ איז ציפּערמאַן געשוווּמען איבערן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין צייט, ווי אַ שיף מיט אַ גלעזערנעם דנאָ... דאָס אָרט, וווּ ציפּערמאַנס אָבסערוואַציע־שיף איז געשוווּמען, איז אָפּט געווען נישט קיין ים און נישט קיין טייך, נאָר אַ — קאַנאַל, מיט אָפּגעשטאַנענע גיפטיקע גאַזן.

אונטער דער מאַסקע פון אומשולדיקן הומאָר, אָדער קאַלטער איראָניע האָט דער הומאָריסט ציפּערמאַן אָנגעשטעלט זיין שאַרפע פען אויף פיל מיסט־ווינקלען.

פיינט האָבנדיק דעם האַלבוועגס פון „אין פּרינציפּ בין איך מסכים, נאָר...״ אָדער פון „מ׳קאָן נישט זאָגן אַז נ י י ן, מ׳קאָן אָבער אפשר אויף זיכער אויך נישט זאָגן, אַז י אָ״, איז דער הומאָריסט ציפּערמאַן — בטבע אַ טויט־ערנסטער מענטש, וועלכער האָט זיך דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס הומאָריסט, בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט געזאָגט אַזוינע ביטערע אמתן וועגן דער „קריטיק״, אַז די קריטיק ((וועלכע האָט וועגן זיך גאָר נישט קיין שלעכטע מיינונג) האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז זיין אַ ווילדער. איז ציפּערמאַן (ווי מיר האָבן שוין אָנגעהויבן זאָגן), ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען פון אַטאַקירן אינסטיטוציעס און אידעען, צו די פ י ר ע ר פון די אינ־

סטיטוציעס און צו די טרעגער פון די אידעען, אויפהייבנדיק פאַר־האַנג נאָך פאַרהאַנג איבער דער שוואַכקייט פון דעם מענטשלעכן מין, אין וועלכן עס גייען אויך אַריין די „גענעראַלן" און די קאַפּיטאַנען, דאָס הייסט, לעבעדיקע מענטשן... און לעבעדיקע מענטשן, ווי מיר ווייסן, האָבן אַ טבע: פּאַטשט זיי — פּאַטשן זיי צוריק (אויב זיי האָבן נאָר כוח). ס׳מאַכט נישט אויס, אויב דער פּאַטשער איז אַ לערער, ביי וועמען די פּאַטש־סיס־טעם איז אַ טייל פון זיין דערציִונג־סיסטעם.

אויף אַזאַ אופן האָט דער הומאָריסט ציפּערמאַן זיך לייכט אַרויפגע־אַרבעט — אויף אַ לונגען־פּעלער און אויף אַ האַרץ־קראַנקייט. אַ דאַנק די־אָ צוויי חולאתן איז ציפּערמאַן געוואָרן נאָך ביטערער און „אויסגע־שפּראָכענער". עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ביי דער גאַנצער „דורכזיכ־טיקייט" פון זיין סטיל, האָט ציפּערמאַן נישט געקאָנט „דורכזען" קיין שפּיץ פון אַ דאָלער, און זיין ברויט איז געוואָרן אַלץ מאָגערער און מאָגערער.

ציפּערמאַן האָט איצט נישט געהאַט קיין מאַרק אָפּצוזעצן די „פּראָ־דוקטן פון זיין פּען". די איראָנישע און הומאָריסטישע פּרוכטן פון זיין „עץ־הדעת" האָבן הויך געהאָנגען אין דער לופטן, און פייגל האָבן זיי אויפ־געגעסן ווי ציטיקע קאַרשן... דאָס איז געווען זייער טרויעריק, בפרט, אַז ציפּערמאַן האָט באַטראַכט יענע קאָלעגן זיינע, וועלכע האָבן אויסגע־קליבן דעם „ע ץ ־ ה ח י י ם", האָבן אַ ברייטן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זייערע סחורות, ווייל מענטשן ווילן בעסער דעם לעבנס־געבנדיקן „ליגן", ווי דעם וויסן־ברענגנדיקן אמת...

ציפּערמאַן האָט געהאַט אַ ווייב מיט צוויי אויסגעגעבענע קינדער — טעכטער. די לעצטע האָבן געוווּסט, אַז דער טאַטע פאַרנעמט זיך מיט שרייבן, פון וועלכן ער מאַכט נישט קיין לעבן, האָבן אָבער נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס ער שרייבט, ווייל זיי האָבן נישט געקענט אַ וואָרט יידיש. זענען זיי אויף אויסנווייניק געווען דם־שונאים פון דער "דזשואיש ליטרע־טשור", וואָס באַהאַנדלט אַזוי זייער טאַטן, און דעם טאַטן אַליין האָבן זיי אויך געהאַלטן פאַר אַ נאַר און אַ שלימזל, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַזאַ ליטעראַטור, וואָס קיינער יוזט זי נישט און מ׳שרייבט דאָס גאָר פון רעכטס אויף לינקס, עפּעס אַזוי ווי אויף צו להכעיס... (ביי זיי איז אויס־

געקומען, אַז אויף יידיש איז דאָס טראַכטן אויך אַ פּאַרקערטס, אַזוי ווי שפּיגל־כתב...).

ציפּערמאַנס ווייב, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט אַ „נאָמען", האָט אויסגעפונען, צו איר באַדויערן, אַז מיט אַ „נאָמען" פאַרבראַקט מען נישט די יויך און מיט אַ „נאָמען" באַצאָלט מען נישט קיין דירה־געלט, איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ דערשלאָגענער. מיט דעם אָנקום פון העכערע יאָרן (ציפּערמאַן איז שוין געווען איבער 40!) האָבן די סעזאָנען געגנו־מען לויפן אַלץ שנעלער און שנעלער, ווי אַ וועג וואָס מ'האָט אים שוין אַ סך מאָל אַדורכגעשפּאַצירט אַהין און צוריק. די ווייטקייט פון זומער ביז ווינטער איז געוואָרן אַ שפּאַן, אַ „קאַצנשפּרונג"... אָט איז ווינטער און מען הוסט און מען נעמט פיש־אייל און מ'גיסט זיך טראָפּנס עפּעדרין אין נאָז אַריין, און אָט איז שוין באַלד זומער און מ'לייגט זיך שוין אייז צום קאָפּ... און מ'נעמט זיך שוין איינשפּריצונגען קעגן היי־פיבער... און מ'האָט שוין ווידער נישט קיין געלט אויף צו פאָרן אין די „ווייסע בערג" פון ניו־העמפּשיר, ווו ס'איז קיין היי־פיבער־שטויב נישטאָ.

„אַמאָליקע יאָרן", בעת ציפּערמאַן איז נאָך געווען אין די פּעדערן, פלעגט ער דעם זומער פאַרברענגען אין די קעטסקילס, לעבן אַ טייך... געסט פלעגן קומען, געסט פלעגן גיין... לאַנדסלייט פלעגן קומען, מיט־ברענגען זייערע באַקאַנטע און באַוויזן, אַז זיי קענען אים פּערזענלעך, און זומערניקעס פון די אַרומיקע האָטעלן פלעגן קומען אַ קוק טאָן אויף דעם הומאָריסט מיט דער „דורכזיכטיקייט"־פּעץ, פון וועלכן זיי האָבן אַזוי פיל געהערט, אַזוי פיל „פּיקטשעס" זיינע געזען. און זיי זענען געווען אַ קאַפּעלע אַנטוישט, אַז אין זיין גאַנץ פּנים — אַריינגערעכנט די האַרטע וואַש־בלאָע אויגן — קען מען נישט געפינען קיין שום דורכזיכטיקייט, אַחוץ אפשר אינעם פּערלמוטערנעםביינדל פון דער דינער, אַרויפגעקאַטשע־טער נאָז.

איצט אָבער! פון יאָר צו יאָר ווערט עס ערגער. ציפּערמאַן איז אויסן „סטאַיל" אַרויס. אין „סטאַיל" זענען איצט גרינגערע פון אים, זיסערע, אַזוינע, וואָס זייער הומאָר איז ווי אַ בין, וואָס האָט נישט קיין גיפט, נאָר בלויז האָניק און איינגעמאַכטס!... די ווינטערס ווי די ווינטערס —

ביז וואַנעט מ'הייבט זיך אויף פון אַ צוויי־דריי גריפּעס, הייבן שוין אָן בליִען די זיבןביימלעך אין יוניאָן־סקוועה... אָבער די זומערס זענען גאָר שווערע! אום זומער צו זיין עלנט און „סוקסעסלאָז" איז ווי צו קומען אויף אַ חתונה מיט אַ צאָן־ווייטיק... אגב איז — אום זומער די אָרעמקייט מער אויסגעשטעלט צום טאָג־ליכט... אַז די פענצטער זענען אָפן און אויפן פייער־עסקעיפּס היפּערט אַ פייגעלע און סוויסטשעט אַ ביסל, זעט זיך די נויט אַרויס פיל שאַרפער און ווייטיקדיקער. וועז ציפּערמאַן זאָל כאָטש האָבן געלט צו פאָרן אויפן לאַנד — ווי אין די „אַמאַליקע יאָרן"!

היינטיקס יאָר איז געשען דאָס זיבעטע וווּנדער אין דער וועלט: אַן „אַלטער לייענער", וועלכער האָט אַ הויז אין ווערמאָנט, האָט זיך מרחם געווען אויף די ציפּערמאַנס און זיי פאַרבעטן צו זיך אַלס געסט אויף — אַזוי לאַנג ווי עס וועט זיי (די ציפּערמאַנס) געפעלן. דאָס הייזל איז געווען אין די בערג, לעבן אַ שטילן וואַסערפאַל, וואָס איז געווען דורכזיכטיק ווי די רעפּוטאַציע פון ציפּערמאַנס סטיל. עס זענען געווען שאָטן־ביימער און פרוכט־ביימלעך, עס האָבן געוואַקסן אַגרעסן און מאַלי־נעס — וואָס ציפּערמאַן האָט אַזוי ליב דער עיקר דערפאַר, וואָס די לעצטע צוויי פּירות האָט ער אָפט דערמאָנט אין זיינע שריפטן... ס'צימערל, וואָס מ'האָט זיי אָפּגעגעבן, איז געווען ווייך און דרימלדיק, איינלאַדנדיק צו חלומות און מעדיטאַציע. דעם „אַלטן לייענערס" פאַמיליע איז באַ־שטאַנען פון אַ פרוי און צוויי זין. די לעצטע פלעגן קומען בלויז אויף סוף־וואָך. אַ גאַנצע וואָך איז געווען שטיל, רויִק, און די עסנס -·- פאַר וועלכע די ציפּערמאַנס האָבן צושטייער געגעבן און וועלכע די מיסעס ציפּערמאַן האָט געהאָלפן צוגרייטן — זענען געווען געשמאַקע. די ראַדיאָ האָט געשפּילט ווייכע, לירישע זאַכן... די זון איז ווייך און שטיל אויפ־געגאַנגען און אונטערגעגאַנגען רעגלמעסיק אַרומען שטיבל מיט די שטילע פענצטערלעך... אין די נעכט האָבן געלויכטן שאַרף־אַרויסגעשניטענע שטערן, אַ מאָל מ י ט, אַ מאָל אָ ן דער לבנה, און דאָס אויסגעלאָשענע טאָג־ליכט האָט געהויערט אין דער לופט, ווי בענקענדיקער נאָכגלאַנק... ביז אַרום 9 אַ זייגער ביינאַכט, ווען ס'איז מיט אַ מאָל צוגעפאַלן צו דער

שויב די שוואַרצע גוטמוטיקע בערן־נאָז פון דער נאַכט, נישט ברענגענדיק קיין געפיל פון פּחד, נאָר גרינגן טריבזעל און זיסע האַרץ־אויסגייעניש...

די ערשטע וואָך פון די ציפּערמאַנס גאַסטיען־זיך ביי דעם אינטעלי־גענטן „אַלטן לייענער“ איז אַריבער אין אַ מין סאָרט פּרעלוד פון קעגנ־זייטיקן שווייגן. דער „לייענער“ —— מיסטער יוסף גליקשטערן — האָט געשוויגן פון דרך־ארץ צו דעם „נאָמען“, געוואָלט אגב ווייזן, אַז ער ווייסט ווי אָפּצושאַצן די „דורכזיכטיקייט“ פון ציפּערמאַנס קאַפּריזנע שטימונגען, לייכטע ענדערונגען פון געמיט, הונדערט ניואַנסן פון עמפּפינדלעכקייט.

ציפּערמאַן ווידער האָט געשוויגן — אַ ביסל פון פאַרלעגנהייט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין טעכניק פאַר פּערזענלעכן אויסדרוק פון דאַנק־באַרקייט. ווי טיף דאָס־אַ געפיל זאָל אויך נישט זיין אין אים. איצט — נאָך מער ווי תמיד: דערפּאַר, ווייל די לאַנד־שטילקייט, די רו און דאָס קלאָר־קלינגענדיקע וואַסערל האָבן אים פאַרטריבן טיפער אין דער וועלט פון מעדיטאַציע, אויפוועקנדיק אין אים די אומרו פון אַ נישט־געבוירן ווערק, וואָס רייסט זיך צום לעבן צו קומען.

ציפּערמאַנס וויב, וועלכע האָט שטענדיק געטיילט מיט איר מאַן אַלע זיינע שטימונגען, האָט אויך געשוויגן, געשמייכלט פאַרפייניקט, אַרויסרופנדיק אויף איר טרויעריקער יידישער נאָז שפּורן פון אַמאָליקער יוגנטלעכער פאַרשעמטקייט, גייענדיק מיט ווייכע טריט איבער דער שטיגע מיט טרעפּ, ווי נישט אויפצוּוועקן די קינסטלעך־באַהויכטע, ווייכע שטילקייט פונעם שטיבל ווו די ראַדיאָ גיסט כסדר מיט באַך, סמעטאַנאַ דעביוסי, מאָצאַרט און בעטהאָווען.

די צווייטע וואָך אָבער, אַז מר. גליקשטערנס באַקאַנטע און פריינד זענען געקומען צו־גאַסט, האָבן די גליקשטערנס דערוואַרט, אַז דער „הור־מאָריסט“ וועט זיך באַווייזן מיט זיין וויץ און גלאַנץ, און אַז זיי — די גליקשטערנס — וועלן צום טיש מיט פיינע מאכלים, גרייטן אַ באַזונדערס פיינעם צושפּייז: ציפּערמאַנס דורכזיכטיקן הומאָר... און אויב צווישן די געסט און באַקאַנטע זאָלן זיך געפינען גוטע שמועסער־קאָזעירס, וועט מען הערן, ווי גאָלדענע שווערדן קרייצן זיך און קלינגען אין וואָרט־געפעכטן...

און מ'וועט טאַקע בעסער פֿאַרדייען ס'עסן — אַז יונג איז מען שוין נישט, און מיט דער פֿאַרדייונג  האָט מען שטענדיק צו טאָן.

ציפּערמאַנס הומאָר, דערפֿילנדיק אַ נייטיקייט זיך אַרויסצובאַוויַיזן פֿון באַהעלטעניש און דאַנקען דורך עטלעכע קלוגע טרעלן, האָט ווי אַ פֿייגעלע, ווען עס דערזעט אַ פֿילאַנטראָפּישן פֿינגער ביי דער נעסט, דער־שראָקן אַריינגעצויגן ס'קעפּל און זיך פֿאַרקראָכן טיף־טיף אין דער וואַרעמער, טונקעלער מרה־שחורה פֿון די פּאָר נעסט־שטרויעלעך, וואָס זענען אָנגעוואַרעמט מיטן אייגענעם, פֿלאַטערדיקן „איך"...

די געסט, וועלכע האָבן זיך געהאַט צוגעגרייט אויף אַ גייסטיקן נאַש, אַלס צוגאָב צו דעם רייכן געשמאַקן מאָלצייט, וואָס די מיסעס ציפּערמאַן האָט געהאָלפֿן אויפֿטראָגן צום טיש, האָבן אַראָפּגעלאָזט די נעז. יענע, וואָס האָבן אין אָנהייב פֿון מאָלצייט אַ ביסל אַ רויש געטאָן מיט באַמער־קונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט, באַמיִענדיק זיך צו געבן זייערע רייד אַ רייכן גלאַנץ, ווי עס פּאַסט ביי דער אָנוועזנקייט פֿון דעם „דורכזיכטיקן" הומאָריסט, זענען ביסלעכוויַיז שטיל געוואָרן, גלייך ווי די אַנדערע האָבן פֿאַרגנבעטערהייט געכאַפּט אַלע ווײַלע אַ בליק אויף ציפּערמאַנען און טיפֿער אַריינגעגראָבן די נעז אין די טעלערס, טרויעריק געגעסן און גע־שוויגן...

זעענדיק, אַז זייערע געסט זענען אין אַזאַ נישט געלונגענער שטימונג, האָבן די גליקשטערנס זיך אויך געפֿילט באַליידיקט און דערשלאָגן.

די מיסעס ציפּערמאַן, פֿילנדיק אין דער לופֿט די „אָנגעלאָדנקייט", איז שיִר נישט פֿון די פֿיס געפֿאַלן — דערלאַנגענדיק דעם צושפּייַז. זי האָט געזוכט זיך צו טרעפֿן מיט ציפּערמאַנס אויגן, אים בעטן רחמים, ער זאָל רחמנות האָבן און עפּעס זאָגן... נאָר ציפּערמאַנס בליקן זענען געווען דורכויס געווענדט צום ווייסן טישטעך אַראָפּ. און — צייטנוויַיז — אין דער הוילער לופֿט אַריין, אַרויסלאָזנדיק אַלע צוויי מינוט אַ האַלבן פֿייף, וועלכער האָט געדינט אי ווי אַ טרויער־סיגנאַל, אי ווי אַן אָפּבלאָז פֿון בלעזלדיקן שוים אויף אַ געמיט, וואָס קאָכט פֿינצטער מיט באַליידי־קונג און ערגערניש.

די אָנגעשטרענגטע קעגנערשאַפֿט, וואָס מענטשן פֿילן קעגן איינעם,

וואָס שטערט זייער פאַרגעניגן, האָט זיך איבערגעגעבן פון איינעם צום אַנדערן...

דער מיטאָג איז אָפּגעפּאַרטיקט געוואָרן ווי אַן אָבל־מאָלצייט. די זונטיקדיקע געסט, וועלכע זענען געווען געווינט צו פאַרבלייבן ביז שפּעט פאַר נאַכט, האָבן זיך איצט — האַלב־באַליידיקטע, ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער — געקליבן אַוועקצופאָרן וואָס פריִער. מיט די צייןּ־שטעכערס פריש אין די ציין, און דער גענעץ — לויטן אַמעריקאַנישן מאַניער — באַהאַלטן אונטער דער האַלבער פויסט, האָבן אַ טייל געשמועסט צווישן זיך אַ ווײַלע — שטילערהייט. דערנאָך זיך געזעגנט, און באַלד האָבן אַ טוץ ריטמישע רעדער זיך אַוועקגערעדערט פון מר. גליקשטערנס ווילע, איבערלאָזנדיק אין שפּעטן נאָכמיטאָג אַריך דעם נאָכקלינגענדיקן ציטער פון אַן אומהיימלעכער שטילקייט.

*

אויף צו מאָרגנס, אַז ציפּערמאַן האָט אָפּגעגעסן פרישטיק, האָט אים מר. גליקשטערן אַוועקגערופן אין אַ זייט — אין דרויסן אַרויס, און שטאַמלענדיק אים דערקלערט:

— איר פאַרשטייט ?... מײַנע זין האָבן געביטן זייערע פּלענער — זיי ווילן פאַרברענגען דעם גאַנצן זומער מיט אונדז דאָ... איר פאַרשטייט ?

ציפּערמאַן האָט פאַרשטאַנען.

ציפּערמאַנס פרוי אויך.

שטיל, אָן ווערטער, האָבן זיי גענומען פּאַקן זייערע זאַכן. דורכן אָפּענעם פענצטערל, וווּהין די קילע, דורך־גרינע־בלעטער דורכגעזיפּטע זון האָט איראָניש אַריינגעשמייכלט, האָט מען געזען, ווי עס היפּערן פייגל פון צווייג צו צווייג, דערציילנדיק איינער דעם אַנדערן וועגן דעם, ווי טרויעריק ס׳לעבן איז פון איינעם, וואָס האָט אַ „דורכזיכטיקן הומאָר“, און אַלצדינג, נאָר קיין נעסט האָט ער נישט, קיין נעסט האָט ער נישט, קיין נעסט האָט ער נישט.

1938

# צוריק צו דער ערד

בלעכשטיין איז געווען אַ דעמבענער ייד מיט רעטעכענע ווערצעלעך איבערן גאַנצן פּנים, וואָס איז געווען בלאָ געגאָלט און ריבאַייזנדיק.

בלעכשטיין איז געווען אַ „ייד פון יענע יידן": אַ ווינט־ייד, אַ לופט־ייד, אַ שיִע־פּיִע־ייד, אַ מ׳עט־שוין־דורכקומען־ייד, אַ לאָז־מיך־געמאַך־ייד — מיט איין וואָרט: אַ ייד, וואָס פאַרלאָזט זיך אויף גאָט און אויף דער הויכער, אויסגעשטעלטער נאָז זיינער, וואָס לויפט שטענדיק פאָרויס און זוכט עפּעס און ניוכעט עפּעס אָן און ברענגט צו טראָגן!... אַז זי ברענגט צו טראָגן אַ פעט ביינדל, פול מיט וואָרעמען פּרנסה־מאָרך, באַוועגט זי זיך, די־אָ נאָז, און זי לאַכט און זי האָט הנאה, און די נעמלעכע הנאה איבער אַ פעטן ביין, וואָס גאָט האָט צוגעשיקט, צעשפּרייט זיך באַלד איבערן גאַנצן ריבאַייזן־פּנים, איבער אַלע הונדערט מיט זעקס ווערצעלעך, וועלכע צעכאַפּן עס, טראָגן עס צום גריבלדיקן שטערן צו, צו די אויגן, צום קאָפּ, וואָס וויל  נישט גרוי ווערן אויף אַ האָר...

בלעכשטיין ווייסט פון דעם שפּריכוואָרטל, אַזוי ווי מען נעמט זיך פאָר, אַזוי העלפט גאָט, וויל ער נישט ווייזן גאָט קיין וועג, אַז אַ ייד דאַרף פון זיך אַרויסזעצן די נשמה צוליב אַ שטיקל ברויט.

די גרופּע לאַנדסלייט, מיט וועלכע בלעכשטיין איז מיט 40 יאָר צוריק געקומען קיין אַמעריקע פון בעסאַראַביע, האָבן זיך אַלע ווי־עס־איז איינגעאָרדנט ביי נוצלעכער אַרבעט: איינער מאַכט לעכלעך אין באַן־בילעטן, אַ צווייטער פאַרקויפט טשואינג־גאָם אין סאָבווי — 6 פעקלעך פאַר אַ ניקל, אַ דריטער איז געוואָרן אַ מייז־אויסראָטער („מענדל מויזנ־כאַפּער" רופט מען אים); אַ פערטער, אַ פינפטער, אַ זעקסטער, אַ זיבע־טער: שניידערס, פאָריערס, מוהלים און מסדר־קידושינס, פעדלערס, אַמ־ברעלאַ־מאַכערס, הענדלערס, מעקלערס, פּאָליטישנס, לאָיערס, דאָקטוירים, קאָנגרעסלייט.

נאָר מיסטער בלעכשטיין — היינט מיסטער בלעקסטאָון! — מיסטער בלעקסטאָון האָט זיך אַרויפגעאַרבעט גאָר פיין: געקויפט און פאַרקויפט אַ נייעם סאָרט „זיפּער״... לאָטעריע־צעטלעך, אויסגעבלאָזענעם ווינט, פּאַראַיאַריקן שניי... פויגל־מילך... ער האָט געהאַנדלט „באָנוסעס״, „מאַר־דזשינס״ און „בראָקערעידזש״, פּראָצענטלעך... זיך געטומלט מיט „דעוועַ־לאָפּמענטס״, — ער האָט זיך געדרייט און אַרום אים האָט זיך מיט־געדרייט פּרנסה בכבוד, מיטן פולן מויל — אָט אַזוי ווייט... גאָט צו דאַנקען, הלוואי ווייטער... עס זאָל נאָר אָנהאַלטן!

נאָר דער גאָט (אָדער די „נאַטור״) וואָס קען העלפן אַרויף, קאָן אויך העלפן אַראָפּ! אַראָפּ איז אַפילו דער נאַטור אַליין אויך גרינגער ווי אַרויף, זי פאַרסאַפּעט זיך ווייניקער. דערפאַר האָט עס געדויערט מר. בלעקסטאָונען העכער 35 יאָר צו דערדראַפּען זיך צום סאַמע שפּיץ פון סוקסעס און הצלחה. בלעקסטאָונס אַרונטערפאַלן אָבער האָט געדויערט בסך הכל עטלעכע חדשים. עס איז געגאַנגען ווי געשמירט. אָנגעקומען דאָס געוויסע קריזיס־יאָרל 1932 — דאָס יאָרל, וואָס וועט אַריין אין דער געשיכטע מיט מעיאָר וואָקערס קוישעלעך רויטע עפּל... און גייענדיק אַזוי צו דער סטאַנציע, שוין אַוועקצופאָרן, האָט עס באַמערקט מר. בלעקסטאָונען. „האַו דו יו דו, בלעקסטאָון?״ „האַו דו יו דו, יורסעלף?״. הכלל, מ׳האָט זיך צערעדט. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, אַז מ׳איז פאַרטיק געוואָרן, איז דאָס יאָרל שוין געהאַט אַוועק אַהין ווו אַלע גוטע און פרומע לייט גייען אַוועק און ווו דער שבת־קודש און ווו די נישט־צעטיילטע דיווידענדן און די „פאַרפאַלענע מאַרדזשינס״ גייען אַוועקעט...

בלעקסטאָון איז געוואָרן אויס קאַפּעליוש־מאַכער — קאַפּוט! אַן אביון צווישן אביונים — אָבער אַזוי מיט אַ פאַלע...

דער לוסטיקער, דער זאָרגלאָזער בלעכשטיין, וועלכער האָט שטענדיק חלומלאָזע נעכט, האָט איצט רעגלמעסיק, יעדן צווייטן דינסטיק אין חודש, געטרוימט פון זעלבסטמאָרד. אָבער — ס׳איז עפּעס נישט געקומען דערצו.

ס׳איז נישט געקומען דערצו — איר ווייסט פאַר וואָס? ווייל וואָס ביי אַ גרויסן גביר פאַרוואַלגערט זיך — אַפילו ביי אַן אָרעמען גביר!

מיט די לעצט־געראַטעוועטע עטלעכע טויזנטער אין מזומן געלט (אין אַ סעיף־דעפּאָזיט באָקס) האָט בלעקסטאָון געגומען טראַכטן פון די „אַמאָ־ליקע יאָרן" אין בעסאַראַביע, זיך דערמאָנט, אַז זיינער אַ זיידע — אונדז צו לאַנגע יאָר, איז אַ מאָל, אין איין צייט, געהאַט געווען אַ פּאַכטער; געהאַט פערד און בהמות און אַ ווייב מיט, און צוויי זין מיט, און אַן איינ־ציקע טאָכטער. נאָר וואָס איז דאָ צו רעדן? אויף די פּלויטן־פּלעקער אַרום זיין זיידנס פּאַכט פלעגן זיך טריקענען ערדענע מילך־טעפּ, וואָס האָבן געשמעקט ווי אַ קימפּעט... נישט ווייט פון פּלויט האָבן זיך געהוידעט די ווייס־ברוינע־זילבערן־גאָלדענע בערדלעך פון קוקורוזעס. אַ לעבן געווען... אַי אַ לעבן — אַ שווערס, אַ געמוטשעטס, אין פּאַרגלייך, הייסט דאָס, מיט דעם וואָס... נאָר וואָס לאָזט זיך מאַכן — האַ? אַז גאָט וויל... און הוועער וויל...

„נישט געצעגערט און איידער איך האָב חרטה!", האָט געזאָגט צו זיך דער ווערצלדיקער עקס־שפּעקולאַנט מר. בלעקסטאָון, — מ'עט זיך אַ נעם טאָן!...

און אַ צי געטאָן מיט דער בולבענער, הויכער (אָבער נישט לאַנגער) נאָז...

אַ צי געטאָן מיט דער נאָז, האָט ער דערשפּירט: הייסע קאַרטאָפל־וואַרעניקעס, וועלכע באָדן זיך אין פּוטער און שווימען אין דער שווערער זויערמילך, וואָס מ'קאָן שניידן מיט אַ מעסער... האָט ער דערפילט דעם מאַרגעדיקן טעם פון געפּראַזשעטע קוקורוזעס, רויטע ראש־חודש־רעטעכ־לעך (דריי ריש'ן איינס נאָך ס'אַנדערע) סטראָ — אָדער בעסער געזאָגט פּאָזימקעס, קאַרשן, עפּל, אוגערקעס, פלוימען, באַרן, מאַלינעס, ספּינאַטש, בוריקעס, מייערלעך, שפּאַרגל, קאַליפלאָר... קאָווענעס, האַרבוזעס — ניש־קשה, האַ? און ווו שטייט עס, זאָגט זשע מיר, אַז אַ מענטש דאַרף לעבן פון „דעבענטשורס" און „מאַרדזשינס" און „בונאָסעס" און אַנדערע שפּעקולאַ־ציעס?

אויס מיט שפּעקולירן!... אַ פעסט ערד (אַ קלאַפּ מיטן פוס אויף זיין נייער פּאַרם, לעבן סאַגערטיס, ניו־יאָרק) אַ זיכער שטיקל ברויט (אַ שנייד אַריין מיט דער אַקער־שער אין אַ... שטיין) אַ רויִק לעבן, אַ שטילס (אַ

בלעקעכץ פון אַ הערדע שאָף, אַ קאַדקאַדאַקען פון 850 הינער און הענער... אַ מרוקע פון אַן אָקס, אַ זידעריי פון בינען, פליגן און מאָסקיטאָס... אַ געקוואָקעריי פון זשאַבעס... אַ זשומען פון זשוקעס...)

עס האָט גענומען בסך הכל דריי סעזאָנען, סיזנדלעך און מר. בלעקסטאָון האָט אויסגעפונען, אַז וואָלסטריט און סוויפּ סטעיקס און לאָטעריע זענען אַ... זיכער געשעפט, אין פאַרגלייך מיט דער שפּעקולאַציע פון פאַרמעריי, פון מאַכן שותפות מיט ווינט און מיט גאָט...

ס'איז געווען אַזוי: אַז ס'איז געווען אַ גוט יאָר און בעלקעסטאָונס פעלדער זענען געראָטן איז געראָטן ביים שכן אויך... און ביים שכנס שכן און אַזוי כסדר. ביז איאָוואַ און ביז מאָנטאַנאַ... און דער מאַרק איז געווען פאַרשטאָפּט, און אַז דער מאַרק איז געווען פאַרשטאָפּט, האָט מען אים געמוזט איינגעבן ביליקע פּרייזן, עסלעפעלעך מיט טרערן און טעפּעלעך מיט שווייס...

איז געווען אַן אויסטריקעניש ווידער און די פעלדער האָבן געדאַרט און די בהמות האָבן געלעקט די שטיינער און געגעבן זעקס קוואָרט מילך אַ טאָג (אַנשטאָט די געוויינלעכע 18), האָט מען טאַקע באַקומען פון דער מילכקאָמפּאַני מיט אַ פּעני מער אויף דער קוואָרט, אָבער!...

האָט ער געהאַט פּריע „קראָפּס" (גערעטענישן) פון סטראָבעריס, אַ שטייגער, איז דער מאַרקעט געווען „פאַרדאַמפּט" מיט די זעלבע פּרוכטן, פון וואַרעמע געגנטן... האָט ער געהאַט שפּעטע „קראָפּס" האָבן שוין אָנגעהויבן אַריינקומען די פּראָדוקטן פון די קעלטערע מקומות... אַזוי אַז ער האָט קיין מאָל נישט געקאָנט דערכאַפּן דעם מאַרקעט, ווער רעדט שוין פון אַריבעריאָגן?! איז געראָטן ס'היי, איז איינגעפאַלן דער שייער פון צופיל וואָג און מ'האָט באַדאַרפט לאַטען און רעמאָנטירן... האָט מען געמאַכט אַ פּאָר סענט ביי די אייער, האָט מען פאַרלוירן ביי דער מילך, האָט מען פאַרדינט ביי די עפּל, האָט מען פאַרלוירן ביי די באַרן...

„פאַרמעריי", האָט געזאָגט אַן אַרטיקל אינעם פאַרמער־זשורנאַל, וואָס מר. בלעקסטאָון האָט געקראָגן צוגעשיקט דורך „רוראַל דעליוועריי", „פאָדערט געדולד און אויסדויער"... אויסדויער האָט ער, אונדזער מר. בלעקסטאָון, און געדולד אויך... נאָר קיין קאַרטאָפל־וואַרעניקעס, וואָס

שווימען אין פּוטער און באָדן זיך אין סמעטענע — דאָס האָט ער ג י ש ט! דער לעצטער טראָפּן מילך, דאָס לעצטע איי, די לעצטע קוקורוזע ווערט אויפגעגעסן פון דער פאַרם אַליין — פון זײַנער... עס קומט ביי אים אויס — בדרך משל — אַז מר. בלעקסטאָונס פאַרם איז אַ קאַניבאַלכע, וועלכע האַלט דעם אײגענעם פּוס אין מויל און עסט זיך אויף!...

— מיין פאַרם, — זאָגט בלעכשטיין מיט אַ מאַרטירער־שמייכל איבער אַלע פּנים־ווערצעלעך זיינע — מיין פאַרם עסט ווי אַ פערד און... אַזוי ווייטער! (פאַרמערשע, גראָבע רייד).

און אַז נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט זיצט מר. בלעכשטיין אַ צעכראָס־טעטער ביים נישט־געהובליעוועטן טיש פון דער קיך און עסט דאָס מאָל־צייט וואָס זיין פאַרמערקע (האשה מרת... קיין קינדער, דאַכט זיך, פאָדערט נישט אונדזער מעשה, ער זאָל האָבן!) און אַז די פליגן מיט די בינען גיבן אַ באַפאַל זיין שיסל מיט פאַראַיאַריקע (זיסלעכע) קאַרטאָפליעס, גיט זיך מר. בלעכשטיין אַ שטעל־אויף, גיט זיך אַ צעפּעכע מיטן האַנטעך און בעת ער הרגעט די פליגן מיט גרויס רציחה, ווי ער וואָלט וועלן אויסלאָזן צו זיי זיין גאַנץ ביטער האַרץ, רעדט ער אַזוי מיט אַ ביטער שמייכעלע:

— שפּעקולאַציע... האַ? זיי האָבן געלאַכט פון שפּעקולאַציע, האָבן זיי געלאַכט! פון וואָל־סטריט האָבן זיי געלאַכט, האַ? פון לאָטעריע־צעטלעך, האָבן זיי געלאַכט, האַ? צו דער ערד האָבן זיי מיך געהייסן גיין, די יידישע שרייבער, האַ? אַ געזיכערט און רויק שטיקל ברויט, האָבן די לייט־אַרטיקלען געזאָגט, וועל איך עסן ביי דער פאַרם — נו, וואָדען?

און ווענדנדיק זיך מיטן צעהיצטן פּנים צו זיך אַליין, האָט ער אַרויסדאָ־ביוועט פון הויזן־קעשענע אַ חשבון־צעטעלע אויף 24 דאָלאַר מיט סענטן, וואָס ער איז שולדיק דעם „קאָמיסיאָנער" פאַר די ניינציק זעק קאַרטאָפּל, וואָס ער האָט „געוואָרפן אויפן מאַרקעט", בעת דער נעמלעכער מאַרקעט האָט זיך געהאָט איבערגעפרעסן מיט בולבעס ביז איבערן האַלדז און מ'האָט זיי סוף־כל־סוף געמוזט אַרויסוואַרפן אין איינעם מיט די פאַרפוילטע זעק...

צוריק צו דר'ערד, האַ? — מאַכט בלעכשטיין, בעת דער לאָמפּ ווערט פלוצעם פאַרלאָשן פון די אינזעקטן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין פלאָם

אַריין — איכ׳ל שוין בעסער גיין אין דרערד אַריין, איידער צו דער ערד, וועל איך שוין בעסער גיין... חכמים גאַנצע... די שריי־בערס. און קיין שוועבעלע איז אויך נישטאָ אין שטוב... אַז עס גייט, גייט עס, ברוך השם, מיט אַלעמען...

ביי די לעצטע ווערטער האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ דונער... די נאַכט האָט אַ גענעץ געטאָן מיט אַ צעדרייט שטיק פייער און איבערן דאַך פון דער אויסגעלאָשענער פּאַרם, האָט גענומען פּויקן אַ שווערער, אַ טריבער, רעגן — דער אָנזאָג פון אַ מבול אויף דער וועלט...

1938

# דער אַקטיאָר

די באַן איז דורכגעלאָפן דורכן צפון־מערבדיקן שטעטל, וואָס איז כמעט אין גאַנצן געלעגן ביי דער רעלסע. די באַן־שנעלקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ׳האָט בלויז געזען אַ צעשפּריצטן פלאַם פאַרויס, מיט אַ קנויל ווייסן רויך, ווי אַ צעוויקלטן באַנדאַזש, און געדאַכט האָט זיך, אַז נישט נאָר רוישט זי, די באַן אָט־די, נאָר אַז די אַלע וואַגאָנעס, וואָס זענען דאָ צונויפגעשלענגלט אין אַ לאַנגער קייט גייען ל י י ד י ק ע, זיי פירן בלויז ליכט, געראַויש און טומל — ערגעץ אין אַ שטילער וואַלד־וועלט אַריין, ווו יעדעס פּיצל געראַויש איז ווערט טויזנט באַלזאַם־סאָסנעס מיט שטילקייט.

עס איז געווען אַרום זייגער 6 פון אַ קליינשטעטלדיקער, פאַרשנייטער פּראָווינץ־נאַכט.

אין די געוועלבלעך האָבן געזשיפּעט די קליינע עלעקטרישע לעמפּ־לעך, ווי דאָס פּינטלען פון קראַנקע אויגן, וואָס קאָנען קיין ליכט נישט פאַרטראָגן. די טראַטואַרן איבער וועלכע די בייטאָגיקע זון האָט געהויכט מיט איר וואַרעמען מויל און אָנגעמאַכט אַ קויטיקע נעץ, צעשמעלצנדיק די ריינע קאָוואַניע פון אייז אויף קאַלוזשע־וואַסער, זענען איצט געווען אויבנאויף־גליטשיק און פאַרדרעליעסט. די פאַרשלאָפענע לבנה, וואָס איז געלאָפן זיך ראַטעווען אונטער אַ וואָלקן־פעסטונג אַ פאַנטאַסטישער, מיט טורעמלעך און געגאָפּלטע דעכער, האָט אויסגעזען אַזוי באַצערט, ווי אַ קימפּעטאָרין, וואָס ס׳האָט זי אָנגעכאַפּט די ווייען און ס׳איז קיינער נישטאָ אין דער היים...

די אויפטריט־גאַניקלעך פון די „משפחה־הייזלעך“ אין דעם פרעירי־שטעטל זענען געווען באַלייגט מיט קאַלטן אַלטן שאָטן, פון אַלטע בלייכע צייטן אַרויס. אַלטצייטיש זענען אויך געשטאַנען און געגלאָצט די פאַרקנ־וועגט איבער די ליידיקע „לאָטס“, ווו קיין היינט האָבן נישט געהאָוועקעט.

האַרצרייסנדיק פאַרבענקטע רויכלעך האָבן אויסגעגרייזלט עפּעס אַ הבל־הבלימדיקן פרעגצייכן פון דער וועלטס נישטיקער אייביקייט און פון דעם מענטשנס אייביקער פּיין און אומפאַרשטענדעניש.

דער אַקטיאָר באַקסט, וואָס איז געקומען אַהער מיט אַ יידישער טרופּע שפּילן אַ באַקאַנטע פּיעסע, איז אַט־ערשט אַרויסגעקומען פון זיין האָטעל, נאָך אַ טיפער איבערלעבעניש דערפאַר, וואָס עמעצער האָט אים צוגע־שיקט בלומען אָן אַ צעטעלע און ער האָט בשום אופן ואופן נישט געקענט אָנטרעפן ווער דאָס איז: ערשטנס, איז ער דאָ אין שטעטל צום ערשטן מאָל און ער קען נאָך דאָ קיינעם נישט. צווייטנס, גייט ער דאָ — אויף די אַפּישן — אונטער אַ פרעמדן נאָמען... דאָ־הי וועט אים דאָס פּוב־ליקום קענען נישט אונטער דעם באַרימטן נאָמען „באַקסט", נאָר אונטער „לאַרבערמאַן" — באַשיידענע אָנצוהערעניש, אַז דאָס איז אַ קינסטלער, וואָס פאַרדינט לאַרבער־קרענץ...

באַקסט איז געשטאַנען לעבן אַן אָפּגעפּוילטן ברעטער־פּאַרקאַן אויף וועלכן עס האָט געציטערט מיט אַ שלעכט־צוגעקלעפּטן ברעג אַ צוויי־קאָלירטער „פאָוסטער" מיט זיין בילד אין מיטן. ער איז געשטאַנען — דער באַרימטער אַקטיאָר פון ניו־יאָרק, זיך אויסגעגלעט דעם פאַלשן ביבער־קאָלנער פון זיין פוטערל (אַ מתנה פון אַן אָנהענגער אין וויניפּעג!), געזען ווי פון מויל רייכערט זיך אַ געלייטערט שטיל פּרעסטל, און אויף די ליידיקע ערד־ערטער, ווו דער שניי איז ווייס, פינקלען שניי־שטערן מיט אַזאַ רו, ראַסט און צוזאָג פון שיינקייט־שטילקייט...

עס איז אים — דעם אַקטיאָר באַקסט — מיט אַ מאָל געוואָרן גרינג און יום־טובדיק אויף דער נשמה. און נאָך מער דערפאַר, ווייל פון אַ נאָענטן קוימען ערגעץ איז געגאַנגען אַ האָלץ־רויך, וואָס האָט דורך די נאָזלעכער צום מוח אַרויפטעלעגראַפירט זיסע יוגנט־זכרונות פון זיין היימישן שטעטל, פון זיין אַמאָליקן יונג־זיין, פון דעם לעבן, וואָס איז געלעגן פ אַ ר ו י ס...

עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז אַ מענטש שמייכלט זיך אַרויס ס'האַרץ דורך די אויגן, דורך די ליפּן. דאָס מאָל איז געווען פאַרקערט: באַקסט האָט פון ווייכער, טרויעריקער גוטסקייט, ווי אַ גרינע ערד, אויף וועלכער

מ׳שלאָפּט נאָך אַ שריפה, וואָס האָט אַלצדינג אויפגעגעסן — געשמייכלט מיט די גראָ־לויטערע, טיגער־געפּינטלטע אויגן, און מיט די ברייטע פולע ליפּן — צו זיך אין האַרץ אַרונטער.

מיט אַ מאָל — ווי עס טרעפט זיך אין אַזאַ צייט — האָט באַקסטן אַ בליץ געטאָן אַ מחשבה, אַז ער איז אייגנטלעך שוין נישט קיין יונגער־מאַנטשיק, שוין דורכגעמאַכט ביי דער יידישער בינע קאַלטס און וואַרעמס, זיך אַרומגעוואַלגערט מיט טרופּעס איבער אַ האַלבער וועלט, ביז ענדלעך איז ער געוואָרן באַרימט און געשעצט! דער יידישער עולם פון ניו־יאָרק האָט שוין גענוג „ליבלינגען" געדריקט צו זיין ברוסט, — דאָס איז אמת! אָבער קיין מאָל, אַזוי דאַכט זיך באַקסטן... איז ער אַן עגאָיסט? איבער־טרייבט ער? — אָבער אים דאַכט זיך, אַז אַזוי דריקן צו זיך ווי דאָס יידישע פאָלק פון דער צפון־אַמעריקאַנישער מעטראָפּאָליע האָט אים — באַקסטן — געדריקט, האָט עס נאָך קיינעם נישט געדריקט!... די פּרעסע האָט פשוט אויסגעשעפּט אַלע לויבווערטער און האָט גאָר נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט אים, מיט באַקסטן.

נו, איז געקומען די שלעכטע צייט און... — דאָס איז נאָך ערגער! — די עלטער: אַ יאָר מיט אַ יאָר און נאָך אַ יאָר — קליינע, אומבאַדייטנדיקע רינגלעך און מיט אַ מאָל — דו טוסט אַ קוק: אַ קייט און אַ באַלעם אויף די פיס — ביסט ביי דער צייט אין די הענט: אַ געפּענטעטער, אַ געקאָ־וועטער.

נייך, ווער זאָגט דאָס?!

באַקסט איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש — מילא, קיין יונגער נישט. אָבער אַ מיטליאָריקער... אין סאַמע צווייט פון די רייפע, פון די צייטיק־ווערנדיקע פרוכטבאַרע יאָרן... ער פילט זיך היינט מער ביים פיזישן כוח און מער ביים טאַלאַנט ווי תמיד — הילעהאָ־־אָ!

דאָס לעצטע איז געווען אַ מין אויספרווון די קעל, צו הערן ווי דאָס אייגענע קול קלינגט און אויך אַן אויסרוף פון אומבאַוווּסטער פרייד, וואָס האָט געבלעזלט אין אים — מיטן ווייכן אומעט פון פלאַצנדיקע זייפן־בלאָזן...

אַז באַקסט האָט זיך אַ ריס געטאָן ווי פון דער נאַכט־לופט, אין וועל־כער ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען פּאַרטאַיעט, האָט ער דערזען אַט־וואָס:

אַ קאַסטבאַרער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ יונגע פרוי האָט אַרויסגערופן פון פענצטער — האַלטנדיק די הענט אויפן רעדל:

— איר ווילט כאַפּן אַ „ראַיד״, מיסטער לאַרבערמאַן?

— איר קענט מיך?

— יעס, פון די פּאָוסטערס.

און די אַטלעסענע, אַ ביסל הייזעריקלעכע פרויען־שטים האָט צוגע־געבן:

— קומט אַריין, מיסטער לאַרבערמאַן, וועל איך אייך צופירן ווו איר ווילט.

— בלויז צופירן? (באַקסט אַזוי — מיט אַ צוגעלעגערטן שמייכל פון אַ געוויסער פּיעסע) הם... איר זאָלט מיך נאָר נישט פאַרפירן...

— איך בין שוין צו אַלט דערפאַר, — האָט די יונגע פרוי געשמייכלט טאַקע־באמת פאַרפירעריש מיט גרויסע נאַסע ציין אין דער בלוילעכער נאַכט אַריין...

באַקסט איז גראַציעז אַריינגעגאַנגען, אַכטונג געבנדיק ער זאָל נישט אָנבייגן זיך צופיל אָדער צו ווייניק... ער האָט זיך געזעצט פון פאַרנט לעבן איר. איר כמעט פאַרשייט־ליבלעך אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַריין, פון וואָס ביידע האָבן זיך צעלאַכט...

די פרוי האָט אַרויפגעצויגן העכער די מאַנזשעטן פון אירע אויטאָ־מאָביל־הענטשקעס, אַ דריי געטאָן ס׳רעדל און מ׳איז אָפּגעפאָרן.

אַז מ׳איז שווייגנדיק אָפּגעפאָרן עטלעכע רגעס, האָט זי געפרעגט, מיט אַ בליק אין דער זייט:

— איר ווילט פאָרן שפּאַצירן, מיסטער לאַרבערמאַן?

באַקסט איז געוואָרן פאַראינטערעסירט און געפרעגט, זיך צורוקנדיק נענטער צו איר:

— איר מוזט מיר זאָגן דעם אמת — איר קענט מיך טאַקע?

און נאָך אַ שטיקל איבעררייס:

— ווי אַזוי איז אייער נאָמען? נישט א י ר האָט מיר געשיקט די בלומען? דעם אמת...

זי האָט אַ טרילער געטאָן מיט אַ פּערלמוטערן געלעכטערל און געזאָגט:

— און אַז א י ך איז וואָס? (שוין מיט אַ פאַלש חנדל) טאָר איך נישט? אַ סך מאָל קריגן מיר דאָ אין פּרעירי־שטעטל אַזוינע אַקטיאָרן ווי איר — אַזאַ טרופּע?...

— ניין, איר זאָלט אַזוי לעבן — האָט שוין די יונגע פרוי אַנגערירט זיין איטלקייט — איר מוזט מיר זאָגן דעם אמת — מיר האָבן זיך אַ מאָל ערגעץ באַגעגנט? עפּעס דאַכט זיך מיר, אַז איך קען אייך!...

דער אויטאָמאָביל לויפט איצט איבער אַ ליידיקער אַספאַלט־לענטע אין דער פּרעירי. די באַלזאַם־וועלדלעך אַרום זענען ערגעץ אַריין מיט די פיס אין אַ וועלט פון מרה־שחורהדיק־בלאָלעכן זילבער און ס׳איז זיי גוט ווי די וועלט. שמייכלען זיי מיט צעפּינקלטע שפּיצן דאָס קינדערישע שניי־געלעכטער פון קליינע־קליינע יונגע־יונגעביימעלעך, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי געווען אַלט און הויך און גרוי.

פון אָפענעם אויטאָמאָביל־פענצטער אויף דער לינקער זייט, וואָס מוז כסדר זיין אָפן, כדי מ׳זאָל די הענט קענען אַרויסשטעקן אויף צו סיגנאַליזירן — האָט אַריינגעבלאָזן אַ שאַרפלעכער ווינט, מיט שניי און מיט שטערן...

— זאָגט מיר שוין דעם אמת — נו! — האָט באַקסט די יונגע פרוי אַן אינטימען גלעט געטאָן איבערן אָרעם. — איך וויל וויסן.

— דעם גאַנצן אמת? — האָט געפרעגט די יונגע פרוי און אַריינגעשטאָכן דעם אַקטיאָר גלייך אין האַרץ אַריין צוויי אויג־קינזשאַלן.

— יעס! — האָט געזאָגט דער אַקטיאָר, פאַרצויגן אַ זיפץ, ווי מ׳פאַרציט רויך פון אַ פּאַפּיראָס און אים נישט אַרויסגעלאָזט...

— וועלל! — איך בין אַ מאָל געווען באַקאַנט מיט איינעם אין ניו־יאָרק, וואָס איז זייער ענלעך צו אייך... — דאָס הייסט — פאַרכאַפּט זי זיך און פאַרקערעוועט דערביי ס׳רעדל אויף אַ נייעם וועג אויף רעכטס... — ער מיך האָט נישט געקענט... אָבער איך אים — האָב יאָ געקענט!... און

נאָך ווי אַזוי געקענט! נישט געווען קיין איין פּיעסע וווּ ער האָט געשפּילט איך זאָל דורכלאָזן... אָדער אײן קריטיק וועגן אים, וואָס איך זאָל נישט לייענען... און נישט נאָר לייענען, נאָר אויסשניידן און באַהאַלטן.

פּויזע.

— איר ווילט איך זאָל אייך זאָגן דעם אמת — פאַר וואָס איר געפעלט מיר, מיסטער לאַרבערמאַן? ווייל איר זענט ענלעך צו אים... צו מיין „ליבלינג״, דעם וווּנדערלעכן באַקסטן.

זי לאָזט אַראָפּ ס׳קול אַ ביסל און גיט אַ מאַך ווי מ׳גייט צוריק פון אַ לוויה:

— איר האָט אים מסתם געקענט — באַקסטן, האַ? וואָס איז געוואָרן פון אים? איר ווייסט אפשר... שוין אַ צייט, אַז מ׳הערט נישט פון אים... ער מוז שוין זיין היינט נישט קיין יונגערמאַן.

באַקסט האָט אַ ציטער געטאָן — נישט אַזוי פון קעלט, נאָר פון געדאַנק, אַז ער האָט זיך אַזוי שטאַרק געעלטערט, אַז זי דערקענט אים נישט.

— זאָגט מיר, — האָט באַקסט גענומען פאָרשן און זיינע אויגן האָבן געזוכט אירע... און דערביי נישט געקאָנט פאַרטראָגן ס׳פייכטלעך־שאַרפע ליכט פון איר פּנים, ווי צוויי אויטאָמאָבילן, וואָס באַגעגענען זיך ביי נאַכט, אין אַ שטומען געוועט, וועמענס ליכטיקייט עס וועט אַ ר י ב ע ר ל י י כ ט ן וועמען.

— פּערזענלעך האָט איר אים באַגעגנט דעם... באַקסטן?

— קיין מאָל נישט!

— ווען איר זעט אים, וואָלט איר אים דערקענט?

— איך מיין עפּעס! אַז איך האָב א י י ך דערקענט, ווייל איר זענט ענלעך אויף אים, וואָלט איך א י ם נישט דערקענט?! אַ שיינע פראַגע...

—— נו, און ווען ער קומט, וואָלט איר אים א ו י ך געשיקט בלומען?

— אים?... באַקסטן? אים וואָלט איך געשיקט — זאָל איך אייך זאָגן וואָס?

— זאָגט, זאָגט!

— זיך אַליין אפשר...

## דער קלײנער איזי...

דער ווינט האָט גענומען ווייען שאַרפער — וואָס מער מען איז אַרויף אויפן פּרעירי־וועג, ווו די באַלזאַם־ביימער זענען געשטאַנען אַלץ טיפער אין שניי — ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט איינגראָבן אין דרערד און פאַר־פאַלן ווערן. די וועלט האָט זיך אויסגעלאָזט. די וועג־לאַמטערנעס — אויך...

עס האָבן בלויז געפינקלט די שניי־פונקטן אונטן און די הימל־פונ־קען — אויבן.

צווישן ווייסלעכן הימל און בלאָלעכער ערד האָט זיך מיט פיש־גלאַטקייט געטראָגן אַן אויטאָמאָביל פול מיט נשמה־צאַפּל און מיט ביי־דערוואַכטער האָפענונג.

געטראָגן צוריק אין דער פאַרגאַנגענהייט אַרייַן, ווען באַקסט איז נאָך געווען דער גרויסער „סטאַר“ פונעם „אינטימען טעאַטער“, ווען פרויען זענען נאָך אים „משוגע געוואָרן“ — דווקא דערפאַר טאַקע, ווייל ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַ שעמעוודיקער און צוריקגעהאַלטענער מענטש, און ווידער איז פאַר באַקסטן — דעם פאַרעלטערטן און אַנטוישטן אַקטיאָר — דאָס לעבן געלעגן פאָרויס, פאָרויס...

פעברואַר 1939

# אַ האַרץ און אַ זייגערל

מר. ליולקעמאַן איז אַ טערפּליווע, איינגעאַרבעט פאַמיליע־פערד. האָט ער צוויי קינדער און עס קומט צו אַ ד ר י ט ס, שטעלט ער זיך פעסטער צווישן די צוויי פּרנסה־דישלעס, גייט ער איינגעבויגענער אין געשפּאַן, ווי גאָט האָט געבאָטן.

אַרויסלאָזן דאָס ציימל פון מויל, אָנבייגן דעם קאָפּ מיטן ציימל, בעת מען דערזעט ביי דער זייט פון וועג, אין דער פּאַסע, אַ פעט ביסל גראָז, פול מיט קלעווע־בלימלעך, אָדער מיט גרינע האָבערזאַנגען זאַפטיקע — הנאה צו האָבן פון דער וועלט — הייסט דאָס, בגנבה — דאָס איז נישט די טבע פון די ליולקעמאַנס.

קאָנט איר דאָך אָבער מיינען, אַז דער מר. ליולקעמאַן איז אַן אויסגע־טראַכטער, וועל איך אייך דאָ אָנגעבן זיין גענויעם אַדרעס (שאַ... איך האָב שוין ווידער ערגעץ אַהינגעטאָן מיין אַדרעס־ביכל!).

פון דעסטוועגן — —

אַפילו מר. ליולקעמאַנס האַרץ איז אויך נישט קיין אָרון־קודש, להבדיל, פאַר אַן איין־און־איינציק ספר־תורהלע... עס איז דאָרטן דאָ פּלאַץ!

נישט נאָר איז דאָרטן דאָ אַן אָנגעגרייט ליידיק פּלאַץ, נאָר דאָס ליידיקע פּלאַץ אין מר. ליולקעמאַנס נשמה, וויינט און קלאָגט שטילערהייט, ברומט (אויב איר ווילט) ווי אַ טויב, בעט זיך, אַז מען זאָל דאָרט אַ גאָלדענע מנורה אַריינשטעלן.

ליגט מר. ליולקעמאַן היינט ביי נאַכט (שבת, דעם 7טן אַפּריל), לייענט כלומרשט אַ בלאַט צייטונג, אָבער דער קאָפּ איז אים נישט דערביי! דער קאָפּ איז אים ערגעץ אַנדערש — ביי זיין בראָנקסער געליבטער, מיט דעם מחיהדיקן חן־גריבעלע אין שמאָלן טייל פון איר רוקן.

ליולקעמאַן לייגט אַוועק די צייטונג, ווישט אויס די ברילן און לייגט זיי אַוועק, נאָך דעם ווי ער האָט זיי קונציק אַראָפּגעכאַפּט פון די אויערן מיט איין האַנט, ווישט זיך דערנאָך אויס די אויגן און ער גיט אַ קוק —

ער גיט אַ קוק קעגנאיבער אים. אויפן שיפּאָנעיר שטייט אין אַ מעטאַלן 10־סענטיק רעמל איינגערעמלט אַ בילד פון זיין ווייבס מוטער: אַ פרוי אין אַן אַלטמאָדיש זאַטלקליד: פון פאָרנט אין גאַנצן פלאַך און פון הינטן הויך־אויסגעבעט, ווי אַ זאַטל.

ליולקעמאַנען פאַלט איין, אַז זיין שוויגער (זי איז שוין היינט אויפן עולם האמת!) זעט אויס ווי אַ באַרנע, וואָס מ׳האָט זי דורכגעשניטן אין דער לענג. דערפאַר אָבער, טראַכט ער, זעט שוין זיין ווייב אויס ווי... די זעלבע באַרנע, נאָר — איבערגעדרייט: מיט דער הויכער זייט פון פ אָ ר נ ט.

ליולקעמאַן טוט זיך אין געדאַנק אָן אַ פּאָר פליגלען (שוואַנענע, אָדער שוואַלבענע, דאָס ווייסן מיר נישט!) און ליגנדיק אין בעט פליט זיין פאַנטאַזיע, זיין כוח־הדמיון אַוועק ווייט־ווייט, אַזש ביז די בראָנקס, אַריינוואָרפנדיק צוויי מאָל צו ניקלס, און איבערבייטנדיק צוויי מאָל דעם סאָבוויי.

„מאָרגן איז זונטיק״, האָט ליולקעמאַן ביי זיך באַשטעטיקט אַ פאַקט, „וועל איך אויפשטיין פאַר טאָג, זאָגן, אַז איך פיל זיך נישט גוט און... כאַפּן דעם סאָבוויי״.

ליולקעמאַן קלערט, אַז דאָס דאַרף אים נישט אָנקומען שווער. דער תירוץ איז ווי אויף דער האַנט. ער איז נישט געזונט. ער מוז אַרויסגיין אין פּאַרק אַריין, אַ ביסל די לונגען אויסלופטערן, אָדער זיך דורכפאָרן אַ ביסל קיין סאוטה פערי, פאַר אַ ניקל, נישט מער... גלאַט אַזוי צוליב דער גוטער לופט... „ביי סאוטה פערי״, וועט ער זאָגן דעם ווייב, „וועל איך אַרונטערגיין אין בעטערי־פּאַרקל... דערנאָך צום וואַסער צו, אָפּפרישן די לונגען, דאָס האַרץ״.

און ער האָט טאַקע אַ שוואַך האַרץ, מר. ליולקעמאַן, דאָס איז קיין ליגן נישט.

אַ שוואַך האַרץ און שוואַכע לונגען.

אָבער אַזוי לאַנג ווי מען לעבט, טראַכט ליולקעמאַן פילאָזאָפיש, דאַרף מען געניסן, אַז מ׳איז טויט — איז מען טויט אויף אייביק.

מיט אַ ז ו י נ ע ריין־מענטשלעכע מחשבות האָט זיך ליולקעמאַן

געגרייט צוצומאַכן די אויגן, אויסדרייען דעם עלעקטרישן טישלאָמפּ און זיך פּאַרטיק מאַכן צו אַ נאַכט פון שלאָף, פון זיסע חלומות וועגן מאַרגן... און וועגן איר — אין די בראָנקס...

צוויי סאָבווייס... צוויי ניקלס... עס לוינט זיך אַלצדינג... אַמאָליקע גאָבלמענער פלעגן אויסשפּרייטן זייערע מאַנטלען איבער דער בלאָטע, זייערע געליבטע זאָלן קאָנען אַריבערגיין — ווי האָט ער געהייסן דער מאַן, וואָס האָט עס געטאָן?!

ליולקעמאַן נעמט פון טישל לעבן בעט דאָס דינע מתנה־זייגערל זיינס און לייגט עס אונטערן קישן צוקאָפּנס, ער זאָל מאָרגן אין דער פרי נישט פאַרשפּעטיקן.

און ער מאַכט די אויגן צו, ווערט אַנטשלאָפן, אַ מידער, ווי נאָך אַ שטורעם.

אַז ליולקעמאַן טוט זיך אַ טרעסע און אַ כאַפּ־אויף איז נאָך פינצטער־לעך אין דרויסן. נאָך צו פרי — טראַכט ער... ער'ט נאָך אַזוי ליגן און וואַרטן שטילינקערהייט, ער זאָל נישט אויפוועקן זיין קראַנק ווייב מיט די רומאַטעס אין אַלע קנעכן, נישט פאַר שונאי ציון געדאַכט.

ליולקעמאַן ליגט אָנגעשטרענגט מיטן אויער אויפן וואַרעם איינגע־קנייטשטן, געטריי־ציכטיקן, ווייסן קישן און האָרכט זיך צו צו זיך אַליין.

פּלוצעם דערהערט ער אַ שרעקלעך קלאַפּעניש אין האַרץ: „באַך... באַך... באַך...״ ווי אַ זייגער.

פאַרשטייט שוין ליולקעמאַן, אַז ער האָט נעכטן צו פיל אָנגעשטרענגט זיינע נערוון און אָט איז דער רעזולטאַט: אַ קראַנק האַרץ, אַ שוואַכס — אויב נישט טאַקע אַן אמתער האַרץ־פעלער, חלילה.

ווי באַלד אַזוי, רוקט זיך שוין ליולקעמאַן אַ ביסל אַוועק פון דער וואַנט און נעענטער צום ווייב צו.

— איטע, דו שלאָפסט? — פרעגט ער זי געטריי און וויל פאַרלייגן אונטער איר קאָפּ אַן אָרעם זיינעם.

— איך שלאָף, וואָס ווילסטו?... וואָס וועקסטו מיך, משוגענער?!

ליולקעמאַן זעט איין, אַז נאָך אַלעמען איז אַן אייגן ווייב אַ נאָענטס, אַן אייגן ווייב, און נישט קיין פרעמדע פרוי ערגעץ אין די בראָנקס, ווו

מ׳דאַרף צװײ מאָל בײטן דעם סאָבװײ און — װי געטרײ זי איז אים, דאָס װײב זײנס! מיט װאָסער געטרײשאַפט און ליבשאַפט זי זאָגט אַרױס דאָס װאָרט „משוגענער״! אַן אײגענע מאַמע קאָן עס נישט זאָגן מיט מער צערטלעכקײט.

ליװלקעמאַן באַשליסט, אַז „װאָס טױג מיר דאָרטן חכמות? אַן אײגן װײב איז אַן אײגן לײב, װי מען זאָגט... און אַ פרעמדע קאַץ איז אַ פרעמדע קאַץ... אַי, דאָס חן־גריבעלע אין לאַפּעטקע?... אַי, װאָס זי רופט אים אַזױ שײן „באַיטשיקל״ — נו, איז אױך די אײגענע מעשה. ער איז נישט אױפגעלײגט דערצו... אַ מענטש מיט אַ קראַנק האַרץ — איך װײס װאָס... ליבע־שמיבע. מער פעלט אים שױן טאַקע נישט, נאָר ער זאָל זיך טרײ־דזשען אין די בראָנקס ערגעץ, צו אַ לינקער געליבטער... זאָל די פּרוי פון די בראָנקס, — טראַכט ער — גײן צו אַלדע״ — — —

ליװלקעמאַן זאָגט נישט צו װ א ָ ס ע ר ע „אַלדע״, ער האָט נישט דאָס האַרץ דערצו.

נאָך אַלעמען — ערשט נעכטן בײ נאַכט, אײדער ער האָט זיך געלײגט שלאָפן, האָט ער אין געדאַנק זי אַרומגענומען מיט בײדע הענט אַזױ פעסט... נאַקעט געמאַכט אַ פּלאַץ צװישן גאַרטל פון איר בלוזקע און דעם אױבערשטן טײל פון איר קלײדל און אַ קוש געטאָן אין חן־גריבעלע אױפן שמאָלסטן טײל פון איר רוקן.

ליװלקעמאַן דריקט צו דעם קאָפּ צום קישן, — זײן איטע זאָל נישט הערן, װי ער װײנט. אָבער ער אַלײן הערט מיט שרעק, מיט אַנגסט, װי זײן אָרעם האַרץ קלאַפּט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער: שױן נישט „באָך־באָך״... נאָר „טאַר־טאַר־טאַר״... װי עס װאָלט זיך געאײלט ערגעץ אָנצוקומען.

ליװלקעמאַן רוקט זיך צו צום װײב, צעװײנט זיך אױפן קול. רעגנט אַריף מיט זײנע טרערן אױף אירע באַקן, אַזױ, אַז ס׳קומט אױס, אַז זי דאַרף זיך נישט מטריח זײן צו װײנען, ער װײנט שױן פאַר איר אױך.

ליװלקעמאַנס װײב װעקט זיך אױף אַ דערשראָקענע פון זײנע קושן און פון זײן געװײן, און אײדער װאָס־װען, כאַפּט זי דערװײל און װײנט אױך, נעמט אױף זיך עפּעס און װיל לױפן נאָך אַ דאָקטאָר.

דורך דער צייט האָט ליולקעמאַן דערוויל אויטאָמאַטיש אַרונטער־געדרוקט די האַנט אונטערן קישן נאָכן זייגערל, צו זען ווי שפּעט עס איז. אויטאָמאַטיש האָט ער עס צוגעלייגט צום אויער, נאָך אַלץ ליגנדיק מיטן קאָפּ אויפן קישן, ווי ביז איצט. נאָר פּלוצעם האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיין פּנים האָט דערלאַנגט אַ לויכט־אויף.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נישט זיין האַרץ האָט אַזוי געקלאַפּט, נאָר זיין זייגערל...

הייסט עס: ער איז מער־ווייניקער געזונט, און פונעם מלאך־המות דעם פּאַסקודנעם לאַכט ער זיך דערוויל אויס.

דערוויל לעבט ער און אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף געניסן פונעם לעבן, איידער עס ווערט צו שפּעט... ער איז שוין נישט קיין יינגעלע, מר. ליולקעמאַן... שוין אַ מאַן אין די שפּעטע פערציקער! וואָס ער'ט אַריינכאַפּן איצט, וועט זיין ווי געשענקט.

ליולקעמאַן ציט אויף זיך אַרויף די הויזן, די שיך, וואַשט זיך שנעל אַרום מיט קאַלטן פרישן וואַסער, אַרויסלאָזנדיק דערביי אַ לאַנגן „אַאַאַה" און — —

אַז דאָס ווייב זיינס באַמערקט די ענדערונג צום גוטן, פרייט זי זיך און זי פרעגט אים צי דענקט ער נישט, אַז ס'וואָלט געווען גלייך ער זאָל טאַקע פון דעסטוועגן נאָך היינט אַריבערגיין צום דאָקטאָר און זיך לאָזן אונטערזוכן?

ליולקעמאַן וויל נישט הערן דערפון, ער האַלט, אַז ער דאַרף בלויז אַ ביסל פרישע לופט. אַ שפּאַציר אין בעטערי־פּאַרק, לעבן ים, וועט אים מאַכן פאַר אַ נייעם מענטשן.

און עס קאָן זיין, זאָגט ער, ער זאָל זיך אַ מאָל פאַרזאַמען דעם גאַנצן נאָכמיטאָג, ווייל ער וועט זיך אפשר אַ ביסל דורכפאָרן מיט דער פערי קיין סטעטען אײלאַנד... עס קאָן זיין, זאָגט ער, אַז ער זאָל שוין דאָרטן אין סטעטען אײלאַנד עסן מיטאָג אין אַ ביליקן רעסטאָראַן.

און אין קעשענע האַלט שוין מר. ליולקעמאַן אָנגעגרייט די צוויי ניקלס פאַר די צוויי סאָבוויס.

פאָרנדיק — פליט ליולקעמאַנען פאַר די אויגן אַ וואָרעמער, אַטלעס־גלאַטער פרויען־קערפּער מיט אַ חן־גריבעלע אין שמאָלסטן טייל פון רוקן, צו וועלכן ער האָט אַזוי ליב איינצובייגן דעם קאָפּ און קושן ביז צום שיכור־ווערן.

# טעג אָן זון...

## 1

עס רעגנט, רעגנט, רעגנט.

דער רעגן געדענקט שוין אַליין נישט ווען ער האָט אָנגעהויבן, און ער וואָלט געוואָלט אויפהערן, נאָר ער געדענקט שוין נישט ווי אַזוי.

דער קראַן פון ראַדיאָ־פּעסל ביי מיר אין דאַכטשטיבל איז אָפן און עס רינט און עס רינט — דער סם פון די טאָג־נייעס.

ס'האַרץ איז נידעריק — אוי, נידעריק! און אַפילו אויף האָפענונג איז קוים אַ האָפענונג דאָ.

איך גיי אַרום אין שטוב אַרויף און אַראָפּ און איך זאָג צו זיך אַליין:
ביטער, ביטער, ביטער.
צוויי־דריי־פיר־פינף־זעקס־זיבן מאָל זאָג איך דאָס איבער.
נאָר עס ווערט דערפון נישט זיסער, נישט זיסער, נישט זיסער.

איך פאַרדריי דעם שפּונט פון דעם גיפטיקן ראַדיאָ־פּעסל, טו מיר אָן די האַלבע קאַלאָשן און איך נעם מיך אַ ביסל אין דרויסן אַרויס. אפשר וועל איך דאָרטן אויף אַ מינוט פאַרגעסן דעם ווייטיק, וואָס בריט.

ווייטיק... אָ, ווײ־טיק!

ביי די גויים איז הייליקע ווײנאַכט — מיט ליכטיקע גלעקל־לעמפּלעך איבער די גרינע סאָסנע־נאָדלען פון דעם הייליקן בוים.

ביי אונדז איז וואָכעדיקער ווייטיק — לער און ליידיק און וויסט און הויל.

ווײ־טיק — אין מיטן העלן, ניכטערנעם טאָג.
און דער סוף?
דער סוף איז פינצטער, דער סוף איז שוואַרץ.

יעדער סוף איז שוואַרץ און יעדעס לעבעדיקע וועזן, יעדעס נפש־חי האָט אַ שוואַרצן סוף —

טראַכט איך...

טראַכט איך מיר אָן גילדענע גליק־הערנער, פּערלמוטערנע האָפּע־נונג־הערנער.

ווי אַ פויגל, וואָס פליט נאָך זיין אייגן געשריי (און טרעפט דעם וועג), אַזוי גיי איך נאָך דעם ליכט פון מיינע אייגענע אויגן, אין דער בלענדזעניש אַריין.

אינעווייניק —

איז די ליכטיקייט אַזוי בלענדזענדיק גרויס, אַז איך קאָן דערביי גאָרנישט זען, אַ חוץ די ליכטיקייט אַליין, די בלאָ־בלענדזעניש...

## 2

פון אונדזער אינדזעלע גייט טייל מאָל אַ שיפל קיין ניו־יאָרק, איז פאַר דעם־אָ שיפל אַ ווערף פאַראַנען, אַ „פּיער". נישט ווייט פון פּיער איז אַ בליץ־געטראָפענער אַלטער בוים, אַ דערשלאָגענער, דורכגעזעגט דורך זיינע אַלע ווייס־בלוטנדיקע רינגען אויף צוויי ווייס־מויליקע געשרייען איינס קעגן ס'אַנדערע.

זעץ איך זיך קלאַציש דערויף אַוועק, אונטערלייגנדיק אַ ברעג פון מיין בלאָען רעגנמאַנטל, איך זאָל זיך נישט פאַרקילן אין ערגעץ נישט.

דער רעגן רעגנט אונטער, דער אָוונט פלעטשט־צו. נישט ווייט פון אָט יענע גלייכגילטיק־חושכע פאַס־וואַסערן, פאַס־ערדן, מיט אויפגייענ־דיקע לאַמטערן־ליכטן, מיט ערד־שטערן טריבע, טרייסטלאָזע...

איך טרייסט זיך: אַז עס וועט, חלילה, ווערן אַזוי שלעכט, און איך וועל שוין נישט קאָנען מער אויסהאַלטן, וועל איך נישט אויסהאַלטן.

און וואָס וועט דער טויט פאַרלעשן, וואָס וועט ער פאַרלעשן?

ער וועט פאַרלעשן אַ ים מיט פּיין, אַ טראָפּן פרייד.

אַ נידעריקע פרוי מיט אַ פּינקטלעכן שרונט אין מיטן אויסגעצוואָגע־נעם בלאָ־שוואַרצן קאָפּ, אַ פּינקטלעך חן־שפּעלטל אין מיטן שפּיץ־נאָז,

אַ פינקטלעך חן־גריבל אין מיטן איר קין — קומט אַרויס פון אַ דער־בייאיק הויז מיט אַ שירעמל, וואָס הייבט־אָן צעלאָזן די געשטרייפּט־פאַרביקע פליגל. איר געשפּאָלטן חן־שטימעלע פרעגט מיך:

— איר האָט עפּעס געוואָלט, מיסטער?

איך גיב זיך אַ דערשרעק ווי פון אַ פּלוצימדיקן מופת, אָדער פון אַן אַנשיקעניש (גאָט, גאָט, טו מיר נישט קיין פּלוצעמדיקע מופתים, איך האָב אַ שוואַך האַרץ!). זי האָט מיך געכאַפּט ביי דער האַנט, ווי איך זיץ און דענק, ווי אַ דענקער, וואָס זיין פּראָפעסיע איז צו זיצן און צו דענקען.

איך ווער — מסתם — בלאַס און טשיבעטשע אַרויס:

— כ׳האָב געוואָלט די ע... די ע... די זון!

און איך ווייז איר מיט אַ פייכטן פינגער אויפן הימל אַרויף, און איך צעבלעזל מיך מיט אַ געלעכטערל פון אַ דענקער, וואָס מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט ווי ער זיצט אויף אַ צעזעגטן בוים און דענקט.

— די זון? — זאָגט זי — וועלכע זון? — זאָגט זי — ס׳איז דען דאָ אַ זון? — זאָגט זי... שוין דרייצן טעג, זאָגט זי, און זי פאַרהייבט אַרום זיך די גרויע לופט ווי אַ לענגלעך קליידל.

— דאָס איז דאָך עס, — זאָג איך... און איך גיי מיט איר פּרייוויליק אונטערן ענגן שירעמל און איך פרעג זי, צי איז זי נישט אַ געוויסע מיסעס פּערקאָל, אַ הויכע אַזאַ, מיט בלאָנדע האָר?

3

אינמיטנדרינען, איך גיב אַ קוק: פון די צוויי אָרעמס, וואָס האָבן זיך געהאַט איינגעקייטלט איינס אין ס׳אַנדערע, ווי צוויי נישט־אינגאַנצן פאַרמאַכטע 8־טערס (אין ציפערן, נישט אין ווערטער, פאַרשטייט זיך!) איז געבליבן בלויז איינער — מיין אייגענער, אין דער נאַסער לופט, אָנ־שפּאַרלאָז, עלנט...

אין מיין גערדאַנקען־מיל אָבער זשומעט עס. די בלינדע מוח־פערדלעך (די געפינטלט־געפלעקטע) שטייען אין טיפן קעלער ערגעץ, ביז צום בויך אין וואַסער און באַטרייבן די דענק־ווערק...

עס קומט אַרויס:

איך בין אַ מינאָריטעט —

איך בין אַ מינאָריטעט צווישן פעלקער, צווישן שרייבער — איך בין אַ קליינע, קליינע, קליינע מינאָריטעט: איכאַליין... וואָס קאָן איך מיט זיך אַליין דורכפירן?

אַז איך שרייב, שרייב איך אַפילו אין נאָמען פון אונדז אַלע — די פאַרשידענע משה נאַדירס, די קידערווידערדיקע, צעריסענע, צעקריגטע, צעשפּאָלטענע, אָבער מיר אַלע איכאַליינס — ווער מיר זאָלן דאָרט נישט זיין — זענען מיר קליין, זענען מיר אַליין, זענען מיר עלנט ווי אַ שטיין.

און אַז איך שרייב אַ בוך מיט „העלדן" — לאָז איך מיינע העלדן לויפן. וואָס זאָל איך שוין דאָ טאָן מיט זיי? אַז קיין רעזשיסאָר בין איך נישט און זעלנעריש אַרוממושטירן מיט זיי קאָן איך נישט. איך רוף זיי צונויף (די מענטשן, זאַכן און געשעענישן), איך גיב זיי אַ פּלאַץ און אַ צייט, און איך זאָג זיי: טוט!

און פאַדערן זיי — אינעם קליינעם, אינדזלשן קעניגרייך פון מיין געדאַנק — עקסטראַטעריטאָריאַלע רעכט, ווי אַ קאָלומניסט, למשל, גיב איך זיי אויך.

4

נו, זאָגט מיר שוין אויס, ליבע לייענער: ווי אַזוי זאָל אַ מענטש לעבן?

זאָל ער אַרויסגיין אין דרויסן אַרויס און זיך „ספּעשעל־עקסטראַ" אָוועקזעצן אינמיטנדרינען, פון דער העלער הויט, און לעבן? אָדער זאָל ער לעבן פאַרבייגייענדיק, אַרויף און אַראָפּ, אַהין און צוריק, כאַפּנדיק און שטייענדיק און פאַרנדיק און ווי סע מאַכט זיך?

גיט אַן עצה!

איך האָב געלט צו פאַרקויפן („צייט איז געלט...").

איך וועל עס פאַרקויפן ביליק: אַ זילבערנעם דאָלאַר פאַר אַ גראָשן זילבער־זון.

אַ גרינעם 20־דאָלאַר־שײַן פאַר אַ קלײן, יונג קנאָספּ־שײַנדל אויף אַ באַרן־ביימל.

אַלע מײַנע פאַרשריבענע בלעטער, בלעטלעך און פּאַפּיר־רעשטלעך — פאַר אַ ברייט, טונקל־גרין, זאַפט־קלעפּעדיק בלאַט פון אַ קאַשטנבוים אין דער קרוינשטאַט פון מײַן לעבן — נאַראַיעוו! (ווי אַ גרין אויער פון אַ צויבערדיקן העלפאַנט... דאָס ווערצעלע פּעטרעשקע, פריש פונעם גאָרטן, און פון וועלכן עס גיסט זיך נאָך ערד — דאָס עקעלע פון נעמלעכן פאַנטאַזיע־העלפאַנט).

*

אין טומאַן פון פאַרשלאָפענעם, אײַנגעטאַיעטן רעגנדל קום איך פאַרביי דעם באַלעבאַטיש־באַגאַניקטן הויז, ווו איך וווין... אויבן גייט נאָך דער ראַדיאָ. פאַרגעסן אָפּצושליסן!

וועל איך אַרויפגיין — יאָ צי ניין? ניין, איך וועל נישט אַרויפגיין!

זאָל דאָס קלײנע דירהלע אַ מאָל הערן ווי אַזוי ראַדיאָ־מוזיק קלינגט ווען קיינער הערט דאָס נישט...

און די „באַלערונגען" און די „אינפאָרמאַציעס", וואָס שײלן פון אונדז אַראָפּ די 17 הויטן פון אומוויסנקייט, ווי די 17 הויטן פון אַ ציבעלע (אָדער ווי דער ווינט שײלט רויזן אין סעפּטעמבער).

טראַכטונג: אַלע ברכות זענען אויסגעלאָשן אויף דער וועלט, אַ חוץ די לעצטע: די ברכה פון אומוויסנקייט, פון אַנאַלפאַבעטיזם — איז געקו־מען דער ראַדיאָ...

איצט קאָנט איר שוין נישט בלײַבן „בעזגראַמאָטנע" אויך.

איצט מוזט איר טראַכטן די „געבלעכלטע" געדאַנקען, וואָס דער „אָפיציעלער טראַכטער" שיקט אײַך אַהער דורך דער לופט.

אַכגאָטגאָטגאָט!

די צײַט לויפט...

לויפט און פאַלט אויף אײַך אַרויף און דערקוועטשט אײַך: לופטיקלעך־לײַכט, ליבלעך־לינד — —

וואָס עלטער איר ווערט, וואָס מער איר גייט דורך דעם „לעבנסוועג",

אַלץ קירצער ווערט ער, אַלץ מער הייבט ער אָן מיטגיין מיט אייך אין איינעם, מיטשפּאַנען, מיטלויפן...

אָט איז שוין, צום ביישפּיל, ווידער פּאַראַיאָרן יוני, ווידער פּאַראַיאָרן זומער.

די אַמאָליקע ווינטערס געדענקט איר? דער פראָסט האָט אַריינגע־שטעלט שויבן אין הימל, שייבלעך אין דער גרויער ערד; די געלע, שאַרפע ווינטער־זון האָט אַריינגעהאַקט איר קורצע שווערד אין די קאַסטן־טרעפּ פון יונה דעם שוסטערס קעלער, און דער שניי איז געווען יונג און ציכטיק און גלאַט און פאַררויטלט און בלוי און פלימערדיק... און אָ, ווי לאַנג, און אָ, ווי צויבערלעך, און אָ, ווי ווייט עס איז געווען צום ערשטן טרוקע־נעם, באָרוועסן טריט לעבן דער קלויז, וווּ דער אַלטער, מידער לאַמטערן איז געשטאַנען, און פון וואַנען די גרויסע שול און דער קייזער־שטראָז און דער אומענדלעך־געגילדעטער הימל האָט אייךביים לאַנגן אָטעם אָנגע־כאַפּט ווי ביי אַ צײמל און אייך געטריבן ווייט־ווייט צום פאַרצעלייענעם מאָרגן, צום גאָלד־געלעקלטן איבערמאָרגן, צו דער ערשטער אַנטפּלעקונג פון מידל־בריסט, מיידל־רונד, מיידל־טיף! צו די גערשטענע פעלדער מיט זאַנגען, די שפּילעוודיקע בינען אויף די רויטלעך־בלויע באַדיקעס, די לאַכעדיקע לויף־שטראָמען, איבער וועלכע איר שווימט צווישן גרינע פאַסן ערד — דאָרפישע, באַצירט מיט האָנענקריי און אַ זון — ווי אַ מעדאַל...

און אַז דער פרילינג־זומער איז געקומען, ווי לאַנג־לאַנג־לאַנג איז ער געשטאַנען און געדענדלט מיט רענדלעך און געאַטלעסט מיט מינעווודיקן אַטלעס און געשמעקט מיט האָפּן!

היינט איז פון זומער ביז ווינטער — בלויז אַ שפּאַן וועג.

דריי פּאַרקילונגען, צוויי געשווירן אין אויער, זיבן מאָל דירה־געלט, פינף וויזיטן צום צאָן־דאָקטאָר, איין געבורטסטאָג און שוין: ס'איז שוין ווידער פּאַראַיאָרן!

און אויף וואָס, זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר זאָלט מיר לעבן, זאָל מען דאָ וואַרטן, זאָל מען דאָ האָפן?

געמיינט אַ מאָל:

די קאַפּיטאַליסטישע װאַנט האַלט אין פֿאַלן, װעלן מיר, די „קלוגע און געלערנטע" אױפֿבױען אַ סיסטעם, לױט װעלכן מען װעט אַכטונג געבן, אַז די װאַנט זאָל פֿאַלן אַװעק פֿון דער מענטשהײט און נישט אױף איר. איז עס געװען אַ װוּנדערלעכער „בלוי־פּרינט..." מיט אַלע דעטאַלן פֿון דער רעטונג־אַרבעט אָנגעצײכנט ביזן לעצטן פּינטעלע, ביזן לעצטן שטריכעלע.

בין איך געװען אײנער פֿון די טױזנטער „עקזאַלטירטע", װאָס האָבן געהאַלטן אין דער האַנט דעם װיסנשאַפֿטלעכן שטריק (װעלכער איז גע־װען פֿאַרװאָרפֿן איבער דער װאַנט) און אױ־דאַ־אוכניעמדיק צװױגט גע־װאַרט, אַז בײ דעם ערשטן װעלט־טרײסל זאָלן מיר די פֿאַלנדיקע װאַנט אַװעקריכטן אַהין, װוּ די װיסנשאַפֿט האָט אָנגעצײכנט.

אָבער איצט —

עס איז יאָר 1940 אױף דער װעלט.

מאַי 1940

## פרילינג 19 און 40

ער איז דאָ, דער חתן־בחור, אַן אויסגעצוואָגענער, אויסגעלעקלטער, אויסגעפּוצטער.

ער איז געקומען כמעט איבער נאַכט, בעת דאָס מוטערל ערד איז געלעגן אין בלאָטע — אַן אויסגעווייקטע, אַ קאַלטע, אַ פאַרפרווירענע.

אַלע גוטע זאַכן (זאָגט מיין מומע סימע) קומען אומגעריכט; וואָרעם ווער ריכט זיך שוין דען היינטיקע צייטן אויף גוטס?

און וואָס קאָן מען שוין דאָ דערוואַרטן, כ׳בעט אייך, פון דער נאַטור, די רשעטע, וועלכע טוט אָפּ די ערגסטע זאַכן אין דער וועלט — זי הרגעט אומשולדיקע מענטשן?!

זי הרגעט זיי נאָך דעם ווי זיי האָבן איר אַריינגעלעבט געזונטע און ניצלעכע — לאָמיר זאָגן — 80 יאָר... געגעסן בלויז „נאַטירלעכע" זאַכן, געטרונקען בלויז „נאַטירלעך" וואַסער, הנאה געהאַט פון בלויז „נאַטירלעכע" שיינקייטן, „נאַטירלעכע" פאַרגעניגנס...

איז געקומען דער גרינער פרילינג מיט שמעקעדיקע טראַלדן, זון־געוואַרעמטע רענדלעך און פייגל ביי דער טיר...

פייגל ביי דער טיר, וועלכע קומען רעגלמעסיק אַלע אין דער פרי, אַ זייגער 9 (לויטן פייגל־זייגער) און מאָנען — איך זאָל פאַר זיי הפּנים ווערעם גראָבן, זיי צו עסן געבן...

אַז נישט — היפּען זיי אַרום און שעלטן מיך מיט די שפּיציקע שנע־בעלעך זייערע...

און שרייבן קללהלעך קליינע, היראָגליפישע אויף דער וויכלעכער ערד, אַרום אונדזער אויפגעגראָבענעם גאָרטן.

פרילינג...

מיט דריי פינטעלעך!

פרילינג — — —

מיט דריי שטרעכעלעך.

ווען איר קראַצט זיי אַוועק אַט־די שטרעכעלעך און פּינטעלעך, ליבע־ליבע־ליבע לייענער, וואָלט איר באַמערקט וואָס פּאַראַ האַרצווייטיק אויף שבת אונטער דעם ליגט.

און ווי פּינצטער־פּינצטער־פּינצטער (דריי מאָל) עס איז ערגעץ דאָרטן־אָ, ווו די האָפענונג האָט די טיר אָפן געלאָזן. אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל און איז אַוועק — הינטער די בערג, הינטער די בערג...

הינטער די פרילינג־בערג, ווו „באַפרייטע" וואַסערן ריזלען און זינגען דאָס לויף־געזאַנג צום פאָטער פון אַלע וואַסערן...

זיי טאַנצן אין די גאַסן, — אַט די באַפרייטע וואַסערן — אין די גאַסן טאַנצן זיי.

פאַלנדיק (מיטן קאָפּ אַראָפּ) פון די בערג, פון די פעלדזנשפּיצן, פאַלנדיק צו זייער אויפלייזונג מער ווי צו זייער דערלייזונג, זינגען זיי דערווייל דאָס געזאַנג צום פרילינג, דעם קייטנברעכער, וועל־כער ברעכט די קייטן פון די פיס — אין איינעם מיט די פיס...

פרילינג־זשע, פרילינג דו מיין!

דערפריש און דערפרילינג מיין האַרץ, מיין זעל, אַנטווינטער די ווינ־טערניש, וואָס האָט דאָרטן פראָסט־ביילן געלאָזט...

הויך אַוועק מיט דיין וואַרעמען, זיס־שמעקעדיקן אָטעם אָט יענע אייזיקע טויט־בלומען, וואָס דער פראָסט האָט אין מיינע שפּיגלען איינגע־קרוסטירט...

און אין אַלע לאַנגע שויבן פון מיין אינטעלעקטועלער אויסזיכט... (יענע שיינע „אויסזיכט", וועלכע מיר פלעגן זען אויף די אידעאַליסטישע בילדער־קאַרטלעך די פאַרביקע!).

ס'איז פרילינג — מיט אַ נייעם צייט־ציפער: 1940!

וואָס טראָגט אַט־דער פאַרשאָלטענער ציפער אין זיך?

וועלכע וואָלקנבריכן פון בלוט? וועלכע אַנגסט־געשרייען פון דער מענטשהייט? וועלכע קראַ־קריטישערייען פון די טריומפירנדיקע, חרום־צלמדיקע קאַניע־פליגל?

איך זיץ אויף דער פרילינג־שוועל און איך וואַרט.

איך קוק אויפן קויטיקן הימל, אין וועלכן גאָט, ברוך הוא, האָט זיך ווי אין אַ האָטעל־האַנטעך האָסטיק די הענט אָפּגעווישט און איז אַוועק אויף אַ רייזע ערגעץ...

איך זע די שמיר־צייכנס פון גאָטס האַסטיקע און אַנטווישטע פינגער...

אָט יענע וואָלקנשטריכן דאָרט־דאָרטן — — —

פיאָלעט און שוואַרץ, און בייז און אומרויק — פול מיט געטלעכן יאוש!...

אויף דער אַנדערער זייט ווידער (אויף לאַנקעס) דריי קופּקעלעך שאַטנס מיט פאַרבלוטיקטע קעפּ, שפּאַרן זיך איבער עפּעס, צערינען זיך, קומען זיך ווידער צונויף, צעלויפן זיך ווידער — אין קריגעריי...

און אויף דער ערד?

נאַקעט אַנטקעגן מיין נאַקעטן פוס — די מוטער־נאַקעטקייט לעבן דער נאַקעטקייט פון קינד, אין אַזאַ לינדער, ליכטיקער וואַרעמקייט פון פריִען פרילינג.

קיין קרוין־פּערל אין מיין שפּראַך־קרוין נישטאָ דאָס צו באַשרייבן... טיף אין בלוט ביי מיר ערגעץ זינגט עס: מיט בלאָע שוואַלבן, לעבן דער גאַראַיעוועד קלויז, מיט אַ לעבן, וואָס ליגט פאַרויס, מיט אַ ווינער שטראָז... מיט עפּעס אַזוינס, וואָס טויזנט רעגנבויגנס וועלן דאָס נישט אָנשרייבן אויפן פאַרמעט פון מדבר, וואָס איז מיין היינט, אויפן פאַרוויאַ־נעטן רויזנבלעטל, וואָס איז מיין נעכטן!

פרילינג — —

דורכן קינדס ראָזלעכן פויסט־פּעסעלע דעם האַלב־געעפנטן פליט אַ זינגעוודיקע בין אַריין און אַרויס — די ערשטע ברוינע בין. דאָרטן ווו קיין בלאָע שוואַלבן זענען נישטאָ. דער ים איז מיליאָנען פּערלמוטערנע שטילקייטן אין אַ שלח־מנות־פּאַטשיילע פון בלאָ־גרינעם אַטלעסן...

אויפן זאַמד ביים שטראַנד, זענען די קנייטשן פון די איינגעשטילטע כוואַליעס — עגמת־נפש־קנייטשן פון אַ ים, וואָס ב ו י ט ע ט אומזיסט זיינע ב ו י ט ו נ ג ע ן, ווי מיר מענטשן בויען אומזיסט אונדזערע בויונגען...

פרילינג. די צייט ווען די טירקלטויב דאַרף זיך אַ צעזינג טאָן און — מ'הערט נישט, מ'הערט נישט.

בלויז אויף די שטײק־געזימסן פון דער צײטפאַררויכערטער טריניטי־קירך, בלויז אויף די הויכע שטאָקן פון די פאַרצײטיקע שטײן־געבײדעס אַרום סענטראַל־פּאַרק, בלויז לעבן דעם מעלאַנכאָליש־רויטן „קעסל־גאַר־טען" (דער וועג־צײכן פון אונדזער עמיגראַנטיש לעבן!) הערט מען אַ מאָל אַ טויב אַ וואָרקע טאָן, זעט מען די ברודיקע סימנים פון זײער „„מאַטעריעלן לעבן" — איבער די פּאַרמיאוסטע ווענט.

פרילינג...

בײ נאַכט איז דער הימל פול מיט די קלײנע טאַמאַשעוועסקיס („סטאַרס") די פינקלדיקע. דער באַרימערישסטער פון אַלע „סאַטורן", מיטן גוואַל־דיקן דימענט־רינג, וואָרפט זיך אין די אויגן, פליטערט און פלאַטערט, צאַפּלט זײן שײנקײט אויס, בײ דעם קנאה־געפיל פון יענע גרעסערע, וויכ־טיקערע (דאָך ווײטערע, און דעריבער ווײניקער בלישטשענדיקע) שטערן...

פרילינג — יעס! פרילינג פונעם פערוועזן יאָר 19 מיט 40!

די סאָלדאַטן אין די שוצגריבער (טרענטשעס) זיצן דערווײל און שטריקן סוועטערס פאַר זײערע ווײניקער־באַשיצטע פרײנד און קרובים אין דער הײם — ווו באָמבעס קראַכן!

פרילינג! די מײדלשע בײמלעך צעעפענען די ניפּלען פון זײערע בריסט — גיבן עס דעם לעבן אַ קוש צו טאָן, אײדער מ'קען דערפון צוקונפט־זאַפט אַרויסבאַקומען...

ווײס ווי מײדל־מילך — די „אויגנלאָזע" פּעלדבלום, בײם ראַנד פון מײן גאָרטן.

און ווי אַזוי עפנט דער פרילינג־טאָג זײנע אויגן אויף?

הם... איכ'ל אײך זאָגן דעם אמת: איך בין שוין לאַנג צו דער זון־דער־וואַכונג נישט אויפגעשטאַנען, — זיך פאַרלאָזט אויף גאָט, אַז ער וועט זי שוין מסתם אויפהײבן...

מאָרגן — אומבאַדינגט, אי"ה מאָרגן, שטײ איך מיר אויף אין דער פרי — אײדער מ'זעט נישט, און איך גיב אַ קוק...

דורך דעם שמאָלן פענצטערל פון מײן בוידעם־שטיבל — מיט די פיל־ווינקלדיקע ווענט (זײ האָב איך טאַקע ליב, ווײל זײ זענען נישט גלאַט־גראָד, נאָר אַלווינקלדיק־קרום ווי מײן לעבן!).

## משה נאַדיר

מאָרגן — אַז מ׳עט דערלעבן!
מאָרגן, אַז גאָט וועט שענקען ס׳לעבן...
היינט איז שוין — נאַכט...
שאָטן־נאַכט.

אויפן „לאָקשנברעט" אין קוני־איילאַנד איז וויך־טונקל — פאַר פרילינג־פאַרלעך, פאַר פרילינג־יינגלמיידלשאַפט...

די אוירינגלעך (ניי־אָפּגעזילבערט לכבוד דעם סאַמע־נייעם סאַמעט־נייעם פרילינג!) אויף די שלאַנקע פאַנאַרן, ברענען בלויז אויף איינציקע אויערן־לעפלעך — די זיסע פינצטערקייט נישט איבערצושרעקן.

דורך וועלכע די פאַרליבטע זוכן זייער וועג צום גליק.

ווען איך בין מעיאָר לאַגוואַרדיאַ, ווייסט איר וואָס איך וואָלט געטאָן?

אין איינעם מיטן סאַניטעט־דעפּאַרטמענט, וואָלט איך אַ ליבע־דעפּאַרט־מענט איינגעשטעלט און אַזוי גיך ווי מיינע ליבעטאַרן (אַזוי ווי סאַניטאַרן), וואָלטן באַמערקט אַ פּאָרל, וואָס קושט זיך מיט פאַרמאַכטע אויגן (כדי מיר זאָלן זיי נישט זען...) וואָלט ער אַרום זיי אַ שפּאַניש ווענטל אַרומגע־נומען — אַ קונציק „פּעטענט־ווענטל" אַזאַ, וואָס אונדזער לייזערעליע האָט דערפונדן — עס גיט אויטאָמאַטיש אַ קלונג אַזוי גיך ווי דאָס פּאָרל האָט זיך אָפּגעליבט. אָפּגעקושט!

דעמאָלט נעמט דער ליבעטאַר (אַזוי ווי סאַניטאַר...) צונויף די פליגל פונעם נעמלעכן שפּאַניש־ווענטל און גייט ווייטער — אַהין וו די נאַכט (אָדער דער טאָג) פאָדערן.

*

פרילינג 19 מיט 40!

דער האָדסאָן־טאָל (די פּרוכט־שיסל פון אַמעריקע!) איז איצט וויס מיטן צוויט פון עפּל, קאַרשן, אַפּריקאָזן, באַרן, קווינצן...

די בליענדיקע רו, דער אַלטיפּסטער, בלאָלעך־ווייסער, רויזנרויטער זעל־פּרידן ליגט דאָרטן און די גאָלד־ווינקלען פון פאַרצייטיקע שטאַלן, אויף די איבערגעקערטע שליטנס, אויף די פאַרגעסענע בריטשקעס, מיט

די דישל־העלדזער ווי אַ נאַ־גוואַלט־געשריי אַ פאַרקילטער, אויפן שפּיץ אויסרוף־צייכן!

אין יענעם טאָל, אין אַ דערפל לעבן סאַגערטיס, קען איך אַ פּאַרם, קעגנאיבער אַן אָפּן (כּמעט לוסטיק) צווינטערל... אַ שפּיציק קלויסטערל — קאַרגע 150 יאָר אַלט.

לעבן יענעם קלויסטערל איז אַן אַראָפּ־בערגל פאַראַנען — אַן אַראָפּ־צוצוענדיקס, אַ גלאַטס, ביז אין גערשטנפעלד אַריין — אויב איר געדענקט.

און דאָרטן אין די גערשטן־זאַנגען — אין אויגוסט־חודש פון יאָר אַזוי־פיל און אַזוי פיל האָט... אַבסאָלוט גאָרנישט נישט פּאַסירט!

וואָס פאַר אַ שאָד דאָס איז!

ווי דאָרשטיק דאָס לענגלעכע קלויסטער־אויג האָט געקוקט מיט זיין בלוט־פּאַרלאָפענעם ווייסל!

ווי פאַרדראָסיק די זאַנגען האָבן געזשומעט און געטרייבן און זיך אונטערגעבייזערט. און ווי די חלבנע זאַטע לבנה האָט געשמייכעניעט און הנאה געהאַט פון דעם, וואָס די זאַנגען ביי אונדזערע טריט האָבן זיך נישט גענוג געשרינטעוועט, גענוג צעטיילט און געבויגן — —

היינט איז פרילינג יאָר 19 מיט 40!

און וואָס ברענט אין האַרץ — אויב נישט קיין נשמה־לעכט נאָך ווייטע פאַרגאַנגענישן?

„אַמאָל־אַמאָל" — (אַזוי זאָגן אַלע יונגע און מיטליאַריקע, די אַלטע זאָגן עס קיין מאָל נישט — זיי האָבן אַזוי וו י י ט צוריקצוקוקן, אַזוי טיף־גידעריק אַרונטערצובליקן!).

אַמאָל־אַמאָל איז דאָס האַרץ אַ וואַזאָנע געווען און דאָרט האָט אַ רויט רויזל געבליט...

האָב איך מיין ברענענדיק וואַזאָנע־האַרץ ווי „אַ לאָמפּ אויפן פענצטער" אַרויסגעשטעלט, עס זאָל לעכטיק זיין פאַר אַלע וואַנדערער, פאַר אַלע דורכגייער.

איז פאַר אַלע לעכטיק געווען, נאָר — פאַר מיר נישט...

ווי דער פידל אַליין ווערט נישט גערירט, נישט אַמוזירט פון די שיינע לידער, וואָס מ'שפּילט אויף אים, אַזוי האָט דער „לאָמפּ אויפן

פענצטער״ בלויז אַן אויסשטראַלונג געהאַט, אָבער נישט צוריק־שטראַלונג...

„און בלינד זענען אַלע לאָמפּן״ — דאָס האָט שוין עמעצער געדאַרפט זאָגן נאָך אין יאָר 1936...

מ׳ווייסט: אין ערגעץ איז נישט אַזוי פינצטער, ווי צופוסנס פון אַ לייכט־טורעם...

וואָרף איך דאָ בלימלעך אויף זיך אַליין?

יאָ, איך וואָרף אַ בלימל אויף זיך אַליין — אויף מיינע ליפּן, וואָס זענען פון דערנער צעריסן.

מ׳וועט מוזן, הערט איר, די גלעט־קונסט, די קוש־קונסט צוריק אויף די ליפּן אַרויפצויבערן!...

און אַז בלומעניזם, און אַז סאַמעטעריי, און אַז ווײַרויך־בעכעריי וועט זיך דערעסן, וועלן מיר דעם שכנס בוים מיט צייטיקע עפּל אַ טרעסע־טאָן...

נישט פון שלעכטסקייט, חלילה, און נישט כדי פון די גרינג־פאַלנ־דיקע פרוכט צו געניסן (ווי יעדער לעגי — אַזוי צו זאָגן — טימער קריי־טיקער), נאָר קלאָמפּערשט כדי די ווערעם פון דאָרט אַראָפּצושאָקלען...

איז ע... ביי דעם פרילינג טאָקע: זאָל איך ביי אים עלעגאַנט די האַנט קושן? (אָפּט שוין האָב איך פאַר אַ הערלעכער לאַנדשאַפט, פאַר אַ פּערל־האַפטן לבנה־פאַרגאַנג — דעם הוט געצויגן, און זיך פאַרנייגט!) אָדער זאָל איך קויפן אַ טאָפּ — פאַר וויפל? און ווו? און ווּוהין זאָל איך דען גיין? און אויף וואָס זאָל איך אים דען צעברעכן? און ווען זאָל איך דען נאָך זאָלץ אויף די ווונדן שיטן און זאָגן „אַזוי זאָלט איר — —״

שאַ, פרילינג, שאַ...

אָפּגעווישט די ליפּן און שאַ...

לירישע פּרויען וויינען, זאָגט מען, אַז זיי לייענען מיין אויסגעפּוצטע טרער („דער צער איז אַ צירונג פאַר מיר״ — זעלבסט־ציטאַטע...) און איך האָב ליב שיינפראַנדזיקע, נישט פאַרקלעקטע אויגן, נעז נישט־געררויטלטע...

# אַ קליינער זומער־ראָמאַן

די „אַנטאַריאָ־וועסטערן"־באַן — געפּאַקטער ווי תמיד צוליב דער מלחמה, איז ערשט געהאַט דורכגעקראָכן די עטלעכע טונעלן אין די בערג, איידער זי איז געבליבן שטיין ביי דער סטאַנציע „בערגוויל" — דער פּאָפּו־לערער זומער־רעזאָרט אין די „יידישע בערג".

אויף דעם הילצערנעם רויט־געפאַרבטן „סטעישאָן", פאַרטרונקען אין פאַרגעלטן גרין, וואָס ווערט דערשטיקט פון באַן־רויך און פון דאָרף־שטויב, זענען געשטאַנען פרויען, וועלכע האָבן אָפּגעוואַרט זייערע מענער אויף דעם באַרימטן „ערב־שבת"־צוג.

דאָס שטילע דערפל בערגוויל, וואָס אויף צוויי חדשים אין יאָר — יולי און אויגוסט — ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ רוישיק צענטער־שטעטל פאַר די האָטעלן אויף מיילן אַרום, האָט געטאָן אַ לעב־אויף מיטן אָנקום פון אָט דער געפּאַקטער ערב־שבת־באַן — דער „ליבע־צוג", ווי אַ טייל מענטשן רופן אים, נישט אָן אַ צומיש פון ציניזם.

צווישן אַלע פּאַסאַזשירן — פאַררויכערט און פאַרסאַזשעט פון דער רייזע, אַ טייל הוסטנדיק און אַנדערע רייבנדיק די אויגן פון דעם פּריסיק־שטויב, האָט זיך אויך געפונען מר. בלאַט, אַ מיטליאָריקער מאַן, וועלכער איז געווען אַ ביסל אָנגעשטעקט פון קונסט און ליטעראַטור, האָט אַפילו אַליין אַ מאָל (אָן דערפאָלג) געפּרוווט האַלטן אַ פען אין דער האַנט, און צום סוף זיך איינגעזעסן אין דער גרינגער, אָבער חשובער ראָלע פון אַן אינטעליגענטן לייענער, אַ פריינד פון פיל באַרימטע שרייבער און אַזוי ווייטער.

מר. סיימאָן בלאַט איז אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך פון וואָקזאַל. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין וואַליזקעלע אָנגעפּאַקט מיט דער נייטיקער וועש פאַר די צוויי טעג, אַן איבעריקע פּאָר וואָכעדיקע הויזן און עטלעכע מתנות פאַר זיין שיין ווייבל נינאַ מיט די גאָלדן־רויטע האָר,

פאַרפלאָכטן אין אַן אַלטמאָדיש קרענצל אַרום איר קאָפּ. ווי פילע מענער, וואָס זענען נישט גליקלעך און נישט אומגליקלעך פאַרהייראַט, האָט סיימאָן בלאַט ליב געהאַט זיין פרוי נינאַ מיט אַ געוויסער גלייכגיל־טיקייט, וואָס קומט פון איבערזאַטקייט, פון זיכערקייט, אַז ביי זיין נינאַ איז ער „איינער און ווייטער קיינער".

ווי אַנדערע היינטמאָדישע מענער, איז מר. בלאַט נישט געווען פון די ראָמאַנטישע נאַטורן, וואָס פאַרשיכורן זיך מיט ליבע און ליידנשאַפט, אָבער אויף „אַ נאַש", וואָס קאָסט נישט קיין סך און ביי וועלכן מען שטעלט קיין סך נישט איין, איז ער געווען אַ בעלן.

אַ קליינער, אומדערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, האָט סיימאָן בלאַט נישט געקענט באַהויפּטן צו שיקן זיין פרוי אין אַן אמתן זומער־האָטעל, ווו די פּרייזן זענען פון 18 ביז 35 דאָלער אַ וואָך. נינאַ האָט זיך נישט צופיל געריסן דערצו אויך. אַ פאַרחלומטע און ראָמאַנטישע נאַטור, האָט זי ליב געהאַט פאַרברענגען אירע זומערס ערגעץ אויף אַ פאַרם, צווישן פעלדער, סעדער, קי, פערד, הינער, פייגל.

אויף אויסזוכן און געפינען אַזוינע פאַרוואָרפענע זייטיקע יידישע פאַרמס איז נינאַ געווען אַ מזיק. זי האָט געהאַט עפּעס אַ באַזונדערן חוש אויסצודערשמעקן, פון די „עדס" אין די צייטונגען, וועלכע פלעצער זענען אמת דאָרפיש, לעבן בלעזלדיקע שנעל־שטראָמען, אָדער טייכן, און צווישן געזעל'שאַפט פון מענטשן, וועמענס אַפּעטיטן גייען ווייטער ווי דער אַפּעטיט צום עסן און צו שפּילן קאָרטן — מיט איין וואָרט: „זייטיקע" מענטשן, קינסטלערישע, האַלב־קינסטלערישע.

די פאַרם, וואָס נינאַ האָט היינטיקן זומער אויסגעקליבן, איז אפשר פיר מייל פון דער באַן־סטאַנציע. דער וועג ליגט צווישן איינגעפאַלענע סעדער־פּלויטן, הינער־שטאַלן, חזירים־שטעלעכלעך, שטויסן מיט אָנגע־האַקט האָלץ אויף ווינטער, האָבער־פעלדער, שפּעטע עפּל, און יאַגדעס אָן אַ שיעור — גרינע, רויטע, שוואַרצע.

ווי שטענדיק, אַז סיימאָן קומט צום ערשטן מאָל, נאָכן פערטן דזשולײַ, אויף אַ באַזוך צו זיין פרוי, אין איר נייעם זומער־פּלאַץ, לאָזט ער איר נישט וויסן אין פאָרויס, אַז ער קומט. ער וויל זי — איבערראַשן, און

אויף אַזאַ אופן אויפוועקן אין נינאָן אַ באַזונדערע ליבשאַפט־סטרונע, נאָך נישט קיין אויסגעפּרוּווטע, אפשר אַזאַ, וואָס זי האָט געהאַט אָנגעגרייט פאַרן ליד אויף וועלכן אַן אַנדערער דאַרף שפּילן... און צווייטנס, האָט ער ליב געהאַט ביים ערשטן באַזוך אויפצונעמען די איינדרוקן פון דעם נייעם זומער, נייע לאַנדשאַפטן, נייע אַטמאָספערשאַפטן, נישט זייענ־דיק געשטערט פון קיינעם. דער שטילער איבערטראַכט אויף דעם גאַנג צו נייעם זומער, וואָס מאַכט אים מיט אַ יאָר צייטיקער און רייפער צום גענוס פון לעבן, איז דאָס זיסטע געפיל וואָס סיימאָן בלאַט לעבט איבער־אויף זיינע ערשטע זומער־וויזיטן צו זיין פרוי.

סיימאָן בלאַט האָט זיך אַרומגעקוקט אויפן וואָקזאַל, צי זיין פרוי נינאַ איז אפשר צופעליק געקומען אים אָפּוואַרטן, באַווירקט פיליכט פון אַ געהיימען פאַרגעפיל, וואָס מען רופט „טעלעפּאַטיע". געזען, אַז זי איז נישטאָ, איז ער אַרויף אויפן בערגל צום „סטאָר", באַשטעלט אַ גלאָז אייז־קרים־סאָדע און זיך בשעת מעשה צעפרעגט דעם וועג צו דער פאַרם, ווו זיין נינאַ געפינט זיך.

דערהערט, אַז עמעצער פרעגט זיך אויף יענער פאַרם, האָט זיך אַ יונגער־מאַן, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון אים, און אַרויסגעקאַלופּעט מיטן לאַנגן לעפּעלע די לעצטע פּאָר צעקראַכענע סטראָבעריס אויפן דנאָ פון גלאָז מיט סאָדעוואַסער, זיך אָנגערופן, אַז ער קומט ערשט נישט לאַנג פון דאָרטן, און אַז ער גייט צוריק. אויב דער דזשענטלמאַן האָט נישט דאַקעגן, וועלן זיי גיין צוזאַמען. אַליין וועט אים, מר. בלאַטן, זיין שווער צו געפינען די פאַרם דאָס ערשטע מאָל. עס איז זייער אַ פאַרדרייטער וועג, זאָגט דער יונגערמאַן.

נעמט מר. בלאַט זיין וואַליזקע, און דער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס מר. לאַסקער, נעמט זיין גרויסן פּאַפּירענעם האַנט־בייטל אָנגעפּראָפּט מיט זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט איינגעקויפט. ער שטופּט קוים דורך פיר פינגער פון דער רעכטער האַנט דורך די פונאַנ־דערגעשפּרייטע צוויי שטריקענע הענטלעך פון פּאַפּיר־בייטל, און זיי לאָזן זיך אין וועג אַריין.

אין דרויסן פאַרנאַכטלט עס גאָר גרויסאַרטיק. נישט קיין מידע, נישט

קיין אָפּגעאַרבעטע זון, נאָר אַ יונגע, כמעט ווי ביים אויפגיין, לאָזט זיך פּאַמעלעך אַראָפּ צו די שפּיצן פון באַרג־וואַלד, אָפּליישנדיק מיט איר קילן, פּיאַלעטענעם גאָלד די גאַנצע ערד, און אַרויסרופנדיק עפּעס אַן אייביק־נייע, אומענדלעך־זיסע בענקשאַפט צו אַט דעם טאָג, וואָס צווישן זיין שטאַרבן און געבוירן ווערן איז כמעט גאָר קיין חילוק נישט.

אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג אין שווייגן, איינזאַפּנדיק יעדער פּאָר זיך אַט דאָס שיכור־מאַכנדיקע זונגאָלד און געפלאַקער פון בלום און ווילדן צוויט און שווערער צעפלאַנצונג, האָט מר. לאַסקער געעפנט דעם שמועס מיט עטלעכע אָפּגעבליאַקעוועטע פילאָזאָפישע באַמערקונגען וועגן די זומערס און די ליבעס, וואָס פאַרגייען, פאַרגייען... און עטלעכע — ווי מר. בלאַט האָט געמיינט — פּלאַטשיקע וויצן, יענע ספּעציפישע זומער־וויצן, וואָס זענען אויסגערעכנט אויף צו רייצן דאָס בלוט אין מאַנצבילישן לייב.

— איז ביי אייך, הייסט עס, נישט אַזוי גוואַלדיק פריילעך? — מאַכט מר. בלאַט ביים סוף פון לאַסקערס באַשרייבונג פון דער פאַרם, ווו זיין גינאַ זומערט היינטיקס יאָר.

— יעס, — מאַכט מר. לאַסקער, — דער סעזאָן איז היינטיקס יאָר אַ שוואַכער צוליב דער מלחמה. די יונגע מענער זענען אין מיליטער, נאָך וואָס האָבן שוין די יונגע פרויען צו קומען אַהער? נאָר פון דעסטוועגן — נו...

מר. לאַסקער פאַרהוסטלט זיך כלומרשט אַ ביסל. עס איז ביים אים אַ חנדל אַזאַ, אַ שיינטשיק מינעלע, אַן אויסגעלערנטס.

— זאָגט שוין וואָס „נו" — טרייבט אים מר. בלאַט אונטער, שוין פאַרנייגעריקט.

— נו... — קוועטשט זיך לאַסקער אַ ביסל און בייט איבער דעם פּאַפּיר־בייטל פון איין האַנט אין דער אַנדערער — אין גאַנצן אויסגיין פון הונגער (דאָ גיט ער אַ פינטל מיטן ביר־ברוינעם לינקן אויג זיינעם, היינטער דער קוועטש־בריל) אין גאַנצן אויסגיין פון הונגער — כ׳מיין ר אָ מ אַ נ ט י ש ן הונגער, קען מען דאָ אויך נישט. פאַראַן דאָ אַ יונגע פרויקע — —

— טאַקע? — ווערט שוין סיימאָן פאַראינטערעסירט.

און אין אַ מינוט אַרום, האַלב אויף שפּאַס:

— װעל... װאָס קומט אונדז עלטערע מענטשן אַרויס? אויב זי איז יונג און װיליק, — מאַכט מר. סײמאָן צום גראַם (ניט־אומיסנע) — איז זי מסתם נישט צו גרינג און נישט צו ביליק.

שטילשװײגן.

אויף אַ בוים קלאַפּט עפּעס אַ פויגל אַ שטותיק ליד, אָן אַ ציל און אָן אַ זין. גלאַט אַזוי, װײל עס איז אים גוט אויפן פויגלשן האַרץ.

די זון האָט זיך מסתם דערװײַל געזעצט, און איבער דער װעלט האָט זיך געשפּרייט איר כישופדיקער נאַכגלי, דער לאַנגער נאַכגלי פון אַ זון־אונטערגאַנג אין די בערג, לעבן טײַכן, װאָס דינען װי אַ שפּיגל פונאַנדער־צושפּיגלען דעם אָפּשײַן פון דעם נאַכגלי מיט אַן אײַנגעשפּאַרטן נישט־נאָכלאָז, װי אַ פרוי װאָס װיל פון אירע אָרעמס נישט אַרויסלאָזן איר געליבטן, כאָטש זי איז שוין מיד אויף טויט און האָט שוין מער קײן כּוח נישט.

סײמאָן בלאָט און זײַן מיטגייער זענען געגאַנגען אַ זײַט לעבן אַ זײַט און געשװיגן. פון צופיל געפילן, װאָס האָבן אָנגעקװאָלן אין זײ, װי אַ ריקע נאָך אַ װאָלקנבראָך, האָבן זײ קײן אַנדערע ברירה נישט געהאַט װי צו שװײגן — אויף אַ מאָמענט כאָטש, ביז דער פלײץ װעט זיך אַ ביסל אָפּ־שטעלן. דערנאָך האָט לאַסקער געגומען שילדערן „די יונגע פרוי", אַלע קאָלירן פון רעגנבויגן, גענומען כמעט װי רײצן אים, געבן אים װוּליון־געריִשע אָנצוהערענישן, אַז ער האָט זי שוין אַפילו געהאַט אין זײַנע אָרעמס...

— אויב אַזוי, — לאַכט סײמאָן, — טאָ װאָס פאַר אַ שאַנס האָב איך שוין?

— פאַר װאָס נישט? — טרייסט אים לאַסקער מיט גאװהדיקער באַ־שײדנקייט — איך בין נישט דער אײנציקער בחור אין מאָסקװע... און פון ליבע איז דאָ נישטאָ װאָס צו רעדן... — עס איז מער — גיט ער צו — אַ פראַגע פון לײדנשאַפט.

אינעװײניק בײַ זיך קװיקט זיך שוין מר. בלאָט מיט דעם געדאַנק פון „אַ נאַש" — אַן אומשעדלעכן, אומקאָסטבאַרן, און לאָז זײַן אַפילו נישט

צופּיל זינדיקן נאַש. אַט סתם אַזוי אַ פלירט, אַ קוש, און... איכווייס וואָס! אונטער זיין אייגענער פּרויס נאָז, אַזוי צו זאָגן, דאָס וועט מאַכן דעם „נאַש״ נאָך געשמאַקער, נאָך זיסער.

אויף סיימאַנס פאַרלאַנג, ריסעוועט אים מר. לאַסקער אָפּ ווי אַזוי „די יונגע פּרויקע״ זעט אויס. אַלצדינג איז זייער „צופרידנשטעלנדיק״. כמעט אַקוראַט לויט מר. סיימאַנס גוסט. נישט קיין צו הויכע, נישט קיין צו דינע, נישט קיין יונגע ציג, נישט קיין סקול־מיידל. אַ געשמאַקלעכע, אַ „וואָלאָפּ־טועזע״, אַ תאווהדיקע. זייער גוט...

שאַ... און וואָסער קאָליר האָר האָט זי? דאָס האָט ער גאָר ביז איצט פאַרגעסן צו פרעגן. אַ קלייניקייט האָר! האָר ביי אַ פרוי שפּילן אַ גוואַל־דיקע ראָלע. — ניין?

יעס. געוויס. לאַסקער איז מיט אים מסכים. זי האָט שיינע האָר. דאָס הייסט, ווי פאַר וועמען... אויב עמעצער האָט אַ גוסט פאַר גאָלדן־רויטע האָר — טיציאַניש פאַרפלאָכטענע אין אַ קראַנץ אַרום קאָפּ!

— אַ קראַנץ אַרום קאָפּ? — ווערט סיימאָן פּלוצעם בלאַסלעך... — גאָלדן־רויטע? ווי אַזוי הייסט זי?

לאַסקער ווייסט נישט. אַלע רופן זי „נינאַ״. דאָס איז אַלץ וואָס ער ווייסט... דאָס איבעריקע —

לאַסקער גרייט זיך נאָך אַ מאָל (ווי פריִער אין אָנהייב פון אונדזער דערציילונג) אַ פינטל צו טאָן מיט אויג. ער ווערט אָבער אָפּגעהאַלטן דורך דעם, וואָס זיין גייער, מר. סיימאָן בלאַט, לאָזט פּלוצעם אַרויס פון האַנט די גרינגע וואַליזקע זיינע אין איינעם מיט אַן „אוי!״ און פאַלט אַוועק ביים וועג כמעט, קען מען זאָגן, אַ געחלשטער. — — — — — — — — —

דער נאָכשיין פון דעם נאָכגלי פון טאָג פאַרגייט. די נאַכט איז לויטער אויגן פינטלדיקע, שפּעטנדיקע. סיימאָן בלאַט זיצט אין זיין נינאַס שלאָפ־צימערל ביים פענצטער, אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלנבויגנס אויפן גע־זימסל. ער טראַכט און טראַכט. הינטער אים מאַכט זיך נינאַ צורעכט אויף ביינאַכט די גאָלדן־רויטע טיציאַנישע פריזור, אַראָפּנעמענדיק לאַנגזאַמ־לעך דעם „הייליקן קראַנץ״ פון איר שטערן — — —

1942

## נישט פֿאַרפֿירט

אַלט, עלטער, זייער אַלט.

דערווייל איז זי אַפֿילו נאָך נישט אַ ל ט... פֿון ז י י ע ר אַלט איז שוין אָפּגערעדט! זי איז נאָך יונג, קאָן מען זאָגן, די עטעלבערטאַ אונדזערע, וועגן וועלכער מיר מאַכן דאָ אַ גאַנצע באַשרייבונג, גלייך זי וואָלט געווען וועֶר ווייסט ווער. און ווער ווייסט? אפֿשר איז זי טאַקע ווער־ווייסט־ווער? די וועלט האָט אַ סך באַהאַלטענע, פֿאַרהוילענע נסתּרדיקע ווער־ווייסט־ווערס! יעדער מענטש איז פּאַקטיש ביי זיך אַ „ווער־ווייסט־ווער". מען דאַרף נאָר האָבן די צייט, געדולד און חשק אַ גראָב צו טאָן טיף אין אים, און אפֿשר (צי ווייסט דען עמעצער?) וואָלט מען דאָ און דאָרט אַ גאָלד־שיכט געפֿונען...

וואַסער, גאָלד און מענטש — אַלע דריי ווייסט מען נישט גענוי ווו מען קאָן זיי געפֿינען, און ווי טיף, ווי אומדערשעפּלעך זיי וועלן זיין, אַז מען וועט זיי שוין יאָ געפֿינען.

כּישוף־צווייגלעך (גאָפּל־פּאַרמיקע), וואָס דאַרפֿן פֿון זיך אַליין זיך בייגן צום אָרט, ווו דער פֿאַרהוילענער קוואַל געפֿינט זיך; דער עלעקטרי־שער ציטער אין די שפּיצפֿינגער, וואָס דאַרף פּאָרקומען, ווען מען רירט אָן די ערד, אונטער וועלכע טיפֿע פּלאַסטן גאָלד געפֿינען זיך; דאָס מענטש־לעכע, וואָס דאַרף זיך געפֿינען אין יעדער מענטש־חיה בעת מען רירט אָן איר האַרץ — אויב מ׳ווייסט נאָר ווו דאָס האַרץ איז, און אויף וועלכן אופֿן דאָס אָנצורירן אַזוי איידל, אַז מען זאָל עס היילן און נישט פֿאַרוווּנדן — די אַלע אַנטדעקונג־מיטלען זענען אפֿשר בלויז אָבערגלויבנס, אָבער פֿון אַזוינע אָבערגלויבנס ווערן מיט דער צייט די וויכטיקסטע גלויבנס געבויט, די דויערנדיקסטע רעליגיעס... וואָרעם ווער קאָן זיך דען באַגיין אָן קוואַלנדיק וואַסער וואָס איז לעבנס־דערהאַלטונג? און גאָלד, וואָס איז האָפֿענונג? און מענטשלעכקייט, וואָס איז „דער זין פֿון דעם אַלעמען?"...

אונדזער עטעלבערטאַ (אויף יידיש „איטע־ביילע") צו וועלכער מיר

קערן זיך איצט אום מיט אונדזער פּען, נאָך אַ לאַנגער דעטור, וואָס מיר האָבן געמאַכט — נישט צוליב וועלכער ס'איז ליטעראַרישער נויט, נאָר ווייל אַזוי איז געפעלן אונדזער קאַפּריז. עס איז אונדז געפעלן צו גיין מיט דער פּען אַרום און אַרום אַ טעמע, וואָס איז (נאַטירלעכערווייז) היפּשלעך ווייט פון דער ווירקלעכקייט, שיבנדיק דערווייל דאָס שפּאַקטיוו־גלאָז פון אונדזער פאַנטאַזיע, אַהער און אַהין ביז מיר וועלן ווי עס איז שטעלן אינסאַמעמיטן פאָקוס אָט דאָס, וואָס מיר האָבן אויף אַ לייוונט אָנגעמאָלן — קלענער ווי אַ מענטש, ווייל אַ סקיצע! און גרעסער ווי אַ מענטש אין די דעטאַלן, ווייל די קורצקייט מוז דיק אונטערגעשטראָכן ווערן, אַלע זאָלן זען דאָס, וואָס מיר ווילן זען, אַקוראַט אין יענעם ציל־פּונקט ווו מיר ווילן דאָס זען, און דער־ביי זאָל דער נעפּל פון אונדזער אייגענער צעטראָגנקייט נישט מוטנע מאַכן די איינציקע קלאָרע לאַנד־פלעקן פון אונדזער טעמע — „עטעלבער־טאַ און איר אומשולד".

*

נאָך אָט אַזאַ לאַנגער פאָררעדע און פאַרקלאַנג, ווי גלאַט אַזוי אַ מוזיקאַלישע פּאַטשערקע־פאַרשווענדונג אויף אויסצופּרוּוון די טענער פון אַ פאַרשטויבטן קלאַוויר, קומען מיר ווידער צוריק צו אונדזער עטעל־בערטאַ, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין (אַ שיינעם דאַנק אונדז!) געגעבן אָנצוהערן אַזוי פאַרבייגייענדיק, אַז זי איז נישט קיין יונגע און נישט קיין אַלטע, נאָר אַ ביסל עלטלעך, און... אין אייביקער שרעק פאַר דעם מאַן מיט דער באָרד, וואָס קאַלעכט דעם קאָפּ וויס, און דאָס האַרץ — גרוי, און די וועלט — אויך אַזוי.

צוליב טיפּאָגראַפישער שיינקייט וואָלט נייטיק געווען דאָ־אָ אַריינ־צושטעלן אַ שטאָל־שניט — אַזאַ מין קליינער האַלץ־ציגל באַדעקט מיט אַ שטאָל־פּלאַטע, אויף וועלכער עס איז אויסגראַווירט (אויף פאַרקערט, פאַרשטייט זיך, אויף נעגאַטיוו, כדי ווען עס וועט געדרוקט ווערן זאָל עס אַרויסקומען פּאָזיטיוו) אַ בילד פון דער יונגפרייליין, וועגן וועל־כער מיר רעדן דאָ. האָבן מיר אָבער — צוליב דער אויסגעטראַכטקייט פון דער גאַנצער זאַך — ביי זיך קיין בילד נישט פון אונדזער עטעלבערטאַ...

איז זאָל זי אַליין קומען אַהער, אויב זי וויל, אָט די אויסגעטראַכטע, שיין־פאַרעלטערטע, איידל־פּאַרוויאַנעטע עטעלבערטאַ און מעלדן אירע קענצייכנס, און אָפּדרוקן איר זעלבסטפּאָרטרעט אין דער צייטונג, ווי איינער אָנגעטאָן אין שוואַרצן דרוקט זיך אָפּ אויף שניי, זייענדיק ווען ער איז, און בלייבנדיק ווען ער איז נישטאָ... קומט זי אָבער נישט, אונדזער עטעלבערטאַ! אויסגעטראַכטע מענטשן האָבן אַ טבע, אַז זיי פּוילן זיך לעבעדיק צו ווערן, וואַרעם צו ווערן, סיידן מיטן עלעקטרישן כּוח־הדמיון־וואָלטאַזש פון זייער אויסטראַכטער, וועלכער ציט־פּאָר (אין איצטיקן פאַל) גיכער צו זיין אַ שטיל־שטילע, קוים וואַרעמלעכע דינאַמאָ, וועלכע איבערזעצט קראַפט אויף ליכט, אָנשטאָט אַ זון־אויפכאַפּנדיק דאַכגלאָז, וואָס פאַרוואַנדלט ליכט — אין קראַפט!

פּ אָ ר צ ע ל י י ע נ ע — אָט דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס פּאַסט אונדזער עטעלבערטאַן צום פּנים בעסער ווי יעדער אַנדער וואָרט פון אונדזערע דריי ווערטערביכער.

פּאָרצעליי — אָבער נישט קיין נייער, פרעך־בלישטשענדיקער, נאָר אָפּגעמפּירטער, צייט־באַחנטער... איינגעעלטערט מיט דעם העלגאָלד פון די טעג, מיט דעם בלייכגאָלד פון די נעכט, מיט די שנייִקע שיין־שרעקן אָפּגעשליפן פון ביטערע ווינטן, און מיט טויִק־רויזיקע בשורה־האָפענונגען, אויף הויכלעכע שטענגלעך צווישן קאָרנזאַנגען אויפן פעלד, ווייטע, ווייטע, אייביק־אַהינצוצו־געוויגטע, פון עפּעס אַן איינגעשפּאַרטן, גוטמוטיק־אידיאָטישן וויל־וויִנט.

אָט אַזוי אַ, מיין ליבער לייענקרייז, מיט דעם נייטיקן ביסל סימפּאַטיע און פּיעטעט צו דעם ווערקפּונקט אין אונדזערע הענט, צו דעם שאָטן־דמיון, וואָס מיר שניצן אַזוי טרוילעך־געדולדיק (און אַפילו היילי־קלעך!) מיט אונדזער געלאַנגוויילטן, קליינשאַרפן מעסער־פּענדל, כּדי עס דערנאָכדעם, ווען פאַרענדיקט, מיט אַלע ציר־טראָפּייען, מיט אַלע רעליעפן פון קונסט־פּאַכמאַנשאַפט, האַנטאָוונע און געדולדזאַמע, — אַ שמיק־צוגאָן פון זיך, מיט אומגעדולדיקער נערוון־איבערגעשפּאַנטקייט, און זאָל עס משונה אַ קלינג טאָן, ווען עס צעשמעטערט זיך, א ו י ב עס צעשמעטערט זיך. איך וועל דערביי נישט זיין. איך וועל אַנטלויפן נאָך בשעת

דאָס־אָ צעשטערטע ווערק פֿון מײַנע הענט וועט האַלטן אין אַראָפּפֿאַלן — צו די שטיינער, וועלכע נישט איך האָב אָנגעגרייט, נאָר די וועלט... (באַמערקונג פֿון דעם בעסערן גאַטונג לייענער: „אָווא, אָוואַ!”).

*

אומבאַפֿלעקט? יעס, ס׳איז דאָ אַזאַ וואָרט. וואָס באַצייכנט מען דער־מיט? די מוטער פֿון גאָט? די מוטער פֿונעם „אָנהייב פֿון אַלע אָנהייבן?”... פּאַראַדאָקסאַל גענוג, נײַן?

די זון האָט פֿלעקן. שטראַלן האָבן פּינטל־פּונקטן, ווען שטויב־פֿערדלעך כאַפּן זיך אויף זיי אַרויף רײַטנדיק. וואַסער און לופֿט זענען געפֿלעקט אַ דאַנק די אונטער־און־איבער־קעגנשטאַנדן, פֿון וועלכער זיי קריגן זייער ליכט און פֿאַרב און טעם (אָ, דער טעם פֿון אײדל־געפֿלעקטער, אין האַרב־סטיקער בלעטער־פֿוילעניש־אײַנגעטונקענער זונלופֿט!); אָבער דאָס פּרוי־ענטום, „די קרוין דער וועלט”, די פּאָטענציעלע מוטער פֿון אַלעם שלעכטן און בייזן אויף דער וועלט — דער מאַן, זי דאַרף זײַן ריין, אומבאַ־פֿלעקט... נישט באַרירט פֿון כנגד מיטן קוש פֿון זײַנע קושן, מיט דעם צוזאַמענזײַן פֿון צוויי מענטשן, וואָס מוזן ווערן איינס, כדי צו ווערן דרײַ!

ווי אַזוי־זשע איז דער גאַנג געווען? נעכטן — רויזן וואָס בליִען, בלעזלען זיך אויף, וויקלען זיך אויס די האַרטע קנעספּלעך אַרויס, גיבן זיך אַ צעליכט און אַ צעלאַך און אַ צעזינג און אַ צעשמעק! און הײַנט: רויזן, וואָס שיילן זיך אין ווינט, איינס נאָך איינס, בלעטל נאָך בלעטל, האָפֿענונג נאָך האָפֿענונג, עמאָציע נאָך עמאָציע.

דאָס לעבן בכלל, מיט עטעלבערטאַן אַלס אַן אָנטועכץ פֿון פֿלייש און בלוט און נערוון אין אָט־דעם אָפּגעמאָסטענעם אָרט און צײַט, וואָס זי (עטעלבערטאַ) דאַרף מיט זיך אַרומרינגלען — דאָס נעמלעכע אַבסטראַקטע לעבן האָט מיט עטעלבערטאַן... יעס, דאָס איז ריכטיק געזאָגט, שוואָגער מײַנער! — טראָבעל! דאָס לעבן אין עטעלבערטאַן, פֿון וועלכן זי איז בלויז די אומבאַצאָלטע, אומבאַלוינטע טרעגעריך, האָט געוואָלט, וויל, וועט וועלן געלעבט ווערן, פֿאַרשפּענט ווערן, זיך אויסגיבן, זיך אויס־ברענגען... אָבער דאָס האַרץ אירס, עטעלבערטאַס האַרץ און זעל, זענען

פּיכט פון זונלאָזן טרויער און פון טרערן. עס ברענט דאָרט קיין מאָל נישט, עס קומען דאָרט קיין מאָל קיין ערדציטערנישן און קיין פײַערן נישט פּאָר. און שפּריצן דאָרט אַ מאָל עטלעכע אײנזאַמע אײנציקע פונקען פון אַ שׂרפה, וואָס וויל אויסברעכן און קאָן נישט, איז עס טאַקע נישט מער ווי פונקען פון אַ פּייכטן פּיכטנבוים, (וועלכער שטייט אײנזאַם...), ווען פלאַמצונגען נעמען אים אַרום און פאַרבעטן אים צום טויטנטאַנץ, צום אונטערגאַנג־יום־טוב, צום פאַנען־פּאַראַד פון טרויעריק־זיגרייכן ע פּ ע ס.

*

און איצט פאַר די אַלגעמיינע לייענער, וועלכע האָבן זיך ביז־נון געמוטשעט און געמאַטערט אויף די ווייטע און פּריקרע און עקזאָטישע אומוועגן פון מיין פּען. דאָס סאַמע וויכטיקסטע, דאָס גוואַלדיק־אינטערע־סאַנטסטע פון דער זאַך הייבט זיך אָן... ביטע, ווערט פאַראינטערעסירט!

היינט דעם 23סטן טאָג פון חודש, אַזוי און אַזוי האָט אונדזער עטעל־בערטאַ (אין איר וויפלטן לעבנס־יאָר? פּסט!! דזשענטללייט פרעגן נישט, און דאַמען זאָגן נישט אויס!...) האָט אונדזער עטעלבערטאַ אַלזאָ ליקווי־דירט איר שעמעוודיקייט, איר — לאָמיר זאָגן — גראַשנקאַרגשאַפט און רענדלמילדקייט אין דער פראַגע פון געבן־זיך (אויב עס זאָלן נאָר זיין אָפּנעמערס!) און... זי איז אַוועק אין „קאָנטרי", טאַקע אָט אַהער־צו־אַ אין שיינעם דאָרף־שטעטל צופּוסנס פון אַ בלוי־טומאַניקער באַרג־קייט, פון וואַנעט לופט און ליכט רינט ווי פון גאָטס צעשפּרייטע, זעלבסטצו־פרידענע (אין זיבן אייביקייטן אויסגערוטע) פינגער.

איצט, ד ו ק א איצט, ווען די מלחמה־פייערן הודיען, ווען די מענער־שאַפט פון אונדזער לאַנד האָט טעניס־לאַפּעטע, און באַל־הענטשקע און גאָלי־לוסט און לײדנשאַפט און די אַלע גאָט־געבענטשטקייטן פון די זינ־געוודיקע בלוטן אויפגעגעבן, כדי אויף די גרענעצן פון לעבן און טויט — צו באַשיצן דאָס פרייע לעבן קעגן קנעכטישן טויט, איצט, ביי דעם גרוי־זאַמען מענער־מאַנגל, האָט עטעלבערטאַ באַשלאָסן איר — אפשר לעצטע — קאָרט צו שפּילן.

דווקא איצט — פּאַראַדאָקסאַל אוןווידערשפּרעכיק און זיגזאַגיש זענען די וועגן, אָ, פון אַ מענטשלעכער נשמה! — האָט עטעלבערטאַ באַ־שלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָוועקצונעמען די האַנט פון איר... אומ־באַפּלעקטקייט, און זאָל קומען דער ערגרויבער, זאָל קומען דער באַפלע־קער, זאָל קומען דער בושה־אַנטוער און אָנטאָן דעם זיסן קראַנץ פון געל־גאָלדענער בושה אויף איר קאָפּ, — אויף איר פּאָטענציעלן מוטער־קאָפּ, פאַרבויגן אַ ביסעלע אויף אַ זייט, פאַרמאַנאַליזעט אין אַ קרענקלעך־באַ־דויערלעכן, אַלצפאַרגעבנדיקן שמייכל פון אַ מוטער מיט אַ קינד — אָ, פאַנטאַזיע, זיס־צעשפּילטע, זומערדיקע, זון אָנגעזויפּענע!

טעג גייען, טעג קומען. דאָס אייגענע מיט די נעכט און פאַרנאַכטן און פרימאָרגנס. דאָס דאָרף־שטעטל דאָ הי איז היינטיקן זומער (אַ דאַנק, זאָל מען זאָגן, דער מלחמה?) שטילער ווי תמיד. בחורים — עלטערע און יינגערע — נישטאָ פון זיי קיין סך. מ׳קאָן זאָגן, זייער ווייניק. סיידן די „בי־3״, אָדער אַנדערע פון אַ קאַליע קוואַליטעט, וועלכע טויגן פאַר קיין סאָלדאַטן נישט... און די — אויך שיטער צעזייעט און איבערנעמעריש, גאָרנישט צוצוקומען צו זיי!

אויף דער פּאָסט גייען אַ מאָל (אין פרילינג) זאַמען אין קאַנווערטלעך. מיט דער פּאָסט קומען אויך איצט געדאַנקען־זאַמען אין קאַנווערטלעך, תאווה־זאַמען, אָבער אין קעגנזאַץ צו יענע פלאַנצנוועלט, גיט די־אָ פּאָסט קיין רעזולטאַטן נישט, קיין באַפרוכטונג.

וועט דאָס מענטשנלאַנד דאַרן? ניין, עס וועט נישט דאַרן! דאָס ביסל — פאַר אַ סך. גרעסערע נעכט. לענגערער טרויער. די וועלט איז פינצטער. פינצטערניש איז גוט — פאַרן דור, וואָס איז נאָך נישט גע־בוירן געוואָרן.

יעס, און זייער ווייל... אָבער נישט פאַר איר. נישט פאַר עטעלבערטאַן, וועמעס מזל־שטערן שיינט נידעריק, שיינט פאַרנעפּלט, שיינט אין גאַנצן נישט.

געגאַנגען (וואָדען, ניין?) מיט אים שפּאַצירן אין די ווילדע וועלד־לעך. עלטערער מאַן. קינסטלער. שיין רעדעוודיקע, צוזאָגנדיקע אויגן, דורך וועמעס ווייסאַפּלען עס דינט דאָס ריינע אומזין־זילבער פון קינדערישן

חלום. אַלערליי גראָז־בערגלעך, אַלערליי פּאַרוואָרפּענע, שטילע מיט־סאָסנע־נאָדלען־אונטערגעבעטע ווייכע, וואָלגנע שליאַכן. זיך לאַנג פאַר־צויגן, לאַנג פאַרצעגערט, אין די האַלב טונקלקייטן, אין די פרי־דעמערן אָדער אָוונט־גליִונגען, ווען צווישן יאָ און ניין איז כמעט גאָר קיין חילוק נישט, אָבער ס'איז צו גאָרנישט געקומען. צו אַבסאָלוט גאָרנישט.

דער ווינט פון אָט־יאָ אַ ביסל תאווה און אָט־נישט אַ ביסל תאווה, האָט זיך איבערגעבלאָזן נאָך אײדער ער האָט צייט געהאַט וואָרעם צו ווערן. פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די פּוסטיניעס פון פּאָעטישע ווערטער, נאָך אײדער די ליפּ, נאָך אײדער די האַנט, נאָך אײדער דער גאַנצער מאַן־גוף האָט זיך מיט דעם ווייב־גוף צונויפגעציטערט — צוויי אין איינס!

ניין, ער האָט זי נישט פאַרפירט. דאָס איז דער ריינער אמת — טרויעריק און נאַקעט און גרויזאַם ווי ער איז.

זי האָט עס אָבער אין געדאַנק אַ ביסל אַנדערש פאָרמולירט: „ער האָט מיך נישט פאַרפירט, דער באַנדיט, אַ פינצטער — —"

זי האָט געוואָלט טראַכטן „...יאָר אויף אים!" אָבער זי האָט זיך נישט דערלויבט. די אומבאַפלעקטע געוויינהייט אַריינצובאַהאַלטן אַלץ אין זיך (גוד באַי צו דיר, טייערע, מיר ענדיקן דיך מיט אַ הורא און נידער!) האָט אויך איצט, אין לעצטן זומער פון די אַלע זומערן, וואָס זי האָט ביז איצט איבערגעלעבט, געקראָגן די אויבערהאַנט איבער איר.

איצט פּאַקט זי די צוויי אומעטיקע וואַליזקעס. שפּעטער מיט אַ צען מינוט וועט זי מיט אַ טרויעריקער נאָז שטיין ביים מעלאַנכאָלישן „באַס־סטיישאָן" און וואַרטן אויף אַ „באַס", וואָס זאָל זי פירן צוריק צו זיך־אַליין, צו זיך זייער־זייער אַליין, אין דעם סטעטכלעם גערוד־פולן צימער פון דעם רומינג־הויז אין די וועסט 90ער, ווו זי וועט ווידער לעבן און וויאַנען — אומבאַפלעקט, אומבאַרירט, אומפאַרגוואַ...

אַפילו אין אָט די אומדערטרעגלעך־הייסע טעג פון זומער, דאַרפסט־געפינען צייט, ליבער הער גאָט, רחמנות צו האָבן אויף דיינע איינזאַמע, עלנטע, אין לעבן פאַרפלאָנטעטע, צופעליק־אומבאַפלעקטע עטעלבערטאָס — דאָס זאָג א י ך דיר!

1942

## פאַרהענגלעך

זיי זענען אַרונטערגעקומען העט־העט ווייט, אַזש פון באַכניע אין די קאַרפּאַטן־בערג, און דאָס שטעטל האָט זיי אַ נאָמען געגעבן „די מאַזורן", „די טאַטאַרן"...

אונדזער שטעטל האָט ביז דעמאָלט קיין יידישע מאַזורן און טאַטאַרן נישט געהאַט געזען. די, וואָס מיר האָבן געקענט, זענען געווען גוייִשע „הוצולן", וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז זומערצייט פון זיי בערג באַלאָדענע מיט הילצערנע צאַצקעס און שמאַכטעס, ווי געשניצטע ליולקעס, מולטערלעך, שטעקנס, פייפעלעך, און ענלעכע האָלצוואַרגן — פון די איידעלע האָלצן, וואָס וואַקסן אויף די קאַרפּאַטן־בערג.

ווי די ציגיינער מיט די קונציק־פאַרשפּיצטע „ווינטשפּינגערלעך", מיט וועלכע זיי האָבן געמאַכט לעכער אין געזונטע טעלער און טעפּ, כדי זיי דערנאָך צו קאָנען פאַרריכטן און פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן, זענען אויך די הוצולן באַטראַכט געוואָרן פון אונדז, יינגלעך, ווי אומיסנידיקע מענטשן, „וואָס מאַכן די קאָמעדיע"... — מענטשן לאַכעדיקע, זאָרגלאָזע, וואָס זינגען, טרינקען, מאַכן זיך לעבעדיק־לוסטיק, און דאָס וואָס רינט אַריבער איבער די ברעגן פון זייער זאָרגלאָזיקייט, לוסטיקייט, לעבנסדורשט, ברענגט זיי צו אונדז פון די בערג אַרונטער, פון די רומענישע און אונגאַרישע פּוסטעס אַהער, און ווי דער ווינט, וואָס קאָן נאָך אַ מאָל ברענגען שאָדן, ווען ער צעהוליעט זיך צו פיל, ברענגען זיי אָבער ס'רוב גרינגשאַפט, גלאַטקייט, זינגעוודיקייט, גלעטעוודיקייט... אַ גלעטעוודיקייט, וואָס גלעט איין אַלע בענקשאַפט־פּיינען, רירט אויף און צעטרייבט אַלע אָפּגעשטאַנענע שימלען אויף אונדזער קליינעם לעבן דאָ הי, וואָס איז ווי אַ געל־הייטלדיק פאַרשלאָפן זומפּל אין דער פּוסטער זון.

אין צעטל פון אָט דער ציגיינערישער און „הוצולישער" פאַרביקייט און עקזאָטישקייט, האָט זיך פּלוצעם אַריינגעשטעלט די „באַכניער משפחה",

וואָס האָט זיך איין מאָל אין אַ שיינעם זומערטאָג אָראָפּגעלאָזט צו אונדז. אַ משפּחה פון פינף, אַ טאַטע מיט אַ גויִיש, טעלערדיק, רויט פּנים און אַ בלאָנדער באָרד פון פּאַסמיקע קרויזן. אַ מאַמע — ברייטלעך און וואַקלדיק און ווייס, ווי עפּעס אַ קאַטשקע פון טייג, מיט אַ מאַסע ווייסע ציין, וואָס שטופּן זיך אין דרויסן אַרויס פון אונטער פּאַרמאַכטע ליפּן אַפּיר. אַ זון מיט אַן אויפגעשטעלט קאַפּעליטשל אַ נייס, אַן אַ קנייטש, דאָס כמעט מיידלשע פּנים באַפּרענדזלט מיט גוואַלדיק־דיקע, פלאַכע נישט־געקרייזלטע פּאות, ברייט צעקעמט ביז די ברעמען, וועלכע זענען דווקא געווען שוואַרץ, אַזוי, אַז זיין פּנים איז אויסגעקומען לאַנג און שמאָל, כאָטש אין דער אמתן איז עס געווען ברייט און קיילעכדיק... און צוויי טעכטער: „גאָלד מיט זיל־בער" — אַזוי האָבן מיר זיי טאַקע באַלד אַ נאָמען געגעבן, ווייל מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז איינע — די יינגערע — די 16יאָריקע, האָט געהייסן גאָלדע, און די אַנדערע, די „סטודענטקע" האָט געהייסן סילוויאַ.

אונדזערע יינגלישע הערצער — אויסגעהונגערט נאָך קאָליר, שיינ־קייט און חלום, האָבן ביים אָנקום פון דער־אַ משפּחה, בפרט פון די צוויי מיידלעך „גאָלד מיט זילבער", געטאָן זיך אַ צאַפּל ווי אַ שטיל וואַסער פון אַן עדדציטערניש.

האָבן מיר גלייך איינס ס'אַנדערע אָוועקגערופן אין אַ זייט, אַזוי, אַז מיר זענען איצט געווען אַלע אין איינעם אין שמילעליעס האָפּנפעלד, און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז... עס זאָל בלייבן אַ סוד אויף אייביק. און ששאַאַאַ... לאָמיר קיינעם נישט אויסזאָגן. מיר האָבן ליב „גאָלד מיט זילבער". וואָס הייסט ליב? ליב הייסט — טאַקע בלב ונפש... ווי אין שיר השירים שטייט, ווי אין היינעס „בוך דער לידער" שטייט...

*

וואָס מער די קינדער — איבערהויפּט מיר יונגע יינגלעך — האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די פענצטער און שויִעלן פון דער באַכניער משפּחה, אַלץ מער זענען די טאַטע־מאַמע אונדזערע — שטרענג־שטראָפנדיקע, פון לעבן באַשטראָפטע מענטשן — געוואָרן שונאים פון די „באַכניער לייט",

פון די „יידישע הוצולעס", די כאַצדאַרגעס, וואָס ביי זיי איז שטוב, זאָגט מען, שפּילט מען אין קוויטלעך און אין דאָמינעס און אַפילו... קאָרטן אויך... און אַפילו — ווי הייסט עס? דער פּוסטעפּאַסנער שפּיל פון די פּריצים און זשאַנדאַרן? שאַך! שאַך שפּילט מען ביי זיי... איר הערט עפּעס וואָס דאָ טוט זיך?!

דער „באָכניער מאַן", הער שפּאַנצוג, האָט דערווייל געעפנט אַ געוועלב פון שניטוואַרע, האָט זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט, געשיקט דאָס יינגל אין חדר אַריין, און די מיידלעך — האַלב אויף שפּאָס און האַלב אויף ערנסט — אַוועקגעשטעלט אין שידוכים... כאָטש שדכנים האָבן זיך עפּעס מורא געהאַט צו באַווייזן. אַזוי גיך ווי אַזאַ איינער האָט זיך אַרויפגעשטעלט אויף שפּאַנצוגס שוועל, מיט דעם צעריבענעם שירעם אונטערן אָרעם, איז אַרויסגעקומען אַ פאַרשייטע כלה־מויד מיט קרויז־קאַרבן אין די האָר, שמעקנדיק פון פרישער זייף און געלעכטער, און גענומען רעדן אויף אַ שפּאַטישן דייטש:

— מעכטען זי ניכט, ליבער הער שאַדכען, מיר איין שידוך האָבן זאָללען וואָללען? רעדען זי... יאַ־יאַ. וואָס קען דאָס שאַטען!

אָפּגעזאָגט און אַריין אינעווייניק אין דעם נייעם שטיבל אַריין — אין „לאַמטערנדל", ווי מיר האָבן עס גערופן, ווייל ס'האָט געהאַט רייניגעפּוצטע, ליכטיקע פענצטערלעך פון אַלע זייטן; און דאָרטן האָבן זיי זיך — צו מינדעסטנס — צוויי מיידלשע שטימען און אַ מאָל נאָך אַ דריטע, דער מאַמעס, זיך צעלאַכט אין אַ געלעכטער ווי פּלאַצנדיקע פייערווערק, וואָס גייען שוין פונעם הימל צו דער ערד.

*

האָט ס'שטעטל דערזען, אַז מען האָט דאָ צו טאָן „מיט לצים עפּעס", וואָס גייען קוראַזשירט, ווי די דעמבעס, און די אויגן ברענען ביי זיי ווי ביי גוטמוטיקע בלאָנדע וועלף, און אויב עס זינגט נישט, פייפט עס שטילערהייט אין זיך אַליין, מיט פאַרשרויפטע ליפּן... אויב זיי זעען ווי אַ קינד גייט פאַרביי דעם מאַרק, אין יריד־צייט און שטופּט אַריין אַ פינגער אין אַ פעסל ליאַק, לעקט עס אָפּ און אַנטלויפט, און די הערינג־

יידענע לויפט אים נאָך און שרייט: „נאַשער! נאַשער! אויסקרענקען זאָלסטו דאָס נאַר!" — שטייען זיי, די צוויי שפּאַנצוג־טעכטער. ביידע מיט הויכע קרוין־קאַמען אין די האָר און לאַכן, גאָר נישט ווי קיין יידישע מיידלעך, וועלכע דאַרפן, לויט דעם יידישן אײנפּיר, זיין שטיל און פאַר־טרויערט, נאָר גלייך ווי אויף דער וועלט וואָלט געווען גוט צו לעבן, און גלייך ווי דאָס לעבן אַליין וואָלט געווען נישט קיין בייגל מיט אַש, נאָר אַ צוקער־לעקעכל... אַזוינס איז נאָך ביי אונדז נישט געהערט געוואָרן. ני—מאָלס!

אַזוי האָבן גערעדט די עלטערע לייט אונדזערע. אָבער אונדז, יונגע יינגלעך, איז דאָס דווקא געפעלן. ס'איז געווען ווי שבועות, ווען מען ברענגט אין דער פיסנער, אומבאַצירטער, יידישער שטוב אַריין בינטלעך פרישע צווייגן און בלעטער, בינטלעך „מאַי".

*

מיטן אָנקום פון די „באַכניער" איז אין שטעטלשן לעבן אַ טיר אָפן געוואָרן צום גרינעם גויישן דרויסן, צו די אונגאַרישע און רומענישע פּושטעס. דער שטילער נאַכט־רויך פון דעם קוימען פון „לאַמטערנדל" האָט געשמעקט מיט געזונטקייט, וואָלדיקייט, לעבנסלוסט... מיט שפּיגל־טייכן, וואָס בלעזלען זיך אין מיידלשע אויגן, מיט זאַנגפעלדער, וואָס כוואַליען זיך אין מיידלשע צעפּ, מיט לופטיקייט פון אָפּגלאַנצן, וואָס רינען פון ליליעס. ס'האָט זיך דערמאָנט דער סטראָף פון אַ ליד, איבערגעזעצט פון כינעזיש, וואָס מיר האָבן אַנומלט געלייענט אין שקאָלע:

> אויב דו האָסט צוויי לאַבנס ברויט,
> פאַרקויף איינעם און קויף זיך אַ ליליע.

פון ברויט האָבן מיר, יידישע יינגלעך, וואָס דער אמת איז, נישט געהאַט קיין סך. אָבער פון ליליעס — שוין גאַרנישט, גאַרנישט!

איך ווייס נישט ווי ביי אַנדערע יינגלעך, אָבער ביי איינעם פון זיי, וואָס הייסט נאָך ביז היינט „א י ך" האָט דאָס האַרץ געהונגערט נאָך עפּעס אַטלעסדיקס און זויבערס און צערטלעכס און קושנדיקס... פלעגט ער זומער־

צייט ליגן אויפֿן קילן פּאַרלוג בערגל — אַ בשלומדיק הערביקל אויף דער גוטמוטיקער מאַמע־ערד — און הערן דאָס זשומען פֿון די האָניק־בינען אין די רויז־בלויע באַדיקעס, זיך צוקוקן און צוהערן צו דער שטומער, קליינער נייער וועלט אַרום אים — די וועלט פֿון בין און מוראַשקע, פֿייגל און „שטעפּערל״, זשוק און שפּרינגערל, קווייטל און גרעזל, און מיט אַן אויג, האַלב צוגעמאַכט, פֿלעגט ער פֿון די ווייסע זון־פֿעדעם מאַכן פֿיל־פֿאַרביקע ליכט־אוזאַרן, ווי פֿון צעגאָסענעם נאַפֿט אויף וואַסערדיקן גריבל.

*

די שטעטלשע ייִדן זענען געוואָרן אַלץ אומפֿריינדלעכער צו אונדזערע „ייִדישע הוצולן״. ווייבער האָבן געפּרוווט פֿאַרשפּרייטן נישט־קיין־שיינע נייעס וועגן די מיידלעך. וועגן דעם באַכניער סוחר האָט מען געשמועסט, אַז ער איז אַ „פֿויגל״, כאַטש מיר, ייִנגלעך, האָבן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס איז דאָ שלעכטס, אַז מ׳איז אַ פֿויגל און מ׳פֿליט, אַנשטאָט צו זיין אַ מענטש, וואָס טאַפּטשעט זיך אַרום אין די ווייס־ליימיקע בלאָטעס פֿון אונדזער שטעטל!... אַפֿילו וועגן דעם באַכניער ייִנגל האָט מען געשמועסט, אַז „ער איז עפּעס נישט״... וואָס „נישט״, האָט קיינער נישט געקענט זאָגן. אָבער דער דריי מיט דער נאָז האָט קלאָר באַוויזן, אַז זיי — די „באַכניער לייט״, זענען נישט פֿון אונדזערע, און וואָס ווייניקער מ׳האָט מיט זיי צו טאָן, אַלץ בעסער.

די זאַמען פֿון אָט־די רכילותלעך, פּלאַטקעלעך און אָנצוהערענישלעך, האָבן זיך פֿון דעסטוועגן נישט שטאַרק אָנגענומען. דאָס האָט מען געקאָנט זען דערפֿון, וואָס די שטעטלשע ייִנגלעך און מיידלעך האָבן זיך וואָס אַ טאָג, אַלץ מער געדרייט אַרום די געבלאָנקטע שייבלעך פֿונעם שטיבל, וווּ די „באַכניער לייט״ האָבן געוווינט, און וואָס מ׳האָט געשמועסט, אַז דאָרטן אינעווייניק איז אַזוי בליץ־ריין, אַז מ׳קאָן עסן פֿון פּוסבאָדן.

אַז איך האָב זיך איין מאָל דערוועגט צוצודריקן מיין נאָז צו אַ שייבל פֿון די באַכניערס „לאַמטערנדל״, כדי צו זען צי מ׳עסט דאָרטן פֿונעם פּוס־באָדן, האָב איך באַמערקט אַ געשפּרייטן טיש מיט אַ קיל־געקראַכמאַליעט, ווייס־בלאָ טישטעך. אויף דעם טישטעך — אַן אָפּגעגלאַנצטער אַלטער סאַ־

מאָוואַר, חנעוודיק צעקנייטשט און צעשפּיגלט. אָבער אויף דער ערד איז קיינער נישט געזעסן און געגעסן... די שטוב איז געווען ליידיק אין גאַנצן. אַ פייגעלע האָט זיך געהוידעט אין אַ הילצערן שטייגעלע, האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ טראָפּן וואַסער אין שנעבעלע, פאַרהויבן דעם קאָפּ, עס אַראָפּגעשלונגען. נאָך יעדן שלונג האָט עס געגעבן אַ קליינעם טרילער, אָן באַזונדערן חשק. גיכער ווי עפּעס אַ מוז.

*

די געלעגנהייט איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו פאַרשמירן דאָס פּנים פון דער משפּחה שפּאַנצוג, איז געקומען מיט — די פאַרהענגלעך.

אָט ווי אַזוי די זאַך האָט זיך פאַרלאָפן:

אַ דריי וואָכן נאָך דעם ווי די באַכניער האָבן זיך באַזעצט ביי אונדז אין שטעטל און גענומען פאַרקויפן שניטוואַרע, האָבן זיך אין אַ שיינעם פאַר־נאַכט אַראָפּגעלאָזט אונדזערע ייִנגלעך און מיידלעך און זיך ווי אַלע מאָל גענומען אַרומדרייען אַרום די פענצטער פון דעם „באַכניער לאַמטערנדל“ און שנאַפּן וואָס דאָרטן טוט זיך. איבערראַשט איז מען אָבער געוואָרן, אַז מען האָט דערזען, אַז... מ'קאָן מער גאָרנישט זען! די סיבה איז געווען אַ פּשוטע: די פענצטערלעך — אויסגעפּוצט און לאַכעדיק, ווי תמיד, זענען איצט אַלע געווען פאַרהאָנגען מיט ווייסע טיולענע פאַרהענגלעך.

אַז עס וועט ביי די באַכניער גיין אַזוי ווייט — אויף דעם האָט מען זיך נישט געריכט! מ'האָט זיך געריכט אויף אַלצדינג... ווערליג דעם מין מענטשן וואָס זיי זענען, האָט מען פון זיי געקאָנט דערוואַרטן וואָס אין דער קאָרט. פון דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן! אָבער אַז זיי וועלן גיין אַזוי ווייט און פאַרשטעלן די פענצטער מיט פאַרהענגלעך, להאי זיי וואָלטן געווען פּריצים אָדער זשאַנדאַרן אָדער נאָך עפּעס ערגערס — ניין, אויף דעם האָט מען זיך נישט געקאָנט ריכטן, בשום אופן נישט!

צו מאָרגנס, שבת, איז געגאַנגען איבערן שטעטל אַ זשום ווי פון אויפגערייצטע ווילדע בינען, וואָס מען האָט זיי געטשעפּעט די נעסט מיט אַ האַק.

— איר'ט געהערט?

— געהערט?... כ׳האָב אַפילו געזען. איר מיינט דאָך מסתמא די באַכניער פאַרהענגלעך... שיין האָבן מיר זיך דערלעבט... נישטאָ וואָס צו זאָגן!

— פאַרהענגלעך גאָר! נאַדיר גאָר אַזוינס צום טיש!

— ס׳איז דאָך ממה־נפשך: אויב איר האָט נישט וואָס צו באַהאַלטן — וואָס באַהאַלט איר זיך? און אויב איר האָט ווידער עפּעס צו באַהאַלטן, וואָס־זשע, איך בעט אייך, מאַכט איר דעם אָנשטעל מיט שניטוואַרע און מיט די אַלע זאַכן...

— עך זאָג מיר מיינס: אַ לייטישע שטוב האָט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען... אַ באַלעבאַטישע שטוב פאַרשטעלט זיך נישט דאָס פּנים ווי אַ טערקס אַ ווייב...

— דאָס זאָג איך דאָך! אויב עמעץ רוקט אַראָפּ דעם דאַשיק איבער די אויגן, דאַרף מען זען, צי האָט ער נישט עפּעס אין קעשענע...

— פאַרהענגלעך גאָר! אַ שיינע מאָנ־סע... נו!

*

זונטיק אין דער פרי זענען שוין עטלעכע שויבן געווען געלעכערט אין דעם שטיבל ביי די „באַכניער". דורך די אַראָפּגעריסענע פאַרהענגלעך האָט מען געקאָנט זען ווי די ברייטע מאַמע גייט אַרום אינעווייניק מיט אַ לאָפּעטקעלע און בעזימל און קערט צונויף דאָס גלאָז, ווי די קרישקעלעך פון אַ טיש נאָך אַ מאָלצייט. די כלה־מוידן זענען געזעסן ווייט אַוועק פון די פענצטערלעך כמעט אין מיטן שטוב אונטערן קאַנאַריקל. אין איינעם מיט דעם דערשראָקענעם פייגעלע, וואָס האָט נאָך אַלץ פאַרהויבן ס׳קעפּל און געפּיקט טראָפּנס וואַסער, האָבן זיי שוין נישט גערוגגען און געטרילערט, נאָר געזעסן צווישן עטלעכע קעסטל־שטרייפן פון זון־שטראַלן, מיט דעם קאָפּ צו די קניען און געדימעט, געדימעט...

אין שניטוואַרן־געשעפט איז געזעסן דער טאַטע און דער זון, זיך איבערגעקוקט פון צייט צו צייט, געקנאַקט די פינגער און געזיפצט צום בלאָנדן זומער־דרויסן, וואָס האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק וועגן גאָר־נישט.

## דער קלייגער איזי...

ענדלעך האָט זיך דער הער שפּאַנצוג אַ גלעט געטאָן מיט אַ האַנט אין דער לענג פון זיינעם אַ באָרד־לאָק און זיך אָנגערופן מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס האָבן געקלונגען אי קהלת, אי איוב:

— אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק, מיין קינד, קומט עס דורך אַ פאָרהענגל. נו, לאָמיר נעמען פּאַקן...

1942

## מאַדנע דזשאַבס

— איך זוך, — האָט ער געזאָגט, — אַ צימער... סע דאַרף זיין, פאַרשטייט איר מיך, עפּעס אַזוינס!

— איר מיינט, — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע פון ליידיקן צימער, — עס דאַרף זיין באַקוועם, ליכטיק, ציכטיק, מיט אַ פענצטער צו דער זון — אַ־יאָ, דאָס מיינט איר? און נישט טייער?... אויב אַזוי האָט איר געטראָפן דאָס ריכטיקע אָרט, מיסטער... ווי הייסט איר?

— נעכאַבליע.

— נעכאַבליע? אַ מאָדנער נאָמען!

— וואָס איז דאָ מאָדנע? — מאַכט דער קוואַרטיר־זוכער — באשר איר רעדט עס אַרויס פאָנפעוואַטע? נעכאַבליע?... ס׳איז נישט נעכאַבליע, ס׳איז נע־כאַ־בליע — נון, כעס, מעם, יוד, העי — נעכאַבליע, אָדער ריכטיקער געזאָגט נע־כאַ־בליו־ע...

— לאָז זיין ווי איר זאָגט — מאַכט די פרוי און לאָזט זיך גיין אויף די טרעפּ ווייזן אים דאָס ליידיקע צימער, וואָס זי האָט אויף קאַרלינס עוועניו, אין סאַמע האַרץ פון מיאַמי ביטש.

אָנגעקומען צו דער אויבערשטער טרעפּ, דרייט זיך די פרוי אויס און פרעגט:

— ביי וואָס איז אייער אַרבעט — מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך, מר. נעכאַ— וו‏האַדעווערטיז?...

— נעכאַבליע, נעכאַבליע! — ווערט דער מאַן שוין אין כעס... אַ פרוי זאָל נישט קאָנען נאָכזאָגן אַ יידישן נאָמען פון דער פּיפּעל...

— וואָסער פּיפּעל?

— די פּי־פּעל... דהי אָלד פּיפּעל... די פּאַיפּעל... דהי אָלד דעסדאַמענט — ווייסט זי נישט... תנ״ך — ווייסט איר וואָס ס׳איז? מיין נאָמען איז פון תנ״ך — נעכאַבליע...

— כ'האָב אײַך געפֿרעגט, — זאָגט די פֿרוי, — מיט וואָס איר באַשעפֿטיקט זיך דאָ־הי? צי איר אַרבעט אין גאַנצן נישט? איר זענט אויף פּלעזשור? אַ קראַנק האַרץ נעבעך, האַ?

— וואָסער פּלעזשור, וואָסער קראַנק האַרץ? — מאַכט נעכאַבליע — איך בין געקומען אַהער, ווײַל איך גלײַך די זון, איך בין, אַזוי־צו־זאָגן, בלשון פּאָעזיע, אַ זון פֿון דער זון... אַ געצנדינער אירער, אַ קנעכט פֿון ליכט בין איך, אויב איך מעג זיך אַזוי אויסדריקן.

— דריקט זיך אויס, — מאַכט די פֿרויקע, — שעמט זיך נישט! ס'אַ פֿרײַ לאַנד אַמעריקע... איך האָב געוואָלט וויסן, — זאָגט זי, און נעמט אַרויס אַ בינט שליסלען און הייבט אָן שליסן די טיר פֿון איר „האָטעל־צימער", — איינס פֿון די טויזנטער פֿיינע, ווילע, באַקוועמע צימערן אין די „עקסקלוזיווע" „קאָמפּאַני־הײַזער", „קאָמפּאַני־פּאַלאַצן", פֿון מיאַמי־ביטש, וואָס זײַ גייען גאַנצע בלאָקנווײַז — אַלע ווי איין מאַמע וואָלט זײַ געהאַט, מיט די זעלבע „סאָלאַר"־באַהייצונגען, די זעלבע שיב־בעטן אויף גומענע רעדלעך, די זעלבע לאַנגע פֿענצטער און שטאָלענע ראַמען, וואָס עפֿענען זיך אין צוויי העלפֿטן. די זעלבע מעבל און כמעט די זעלבע פּרײַזן פֿאַר „עפֿישענסי" און „בעדרום"־אַפּאַרטמענטס און האָטעל־רומס, — גע־וואָלט וויסן, צי איר זענט אַ „טוריסט", אויב יאָ, זענט איר דאָך מסתּם אַ קראַנקער און איר דאַרפֿט שטילקייט. בײַ אונדז, — מאַכט זי, — איז שטיל, אַ מעכאַיע... דאָ קענט איר נישט הערן ווי די סאָלדאַטן שטייען אויף אין דער פֿרי און הייבן אָן מאַכן „פּוט, האָאַט", און די געזאַנגען, וואָס זײַ זינגען... אויב אָבער, — מאַכט זי, — איר פֿאַרנעמט זיך דאָ מיט עפּעס און איר זענט אַ געזונטער מענטש, וועט אײַך דאָ נישט זײַן סקוטשנע... מען שפּילט בײַ אונדז אַ קערטל ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, און טאָמער ווילט איר אַ מאָל אַ טאַנץ טאָן, יו נאָו, אַז עס קומען אָן גוטע גייעס פֿון אונדזערע פֿראַנטן, קענט איר עס טאָן... אַלע טוען עס דאָ... מען זשענירט זיך נישט! וואָס דער אמת איז: קיין סאַנאַטאָריע האָבן מיר נישט. מיר האָבן אַן אַפּאַרטמענט־הויז. פֿאַר אַלערליי סאָרטן מענטשן, געזונטע, קראַנקע, עלטערע, ייִנגערע... קיינאַהאָרע העכער 22 משפּחות אין די דרײַ יוניטס, יו נאָו... אַ חוץ האָטעל־רומס. איז בײַ וואָס־זשע

אַרבעט איר, מיסטער? איר האָט מיר נאָך נישט געענטפערט אויף מיין פראַגע, מיסטער — — —

— נעכאַבליע! נעכאַבליע! — ווערט שוין דער צימער־זוכער בייז... און אַז ער באַרויִקט זיך (ער זיצט שוין איצט אינעווייניק אויף אַ ווייכן שטול און ער פאַררייכערט זיך שוין אַ פאַפּיראָס) — איך פאַרנעם זיך מיט... ווּעלל. כ׳על אייך זאָגן דעם אמת, ביסעס, איך באַך אַ לעבן פון עסן...

— אַלע מאַכן אַ לעבן פון עסן! — ענטפערט די יידענע מיט אַ וויץ אויף אַ וויץ — איך מיין: ביי וואָס פאַרדינט איר אייער עסן, מיסטער —

— נעכאַבליע — העלפט ער איר אַרויס, אויסשפּייענדיק אין דער לופט אַריין אַ זערגנע טיטון, וואָס ער פילט אויף דער צונג — מיין עסן, — מאַכט ער, — פאַרדין איך עסנדיק.

— ווהאַדעיעמין אייער עסן פאַרדינט איר עסנדיק? — איר זענט אַ ביסל פאַרקילט, זע איך?

— יעס... געבראַכט עס פון ניו־יאָרק מיט אַ באָנאָט צוריק. אַלע זענען דאָרט פאַרקילט איצט... אַלץ די רוסן, די רוסן! מיר שיקן זיי „לענד־ליס״ און זיי שיקן אונדז סיבירער פרעסט — שיקן זיי אונדז... יעס, — קערט ער זיך אום, — איך מאַך אַ לעבן פון עסן...

— איך פאַרשטיי נישט, — זאָגט די פרוי.

— איר קענט נישט אייער מיאַמי־ביטש, קענט איר נישט... ביזנעס, פאַרשטייט איר, זענען איצט נישט גוט, צוליב דער מלחמה. בפרט די רעסטאָראַן־ביזנעס, ווילן אַלע פאַרקויפן די „ליסעס״, נאָר קיין קויפערס זענען נישטאָ. אַז סע יאָוועט זיך שוין יאָ אַ מאָל אַ קויפער, האָט ער צייט... ער ווייסט, אַז קיינער וועט נישט אויסכאַפּן... ס׳איז נישט אַמאָליקע יאָרן! זוכט ער און שנאָפּט און פאַרשט אויס, וויפל די ביזנעס ברענגען אַריין... געוויינלעך זענען דאָס „נייע יידן״, פריצן פון דער „נאָרטה״, וואָס קומען אַהער כאַפּן מלחמה־מציאות. די מיאַמער רעסטאָראַן־לייט זענען אָבער אויך נישט קיין שיפּע־זיבעטלעך, האָבן זיי אַ פאָרטל...

— עי וואָט?

— אַ פאָרטל... עקסיוז מי, מיסעס, כ׳מיין אַ פאַטענט: זיי דינגען

עסערס... אַ פּאָר טעג פֿאַרן פּאַרקויפֿן צאָלן זיי יעדן געדונגענעם עסער אַ דאָלאַר מיט 50 סענט פֿאַר דריי מאָלצייטן... ער מוז אָבער קומען רעגל־מעסיק אַלע טאָג — עס מעג ליאָפּען מיט ציבערס... און עס מעג דונערן און בליצן — ער מוז קומען עסן... וואָרין דווקא די־אָ טעג זענען די „טעסט״־טעג. די פּראָבע־טעג. אויב אין אַזאַ טאָג פֿאָלן ביזנעס נישט צו פֿיל, איז אַ סימן, אַז דאָס געשעפֿט איז „סאָליד״.

— נו, זעסטו שוין! — מאַכט די פֿרוי, — און איך בין שוין 12 יאָר אין מיאַמי־ביטש און האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַזוינע דזשאָבס... אַז פֿון עסן קאָן מען פֿאַרדינען אויף עסן — דאָס הער איך ס׳ערשטע מאָל!... — איז אַרבעט איר נאָך אַלץ דאָרטן?

— ניין, שוין נישט דאָרטן... אויב איר מיינט דאָרטן (ער ווייזט מיט אַ פֿינגער הינטער זיך)... דאָרטן האָב איך באַדאַרפֿט עסן 7 טעג אַ וואָך, זונטיק אויך, און דריי מאָלצייטן, אַ טאָג, און אַ מאָל נאָך אַ פּערטן אויך — אויב די פּאָר דרויסנדיקע קאָסטימער האָבן זיך נישט באַוויזן, האָט מען באַדאַרפֿט אונטערעסן אָווערטאַים... און קיין עקסטרע באַצאָלטס האָט מען נישט געקראָגן... בין איך אַוועק... איצט אַרבעט איך דאָרטן־אָ, אויפֿן קאָרנער וואַשינגטאָן... מיין באָס זיצט אין דער היים שבעה...

— שבעה, נעבעך! נאָך וועמען?

— נאָך קיינעם נישט! אַי זענט איר גרין, מיסעס לעבן, אַ לעבן אויף אייך! איר קענט אין גאַנצן נישט די „געים״. ער זיצט שבעה, ווייל ער וויל פֿאַרקויפֿן די פֿאַרניטשע... דאָס מעבל... דאַרף ער האָבן אַ תירוץ, אַז עמעץ איז ביי אים געשטאָרבן... איך האָב שוין אַ מאָל געאַרבעט אַלס געשטאָרבענער אויך — יעס, יעס!

— אַלס געשטאָרבענער?

— שור. אַ טייל הברה־לייט טראַכטן, אַז סע מאַכט אַ בעסערן איינדרוק, אַז דער, וואָס קומט, לויטן עד פֿון ציַיטונג, קויפֿן די פֿאַרניטשור, זאָל צום ערשטן באַגעגענען דעם מת־קאַנדידאַט. דער מאַן (נאָך גאָר אַ יונגעטשקער) האָט מיך פֿאַרשטעלט אַלס זיין פֿאָטער. אַנווייזנדיק אויף מיר, אַז איך בין קראַנק און איך מוז צוריקפֿאָרן קיין ניו־יאָרק אויף אַן אָפּעראַציע... מען האָט זיך געדונגען און געדונגען, ענדלעך איז געבליבן,

אַז דער קויפער זאָל קומען איבעראַכטאָג. אפשר וועט מען זיך קאָנען אויסגלייכן. אַז יענער איז געקומען נעקסטע וואָך, איז שוין דער יונגערמאַן געזעסן „שבעה" נאָך מיר, און געזאָגט מיט אַ ביטער קול, אָנווייזנדיק אויפן האַלדז: „אָלרייט, שנײַדטס מיר דעם האַלדז, אויב איר ווילט!"

דער קויפער האָט זיך, נעבעך, דערשראָקן, באַצאָלט דעם פּרייז און — געקויפט.

— מאָדנע דזשאָבס ביי אײַך, מיסטער —

— נעכאַבליע! נעכאַבליע! אום גאָטעס ווילן, וויפל מאָל דאַרף איך אײַך זאָגן, ווי איך הייס?

— אָלרייט... שרײַטס נישט, מיסטער! גיט בעסער אַ קוק אויפן צימער — אַ רומקע ווי אַ דאַל, נאָר אַ קוש צו טאָן... און ביליק... נישט טייער, אין גלייכן געלט... ריזאָנעיבל... קיין מציאות איז נישטאָ, באָט אָפּשינדן שינדן מיר נישט אָפּ, אַזוי ווי אונדזער שכן מר. געלב, למשל... מיר זענען אָרנטלעכע ביזנעסלייט.

— נישט אין דעם גייט עס, מיסעס! וועגן פּרייז עט׳ן שוין דורכקומען... און איר׳ט אָראָפּשניידן אַ העלפּט... אָלרייט, שרײַטס נישט, מיסעס, איר׳ט אַראָפּשניידן, ס׳האַרץ איז מיר גרינג... איך קען מיאַמי־ביטש — אוי, קען איך עס! נאָר דאָס איז נישט די פּראַגע... די פּראַגע איז: אַ דעסק האָט איר? אַ שרײַבטיש, הייסט דאָס, אויף צו שרײַבן ראָמאַנען מיט די אַלע זאַכן, מײַן איך...

— איר שרײַבט?

— צעביסלעך... איך בין נאָך אַ גרינער אין די ביזנעס. אַ באַקאַנטע מײַנע האָט מיך צוגערעדט. אַלע, זאָגט זי, שרײַבן, פּאַר וואָס, זאָגט זי, זאָלט איר נישט שרײַבן, מר. נעכאַבליע... אַ מאַן, זאָגט זי, מיט אַזאַ פּיינעם פּאָעטישן נאָמען...

— אַקעגן וואָס־זשע דערציילט איר עס מיר, מיסטער נעכאַב...— כאַווליע (דאָס לעצטע וואָרט גיט זי אַ כאַפּ און אַ פּאַרוויש, ווייל זי קאָן עס נישט נאָכזאָגן, זי האָט קיין מאָל פון קיין נחמיהו נישט געהערט, פון אַ פּאַרקילטן נעכאַבליע — אוודאי נישט!).

— איך דערצייל עס איך, — מאַכט ער, — ווייל איך זוך אַ טאַלאַנ־טירטן טיש און אַ טאַלאַנטירט צימערל... אַ באַקאַנטער מיינער, אַ ניו־יאָרקער, האָט געוווינט דאָ אין אַ רום — דווקא נישט קיין טייערע, האָט ער דאָרט אָנגעשריבן אַ גאַנץ בוך אַ גוטס... ער האָט שיר־שיר געקראָגן דעם לאַבעד־פּרייז...

— וואָסער פּרייז?

— דעם דעטראָיטער פּרייז... פון לאַבעד־פאַנד... טראַכט איך ביי זיך, ווען גאָט העלפט מיר און איך קריג עפּעס אַ טאַלאַנטירט צימערל, מיט אַ טאַלאַנטירט דעסקל, וואָלט מיר אפשר אויך אָפּגעגליקט... זוך איך און זוך... און זוך... און זוך... יענער צימער איז שוין פאַרדונגען! האָט מען מיר געזאָגט, אַז אין אייערס אַ האָטעל־צימער האָט אויך עמעצער אַ מאָל אָנגעשריבן אַ ראָמאַן... נאָר אַז איר ווילט 12 דאָלאַר אַ וואָך, איז דאָך נישטאָ וואָס צו הערן! פון וואַנעט זאָל איך אייך נעמען? פון עסן קאָן איך אַזוי פיל נישט פאַרדינען! און פאַרלאָזן זיך אויף די לאַבעד־פּרייזן קאָן מען אויך נישט... ס'איז אַ שפּעקולאַציע, ווי אַרויסציען אין דער לאָטעריע...

יאַנואַר 1943

# אַ מאָדנער פּלאָנטער...

זי איז אַריינגעקומען צו מיר אויף אַ וויזיט, אויסגעפּרעגט וואָס איך מאַך און „ווי איך לעב מיך אויס". איך האָב איר געענטפערט מיט דעם סטאַק־ווערטל, אַז איך לעב מיך בכלל נישט אויס, נאָר איין, און — צי וויל זי עפּעס? זאָל זי צוטרעטן צום פּונקט, ווייל איך דאַרף מיך באַלד זעצן שרייבן.

— אָ! — מאַכט זי — שרייבן? איך האָב גאָר פאַרגעסן, — מאַכט — זי, אַז איר שרייבט... און (נעמענדיק אַ חנעוודיקן פינגער אין מויל אַריין אויף אַ מינוט ווי אַ מיידעלע פון 4 יאָר) — הערט, אַז איר׳ט מיך שוין יאָ דערמאָנט, אַז איר שרייבט, וועל איך אייך געבן מאַטעריאַל אויף אַ סקיצע... וואָס רעד איך אַ סקיצע? — איז זי זיך מיישב — עס איז מאַטעריאַל אויף אַ „פון שבת ביז שבת"... וואָס רעד איך „פון שבת ביז שבת" — האָט זיך חרטה אויף דער צווייטער מאָס אויך — עס איז אַ מעשה, וואָס אייער קאָלעגע אַקערמאַן וואָלט געהאַט גענוג אויף עטלעכע וואָכן... וואָס רעד איך עטלעכע וואָכן? — פאַרכאַפּט זי זיך — עס איז מאַטעריאַל פאַר אַ גאַנץ בוך...

— אַ בוך? — פרעג איך איבער — און וואָס׳ל איך טאָן דערמיט?

— וואָס הייסט וואָס? — זאָגט זי — איר׳ט עס פאַרקויפן אַ פאַרלעגער און מאַכן געלט ווי בלאָטע... איר׳ט עס אַפילו קענען איבערזעצן אויף ענגליש.. דער שוואָגער מיינער — העברי לייפסיק — וועט עס טאָן פאַר אייך... ער איז אַ גוטער איבערזעצער...

— וואָס האָט ער שוין אַזוינס איבערגעזעצט, אייער שוואָגער?

— ער האָט איבערגעזעצט — מאַכט זי — אַן איבערגעפאָרענעם פוס, אויף 10 טויזנט דאָלער... היינט האָט ער, — מאַכט זי, — אַ גוטע ביזנעס, נישט ווייט פון ספּרינג־וואַלי...

— טאַקע? — זאָג איך — ספּרינג וואַלי... דאָס אָרט וואָס מ׳האָט

איינגעערדט יידן, אַז ס'איז גוט פאַר מענטשן, וואָס ליידן פון האַרץ־קראַנקייט?

— יעס... — זאָגט זי, — דאָרטן איז עס, דריי מייל פון דאָרטן, לויט ווי די קראָ פליט, ווי מ'זאָגט, — מאַכט זי אויף ענגליש.

— איר האָט דאָך עפּעס געוואָלט דערציילן — פיר איך זי צוריק צום ענין.

— אַז איר'ט האָבן געדולד — מאַכט זי — אַז נישט, דאַרף איך עס נישט! כ'האָב נישט ליב, — מאַכט זי — קיין נערוועזע שלעק, אַפילו ווען זיי זענען, — מאַכט זי, — די גרעסטע קינסטלער אין דער וועלט, בפרט, — זאָגט זי, און קוקט מיך אָן...

— בפרט, — זאָג איך, — וואָס? לאָמיך הערן!

— בפרט — זאָגט זי — גגגאָרנישט... כ'האָב איך געוואָלט, — מאַכט זי, — אַ שטאָך טאָן, נאָר כ'האָב זיך, — מאַכט זי, — דערמאָנט, אַז איך קען אייך דאָך גאָרנישט. און נאָך אַלעמען בין איך אייך דאָ געקומען פרעגן אַן עצה... פאַר וואָס עפּעס אייך, — מאַכט זי, — פאַר וואָס נישט עמעצן אַנדערש? דערפאַר — ענטפערט זי זיך אַליין — ווייל איך וויס, אַז איך קען מען דערציילן אַ סוד, איר פוילט זיך געוויינלעך עס איבער־דערציילן...

— ווער האָט עס אייך געזאָגט?

— דער מאַן, פון וועלכן איך וויל אייך דאָ דערציילן, ער האָט עס מיר געזאָגט. ער איז אייערער אַ פאַרערער, אַן אָנהענגער... ער האַלט פון אייך אַ וועלט... ער קען אייך, זאָגט ער, נאָך פון דער היים... אין יוראָפּ, זאָגט ער, האָט איר אויך באַשריבן מענטשן, און איר האָט זיך שטענדיק, זאָגט ער, געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַמעריקע, אָדער אין בראַזיליע, ווייל מ'האָט אייך, זאָגט ער, געזוכט...

— ער קער זיך עפּעס אָן מיט אייך, יענער מאַן?

— מיט מיר צי ער קער זיך אָן? — צעלאַכט זי זיך — וואָס זאָל ער זיך אָנקערן? אַ פריינד... איר ווייסט דאָך, אין מיאַמי־ביטש זענען אַלע גריינד, ווו מען טרעפט זיך: „העלאָ, לאַנדסמאַן", „העלאָ, פריינד". וואָס צו טאָן האָט מען נישט, לאַנדסמאַנט מען זיך און מען פריינדירט זיך...

סע קאָסט דען עפּעס? בפרט אַז יענער איז דער לענדלאָרד און איר דער קאַמיניק, דער טענענט, און איינער דעם אַנדערן האָט זיך ליב אַ סך מיט אַ ביסל... מ׳האָט זיך ליב — יעס, ווי זאַלץ אין די אויגן און פעפער אין האַרץ, אַזוי האָט מען זיך ליב! דער לענדלאָרד איז אַפילו פון אונדזער אייגענעם קלאַס — פונעם קלאַס פון עלטערע מענטשן, וואָס ליידן אויפן האַרץ... אָבער יאָ קלאַס, נישט קלאַס — אַ קאַמף גייט אָן — אַ שטענדי־קער קאַמף צווישן לענדלאָרד און טענענט.

אָנהייב דעצעמבער הייבט ער שוין אָן שפּאַלטן די צימערלעך זיינע אין העלפט — דער לענדלאָרד. אין יאַנואַר טיילט ער זיי שוין אין 4 טיילן, ער פערטלט זיי שוין, הייסט דאָס, און אין פעברואַר אַכטלט ער שוין... דאָס דירה־געלט ווערט וואָס אַ וואָך גרעסער און דאָס צימערל — קלע־נער... גיי האָב אַ גוט האַרץ אויף אַזוינע לענדלאָרדס!

— אַן אַלטע מעשה, ליבע פרוי... קיין בוך קען מען דערפון נישט מאַכן, אַפילו קיין סקיצע אויך נישט. גודבאַי.

— וואָסער גודבאַי? — זאָגט זי — איך האָב ערשט אָנגעהויבן. איר כאַפּט, — זאָגט זי, — פאַרויס... איר לאָזט מיך נישט קומען צום פונקט.

— ס׳איז דאָ אַ פונקט? — בין איך מסופק.

— ענד האַו! — מאַכט זי אויף ענגליש (געוווען געדאַרפט זי אָפּמאָלן, אַז זי איז מיטלמעסיק הויך, מיטלמעסיק בלאָנד און מיטלמעסיק יונג, און בכלל געבן אַ „פּיקטשע" פון איר. צוליב פלאַץ־עקאָנאָמיע אָבער, אין אַ צייט, ווען פּאַפּיר איז אַזוי טייער, וועלן מיר זאָגן, אַז זי איז גוואַלדיק־ענלעך צו איר — ווי הייסט זי? איך האָב שוין פאַרגעסן איר נאָמען... זי וווינט אין סי־געיט און זי טראָגט עלעקטרישע לאָמטערן־אוירינגלעך, וואָס צינדן זיך בעת מען דריקט זי... אָוועק פון זיך).

— איז לאָמיך שוין הערן!

— איר׳ט הערן און שטוינען! שטעלט זיך פאַר, — מאַכט זי, — דאָרטן וווּ איך שטיי־אייך, אין דעם הויז אויף יוקליד עוועניו, איז די אייגנטימערין פון הויז אַ קולטורעלנער מענטש. זי לייענט פאַר ביאַליקן, נישט זייער גוט, אָבער זי לייענט... זי שוויצט און לייענט... זי לייענט און די פענסנע פאַלן ביי איר אַראָפּ, און זי האַלט זיי אין איין אָנזאַטלען צוריק

אויפן נאָז־הערביקל (די נאָז אירע האָט שוין כמעט אַ רעלסע פאַר דעם צוויקער, אָבער עס העלפט נישט, אַז די נאָז ווערט שווייסיק, פאַרטריקנט זיך די רעלסע און דער צוויקער גייט אַראָפּ פון די שינעס...).

— וואָס־זשע האָט איר צו מיר, ליבע פרוי?

— עס האָט צו אייך, — מאַכט זי, — אַז דער ענין איז פול מיט טעמע, מיט לעבעדיקן אינטערעס, מיט טשיקאַוועס... עס איז אַ געשיכטע פול מיט ליבע און — יעס, ליידנשאַפט... פלענטי!

— אַ שטייגער?

— אַ שטייגער, עס איז נישט נאָר אַ „טרייענגעל", וואָס דאָס איז אַ געוויינלעכע זאַך, נאָר אַ „טרייענגעל" מיט ע פּ ע ס... עס איז אַ „טריי־ענגעל" מיט אַ נייעם קער, אַ נייעם ווענד...

— למשל?

— למשל... איך וווין דאָרטן אין דעם הויז אין זייערן. קיין קינדער איז נישטאָ. דער מאַן איז אַ מיטליאָריקער, נישט קיין מיאוסער און אַ שטיקל ספּאָרט. אַ פּעני שפּילט ביי אים קיין ראָליע נישט. אַ ניקל איז שוין עפּעס אַנדערש! נאָר ווער רעדט פון ניקלס? ביי די לעזעקס אין הויז רעדט מען בלויז פון פּעניס... און נישט פון עטלעכע פּעניס מיט אַ מאָל, נאָר פון אַ יעדער פּעני באַזונדער... ביידע, סיי דער מאַן, סיי די פרוי, זענען אידעאַליסטן... (איך וועל אייך נישט זאָגן אין וועלכער באַוועגונג, ווייל סע קען פירן צו טראָבל!). ביידע זענען גרייט צו יעדער צייט צו געבן ס׳לעבן פאַר דער באַוועגונג, פאַר דער זאַך. דאָס לעבן — יאָ, עני טאַים, אָבער אַ קוואָדער נישט! אַט אַזוינע מענטשן זענען זיי, די לעזעקס!

— צום פּונקט, צום פּונקט, ליבע פרוי! ס׳איז מלחמה־צייט און די מענטשלעכע טעג (בפרט די טעג פון עלטערע שרייבער!) זענען, ווי זאָגט מען, גערעישאָנט... אַלזאָ!

— אַלזאָ? איר פאַרשטייט שוין אַליין. דער מאַנצביל דאָרטן, דער לענלאָרד, הייסט דאָס, האָט זיך אין מיר פאַרליבט; אַ קאַפּיטשקע... נישט צו פיל. ווייל ער איז נישט קיין געזונטער מענטש, און קיין קינדער, וואָס זאָלן אַכטונג געבן אויף אים טאָמער פאַלט ער אייך, האָט ער נישט. מוז ער זיך באַגנוגן מיט וויפל ליבע דאָס מזל שיקט אים צו — אָן טראָבל...

נאָכלויפן דערנאָך, לויפט ער נישט נאָך. ער איז נישט פון יענע מענטשן! קומט עס, קומט עס; קומט עס נישט, קומט עס נישט! היינטיקס מאָל, אַז ס׳איז געקומען אין שטוב אַריין אין געשטאַלט פון אַ יונגער פּרויקע ווי איך, אַן אַלמנה מיט אַ סטעדי איינקונפט און אַלצדינג, איז מהיכי תיתי. פאַר וואָס נישט? וואָס קען עס שאַטן? וואָלט דאָך אַלצדינג געווען אָל־ ריִאַיט — איאָ? וואָרין קיין מיאוסער מאַן איז ער נישט, דער מר. לעזעק, און אַ שיינער שמועסער איז ער אויך, און אַ פּען אין האַנט קען ער אויך האַלטן — ער האָט שוין דריי מאָל געהאַט בריוולעך אין די שטימעס פון פּאָלק... איז אָבער די צרה — זי, די פּרוי זיינע, וואָס לייענט פאַר ביאַליקן און האָט אַ שפּיציק פּיסקעלע — פאַרשרויפט ווי אַ פייגעלע, נאָר אָפּגע־ היט זאָל מען ווערן, איר הערט, אַריינצופאַלן צו איר אין מויל אַריין. זי וועט אייך צעקייען און אויסשפּייען, און אויפהייבן פון דרערד און ווידער־ צעקייען און ווידער אויסשפּייען... אָט אַזאַ מענטש איז דאָס... נישט קיין מענטש, נאָר איך ווייס אַליין נישט וואָס...

— קענט איר דאָך אַרויסציִען זיך פון דאָרטן?!

— דהאַטס ווהאַט יו טהינג, מר. נאַדיר! — מאַכט זי — זי לאָזט דען מופען? ווען זי זעט מיך נעמען מיינע זאַכן, וואָלט זי מיך דערהרגעט.

— איך פאַרשטיי נישט. זי איז אייפערזיכטיק אויף אייך, זי פאַר־ דעכטיקט, אַז צווישן אייך און איר מאַן קומט פאַר אַ ליבע, און זי וויל נישט איר זאָלט מופען? איך הייב דאָס נישט אָן צו פאַרשטיין!

— אין אָנהייב האָב איך דאָס אַליין אויך נישט פאַרשטאַנען... עס איז דאָך, ווי זאָגט איר, אַ פּאַראַדאָקס. ממה־נפשך, ביסטו מיך חושד, אַז איך טרען דיר אויס אַן אַרבל, ווי מען זאָגט, טאָ וואָס זשע האַלטסטו מיך אין שטוב און לאָזט מיך נישט אַרויסציִען? אויב נישט, ווידער, וואָס זשע יאַדעסטו מיך און דיין מאַן, דעם מר. לעזעק, און לאָזסט אונדז נישט לעבן? אַזוי, דאַכט זיך, וואָלט מען געדאַרפט שטעלן די פראַגע... לאָזט זיך אָבער אויס, אַז זי איז נישט קיין משוגענע! אַ שטיקל צעדרייטע — יאָ, אָבער קיין משוגענע נישט... משוגע איז זי בלויז פון יענעמס וועגן; פאַר זיך איז זי שוין גאָר קלאָר... אַז איכ׳ל דיך לאָזן אַרויסמופען, זאָגט זי צו מיר, וועט איר מיר ביידע, זאָגט זי, אַרויס פון די אויגן און איך

וועל נישט קענען וויסן וואָס איר טוט... און דער שוואַרץ־יאָר ווייסט אייך, מאַכט זי, וווהין איר קענט פאַרקריכן... כאָטש דאָס האַרץ, זאָגט זי, איז מיר גרינג, אַז ער׳ט צוריקקומען, דער שלימזל מיינער... סוף־כל־סוף, זאָגט זי, וועט לייענט פאַר ביאַליקן — איך צי דו? אַ מאַן, זאָגט זי, וואָס איז אַ לעבנס־לאַנג, זאָגט זי, געוווינט צו אַ פרוי, וואָס לייענט פאַר ביאַליקן, מאַכט זי, רעגלמעסיק אויף אַלע פאַרזאַמלונגען און אַלע באַנקעטן, וועט שוין מיט קיין אַנדערער פרוי, מאַכט זי, נישט אויסקומען. ווען יענע זאָגט זי, זאָל אַפילו זיין די מלכה שבא... אָדער באַרבאַראַ האַטאַן, אָדער סטעלאַ אַדלער... נאָר וואָס זיכער, זאָגט זי, איז זיכער... אַז דו ווילנסט, זאָגט זי, מיט מיר אונטער איין דאַך, קען איך פון דעסטוועגן „אַפּטשעקען" און וויסן ווי ווייט עס האַלט מיט אייך, און וויסן, מאַכט זי, ווי אַזוי זיך צו מעכטיקן...

דערהערט אַזאַ מעשה, זאָג איך: אָלראַיט, אויב אַזוי, בלייב איך וווינען, אָבער העכערן דאָס דירה־געלט נעקסטן חודש פון 12 דאָלער אַ וואָך אויף 20 וועל איך זיך נישט לאָזן... איכ׳ל נישט צאָלן, זאָג איך, און טוט מיר עפּעס, זאָג איך. אין ערגסטן פאַל, זאָג איך, קענט איר מיר מאַכן צו מופּען... „אַ, נאָו!", זאָגט זי, „אויב מופּען, וועל איך מאַכן צו מופּען דעם מאַן מיינעם, אָבער נישט דיך... דיך, זאָגט זי, וועל איך האַלטן ביז דו וועסט אַוועקפאָרן, און צאָלן, זאָגט זי, וועסטו וויפל איך הייס. אַז נישט, זאָגט זי, וועל איך מאַכן אַזאַ געוואַלד, זאָגט זי, אַז מענטשן וועלן זיך צונויפלויפן..."

און זי נעמט טאַקע באַלד שרייען „געוואַלד" — דאָס הייסט נישט קיין פולן „געוואַלד", אַזוי ווי עס קען אַ פרוי, וואָס לייענט פאַר ביאַליקס „שחיטה־שטאָט", — נאָר — אַ סעמפּעל־געוואַלד... וואָס דערפון קען איך שוין דרינגען, וואָס דער אמתער „געוואַלד" וועט זיין. אַז זי וועט אויפמאַכן ס׳גאַנצע מויל און אַ געשריי טאָן אין דרויסן אַרויס.

— דאָס איז גאָר? אַבי איך האָב געמיינט, — זאָג איך, — מי־יודע וואָס פאַר אַן אָריגינעלע געשיכטע איר האָט מיר צו דערציילן.

— וואָס זשע? — מאַכט זי — איז אייך נאָך ווייניק אָריגינעל? עס לוינט זיך אייך אפשר נישט — פאַר די גרויסע געלטער וואָס איר צאָלט

מיר? אַלרייט, — זאָגט זי, און גיט זיך פלינק אַ בליק־אַרום אין מיין אַפּאַרטמענטל — אויב עס געפעלט אייך נישט, — מאַכט זי, — און אויב אייער פרוי, — זאָגט זי, — איז נישטאָ אין דער היים, וועל איך אויפ־מאַכן ס'פענצטער (זי טוט עס!) און אַרויסשרייען אין סטריט אַריין „געװאַלד, מען וויל מיך פאַרפירן!" האַ?... ס'איז יאָ אָריגינעל, זאָגט איר, און איר זענט מיר דאַנקבאַר? אַזוי זשע רעדט!... איך האָב פיינט, — מאַכט זי, — אַז מענטשן זענען אומדאַנקבאַר, אַנערקענען נישט, אַז מ'האָט זיי געטאָן אַ טובה... אַ טעמע? איר מיינט, איך ווייס נישט וואָס אַ טעמע איז? דער ערשטער מאַן מיינער איז געווען אַ ראָמאַנען־שרייבער, איז נעבעך יונגערהייט געגאַנגען פון דער וועלט צוליב מאַנגל אין טעמעס און צוליב דעם, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט ווי אַזוי צו ענדיקן! און איר ווייסט דען יאָ? הלוואי האָב איך אַזוי נישט קיין שלעכטס!...

1943

# אינהאַלט


הקדמה פון איציק מאַנגער . . 5

**אונטער דער זון**

אַ פּאָר ערשטע טענער: . . 9
איך ווער סענטימענטאַל . . 12
אַמאָל איז געווען . . 21
אַ זװונג . . 24
אין דעם וויסטן אַמעריקע! . . 25
פון מיינע יונגע יאָרן . . 29
אַ בריוול צו סורטשען . . 33
משיח קומט אויף רעדלעך . . 36
גרינוויטש ווילעדזש . . 38
איינער פון דרויסן . . 42
דאָס דייטשל . . 45
דער קונסט־קריטיקער . . 50
די מאַשין קומט . . 55
דער פעטער איציק . . 56
דער זיידע איז געשטאָרבן . . 59
ביי די ברעגן . . 62
אַנקל סעם׳יטיזם . . 63
מ׳זוכט דעם דייטש . . 66
די דריי־איינקייט . . 69
פיצי און טשאַמקי . . 72
דער זיידע איז געשטאָרבן . . 77
וואַלקין . . 81
וואַלקינס קונסט . . 83
ליזאַ . . 86
משיח קומט, משיח פאַלט! . . 88
שטרויכלונגען . . 94
משיח־עפּילאָג . . 95
„ביג זעליג" . . 96
דער פעטער פאַרט אַוועק . . 102
ביג זעליג . . 106
זעליג וואַקסט . . 107
זעליגיזם . . 108
זעליג זוכט . . 110
זעליגס גרויסע סענסאַציע . . 112
אויף עליס־איילאַנד . . 116
דער טאַטע פאָרט קיין אַמעריקע . . 122
„הגר" . . 127
אין גאַליציעלאַנד . . 131
Brodway . . 135
אַגנעס קאַרסאָן . . 139
ווי דאָס לעבן זינגט . . 145
„פיצי" האָט חתונה . . 149
צוויי יידישע דיכטער . . 152
אונדזער מרחץ . . 156
דער נאָכקלאַנג פון דעם קלאַנג . . 160
נישטאָ קיין געלט . . 164
פערגאַמענט . . 157
מיין ערשטע טעאַטער־פאָרשטעלונג . . 172
פורים־שפּיל . . 175
מיר גרייטן זיך צום אחשורוש־שפּיל 177
גרינע טעג . . 182
„עגמת־נפש" . . 186
די טשאַמקיס . . 189
אויפן אייזנבאַן . . 192
טשאַמקי און פיצי שפּילן קאָרטן 196
איך ווער בר־מצווה . . 198
מיין פעטער האַלט אַ דרשה 201
דירעקטאָר מערינאַדי . . 205
דער פעטער קומט צוריק . . 211
מיין טאַנטע אַנדרעאַ . . 215
פלאָרענס קאַלי . . 216
וואַלקין . . 221
וואַלקין טראַכט און... זוכט ספּאַגעטי. 225

## מלך־מעשיות

אָפּנאַרערס . . . . . . 231
דער פילאָזאָף בייגט זיך . . 235
דער גאָרטן מיט גאָלדענע עפּל . 238
פּריוואַטע געדאַנקען . . . . . 242
דער משפּט . . . . . . 244
„גאָט" זיצט אויבן . . . . . 249
זון און גאָלד . . . . . . 256
די זון און די ערד . . . . . 258
קעניגלעכע וויצן . . . . . 259
דאָס שיכּורע פּעסל . . . . . 262
הינערשפּראַך . . . . . . 267
דער בירגער . . . . . . 270

## „דער קליינער איזי"
## און אַנדערע קליניקייטן

„דער קליינער איזי" . . . . 279
איז דאָך, דאַכט זיך, גוט . . . 286
אַ שטאַרקע מעלאָדראַמע . . . . 292
דימענטן . . . . . . . 298
די שרייב־קונסט . . . . . 305
צו גאַסט ביי אַ לייענער . . . . 310
צוריק צו דער ערד . . . . 317
דער אַקטיאָר . . . . . . 323
אַ האַרץ און אַ זייגערל . . . . 330
טעג אָן זון . . . . . . 335
פרילינג 19 און 40 . . . . . 342
אַ קליינער זומער־ראָמאַן . . . 349
נישט פאַרפירט . . . . . . 355
פאַרהענגלעך . . . . . . 362
מאָדנע דזשאַבס . . . . . 370
אַ מאָדנער פלאַנטער . . . . 376